STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07981

# MAYN LEBENS GESHIKHTE

Bessie Thomashefsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



בעסי טהאָמאַשעפסקי

Copyright
by
Bessie Thomashefsky
1916

# מיין לעבענס געשיכטע

די לײדען און פרײדען פון א אידישער
סטאר אקטריסע

— פון —

## בעסי טהאמאשעווסקי

געשילדערט פון איהר אלײן
און איבערגעגעבען פון
א. טענענהאלץ.

ארויסגעגעבען פון
די װארהײט פאבלישינג קאמפאני
153 איסט בראדוויי, ניו יארק.
1916

# אַ פאָררעדע צו דער פאָררעדע אַליין

איך וויל דאָ אויסדריקען מיין הארציגען דאַנק און מיין פולע אַנערקענונג צו מיין יונגען פריינד, הערר א. טענענהאָלץ.

ווען מר. טענענהאָלץ האָט מיר פאָרגעשלאָגען, איך זאָל דערצעהלען מיין לעבענס־געשיכטע פאר דער וועלט, בין איך געוואָרען עפּעס ווי צוטומעלט. איך האָב אַ קלעהר געטהאָן: ווען קימערען דען מיינע ליידען און פריידען? איך האָב דאָן געזאָגט: „מר. טענענהאָלץ, איך וועל אייך דערצעהלען אביסעל און זאָגט איהר מיר, אויב עס איז אינטערעסאַנט“. און ווען איך האָב אָבגערעדט אַ פּאָר שעה, האָב איך איהם אַ פרעג געטהאָן: „נו, מר. טענענהאָלץ, דענקט איהר אַז מענשען וועלען זיך אינטערעסירען מיט מיין לעבענס־געשיכטע, האַ, איך וויים?“

הערר טענענהאָלץ האָט מיר געענטפערט: „דערצעהלט, דערצעהלט, מאַדאַם טאָמאַשעווסקי, נישט איינער וועט, לעזענדיג אייער ביאָגראַפיע, פאַרגיסען אַ טרעהר, דערצעהלט, מען וועט לאַכען און וויינען מיט אייך צוזאַמען, פונקט וויא מען טהוט עס ווען איהר זייט אויף דער ביהנע, דאָס פּובליקום האָט אייך ליעב!“

איבער אַכט חדשים האָט עס מיר גענומען בּיסלעכווייז צו דערמאָהנען זיך אין מיין איבערגעלעבטעס לעבען. אָפטמאָל איז עס ניט געווען אַזוי אַנגענעהם זיך צו דערמאָהנען אין זאַכען וואָס כ'וואָלט געוואָלט שוין לאַנג פאַרגעסען...

עס איז שווער, זעהר שווער, מיינע טהייערע פריינד, אַלעס איבערצוגעבען וואָס איך האָב איבערגעלעבט אַלס פרוי, מוטער און שוישפּיעלערין. אָבער אַצינד, ווען איך זעה פאַר מיר אַט דיעזען בוך, וואו איך געפין זיך באַגראָבען אַ לעבעדיגע צווישען דיא טויטע בלעטער און איך פיהל, אַז דער לעזער וועט זיך קענען בעקאַנען מיט מיר, אַ אידישע שוישפּיעלערין, אַט פון אַט דעם בוך ארויס, בין איך מיט מיין גאַנצען הארצען דאַנקבאַר צו מיין פריינד א. טענענהאָלץ, וואָס ער האָט מיך צוגערעדט דערצו און ער האָט מיך אַזוי גוט פערשטאַנען, מיין לע־בענס־געשיכטע איבערצוגעבען אַזוי איינפאַך און אַזוי געטריי!

איך וויל דאָ אויך דאַנקען מיין פריינד מר. י. גאָניקמאַן, רעדאַקטאָר פון דער „ווארהייט“, פאַר זיין ערמונטערונג וואָס ער האָט מיר געגעבען, דרוקענדיג מיין לעבענס־געשיכטע צוערשט אין „ווארהייט“ און דיא „ווארהייט פּאָבלישינג קאָמפּאַניע“ פאַר'ן ארויסגעבען אַט דיעזען בוך מיינעם.

**בעסי טאָמאַשעווסקי.**

ניו יאָרק, יולי 5, 1916.

# אַ פּאָאָר ווערטער פון אַ. טענענהאָלץ

---

בעסי טאָמאַשעווסקי. די העלדין פון דיעזען בוך, וויל נישט אָב־נאַרען דעם היסטאָריקער — „זאָלען אַנדערע דאָס טהון, זאָגט זי, איך האָב פּי נט צו זיין גענאַרט און כ׳וויל נישט קיינעם נאַרען" — דאַרום האָט זי אָנגעשריעבען איהר דאַנק צו מיר, אָדער ווי זי רופט עס „אַ פּאָררעדע צו דער פּאָררעדע אַליין", וואו זי ערקלעהרט אַז זי איז דאַנקבאַר צו מיר, וואָס כ׳האָב איהר צוגערעדט דערצו, און האָב איהר אַזוי גוט פערשטאַנען, איהר לעבענס־געשיכטע איבערצוגעבען אַזוי איינפאַך און אַזוי געטריי.

דאָס איז נאָך אַ שעהנער שטריך אין׳ם כאַראַקטער פון אונזער העלדין פון דיעזען וואַרהאַפטיגסטען ראָמאַן.

איך האָב די געשיכטע איבערגעגעבען אביעקטיוו. כאָטש בעסי טאָמאַשעווסקי האָט נישט פערלאַנגט, אַז כ׳זאָל איבערגעבען איהר ערצעהלונג דוקא „אין ערשטען פּערזאָן" ווי איך האָב עס געטהון.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו דערצעהלען „די געשיכטע פון דער געשיכטע" ווי עס איז געקומען דערצו אַז בעסי טאָמאַשעווסקי זאָל זיין די ערשטע אידישע שוישפּיעלערין צו פערעפענטליכען איהר לעבענס־געשיכטע, אָבער איך גלויב, אַז נישט איצט איז די צייט נאָך

— כאָטש דאָ איז אפשר דאָס פּלאַץ דאַפיר.

דאַרום וויל איך בלויז זאָגען עטליכע „געשיכטליכע" ווערטער.

ענדע יאָהר 1911 האָב איך, אונטער׳ן פעדער־נאָמען „דר. מאָישע מעקאַרטי", בייגעטראָגען אין „קיבעצער" אַ סעריע „ביאָגראַפיעס פון גרויסע טהעאַטער פּאַרשוינען". כ׳האָב דאַן, פאַרשטעהט זיך, געשריעבען אויך אַזאַ קיבעץ ביאָגראַפיע פון מאַדאַם בעסי טאָמאַשעווסקי.

כאַטש פֿערזענליך בין איך דאַן מיט איהר נישט געוועזן בעקאַנט אַבער אַזוי ווי איך בין דאַן געוועזן אין דער פּעריאָדע וואָס מיך האָט „געצויגען" צו דער ביהנע, האָב איך געוואוסט אַביסעל „הינטער־קוליסען פּאָליטיק" און שרייבענדיג אַ קיבעץ האָט זיך דאָך אַרויסגע־כאַפּט אַ פּאַטהעטישע אַבשפּיגלונג פון איהר דאַמאָלסדיגען צושטאַנד..

מיט דריי יאָהר שפּעטער בין איך צום ערשטען מאָל בעקאַנט געוואָרען מיט מיין העלדין. דער אַקטיאָר טעפּליצקי, וואָס האָט אונז פאָרגעשטעלט, האָט איהר געזאָגט, אַז איך בין עס דער בעל־דבר, וואָס האָב געשריעבען איהר קיבעץ ביאָגראַפיע, און דאָנערשטאָג, דע־צעמבער 17טען, 1914 האָבען מיר געהאַט אונזער ערשטען געשפּרעך וועגען מיין פּלאַן צו שרייבען איהר לעבענס־געשיכטע.

איהר איז מיין פּלאַן זעהר געפעלען געוואָרען און באַלד דאַן זיינען מיר געזעסען אין קאַפּע ראָיאַל פון צוויי בייטאָג ביז אכט אין אָבענד און, זי האָט גערעדט צו מיר, דערצעהלט, געוויינט און ווידער דערצעהלט.

איהר איינציגער וואונש איז דאַן געוועזן, זיך אָברעדען איהר שווער און פערביטערט האַרץ. זי איז אפילו געוועזן סקעפּטיש אויב מיך וועט אינטערעסירען צו שרייבען וועגען איהר „רואינירט לעבען," ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, אָבער זי האָט דערצעהלט מיט האַסט, פיבעריש, אָהן אַ סדר אפילו — נור מיט האַרץ, מיט נשמה. זי האָט בלויז געוואונשען . „זאָל כאָטש נאָך איין מענש וויסען פון מיין רו־אינירט לעבען."

איך האָב איהר געזאָגט, אַז דאָס וואָס זי רופט אָן „רואינירט לעבען", איז פיר מיר אַ׳ן אינטערעסאַנט לעבען און כ׳וועל עס בעשרייבען. האָט זי מיך געפרעגט אין אַ שטילען טאָן, גע־מישט מיט צווייפעל און יסורים : „איך וויים, ווער קימערט דען מיינע ליידען און פריידען ?"

פון דער צייט וואָס איך האָב זיך געטראָפען מיט מיין העלדין אין קאַפּע ראָיאַל ביז היינט, (ספּעציעל פאר די אכט מאָנאַטען וואָס די ערצעהלונג האָט זיך געדרוקט אין „ווארהייט" און מיר האָבען אַזוי אָפט, כמעט יעדען טאָג אַ פּאָאר שעה, צוזאַמען פערבראַכט) האָב איך אָנגעקליעבען גענוג מאַטעריאַל צו שרייבען נאָך אַזאַ בוך ווי דער

די גרויס, אָבער, ווי געזאָגט, איך גלויב, אז נאָך נישט איצט איז די צייט דאָפיר.

איך וויל נאָר זאָגען, אַז אין דער צייט האָב איך מיין העלדין גוט שטודירט, איך קען גוט איהר כאַראַקטער און איהר לעבען. איך וויל אויך זאָגען, אַז בעסי טאָמאַשעווסקי האָט א מערקווירדיגען גוטען זכרון און איז א גוטע ערצעהלערין.

וועגען מיין בייטראַג, אלס שרייבער פון דיעזען בוך, וויל איך נישט רעדען, אָבער אז איך האָב מיין אויפגאַבע געטהון עהרליך און געוויסענהאַפט קען איך זאָגען : יא.

**אליהו טענענהאָלץ.**

יולי 5, 1916.

# פאַרוואָרט

ליעבע לעזער, איך וועל אייך אויסזאָגען דעם אמת: מיר איז זעהר שווער אריינצוגעהן אין מיין איצטיגער ראָלע אלס שרייבערקע.

איהר ווייסט דאָך, אז מיר, אידישע אקטיאָרען, זיינען געוואוינט צו שפיעלען נאָך א סופלער, דאָס הייסט, איינער וואָס זיצט אין בודקעלע אויב'ן סטיידזש און זאָגט אונז שטילערהייד אונטער דיא „פּראזא" וואָס מיר דארפען זאָגען. וואָרים זייט וויסען, אז דיא אלע חכמות מיט דיא אלע נארישקייטען וואָס דער אקטיאָר זאָגט אויף דער ביהנע קומען פון א בוך וואָס א פערפאסער האָט אויסגעטראכט...

איצט אָבער, שרייבענדיג פאר אייך מיין לעבענס־געשיכטע, איז מיר שווער אריינצוגעהען אין דער ראָלע ווייל איך מוז אַ י־בערשפּיעלען מיין גאנץ לעבען, און דוקא אָהן א סופלער, און קיין פערפאסער האָט דאָס ניט אויסגעטראכט... דערפאר וועל איך אייך אויסזאָגען נאָך א סוד, נור איך בעט אייך איהר זאָלט קיינעם נישט־דערצעהלען: איך בין אצינד פונקט אזוי נערוועז וויא איך בין געווען מיט אכט־און־צוואנציג יאָהר צוריק ווען איך האָב צום ערשטען מאָל אויפגעטראָטען אלס שוישפּיעלערין. די דאָזיגע נערוועזיטעט הייסט אויף טהעאטער שפּראַך „לאָמפּען פיבער," נור וויא אזוי איך זאָל דאָס אָנרופען אויף שרייבער־שפּראַך ווייס איך נישט, אפשר ווייסט איהר?...

איהר חידושט זיך אודאי, ווי אזוי וועל איך וואגען דערצעהלען מיין לעבענס־געשיכטע. איך וועל דאָך מוזען אויסזאָגען וויא אלט איך בין. און וועלכע פרוי, איבערהויפּט אַ שוישפּיעלערין, און ספּעציעל אַ אידישע שוישפּיעלערין, וויל אז דאָס פּובליקום זאָל וויסען איהרע יאָהרען? איך אָבער וועל דוקא יאָ אויס־זאָגען ווי אלט איך בין. נור וואַרט, ניט איצט, שפּעטער אביסעלע, ווען איך וועל

איך דערצעהלען ווען איך בין געבוירען געוואָרען, וועט איהר זיך דאָס דערוויסען. דערוויייל וויל איך איך פערזיכערען, אז איך שרייב פאר אייך מיין לעבענס־געשיכטע, ניט ווייל איך בין שוין אזוי אַלט אין יאָהרען, נור דערפאר ווייל איך רעכען אז איך בין גענוג אַלט אין לעבענס־ערפאהרונגען, אינטערעסאנטע איבערלעבונגען אַלס מענש, אַלס פרוי און אַלס שוישפּיעלעריו.

שלום עליכם זאָגט ערגעץ: „צו וואָס ראָמאַנען, אז דאָס לעבען איז א ראָמאַן.“ ער איז גערעכט. נור איך בין זיך מודה, אז איך וואָלט שוין בעסער צעהן ראָמאַנען איבערלייענען איידער איין ראָמאַן איבערלעבען... יא, דיא אויסגעטראכטע ראָמאַנען זיינען שעהן, אויסגערעכנעט, סיסטעמאַטיש. דאָס לעבען אָבער, אז עס פערפאַסט א ראָמאַן, איז עס ניט „פּאַרטיקיעלע“ וועגען פּלאַן, וועגען סיסטעם, וועגען לעזער און וועגען „פּאַרטזעצונג פאָלגט.“ הפּנים אז דאָס לעבען איז דער גרעסטער שונד שרייבער... דערפאר בעשאַפט עס ראָמאַנען מיט אזעלכע שטאַרקע איבערראשונגען אז קיין שרייבער קען אזעלכעס ניט אויס־טראכטען.

אַט זיטץ איך איצט אין מיין גאַרדעראָב, אין מיין דרעסינג־רום און איך בעטראכט אַלעס — די שפּיעגלען, וועלכע האָבען מיר געוויזען הונדערטע מאָל אז איך בין נישט איך, נאָר עפּעס אַן אימיצער אַנדערש... דיא קאָסטיומען, וועלכע האָבען מיר טויזענדע מאָהל אָבגעגאַרט אז איך בין א פּרינצעסין, א קעניגין, א בעטלערקע, א דיענסט, א באַלעבאַסטע, א יונג מיידעלע, אַן אַלטע באָבע, א כוואַט א בחור, א העלד א מאַן, און נאָך אַנדערע העלדען און העלדינעס. דיא אַלערליי שמינקע און פּאָודערס וועלכע האָבען מיין פּנים טויזענדע מאָהל פאַרשטעלט און געמאַכט מיך צו פאַרגעסען אז איך אַליין האָב אויך א פּנים...

איך זיץ און בעטראכט דיא ווענט, דעם קאַרפּעט, דיא לעמפּלעך, דיא פאָליצעס, די פּאָר שטוהלען, דאָס גרימיר טישעל מיט דיא אַלע פלעשלעך פאַרפיום וועלכע זיינען דאָ אָנגעשטעלט.

אַך, דיא דרעסינג־רום, דיא דרעסינג־רום! וויפיעל טרעהרען האָב איך דאָ פאַרגאָסען?!! וויפיעל פרייד און גליק האָב איך דאָ גענאָסען? וויפיעל האַס און ליעבעס־געפיהלען האָב איך דאָ געמוזט דערשטיקען? וויפיעל סטרונעס פון מיין הארצען האָבען דאָ ביי מיר געפּלאַצט פון גערולד? וויפיעל צייט פון מיין לעבען האָב איך דאָ בעגראָבען?

נאָט מיינער, אזוי פיעל איבערלעבונגען שוועבען דורך מיינע געדאַנקען אזוי האַסטיג, אזוי שנעל, אז מיר דוכט זיך אוים דאָס איך האָב נאָך גאָר קיין

צייט ניט געהאט דאָס אַלץ דורכצולעבען, אַז דאָס איז אַלץ אַ חלום, אַן אויס־געטראַכטער ראָמאַן.

און דאָך איז עס נישט קיין חלום, נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, נאָר אַן אמת'ע לעבענס־געשיכטע פון מיר, אַ אידישע שוישפּיעלערין.

איך זיץ אין מיין דרעסינג־רום, עס איז נאָך אַ מאַטינעע פאָרשטעלונג. אַט באַלד דאַרף איך שוין ווידער זיך אָנטהאָן און גרימירען, זיך פאָרשטעלען פאַר אַן אַנדערע. בייטאָג האָב איך געשפּיעלט אַ יונגע, זאָרגלאָזע שטיפערקע, און איצט אין אָבענד וועל איך שפּיעלען אַן ערנסטע, בעטראָגענע פאַרליעבטע. דאָס פּובליקום וואָס וועט איצט קומען מיך זעהן וועט ניט האָבען קיין באַגריף פון דער פּערזאָן וואָס איך האָב היינט בייטאָג געשפּיעלט. דיא העלדין וואָס איז בייטאָג געווען לעבעדיג איז געשטאָרבען פאַר דעם פּובליקום וואָס זעהט מיך אין אָבענד, די העלדין וואָס איך האָב געשפּיעלט פאַר דריי יאָהרען, איז אודאי שוין טויט פאַר דעם פּובליקום וואָס זעהט מיך היינט.

נו, און איך? אַז איך געה היינט אַראָב פון סצענע — ווער וועט פון מיר וויסען מאָרגען? גאָט מיינער, אַז דיא העלדין וואָס איך האָב היינט בייטאָג גע־שפּיעלט איז שוין טויט פאַר דעם פּובליקום וואָס זעהט מיך היינט אין אָבענד, טאָ וואָס וועט שוין זיין אַז איך וועל אַראָפּ פון דער ביהנע און ניט ערשיינען אין נייע געשטאַלטען? וויא לאַנג וועט מען מ י ך אַליין געדענקען?

טהייערע לעזער, קענט איהר בעגרייפען אַט דיזען שרעק פון דעם שוי־שפּיעלער? בשעת דער אַקטיאָר איז אויף דער סצענע שיינט ער מיט טויזענד זונען, אָבער אַזוי גיך וויא ער פערלאָזט דיא ביהנע אָדער דיא ביהנע וואַרפט איהם אַוועק, בלייבט ניט אַפילו קיין גראַשענדיג ליכטעל צו ווייזען דעם שוי־שפּיעלערס אַמאָליגען גלאַנץ, אַזוי גיך וויא דער אַקטיאָר קען נישט ערשיינען פאַרן פּובליקום און רעדען פאַר זיי, איז נישטאָ ווער עס זאָל רעדען פון דעם אַקטיאָר, ווערט ער פאַרגעסען . . .

איך זיץ אין מיין דרעסינג־רום און בילדער מישען זיך אין מיינע גע־דאַנקען וויא אָראָבגעפאַלענע בלעטער אין אַ שטורם־ווינד: יאָ שרייבען מיין לעבענס־געשיכטע — ווער וועט דאָס אינטערעסירען? אַ שוישפּיעלערין, אַ אידישע שוישפּיעלערין, מ'שטיינס געזאָגט . . . ניט שרייבען—ווען נאָך קען איך אויסדערצעהלען מיין הארץ פאַר'ן ליעבען פּובליקום, ווייזען מיין נשמה, נישט פאַרשטעלטערהייד? וויא אַזוי קען איך דורכלאָזען אַזאַ געלעגענהייט צו

דערצעהלען וואָס איך האָב אין מיין לעבען דורכגעלעבט, מיין קאריערע אַלס אידישע שוישפּיעלערין, דיא געשיכטע פון אידישען טהעאַטער און פּיעלע בעריהמטע און ניט בעריהמטע אידישע אַקטיאָרען מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו טהיילען מיין לעבען אויף דער סצענע ?

ניין, דאָס האַרץ מיינס איז צו פול מיט פרייד פון דער מעגליכקייט וואָס איך האָב געקראָגען פון דער „ווארהייט“ צו שרייבען מיין לעבענס־געשיכטע און איך טהו דאָס מיט גרויס פערגעניגען פאַר אייך, מיינע טהייערע שוועסטער און ברידער.

און איך בעט אייך, אַז איהר וועט קומען צו מיר אין טהעאַטער מיך זעהן שפּיעלען און טאָמער וועל איך ניט קענען אזוי גוט מיין ראָלע, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, ווייל מיין קאָפּ, מיינע אַלע געדאנקען זיינען פערנומען אַצינד, איך בין איצט מיט מיין גייסטיגען „איך“ נישט דאָ אין דעם גרויסען ניו יאָרק, נור אין מיין קליין שטעדטעלע טאַראשטשע, קיעווער גובערניע, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען, און פון דאָרט אַזש וועל איך אָנהויבען מיין לעבענס־געשיכטע, פון מיין קינדהייט ביז אַצינד, דאָ ביי אונז אין אַמעריקאַ, וואו איהר אַלע זייט בעקענט מיט אייער שוישפּיעלערין

בעססי טהאָמאַשעווסקי.

# פון מיין געבורט ביז'ן אכטען יאָהר.



מ״ס. טאמאשעווסקי'ס פאטער.

דער טאטע מיינער, שלמה באומ־פיעלד, איז געווען א טאלנער חסיד — דעם אלטען ר' דודל'ס א חסיד. ער איז אָבער געווען א חסיד אָהן א קאפּאָטע. ער איז געווען א גרויסער סוחר, געהאט א סך געשעפטען, פלעגט געהן אָנגעטהאָן אין א „סורדוט" און צום סוף האָט ער געמוזט אנטלויפען פון טאראשטשע, ווייל ער איז געווען פארמישט גאָר מיט די ניהיליסטען.

די מאמע מיינע איז זעהר א פרומע געווען. אין רבי'ן ר' דוד'ל דעם טאלנער האָט זי געגלויבט ווי אין גאָט אליין. מיט'ן טאטען האָט זי געלעבט גליקליך, געהאט דריי קינדער, א גרויס באלעבאטישקייט מיט אן אייגענע דירה, דיענסטען געהאלטען, זיך נישט געהאט צו באקלאָגען אויף איהר מזל. אָבער אייביג גליקליך זיין לאָזט גאָט נישט. און אכט יאָהר נאָך זייער חתונה שטארבען אין איין וואָך אלע דריי קינדער.

דער רופא זאָגט, אז די קינדער זיינען געשטאָרבען פון דיפטעריע, און די מאמע זאָגט, אז ניין, זי ווייסט בעסער פאר וואָס די קינדער זיינען געשטאָרבען... זי איז שרעקליך פערווירט, זי לויפט מיט פאָטשט צום רבי'ן ר' דוד'ל און בעט דעם רבי'ן א גט: זי קען מיט שלמה'ן נישט לעבען. גאָט שטראָפט זי צוליעב שלמה'ס זינד. זי וויל א גט, א גט! דער רבי פרעגט איהר אין וואָס בעשטעהט שלמה'ס זינד, און די מאמע צו־וויינט זיך, און דערצעהלט אז זי האָט אליין געזעהען א שבת בייטאָג ווי פון שלמה'ס (מיין טאטען'ס) ספאלניע איז געגאנגען א רויך... דערפאר האָט איהר גאָט געשטראפט און צוגענומען אלע דריי קינדער, ווייל שלמה רויכערט אום שבת... און אצינד וויל זי א גט כדי דאס

קינד וואס דארף באלד געבוירען ווערען זאל כאטש ניט שטארבען, ווארים זיא איז „אויף דער צייט“ און שלמה'ס זינד וועט גאט נישט מוחל זיין.

הכלל, זיא וויל א גט.

דער רבי מוסר'ט גוט אוים מיין טאטען און צו דער מאמען זאגט ער: „מאליע, גט זיך נישט מיט שלמה'ן, פאהר א היים, דו וועסט מיט איהם האבען קינדער און זיי וועלען לעבען און זיין געזונד, און אז דו וועסט בשלום איבערקומען, בריינג מיר דאס קינד וועל איך דעם א נאמען געבען, פאהר און לעב בשלום“.


מרס. טאמאשעווסקי'ס מוטער.

אז דאס קינד איז געבארען געווארען, האט מיין טאטע מיט פאטשט אוועקגעפיהרט דיא קימפעטארין מיט'ן קינד צום טאלנער און ער האט אליין א נאמען געגעבען חיה (חי, צום לעבען). דאס איז מיין עלטערע שוועסטער קלארא. דאן קום איך אליין.

אוי, ס'האט מיר א ציטער געטהאן דיא פען. וואס זאל איך טהאן? זאל איך אויסזאגען ווען איך בין געבוירען געווארען? וועט דאך קיין מענעדזשער ניט וועלען מיך אנגאזשירען פאר יונגע ראלען. וואס טהוט מען טאקע? אפשר קען איך דאס איבערהיפען, האַ? נייז, נו, אום ווינטער בין איך געבוירען געווארען, ס'איז געווען א גרויסער פראסט, זאגט מיין מאמע, אין יאהר 1873 — אוי, אט האט זיא אויסגעזאגט אט א... נו, פערפאלען, דאס איז נישט דאס איינציגע וואס איך וועל נאך מוזען אויסזאגען אין מיין לעבענס־געשיכטע.

מען האט מיר איינגעוויקעלט אין א קישען, דאס קישען איינגעוויקעלט אין א גרויסען פעלץ, דער מאמען אויך גוט אנגעטהאן אין פעלצען, און — אוועק צום טאלנער מיט פאטשט. דער רבי, ר' דוד'ל, האט מיר א נאמען געגעבען ברכה (ברכה והצלחה).

* * *

ווען איך האָב נור וואָס אָנגעהויבען צו רעדען, דערצעהלט מיין מאַמע, האָב איך זיך עפּעס איינמאָהל איבערגעשראָקען און בין אַראָפּגעפאַלען פון בעט און איך האָב פאַרלוירען דעם קאָפּ לשון וואָס איך האָב געהאַט. מען איז געפאָהרען מיט מיר צו דאָקטוירים, צו גוטע אידען, צו כּישוף מאַכערס, איך בין געווען בעהאַנגען מיט קמיעות און דאָס לשון האָב איך אַלץ ניט צוריקגעקראָגען. נאָר בּיסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבען אַרויסשטאַמלען אַ וואָרט און ביז איך בין אַלט געווען אַכט יאָהר, האָב איך אַלץ געשטאַמעלט.

איך געדענק ווען אַ בעהעלפער האָט מיר געבראַכט אויף דיא פּלייצעס צו עפּעס אַ רבּי'ן אין חדר אַריין, האָבען אַלע קינדער געלאַכט פון מיר וואָס איך האָב זיך פאַרהיקעט ביים „גימעל“ און געשטאַמעלט „גי־גי־גי־גימעל“.

מיין מאַמע האָט זיך דערוואוסט אַז אין באָסלאוו, אַ שטעטיל ניט ווייט פון טאַראַשטשע, געפינט זיך אַ טאַטער וואָס ווייזט ניסים, עפּעס אַזאַ טאַטער וואָס איז גאָר נישט קיין טאַטער, נאָר איינער פון יענע חברה, פון דיא נישט־דאָגעדאַכטען אַליין. און העלפען העלפט ער אַלעמען, אפילו קאַליקעס... מיין מאַמע טראַכט ניט לאַנג און ברייַנגט מיך צום דאָזיגען טאַטער אין באָסלאוו, גיט איהם עטליכע קערבלאַך און ער גיט מיר אַ רפואה צו מיין שטאַמלעניש. ער נעהמט עטליכע געלע שטיקלעך פּאַפּיער און פערשרייבט זיי אויף אַלע זייטען, וואַרפט זיי אַריין אין אַ טאָפּ מיט וואַסער, קאָכט עס אַזוי לאַנג ביז דאָס וואַסער ווערט געל און גיט עס מיר צו טרינקען פון אַ פינגערהוט עטליכע מאָל... אין אַ יאָהר אָדער צוויי אַרום אַז איך האָב אָנגעהויבען רעדען קלאָהר און ניט שטאַמלען — האָב איך שוין געגעדט אַ סך, מיין מויל האָט ניט גערוהט און דיא מאַמע מיינע האָט געשאָלטען דעם טאַטער פאַר וואָס ער האָט מיר געמאַכט אַזוי ריידעוודיג...

איך וואָלט דאָ געקענט איבערגעבען עטליכע אינטערעסאַנטע קינדערשע געשעהעניסען, וואָס איך האָב צו געדענקען פון מיין קינדהייט; געשעהעניסען וואָס נאָר אַלס קינד טרעפען זיי אייך, און ווען מען דערמאָהנט זיך אָן זיי שטעהען זיי נאָר דיא אויגען גלייך זיי האָבען ערשט היינט פּאַסירט. נאָר איך וויל דיא לעזער דערמיט ניט באַלעסטיגען. איין זאַך, אָבער, מוז איך איבערגעבען:

איך זעה פאַר מיר איצט לעבעדיג וויא אין אַ ווינטער־טאָג, דיא גוים, אַלע מיט אויסגעפּוצטע באַזשע מאַטקעס, מיט גרויסע און קליינע גאָטעלעך זייערע, דאָס גאַנצע דאָרף ציהט זיך צום טייך און איך מיט נאָך אידישע מיידלעך און איינגלעך לויפען נאָך. דער שנעע סקריפּעט, דער פראָסט ברענט סכּנות נפשות

און מיר קומען אלע אויפן גליטשיגען פארפרוירענעם טייך. דיא גוים האלטען דיא צלם'ער און דער פאפ פרעפעלט עפעס און איך גליטש זיך, פאל און הויב זיך אויף און גליטש זיך ווייטער, פלוצים — פליאך, מעהר האב איך שוין גאר נישט געזעהען. נאכדעם, שוין ליגענדיג אין דער היים אין בעט, האב איך זיך דערוואוסט, אז דיא גוים האבען מיר ארויסגעשלעפט פון א פאלאנקע און איך בין קראנק . . .

מיר איז געווען גוט אלס קינד, איך בין געווען גליקליך, ביז איינמאהל אין א ווינטער־נאכט האט מיר דער טאטע איינגעוויקעלט אין א גרויסען פעלץ און מיר זיינען אוועק פון דער היים, ווייל דער טאטע האט געמוזט אנטלויפען פון טאראשטשע.

# מיין רייזע קיין אמעריקא.



מרס. טאמאשעווסקי אלס דריי־יעהריגע קינד.

וואס מעהר איך דערמאהן זיך איז מיין טאטען אלץ מעהר בעוואונדער איך איהם. ער איז געווען א מערקווירדיגער איד, אלץ האט ער אין זיך פארקער־פערט; ער איז געווען א טאלנער חסיד און גערויכערט אום שבת, געווען דער שעהנסטער באלעבאס אין שוהל און גע־געבען געלד צו „דיא יונגען מיט דיא רויטע „רובאשקעס", צוליעב מיין זיי־דען'ס קאזיאנע פאטשט איז מיין טא־טע געקומען אין דער געזעלשאפט פון כמעט דער העכסטער רוסישער אריס־טאקראטי און האט זיי פיינט געהאט וויא דעם טויט. ער האט זיך געמישט אין אלע קהל'שע זאכען און איז געווען א מיטגליעד אין א געהיימען קרוזשאק וואס האט זיך גערופען „דיא רויטע פאהן".

ווען מען האט גע'הרג'עט דעם קיסר אלעקסאנדער דעם 2טען, קומט אריין צו אונז ריצקא, א רייכער גוי, וואס האט געוואוינט ניט ווייט פון אונז, און זאגט צום טאטען: „סאבאקי זאריעז אלי צאר באטיושקא, גאספאדין שליאם" (הינט האבען געקוילעט דעם קיסר). און ער דערציילט דעם טאטען אז זיין זוהן ארסימקא, דער דאקטאר וואס איז אין פעטערבורג איז איינער פון די „סאבאקי".

דער טאטע רעדט שטיל און זאגט אז די דאזיגע „סאבאקי" זיינען גוטע מענשען און זיי ווילען בעפרייען רוסלאנד פון סאמאדערזשאוויע. די מאמע שפּרינגט אויף און שרייט מיט כעס אויפן טאטען ער זאל שווייגען, אז ער וועט זיך נאך דערדערען אויף דער תליה, און ריצקא גיט דער מאמען גערעכט, און צום טאטען זאגט ער: אז בעסער איז שוויי גען.

עס האט לאנג ניט געדויערט און מען ארעסטירט מיין טאטען מיט נאך עטליכע אידען. אין שטוב ביי אונז איז דאמאלס געווען א קלאג וויא אימיצער וואלט געשטארבען. די מאמע און דער זיידע זיינען געלאפען צו נאטשאלסטווא, עס האט אבגעקאסט אן אוצר מיט געלד, און נאר וויל דער טאטע האט געהאט אזא גוטען נאמען, (קיינער האט ניט געק ענט גלויבען אז שלמה באומפעלד זאל האבען צו טון מיט די „רויטע רובאשקע ס"), געלינגט עס דעם זיידען אים ארויס צונעהמען אויף צעהן טויזענד רובעל בעיל. דער טאטע לאזט אלעס איבער און אנטלויפט קיין קיעוו, דארטען בעהאלט ער זיך אוים דריי חדשים צייט און דער־וייל ווערען דא א פאר פון די ארעסטירטע פארשיקט נאך סיביר.

דאס איז געווען, געדענק איך, א ווינטער ביינאכט. א גאנצען טאג איז דיא מאמע מיט'ן זיידען ארומגעלאפען ערגעץ, געקומען צוריק און ווידער אוועק. זיי האבען אנגעגרייט דעם טאטען'ס קליידער אין א רענצעל. די מאמע האט אונז אלעמען געקושט און געוויינט, און מיר האט זיא מעהר געקושט פון אלע קינדער. דער זיידע האט געצעהלט א סך געלד. אונז האט מען ניט געלאזען געהן שלאפען, און פלוצים עפענט זיך דיא טהיר און עס קומט אריין דער טאטע מיט א גרויסע קוטשמע אראפגערוקט איבער די אויגען און מיט א באשליק ארומגעבונדען מיט א געלען פלאשטש און וואליקעס באדעקט מיט שנעע.

דיא מאמע וויינט און דער טאטע קושט אונז, דער זיידע גיט דעם טאטען געלד. דער טאטע נעהמט עס, טהוט אוים דעם פלאשטש און טהוט זיך אן א גרויסען בערענעם פעלץ. ער נעהמט מיך אויף דיא הענד און דיא מאמע וויקעלט מיר איין אין א סך זאכען און זיא וויינט. דער זיידע זאגט איהר, זי זאל אויפ־

הערען וויינען און צום טאטען זאגט ער: „שלמה, גיב אכטונג אויפ'ן קינד. זיא וועט דיר זיין ברכה און הצלחה, גיב אכטונג אויף איהר".

דער טאטע האט שטילערהייד געוויינט און זיך צוקושט מיט דיא קינדער, מיט'ן זיידען און מיט דער מאמען און שפעט ביינאכט געהן מיר ארויס פון אונזער שטוב אויף דווארינסקע אוליצא. מיר קריכען אריין אין א גוי'שען שליטען און איך מיט'ן טאטען פארלאזען אונזער היים, אונזער שטעטעל טאראשטשע און מיר פאהרען אוועק אין דער פינסטערניש.

מיר זיינען געקומען קיין ראדזיוויל, און פון דארטען זיינען מיר אוועק קיין בראד.

נאר גנב'ענענדיג דיא גרעניץ פון ראדזיוויל האט געטראפען עפעס וואס נאך אצינד אז איך דערמאהן זיך אין דעם ווערט אין מיר פארקיהלט דאס בלוט, דאמאלס האב איך נאר געוויינט.

צוזאמען מיט אונז זיינען געווען נאך עטליכע אידען אויף צו גנב'ענען דיא גרעניץ — איינינע מיט ווייבער און קינדער. עס איז געווען א שרעקליכער פראסט, דיא לבנה האט אזוי שעהן געשיינט אויף דיא ווייסע פעלדער און דער טאטע טראגט מיך אין זיין פעלץ און מיר געהן אלע. מיט אמאהל לייגען מיר זיך אלע אויס אויפן שנעע און עס ווערט אזוי שטיל אזוי וויא מיר אלע וואלטען געווען טויטע, נאכדעם שטעהען מיר אויף און געהן ווייטער. אלע געהן שטיל אויף דיא שפיץ פינגער.

פלוצים הערט זיך א שאס און, באלד נאך עטליכע, מיר ליגען שוין ווידער אמאהל אויפן שנעע, אלע מיט איינגעהאלטענע אטהעמס, נאכדעם שטעהען מיר ווידער אויף און געהען ווייטער.

פלוצים הערט זיך א געוויין פון א קליין קינד. אלע שעפטשען צו דער מאמע פון'ם קינד אז זי זאל עס ניט לאזען וויינען און דיא גוים וואס פיהרען אונז קריצען מיט דיא צייהנער אויף אונז און ברענען פון רציחה. „זשידי פריקליאטי, טיכא!" שרייען זיי.

דיא פרוי פארדעקט דאס קינד מיט וואס נור זיא קען, עס ווערט אנטשוויגען, ביז ענדליך מיר קומען אויף יענער זייט גרענעץ. דארט האבען שוין פאר אונז געווארט א פאר ליידיגע שליטענס. מען האט אונז אריינגעפאקט און מיר פאהרען.

אין עטליכע מינוט ארום הערט זיך א שרעקליכער קוויטש מיט א געוויין פון א פרוי אויפן שליטען אונטער אונז, מיר שטעלען זיך אפ ביז יענע־של־טען

קומט אָן און מיר דערוויסען זיך אַז דאָס קינד וואָס האָט פריהער געוויינט איז טויט — דערשטיקט פון דער מאַמעס הענד. מען האָט עס געריבען מיט שנעע, גערדערהט, געטרייסעלט, אָבער מען האָט עס שוין נישט אָבגעראַטעוועט.

מעהר קיין גרעניץ האָט דאָס אָרימע קינד שוין קיין מאָהל נישט געגנב'עט אין רוסלאַנד.

אין בראָד זיינען מיר איינגעשטאַנען ביי דיא קאַפּילעישעס, זעהר א רייכע פאַמיליע. זיי האָבען גוט געקענט מיין זיידען און מיין טאַטען און זיי האָבען גוט אַכטונג געגעבען אויף מיר.

איך האָב זעהר געבענקט נאָך דער מאַמען, און נאָך זעקס חדשים צייט באַשליסט מיין טאַטע צו פאָהרען קיין אַמעריקא — דיא צעהן טויזענד רובעל בייל זיינען פערפאַלען. ער ברענגט אריבער דיא מאַמע מיט דיא קינדער קיין בראָד אויף צו פאָהרען קיין אַמעריקא. דער זיידע פארקויפט אוים אַלע געשעפטען, דעם טאַטען'ס, אין טאראשטשע, און שיקט איהם צו דאָס געלד מיט נאָך זיינע אייגענע עטליכע טויזענדער.

אונזער אַרויספאָהרען קיין אַמעריקא איז ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט וויא עס רעדט זיך. דאַן פלעגט מען מוזען פאָהרען דורך דיא קאָמיטעטען וואָס האָבען געשיקט קאָלאָניסטען נאָך אַמעריקא, איז דאָס צוגעגאַנגען מיט א „שכל", נאָך'ן אלף בית נאָך. אונזער פאַמיליע איז טאַקע געווען באומפעלד. מיר האָבען אָבער פארשפּעטיגט דעם „בית" און געמוזט ווייטער וואַרטען.

געפינען זיך דאָך אָבער אומעטום אידען חכמים וואָס זיינען האַלבע מעקלערס און גאַנצע פילאָזאָפען, רעדט מען איין מיין טאַטען ער זאָל אָננעהמען אַן אַנדער נאָמען, וואָרים אַז ניט וועט ער מוזען זיצען אין בראָד עטליכע יאָהר. מיין טאַטע לאָזט זיך איבעררעדען, נעהמט אָן דעם פאַמיליען נאָמען קויפמאַן, און נאָך עטליכע חדשים ווייטערע פלאָגעניש, פאָהרען מיר מיט אונזער גאַנץ הויז־געזינד אַוועק פון בראָד קיין אַמעריקא.

# מיין ערשטע ענטוישונג אין אַמעריקאַ.

דיא רייזע אונזערע פון בראָד קיין אַמעריקא איז פאַר מיר נישט קיין בעזונדערע איבערראַשונג. מיר פאָהרען צוזאַמען מיט נאָך אידען און מיר ווייזט זיך אויס אַז אַזוי דאַרף זיין, דאַרום געדענק איך נישט עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיך האָבען געטראָפען אויסערגעוועהנליכעס.

נאָר דיא שיף אַליין געדענק איך גראַדע יאַ צוליעב צוויי זאַכען: זי האָט געהייסען „אויסטראַליע" איז איין זאַך, און מיר האָבען נישט געהאַט וואָס צו עסען איז צוויי זאַכען. מיר האָבען געמוזט עסען דאַרע קאָרזשיקלאַך מיט פּאַ־וויטינע... איך בין געווען פערנומען מיט זעע־קראַנקהייט און דיא מאַמע האָט שטאַרק מורא געהאַט אַז איך וועל שוין קיין אַמעריקאַ נישט דערפאָהרען, אָבער איך האָב דיא רייזע דורכגעבראַכען... אין קעסעל־גאַרדען האָבען מיר זיך אָפּ־געוואַלגערט דריי מעת לעת צווישען אַ סך מענשען מיט אַ סך פּעקלעך, אַזוי ווי שאָף, ביז מען האָט אונז אָבגעשיקט קיין באַלטימאָר. דער טאַטע, געדענק איך, האָט עס גערופען באַלטאַ־מאָריע.

מיר זיינען געווען צוועלף פאַמיליעס, קאָלאָניסטען, און דער טאַטע איז געווען דער הויפּט מאַכער, דער עצה געבער, דיא גרעסטע דעה געזאָגט און אַלע האָבען געפאָלגט וואָס שלמה קויפמאַן האָט געהייסען.

דאָס ערשטע אויפטועכץ זייערע איז געווען וואָס זיי האָבען זיך אַ נאָ־מען געגעבען „שבט." דיא אַלע צוועלף פאַמיליעס אינאיינעם זיינען געוואָרען איין שבט, און דער דאָזיגער שבט האָט באַלד געמאַכט אַ „רעוואָלוציע" געגען דעם קאָמיטעט וואָס האָט געהאַט צו זאָרגען איבער זיי אַלס קאָלאָניסטען ווען ער, דער שבט הייסט דאָס, האָט איינגעזעהען אַז דיא ערד אַרום באַלטימאָר „טויג אויף כפּרות".

האָט זיך באַלד געפונען אַ חברה־מאַן וואָס האָט זיך דערוואוסט אַז דער „שבט" האָט געבראַכט אַ סך געלד פון רוסלאַנד און איז געוואָרען „ביזי".

נישט ווייט פון וואַשינגטאָן איז דאָ אַן אָרט הייסט עס „פּיסגעיל קאָונטי" און דער חברהמאַן פערקויפט עפּעס אַ גאַנצע וועלט מיט לאַנד צום שבט אונ־זערען אין דער דאָזיגער פיסגעיל קאָונטי. דער שבט גיט איהם אַ סומע פון זעכציג טויזענד דאָלאַר און מיר פאָהרען אַלע אַוועק אויף אונזערע לאַנד.

אַז מיר קומען אַהין בויעט מען אויס צוועלף הייזער און מען נעהמט זיך בעאַרבייטען דיא ערד. מען אַרבייט, מען שוויצט, מען מוטשעט זיך, ביז עס ווייזט זיך אַרויס אַז דיא ערד איז גאָר קיין ערד נישט, נאָר „לאַנד", און דאָס דאָזיגע לאַנד איז ניט גלאַט לאַנד, נאָר איין שטיק שטיין, און וואָס מעהר מען אַקערט, אַלץ מעהר שטיינער געפינט מען, נאָר נישט קיין ערד... איינער פון'ם „שבט", אַ מיסטער זיידמאַ, (זיינער אַ זוהן איז איצט אַ לאָיער אין באַלטימאָר), גיט אַן עצה אַז מען זאָל דאָס לאַנד פריהער מאַכען פעט... און דער „שבט" ספּענט עפּעס אַ פערציג טויזענד דאָלאַר אויף מינור און מען מאַכט „פעט" דאָס

לאנד, נאר שטיינער ווילען בשום אופן ניט פעט ווערען און די קעשענעסביים שבט זיינען שוין גאנץ מאגער געווארען...

א צווייט מייל פון אונזער הויז איז געווען א קליין שטיבעלע, א היל־צערנעס, מיט אן אמעריקאן פלעג אויפ'ן דאך. דאס איז געווען די סקוהל פון ביסנעיל קאונטי. מיין שוועסטער חיה און איך מיט נאך א פאאר קינדער פון'ם שבט זיינען אוועק אין סקוהל. די טיטשערין פרעגט אונז די נעמען, מיר ענט־פערן אויף אידיש און זי מאכט עס אויף ענגליש. מיין שוועסטער חיה ווערט „קלארא", און איך ווער פון ברכה — „מעגי", ווייל אז די טיטשערין האט מיך געפרעגט מיין נאמען, האב איך געענטפערט דוסיא, ווי די ניאנע אונזערע אין טאראשטשע האט מיך גערופען, און די טיטשערין מאכט דערפון מעגי.

אזוי האב איך געהייסען דארט די גאנצע צוויי יאהר „מעגי קויפמאן".

ביסלעכווייז איז אונזער „שבט" געווארען אלץ קלענער, עטליכע זיינען אוועק מיט די לעצטע פאאר דאלאר וואס זיי האבען נאך געהאט און געלאזען די קאלאניע ביז די שטיינער ווילען פעט ווערען, און עס בלייבען פיער פאמי־ליעס פון'ם גאנצען שבט — זיידמאן, בורשטיין, הארוויץ און קויפמאן, מיין טאטע הייסט דאס. אלעס וואס מיר האבען פערמאגט איז שוין באגראבען אין דער „קאלאניע, דאס ביסעל איבערגעבליבענע „שבט" שטארבט שוין פשוט פון הונגער, כאטש נעהם עס שטיינער.

נור גאט פערלאזט נישט. נישט ווייט פון אונז איז געווען איינער, גרינ־בוים, א גע'שמד'טער איד, האט מען געזאגט, און דיעזער גרינבוים איז געווען זעהר רייך, ער האט געהאט א סטאר מיט אלעס פון דער וועלט און האט געהאט א גרויסען וואלד, זיינען אונזערע פון שבט אוועק צו דעם גרינבוים ארבייטען. 75 סענט א טאג האט ער געצאהלט, אבער נישט מיט קעש, נאר מיט סחורה פון זיין סטאר. פלעגען מיר דארטען נעהמען אלעס וואס מיר האבען געדארפט אין שטוב אריין און אלע חדש האט מען זיך אבגערעכענט און מען איז איהם כסדר געבליבען שולדיג.

די ארבייט איז געווען אין וואלד, מען האט אויסגעהאקט די בוימער און געמאכט דערפון ברעטער און אנדערע געהילצען. מיין טאטע מיט די איבריגע דריי אידען זיינען הפנים געווען שרעקליך גרויסע קענערס אין דעם פאך און אין א שעהנעם פארנאכט ווען איך בין געקומען פון סקוהל פאהרט צו א וואַ־גען צו אונזער שטוב און מען טראגט אראב מיין טאטען מיטביידע פיס איבער־געבראכען.

אך, ווען איך זאָל קענען שילדערען דעם עלענד וואָס האָט געהערשט ביי אונז אין שטוב דאָן, אין דער קאָלאָניע אין פיסגעיל קאָונטי! ווי מיין יונגע הערצעלע איז דאַמאָלס צוריסען געוואָרען פון בענקעניש אַהיין, צו דעם ליעבען שטעטעלע טאַראַשטשע, דאָרט וואו מיר איז אַזוי גוט געווען, וואו איך האָב געהאַט אַ געזונדען רייכען טאַטען און ניט געוואוסט פון זאָרג און אָרימקייט!

ניין, עס איז נישט פאַר מיינע כוחות דאָס אַלעס איבערצוגעבען אויף פּאַפּיער, אַזוי אַז איהר, מיינע ליעבע לעזער, זאָלט דאָס אויך קענען פיהלען. און אפשר איז דאָס פאַר אייך ניט אינטערעסאַנט גענוג וואָס איך, אַ אידישע שוישפּיעלערין האָב געליטען אין מיין פריהער קינדהייט, און איהר ווילט נאָר וויסען פון מיר אַזוי פיעל וואָס אַנבעלאַנגט מיין קאַריערע אַלס שוישפּיעלערין.

אפשר זייט איהר גערעכט, אָבער איך קען נישט פערביייגעהן און נישט דערמאָהנען אַזעלכע געשעהעניסען אין מיין לעבען, וועלכע האָבען מיר געמאַכט טיעפע וואונדען אין מיין האַרץ און מיר געמאַכט שטאַרק פיהלען, טיעפער פיה־לען ווי אַנדערע פון מיינע חבר'טעס, אפילו פון מיינע שוועסטער. אפשר איז דאָס געווען פאַר מיר אַ הילף צו ווערען אַ שוישפּיעלערין, איך זאָל קענען פיהלען דיאליידען און פריידען פון דיא העלדען וואָס איך שפּיעל. יעדענפאַלס בין איך שוין באַלד נאָהענט צו מיין ערשטען אויפטריט אויף דער ביהנע. אַלזאָ, איך דערצעהל ווייטער.

איבער פינף חדשים איז מיין טאַטע אַבגעלעגען אין בעט דאַמאַלס מיט געבאַנדאַזשירטע איינגעגיפּסעוועטע פיס, וועלכע זיינען געווען אויפגעהאַנגען איבער זיין קערפּער אויף צוויי רימענעס. געלעבט האָבען מיר פון דעם וואָס דער גע'שמד'טער איד גרינבוים האָט אונז אויסגעהאַלטען. דיא מאַמע האָט געהאַל־טען אין איין וויינען און קלאָגען אַז גאָט האָט איהר פאַרוואָגעלט פון דער היים און שטראָפט זי אָהן רחמנות און דער טאַטע האָט געקרעצט און געשוויגען. איינע פון מיינע חבר'טעס, מערי בורשטיין, איז געווען שוין אַ גרויסע מיידעל און זיא האָט געקענט גוט לעזען אידיש, פלעג איך זיא בעטען זיא זאָל אריינ־קומען צו אונז און לעזען פאַר מיין טאַטען דיא מעשה־ביכלעך וואָס זיא האָט געהאַט. זיא פלעגט פאַרלעזען שמר'ס (שייקעוויטש'ס) ראָמאַנען און דער טאַטע פלעגט זיך איינהערען, און איך בין געזעסען ביים בעט און שטילערהייד גע־וויינט פון רחמנות אויף מיין טאַטען און אויך אויף דיא אָרימע העלדען פון דיא ביכלעך. איך האָב גרויס חשק בעקומען אַליין צו קענען אַזוי גוט לייענען ווי מערי און זיא האָט מיר געלערענט לעזען און שרייבען, וואָס אביסעלע, אָבער טאַקי אַ קליין ביסעלע. האָב איך שוין געקענט פון דער היים נאָך.

ביסלעכווייז הויבט מיין טאטע אן צו קענען אראבשטעלען דיא פיס פון בעט און דיא דאקטוירים וואס האבען איהם קורירט גיבעי האפנונג אז ער וועט קענען געהן — אויף קראטשעס. און אז גאט האט געהאלפען, מיין טאטע שלעפט זיך שוין ארום אביסעלע אויף צוויי קראטשעס, שיקט אונז דיא אימיגראציאנס־קאמיטע אוועק קיין וואשינגטאן און פון דארט קיין באלטימאר, מען נעמט פאר אונז דריי רומס און מען שיקט אונז אריין אלע וואך זעקס דאלאר צום לעבען. מיר זיינען א געזינדעל פון זיבען פארשויז, און דיא זעקס דאלאר זיינען ניט גענוג.

איך בין שוין א מויד פון צוועלף יאהר, מיט צוויי לאנגע בלאנדע צעפ אויף דיא פלייצעס. איך בעשליס צו העלפען דעם טאטען און איך געה ארוים אין באלטימאר זוכען א דזשאב.

# איך בין א פעדלערקע און א פינישערקע.

מיין ערשטער דזשאב איז געוועזן אין א זאק־פעקטארי. מען האט מיר נעגעבען א גרויסע נאדעל מיט שווערען בייוועל און איך האב גענעהט זעק. ווען איך האב אבגעארבייט דיא וואך און מען האט מיר דערלאנגט א קאנווערייל, האב איך אפילו נישט א קוק געטהאן וואס עס טהוט זיך אינעווייניג. אנשטאט דעם לויף איך גלייך מיט פרייד א היים.

אין דער היים עפען איך דאס קאנווערטיל און קעהר עס אוים אויפ׳ן טיש. אלע קוקען אויף מיר וויא איך בין אזוי גליקליך, און עס פאלט ארוים א פאפיערעל, א גאנצער דאלער! דאס זיינען געוועזן מיינע ערשטע וויידזשעס. א שאד וואס מיר האבען דאן אזוי נויטיג געהאט יענעם דאלער. איך וואלט איהם געוועזן איינגעפריימט, אזוי ליעב איז ער מיר דאן געוועזן, דער ערשטער דאלאר וואס איך האב אליין פערדיענט.

מיין טאטע האט זיך גענומען פעדלען מיט ברילען, זיך ארומגעשלעפט אויף דיא קראטשעס און געוואלט פארדיענען, נור דיא פאליציי האט געמיינט אז דיא ברילען זיינען נאר אן אויסרייד אויף צו שנארען, און קיין לייסענס האט ער ניט געהאט, פלעגט מען איהם אלץ טרייבען ביז מען האט איהם גענומען ארעסטירען אויך. יעדען טאג איז ער געוועזן עטליכע מאל ארעסטירט און דיא מאמע פלעגט איהם מוזען קומען ארויסנעהמען.

א שטיק צייט האבען מיר אזוי געלעבט אין גרוים ארעמקייט. איינ־

זעהענדיג אז איין דאָלער א וואָך איז צו קאַרג פאַר מיר און קיין רעיז גיט מען מיר נימ, לאָז איך איבער דעם דזשאָב און געה זוכען אַנאַנדערען.

מיין צווייטער דזשאָב איז געווען אַלס סטריפּערקע ביי טאַבאַק. אָבער גיט אַזוי גיך וויא איך האָב מיין ערשטען דזשאָב פערלאָרען האָב איך דעם צווייטען געקראָגען. פריהער האָט מען מיר ניט געוואָלט צונעהמען, ווייל איך בין געווען צו קליין, און איך האָב געמוזט געהן צוריק אין סקוהל, ערשט אין עטליכע חדשים ארום האָט מיר א חבר׳טע מיינע מיטגענומען און אויסגע־בעטען פאַר מיר דעם דזשאָב אַלס סטריפּערקע. דאָס איז אַזאַ מין ארבייט וואָס מען נעהמט ארויס דיא גראָבע „אָדערען" פון דיא טאַבאַק בלעטער און דאָס נעהמט ארויס דאָס בלוט פון דעם ארבייטערס אָדערען. דער שטויב קריכט גלייך אין דיא לונגען און שטיקט צום טויט. מיט איינעם וואָרט — א טהייערער דזשאָב. איך האָב געקראָגען דריי סענט א שטונדע און מיט אָווערטיים האָב איך פאַרדיענט $1.98 א וואָך.

אין עטליכע חדשים ארום האָב איך בעקומען אַזאַ שעהנעם הוסט מיט א ווייס פּנים׳ל, און דיא מאַמע האָט געוויינט און געשריען אז דער טאַבאַק־וועט מיר אוועקלייגען אין דער טשאַכאָטקע און זיא האָט געקראָגען א מיטעל מיך צו ראַטעווען. זיא פלעגט צווייבען גאָרטשיצע מיט קנאָבעל און מיר לעגען צו דיא פּאָדעשוועס . . .

אין שאָפּ לעבען מיר איז עפּעס געזעסען אַן איריש שיקסעל א קליינע — פלעגט זיא מיר דערגעהן דיא יאָהר. ניט גענוג וואָס איך פלעג איהר פער־שווייגען וואָס זיא רופט מיך „שיני", „גרינהאָרן", האָט זיא מיר נאָך געקניפּען אַלס צוגאָב, ביז איינמאָהל איז מיר שטאַרק דערגאַנגען צום הארצען, און איך האָב איהר א וואָרף געטהאָן דיא באָקס מיט טאַבאַק אין קאָפּ אריין און איהר צובלוטיגט וויא א קליין חזיר׳ל. דאַן האָב איך מורא געהאַט ווידער צו קומען צו דער ארבייט און בין געוואָרען אויס סטריפּערקע.

מיין עלטערע שוועסטער קלאַרא האָט נישט געקענט קריגען קיין דזשאָב. דיא אַנדערע קינדער זיינען געווען גאַנץ קליין, בין איך געווען דיא איינציגע וואָס האָב געקענט אונטערהעלפען אין שטוב און שאַנעווען מיין אונגליקליכען טאַטען. דאָס האָב איך זעהר געוואָלט אויך און איך נעהם א קאָשיקעל, בעפּוץ עס ארום מיט אמעריקאַנער פלעגס גאַנץ שעהן, קויף איין א סטאַק בענענעס און לאָז זיך אוועק צום סיטי האָל אין באַלטימאָר און מאַך זיך א סטאַר אין מיטען סטריט — איך פערקויף בענענעס פון א קאָשיקעל.

מיין טאטע איז דערוויל געווארען א „מעקאניק" פוןברילען. ער האט זיך אויסגעלערנט וויא אפצודרעהען און צודרעהען אן אליאבלע, אדער איינ־שטעלען א שייבעל אין א בריל און דיא פאליציי האט איהם מעהר ניט גע־טשעפעט. ער האט פארדיענט נישקשה'דיג און צוזאמען מיט דיא זעקס דאלער וואס מיר האבען געקראגען אלע וואך פון קאמיטעט זיינען מיר שוין געווען אלרייט אין אמעריקא.

דארף זיך אויף דער וועלט געפינען עפעס א דזשענטעלמעז מיט א ווייך הארץ וואס געהט פארביי דעם סיטי האל און דערזעהענדיג מיין „אסאבע" איינ־געוויקעלט אין א שאלעכיל שטעהענדיג לעבען מיין ב...עס — דאס קאשיקעל מיט בענענעס — שטעלט ער זיך אפ, דער דזשענטעלמען, און בעטראכט מיר און גיט מיר א קוואדער פאר איין בענענע און וויל ניט נעהמען ביי מיר קיין טשענדזש. איך קום א היים און דערצעהל עס דעם טאטען, שטעלען זיך איהם טרעהרען אין דיא אויגען און ער גיט מיר א קוש און זאגט: „גענוג מיין קינד, מעהר געהסטו נישט פעדלען".

איך געה צוריק אין סקוהל. אויפן וועג צום סקוהל איז געווען א העט סטאר פאר ליידיס און דיא באלעבאסטע איז געווען א גראבע פרוי און האט פערמאגט צוויי קליינע ווייסע קוטשעראווע הינטלעך. פלעג איך געהענדיג פון סקוהל אלע טאג אויסוואשען דיא הינטלעך און קריגען דערפאר פון דער גראבער ליידי א קוואדער. דערפאר האט מיר דיא מאמע אלע שבת געגעבען עטליכע סענט איך זאל געהן אין „דיים מוזעאום".

דאס איז געווען מיין גרעסטע פלעזשור. אין „דיים מוזעאום" אויף וועסט באלטימאר סטריט האב איך פערבראכט אלע שבת. איך האב ליעב גע־האט צו הערען וויא דיא ניגערס זינגען, וואטשען דיא „פאנטש און זשודי" פארשטעלונג, ביז איך האב זיך בעפריינדעט מיט א מיידעל, עני זילבערשטיין, און מיר זיינען געווען דיא בעסטע צוויי חבר'טעס אויף דער וועלט. עני פיהרט מיך אין מעסאניק טעמפעל אויף וועסט סטריט און דארט זעה איך „ראמעא און דזשוליעט" פון שעקספיער. איך ווער א פערציטערטע. דאס איז געווען מיין ערשטען מאל וואס איך זעה אמת'דיג טהעאטער, נישט קיין „פאנטש און זשודי" אין „דיים מוזעאום", נאר טאקע טהעאטער.. איך בין אזוי מקנא דיא עקטארס, אז איך כאפ ארום עני זילבערשטיין און קוש זיא פון גרוים דאנקבארקייט אין מיטען שפיעלען, און מען וויל מיך דערפאר ארויסווארפען פון טהעאטער.

דיא גאנצע וואך האב איך נאר געלעבט און געווארט־אויף שבת צו לויפען

אין מעסאניק טעמפעל. איך האָב דאָרט גזעהען „מאַקבעט“, „האמלעט“, „קינג ליער“, און פיעלע, פיעלע אנדערע פיעסען.

איך בין שוין א מויד פון באלד 14 יאָהר און איך פערלאָז סקוהל און עני זילבערשטיין נעהמט מיך מיט ארבייטען אלס פינישערין אין זעלבען שאָפּ וואו זיא ארבייט אויף באלטימאָר סטריט לעבען מאָנומענטאל טהעאטער. (דאָן א בורלעסק און איצט א אידיש טהעאטער).

דיא באָסעס זיינען געוועזען צוויי בחורים, איינער האָט געאָפּערייטעד אויף׳ן מאשין און דער צווייטער האָט געפּרעססט, און מיר, דאָס הייסט, איך און עני זילבערשטיין, זיינען געוועזען דער „סעט“ ארבייטער. מיינע וויידזשעס זיינען געוועזען צוויי און א האלב דאָלער א וואָך. איינער פון דיא באָסעס איז געוועזען א לאַנגער בחור מיט א פלאַטשיגער נאָז, ער האָט געהייסען מר. נעם און זיך גע׳שדכנ׳ט צו עני׳ן. דער צווייטער באָס איז געוועזען א שווארץ־חנ׳עוודיגער בחור מיט ברייטע פּלייצעס, א נידריגער מיט א גרויסען קאָפּ צווישען דיא אַקסלען פונקט וויא פון איין שטיק ליים געמאַכט, ער האָט געהייסען מר. ראָזענטהאל און האָט זיך גע׳שדכנ׳ט צו מיר. אין א קורצער צייט האָב איך שוין געקראָגען דריי און א האלב דאָלער א וואָך. איך בין שוין געוועזען א רעגעלע „פּאָרליידי“, בין געגאַנגען נאָך ארבייט אין פעהט סטריט. איך פלעג אויך זיין א „בייסטינג פּר־ /ער“ און האָב שוין אָנגענעהט קנעפּלעך אויף דיא קאמזוילען וואָס מיינע באָסעס האָבען געמאַכט.

און בשעת איך האָב אזוי געהאַלטען אין ארויפארבייטען זיך, איז מיין באָס, מר. ראָזענטהאל, נישט פויל און שיקט אוועק א שדכן צו מיין טאַטען צו רעדען „ביזנעס“.

מיר נעהמט טיאַכקען דאָס הארץ אז אָט אָט וועל איך שוין א כלה...

## אידישע אַקטיאָרען קומען.

מען האָט מיר געהאַלטען פאר א שעהנע מיידעל אין באלטימאָרער אי־ דישען קווארטאל. מיין „עטרעקשאָן“ איז געוועזען מיינע צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ־ האָר, וועלכע האָבען געצויגען אלע מאנסבילשע אויגען אויף מיינע פּלייצעס און איך האָב דיא לאַסט געטראָגען מיט פערגעניגען. מיין באָס ראָזענטהאל איז גע־ ווען זעהר גוט צו מיר, ווייל ער האָט אלץ געהאָפט אז אָט אָט וועל איך ווערען

א באסיכע, דאס הייסט, זיין כלה. מיינע וויידזשעס זיינען געווען גרויסע — דריי און א האלב דאלער א וואך און איך מיט ענני זילבערשטיין געהן אלע שבת אין „אקאדעמי אוו מוזיק" פאר א קוואדער אויף דער גאלערי.

אין דיזען טהעאטער האב איך געזעהען עדווין בוטה, מערי הענדערסאן, מארגארעט מאטהער און פיעלע אנדערע גרויסע אמעריקאנער קינסטלער, איך האב זיי אויף גאר ניט אזוי מקנא געווען וויא אויף דיא אפלאדיסמענטען און דאס וואס אלע רעדען פון זיי אזוי פיעל. מיר האט זיך דאן אויסגעוויזען אז אקטיארען זיינען דיא גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט, דיא צייטונגען שרייבען פון זיי, אלע מענשען רעדען פון זיי — אזוי איז כדאי צו לעבען אויף דער וועלט !

איך האב זיי דערפאר זעהר מקנא געווען, און מיר איז געווען אומעטיג אויפן הארצען וואס מיין באס וויל מיך נעהמען פאר א כלה. צום גליק, אבער, ווען דער שדכן איז געקומען צו מיין טאטען און געזאגט, אז מיין באס וויל מיך, האט זיך מיין טאטע צושריען, אז דערווייל איז נאך דער הימעל נישט ביי דער ערד און כאטש ער איז איצט א קבצן, אן ארימאן, פון דעסטוועגען וועט ער קיין ש נ י י ד ע ר אין דער משפחה ניט אריינגעהמען! ער האט געגוג א י י ן צרה.

דיא „איין צרה" האט ער געמיינט, מיין שוועסטער קלארא. זיא איז דאן געווען א מיידעל פון 16 יאהר און האט בעדארפט חתונה האבען דוקא ניט פאר קיין שניידער, נאר פאר א סיגארען־מאכער, מיט'ן נאמען לואי לעוויצקי. דיא הויפט „צרה" איז דא געווען, וואס דיא גאנצע חתונה איז געווען געגען ווילען פון'ם טאטען. ער האט געזאגט, אז מיין שוועסטער דארף זיך נאך נישט פארדרעהען דעם קאפ. אבער זיא איז געווען א געצערטעלטע און־האט נישט געוואלט ארבייטען און דער לואי לעוויצקי איז געווען א בחור, א ספארט, פון א יאהר 18 און האט פארדיענט דרייצעהן דאלער א וואך ביי סיגארען. ער האט מיין שוועסטער מתנות געקויפט — א זייגערל מיט א קליידעל. און ווען דער טאטע האט זיך דערוואוסט דערפון און געגומען זיין געגען שידוך, איז אויסגע־קומען אז זיא, קלארא, דארף אבגעבען לואי'ן צוריק דיא מתנות. איז איידער אבגעבען דאס זייגערל מיט'ן קליידעל און דיא חבר'טעס זאלען לאכען, האט זיא בעסער חתונה געהאט מיט לואי'ן. מיר זיינען פון דעסטוועגען אלע געווען אויף איהר חתונה, כאטש ברוגז'רהייד. דיא חתונה האט אויף מיר געמאכט א טרויע־ריגעווירקונג. זיא איז פארגעקומען אין א בייסמענט אויף הערסאן סטריט, עפעס

אזוי אָרים, עפּעס אזוי שלעפעריג, שא, שטיל, גאָר נישט וויא א חתונה, און אודאי ניט וויא דיא חתונות ביי אונז אין טאראשטשע וואס איך פלעג נאָכלויפען צו דער גרויסער שוהל, ווען דיא מחותנים פלעגען טאנצען מיט קוילישען, ווען אלעס איז געווען יום טוב׳דיג פונקט וויא דאס גאנצע שטעטיל האָט חתונה. דאָ, אָבער, האָט מען עפּעס שטילערהייד אָפּגעמורמעלט און עס איז געווען נאָך אלעמען.

נאָך דער חתונה האָט מיין שוועסטער געוואוינט נישט ווייט פון אונז און איך פלעג זיין ביי איהר אלע טאָג. זיא האָט אויך ליעב געהאט טהעאטער און זיא פלעגט מיט מיר געהן אלע שבת אין „מעסאניק טעמפּעל“. צו איהר האָט אריינגעמופּט א באָרדער, טאקע איהר מאן׳ס פלימעניק. דאס איז געווען א יונגער בחור׳ל, א שעהנער, אן איידעלער, נאָר א צו בלאסער, אָבער ווען ער איז געווען אָנגעטהאָן מיט א קאָלנער, האָב איך איהם ליעב געהאט, נאָר וויא באלד ער האָט אויסגעטהאָן דעם קאָלנער, פלעג איך נישט קענען קוקען אויף איהם, עפּעס איז מיר פאָרגעקומען אזוי וויא אימיצער האָט אויף דעם בחור ארויפגעזעצט א קאָפּ אויפן דארען העלזעל, פונקט אזוי וויא דיא מענשעלעך פון דער „פּאָנטש און דזשודי“ פאָרשטעלונג. אָבער ער האָט מיך זעהר שטארק ליעב געהאט, עהרליך ליעב געהאט, ביז ער איז קראנק געוואָרען און געמוזט אוועקפאהרען זיך קורירען.

נאָר לאָמיך ניט כאפּען.

איינמאָהל קומען מיין שוואָגער מיט׳ן פלימעניק א היים פון סיגאָר פעקטאָרי שפּעטער וויא געוויינליך. איך בין שוין דאן געווען נאָך סאפּער און בין געזעסען ביי מיין שוועסטער אין הויז. ענדליך קומען דער שוואָגער מיט׳ן פלימעניק אריין און איידער מען פרעגט זיי נאָך פאר וואס זיי האָבען זיך פערשפּעטיגט, דערצעהלען זיי א געוואלדיגע נייעס: „א גאנצער באָנטש אידישע קאָמעדיאנטשיקעס זיינען אָנגעקומען קיין באלטימאָר!“

מען זעצט זיך עסען און מיין שוואָגער דערצעהלט דיא נייעס מיט אלע איינצעלהייטען. געהענדיג פון שאפּ פערביי לאָמבארד סטריט, זעהען זיי, שטעהט א רעדעל מענשען לעבען מיסעס פאלעק׳ס גרענד האָטעל און אין מיטען רעדעל שטעהען עטליכע וואס זעהען אוים וויא קאָמעדיאנטשיקעס, מיט גרויסע גלאנציגע סטאָוו־פּייפּס וויא מיט שוהוואקס אָפּגעפּוצט און אלע וואס געהן פערביי שטעלען זיך אָב און מען קוקט. ער, דער שוואָגער, האָט זיך צוגעשטופּט צום סאמע גלאוונע פון דיא קאָמעדיאנטשיקעס און ער האָט אויסגעפונען וואס

דאָ טהוט זיך. דער עקטאָר האָט איהם דערצעהלט אַז דאָס זיינען זיי איצט געקו־מען אהער פון שיקאַגאָ. זיי זיינען אידישע אַקטיאָרען וואָס שפּיעלען אידיש טהעאַטער.

אָנגעקומען זיינען זיי אויף יוניאָן סטיישאָן, נאָר מחמת מען האָט גע־וואָלט ביי זיי צו טהייער פאַר אַ קערידזש, האָבען זיי בעסער שפּאַצירט פון יוניאָן סטיישאָן ביז קיין לאָמבאַרד סטריט, (דאָס איז „בלויז“ אַ פינף־זעקס מייל). און דאָ וויל מען זיי נישט אריינלאָזען אין קיין האָטעל, ווייל מען האָט מורא זיי וועלען נישט בעצאָהלען.

מיין שוואָגער איז גראָדע געווען בעקאַנט מיט דער מיסעס פאָלעק, דיא באַלעבאָסטע פון'ם האָטעל און ער בעט אויס אַז מען זאָל דיא עקטאָרס אריינ־לאָזען. דער דאָזיגער „גרענד האָטעל“ איז געווען אַ מין שטאָל אויף דריי פּלאָר מיט רויטען אָבגעפּיינט פון אויסווייניג און טונקעל ברוינע חיה'לעך אינעווייניג — פון דיא אמת'ע גרענד האָטעלען.

מיין שוואָגער האָט אַליין „געהאַט דיא נידעלס“ צו טהעאַטער. ער איז אַ קיעווער און ער האָט דאָרט געזעהן טהעאַטער אויפן „טאָלטשאָק“, דאָס איז געווען טהעאַטער „פּאָקראַניעמערי“, פלעגט ער זיך בעריהמען. ער פלעגט אָב־לאַכען פון דעם גרויסען אַמעריקאַנער קינסטלער עדווין בוטה. „אויך מיר אַן עקטאָר“, פלעגט ער זאָגען, „אויפן טאָלטשאָק האָב איך געזעהען עקטאָרס פּאָקראַ־ניעמערי!“

דערווייל זיינען דיא אַקטיאָרסקע געסט געשטאָרבען פאַר אַ שטיקעל ברויט און מיין שוואָגער האָט זיי אונטערגעהאָלפען און פאַר איין גאַנג אַלע טאָג אונז געבראַכט פרישע נייעס. ער האָט שוין פאַר זיי גענומען אַ האָל, זיי וועלען באַלד שפּיעלען אידיש טהעאַטער. ער האָט שוין געזעהן אַ פּראָבע, אַלע זיינען זיי קינצלער, נאָר איינער איז דאָ צווישען זיי וואָס איז נאָך גרעסער וויא דיא עקטאָרס וואָס ער האָט געזעהען אין קיעוו אויפן טאָלטשאָק. דער דאָזיגער בחור, דערצעהלט מיין שוואָגער, איז אַ מזיק אַ יונג, ער זינגט אויף צוויי כלים: אויף באַס און אויף סאָפּראַנאָ. וויל ער, זינגט ער אויפן באַס, און וויל ער, זינגט ער אויפן סאָפּראַנאָ, ער איז אַ הויכער בחור, דערצעהלט מיין שוואָגער, האָט אַ לאַנגען האַלז און אַ גרויס קנאָפּ אין גאָרגעל, מיט אַ שוואַרצע קוטשעראַווע טשאָפּרינע, פאַרקעמט אין אַ פּאָלקע און שעהן איז ער וויא אַלע זיבען זונען. דאָס וועט שוין זיין איינמאָהל אַן עקטאָר, זאָגט מיין שוואָגער מיט שטאָלץ.

איך שטארב שיער פון אונגעדולד צו זעהן אידיש טהעאטער און אויך דעם בחור וואס איז שעהן וויא אלע זיבען זונען און זינגט באס און סאפראנא.

# ביי דער ערשטער אידישער פארשטעלונג.

מיין שוואגער לואי איז דיא גאנצע צייט זייט דיא אידישע אקטיארען זיינען אנגעקומען אין באלטימאר, שרעקליך ביזי. ער איז פארנומען מיט דיא אקטיארען טאג וויא נאכט און האלט אונז אין איין דערצעהלען דיא נסים וואס ער וועט אויפטהאן מיט זיי. דערווייל האט ער פאר זיי ארראנזשירט דיא ערשטע פארשטעלונג.

דאס איז געווען א פרייטאג אבענד, נאך יום־טובים צייט, און מיר אלע גרייטען זיך צו געהן זעהן די קאמעדיאנטשטשיקעס. ביז איך האב דערלעבט דעם טאג פון דער פארשטעלונג בין איך אלט געווארען פון אונגעדולד. בייטאג, אין שאפ, מיט מיין חבר'טע עני זילבערשטיין, האבען מיר נור גערעדט פון דעם אידישען טהעאטער וואס מען וועט שפיעלען ביי אונז אין באלטימאר, און אפילו ביינאכט אין שלאף האב איך גע'חלום'ט פון אידישען טהעאטער.

ענדליך דערלעבט: היינט, באלד, וועל איך געהן זעהן טהעאטער אויף אידיש געשפיעלט.

פאר מיין טאטען האבען מיר דאס געהאלטען בסוד סודות, נאר גראדע פאר דער פארשטעלונג האט ער זיך דערפון דערוואוסט, און ווען איך האב זיך גענומען אנטהאן צו געהן אין טהעאטער, האט ער זיך אויף מיר גוט צושריען איך זאל ניט געהן צו די קאמעדיאנטשטשיקעס, די שאלטעקעס, עס וועט מיר ניט שאדען צו קיין שידוך אז איך וועל ניט זעהן דיא האלאדראנציעס.

איך וויין און צאפעל זיך, איך רייס זיך דיא האר פון קאפ, און דיא מאמע גיט מיר א קוואדער און שטופט מיך שטילערהייד ארויס פון שטוב.

איך טראכט נישט לאנג און לויף צו עני זילבערשטיין און מירביידע לויפען אין טהעאטער זעהען דיא אידישע עקטארס.

דאס „טהעאטער" איז געווען א האל אויף יוטהא סטריט און האט גע־הייסען „קאנקארדיא האלל". ווען מיר זיינען צוגעקומען צום האל זיינען מיר געווען פיטש נאס און דער רעגען האט געבלאישטשעט אהן אן אויפהער. מיר האָ־בען בעצאהלט צו קוואדער און מען האט אונז אריינגעלאזען אין האל אויף דער

באַלקאָני. עס איז נאָך געווען פריה און דיא געפּוליטורטע קיטשעןְ־טשערס אין האָל זיינען געשטאַנען שטאָלץ און געוואַרט אויפן פּובליקום. ענדליך זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ זיבציג — אַכציג מענשען, שוין צוזאַמען מיט ווייבער און קינדער. מען זיצט און מען וואַרט, מען וואַרט און מען זיצט. עס הערט זיך צוויי־שען פּובליקום אַ געשמאַק באַלעבאַטיש געגעצען, ווייל דיא אידען אין באַל־טימאָר זיינען דאַמאָלס געוואוינט געווען צו געהן פריה שלאָפען. ענדליך אַרום ניין אַ זייגער ווערט פינסטער אין האָל און דער פאָרהאַנג קאַטשעט זיך אַרויף.

מיין האַרץ טיאַכקעט מיר אַ שרעק.

אויף דעם סטיידזש שטעהט אַ לאַנגע דאַרע אידענע מיט אַ שטערען־טיכעל אויפן קאָפּ און זינגט ליכט־בענשען אויף אַ דין קול'כעל. אַביסעלע וויטער אויפן סטיידזש זיצט אַ איד מיט אַ גרויער באָרד און שאָקעלט זיך. דיא לאַנגע אידענע האָט אָבגעזונגען דאָס ליכט־בענשען און געהט צו צום אַלטען אידען און זאָגט איהם עפּעס און געהט אַוועק. דאַן קומט אַריין אַ שיקסע און זאָגט עפּעס אויף גוי'איש. דער אַלטער ענטפערט אויף אידיש און מניה וביה קומט אַריין עפּעס אַ חסיד'ל אין אַ גלאַנציג קאַפּאָטקעלע, אַ הויכער בחור'ל מיט לאַנגע פּאות'לעך, מיט אַ שעהן פּנים'ל און מיט גרויסע שעהנע אויגען. ער בלייבט שטעהן און שעהמט זיך. דיא שיקסע וויל איהם אָפּנים פאַר אַ חתן און דער בחור'ל מיט'ן אַלטען אַנטלויפען. דיא שיקסע גיט אַ פייף און צוויי גוים ברייני־גען אַריין אַ טויט קינד און בעהאַלטען עס ביים אידען אין שטוב און דער פאָרהאַנג קאַטשעט זיך צוריק אַראָפּ.

אין צווייטען אַקט זיינען שוין אַלע אידען, מיט דעם בחור'ל, מיט שעה־נע אויגען, אין טורמע, און דיא גוים שלאָגען זיי אַז ס'איז אַ רחמנות און דאָס בחור'ל זינגט נעביך אַ וויינענדיגע תפילה צו גאָט אַז ער, גאָט, הייסט עס, זאָל אויסלייזען דיא אידען פון גוי'שע הענד. דאָס פּובליקום וויינט און שילט דיא גוים און — שוין.

אין דריטען אַקט זיינען שוין דיא אידען אין סיביר און ס'איז זיי אַזוי קאַלט אַז אַ פּאַר ווייבער פון פּובליקום וואַרפען אַרויף זייערע שאַלען אויפ'ן סטיידזש, אבי צו דערוואַרמען דיא אָרימע אידען נעבאַך.

אין פיערטען אַקט ווילען דיא גוים אויסקוילענען דיא אידען פּאַר וואָס זיי, דיא אידען, האָבען דער'הרג'עט אַ גויש קינד און אָבגעבאַקען מצות — שפּרינגט אויף דאָס גאַנצע פּובליקום און שרייט „ס'אַ ליגען! מיר ווייסען אַז דיא אידען זיינען ניט שולדיג, דאָס האָבען דיא חזיר'שע גוים אַליין גע'הרג'עט

דאָס קינד, ס'אַ בלבול, אַן עלילת דם, רוצחים, מערדער, אַ פּגירה אויף אײך!"

דאָס פּובליקום האָט אויסגעפּיהרט... מען האָט בעפרײט די אידען און אַלע אין האָל האָבען געפּאַטשט בראַוואָ מיט אַלע כוחות.

מיר זײנען אַלע געװען זעהר צופריעדען און מיר װילען שױן אַ הײם געהן, בעװײזט זיך מײן שװאָגער לואי אין פראָנט פון קױרטען און שרײט אױס מען זאָל װאַרטען, ס'איז דאָ נאָך עפּעס װאָס מען װעט באַלד װײזען. דאָס פּוב־ליקום בלײבט װאַרטען און עס קומט אַרױס אױפן סטײדזש דער לאַנגער בחור װאָס איז געװען אין סיביר. ער איז אָנגעטהאָן אין אַ קאָלירטען ציטענעם פראַק, פון פאָרענט אַזױ װי אַ קאַמזױל און פון הינטען מיט צװײ פּאָלעס, װי צװײ פליגעל, מיט גרױסע שװאַרצע קנעפּ, טופליעס מיט רױטע זאָקען און מיט אַ רױטען שניפּס, ער האָט צװײ שעהנע גרױסע אױגען, און שװאַרצע קוטשעראַװע האָר. ער שטעלט זיך אַװעק, דעם קאָפּ אַביסעלע פאַררײסען צו דער באַלקאָני, אײן פוס אַביסעלע מעהר אין פראָנט, און זינגט. װאָס ער האָט געזונגען געדענק איך ניט, אָבער געזונגען האָט ער שעהן, זיס. ס'איז געװען אַ מחיה צו הערען. ער האָט געקראָגען אַ שטורעמדיגען אַפּלאָדיסמענט און ער האָט געמוזט זינגען עטליכע מאָהל.

װען מיר האָבען פערלאָזען דעם האָל איז שױן געװען שפּעט בײנאַכט, און איך מיט עני זילבערשטײן שטעלען זיך אָב אין דרױסען װאַרטען אױף מײן לואי'ן, װעלכער איז מיט די עקטאָרס הינטער'ן סטײדזש. עס געדױערט אפשר אַ האַלבע שעה ביז לואי מיט אַ גאַנצער האַלאַסטרע עקטאָרס און גלאַט מענשען קומען אַרױס פון האָל. אַלע דרעהען זיך אַרום דעם הױכען בחור מיט'ן גרױסען סטאַװו־פּײפּ. איך מיט עני זילבערשטײן געהן נאָך פון הינטען אַזױ אַ שטיק װעגס ביז לואי דערזעהט אונז און רופט אונז צו. מיר געהן מיט לואי'ן און ער דערצעהלט נײע גליקען, אַז, אמת, דעם מאָל האָט מען נישט פאַרדיענט אין דער פאָרשטעלונג, אָבער ס'איז געװען אַ גרױסער סוקסעס אַרטיסטיש און ער װעט שױן אַראַנזשירען נאָך אַ פאָרשטעלונג.

איך װיל ער זאָל מיר באַקענען מיט דעם הױכען עקטאָר, אָבער לואי זאָגט מיר, אַז איצט איז דער עקטאָר צו נערװעז פון שפּילען, װײל דאָס איז טאַקע ער װאָס האָט געשפּיעלט פאַר דער אידענע װאָס בענשט ליכט און פאַר'ן חסיד'ל װאָס מען האָט פאַרשיקט אין סיביר און נאָכדעם האָט טאַקע אַלץ ער געזונגען דיא קופּלעטען.

אָבער איך קען זיך ניט אײנהאַלטען און לויף פאַרבײ דעם הױכען עקטאָר

און ווארף איהם אריין א קוק גלייך אין פנים און לויף צוריק צו לואי׳ן און פרעג איהם, וויא הייסט דער הויכער עקטאר, און לואי זאגט מיר, אז ער הייסט בארים טהאמאשעווסקי.

# איך בין א קאנדידאטקע אויף אן אקטריסע.

אז איך בין א היים געקומען פון דער ערשטער אידישער טהעאטער־פארשטעלונג וואס איך האב אין מיין לעבען געזעהן בין איך געוועזן וויא נייגעבוירען. איך האב דערפיהלט אין מיר עפעס וואס איך האב פריהער קיין מאהל ניט געפיהלט, עפעס האט מיך געצויגען, געגאגט מיין הארץ, איך בין אומגעגאנגען וויא אין א חלום. ביי אונז א שטוב איז מיר געווארען אומעטיג. אויף דעם טאטען האב איך א כעס געקראגען פאר וואס ער לאכט אפ פון די אידישע עקטארס, און טאג וויא נאכט פלעג איך איבערליגען ביי מיין שוועסטער קלארא׳ן אין הויז.

דארט האב איך נאכגעמאכט דיא עקטארס אזוי וויא איך האב זיי געזעהן אין „קאנקארדיע האל“, און אלע האבען געלאכט, אפילו מיין מאמע האט אויך געלאכט פון מיין ערשטער פראבע אלס עקטערקע.

מיין שוואגער לואי איז שוין איבער־א־נייעס ביזי געוועזן מיט די עקטארס. ער האט שוין ווידער אמאל גענומען דעם „קאנקארדיע האל“ און מען וועט דארט שפיעלען, זאגט ער, „דיא באבע מים׳ן איי[illegible]יקעל“. דערווייל, זאגט לואי, זיינען דיא חברה אקטיאר־טשיקעם הונגעריג און מיין שוועסטער קלארא זאגט, אז לואי זאל איינלאדען דעם הויכען עקטאר צו סאפער.

יענעם טאג האב איך שוין אין שול גאר נישט געקענט טהאן און האב געמוזט סטאפען א האלבען טאג. מיין באס מר. ראזענטאל, וואס האט זיך נאך אלץ גע׳שדכן׳ט צו מיר, האט אליין געהייסע, מיר געהן א היים און זיך אויסרוהען, אבער איך בין נישט געגאנגען א היים, אר צו מיין קלארא׳ן און דארט בין איך שוין געבליבען ווארטען, מיט הארץ נאפעליש, ביז ער, דער הויכער עקטאר מיט דיא שעהנע אויגען, וועט קומען צו סאפער.

יעדע מינוט איז מיר דאן געווען א יאהר, אלע מאהל בין איך אראפגעלאפען אין גאס א קוק טהאן אויב ער געהט שוין, ביז ענדליך איך האב דערלעבט צו דערזעהען איהם אין גאס פון וויטענס. איך בין גלייך ארויף אין שטוב און

פערסאפעטערהייד אויסגעשריען „ער געהט“! און טאקע באלד האב איך זיך בעהאלטען אין א ווינקעל אין „פארלאר“.

אריינגעקומען איז ער אין א ברוינעם מאנטעל, לאקירטע שיך, א הויכען סטאוו־פייפ, מיט א שטעקען אין דיא הענד, א קאלנער מיט ברייטע שפיצען און א גרויסען ווייסען קינסטלער שניפס. א יך האב פון מיין ווינקעל די גאנצע צייט פון איהם קיין אויג נישט אראפגענומען.

מיין שוואגער לואי מיט זיין פל ימעניק קומען אויך אן און אלע געהען זיי אריין אין פארלאר וואו איך שטעה אין ווינקעל פארדעקט מיט'ן קוירטען. דער גאסט דערזעהט מיך און פרעגט לואי'ן: „ווער איז דאס מיידעלע מיט דיא לאנגע צעפ?“ און קלארא ענטפערט אז דאס איז איהר שוועסטערל. ער איז פריינדליך צו מיר און וויל מיך אננעהמען ביי דיא האר אויף מיינע אקסעל, אבער ער כאפט צוריק זיין האנד מיט אן אויסגעשריי: „אוי!“ — און ווייזט מיר אז ער האט זיך צושטאכען אין מיין שפילקע. ער נעהמט דאן זיין האנד צום מויל כדי אויסצוזויגען דאס בלוט און זאגט צו מיר מיט א שמייכעל: „מיידעלע, איהר שטעכט זיך גאר?“

ביים סאפער איז מיין מאמע אויך ארויפגעקומען און מיר האבען אלע גערעדט. דער אקטיארסקע גאסט האט דערצעהלט אז ער קומט פון א פיינער משפחה, אז ער איז א רוסישער פון אסיטניאשקע, א דארף אין קיעווער גובערניע, נאר אויפגעוואקסען איז ער אין קאמינקע, אז ער האט געזונגען אלס משורר ביי ניכן בעלזער, דערצעהלט ער, און זיינע עלטערן מיט שוועסטער און ברידער זיינען אין נויארק און ער האפט צו ווערען א גרויסער אידישער קינסטלער.

מיר איז דער סאפער ניט איינגעגאנגען. עס האט מיך זעהר געקרענקט און געערגערט וואס ער האט צושטאכען זיין האנד אין דער פאסקודנער שפילקע אויף מיינע צעפ און אז ער איז אוועק בין איך א היים געלאפען און שטילערהייט געוויינט און פאר כעס האב איך אויף מיין געלעגער צובויגען מיין שפילקע און זיא ארויסגעווארפען דורך'ן פענסטער.

דיא פאר וואכען ביז צו דער פארשטעלונג פון „דיא באבע מיט'ן איינ־קעל“ בין איך ארומגעגאנגען וויא א ניט־דערקוילעטע טשיקען. איך האב נישט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, אין שאפ בין איך געווען וויא א צו־מישטע און אנשטאט צו ארבייטען האב איך אויסדערצעהלט מיין ביטער הארץ צו עני זילבערשטיין, מיין בעסטע חבר'טע. און אז זיא האט דערהערט פון מיר אז איך בין פארליעבט אין דעם הויכען עקטאר מיט דיא קוטשעראווע האר און



איך חלום נאָר וויא אזוי קען איך ווערען אַן עקטאָרקע, כדי צו שפּיעלען מיט איהם אין איינעם, איז עני עפּעס געוואָרען פרעמד צו מיר, גלייך זיא וואָלט גאָר קיין מאָהל מיין חבר'טע ניט געווען.

דערוויילע האָט מיר דער באָס מיינער מר. ראָזענטהאָל געוואָלט נעמען ווערען נמאָס און איך פערלאָז דעם שאָפּ און געה נעהמען לעסאָנס אין לעזען אידיש און אויך אין רעדען דייטש, ווייל דאמאלס האָט מען געמוזט קענען דייטש צו זיין א אידישער עקטאָר.

וועהרענד דעם איז ער, טהאָמאַ שעווסקי, „דער הויכער עקטאָר", ווי מיר האָבען איהם דאַן גערופען, געוואָרען אַן אָפטער איינגעהער צו מיין שוועסטער קלאַרא'ן אין הויז. איך בין געוואָרן אַבי סעל היימישער מיט איהם און איך פלעג אָבלאָכען פון זיינע עקטאָרס און האָב זיי איבערגעקרימט וויא זיי שפּיעלען. ער האָט זיך ווי פּאַרענטפערט אַז זיין קאָמפּאַניע איז נישט פון דיא גאָר אמת'ע אַקטיאָרען. דיא אמת'ע אידישע עקטאָרס וואָס מעגען שפּיעלען אין עדווין בוטה'ס קאָמפּאַניע, האָט ער געזאָגט, זיינען אין נויאָרק און ער האָט אָנגערופען דיא נעמען פון זילבערמאַן, חיימאָוויטש און ספּעציעל דיא חיימאָוויטשקע. זיא, האָט ער געזאָגט, איז א גרעסערע אַקטריסע ווי מערי הענדערסאָן. נישקשה, איך זאָל נאָר ניט לאַכען, האָט ער געזאָגט, ער אליין פיהלט אין זיך א טאַלאַנט און וועט נאָך אמאָהל זיין אזוי גרויס וויא עדווין בוטה. ווען ער פלעגט רעדען אזוי וועגען טהעאַטער און שוישפּיעלער פלעגט זיין בלאַס פּנים ווערען רויטליך, זיינע אויגען פלעגען שפּריצען מיט פייער און זיין יעדער קוק האָט געברענט.

צו דער צווייטער פאָרשטעלונג בין איך שוין געווען אַן אויסגעפּוצטע מחותן'עסטע, צוזאַמען מיט קלאַרא'ן בין איך געגאַנגען אין קאָנקאָרדיע האָל, מיינע האָר צולאָזען, קיין שפּילקעס האָב איך ניט אָנגעטהאָן — טאָמער וויל ער מיך אָננעהמען ביי דיא האָר, זאָל ער זיך ניט צושטעכען...

נאָך'ן צווייטען אַקט פון דיא „באָבע מיט'ן אייניקעל", בין איך מיט קלאַרא'ן אַרויף הינטער דיא קוליסען און ער, דער הויכער עקטאָר, גיט מיר א קליין קניפּעל אין באַק און זאָגט מיר, „העללאָ בייבי". איך רוק זיך אָפּ. איך האָב איהם נישט דערקענט. ער איז געווען אָנ געטהאָן אין א רויט סאַמעטען קלייד מיט א שלעפּ, א בלאָנדע קאָפּ האָר האָט ער געהאַט און א מעדעליאָנטשיקעל אויפ'ן האַלז. ער צולאַכט זיך און זאָגט: דאָס בין איך דאָך דער הויכער עקטאָר, געפעלט דיר מיין שפּיעלען ?

דאָס מאָהל איז דער האָל געווען גוט בעזוכט, מען האָט זעהר געפּאַטשט בראַוואָ און אַלע זיינען געווען צופריעדען.

נאָכדעם האָט „דער הויכער עקטאָר“ געגעבען נאָך אַ פאָרשטעלונג און האָט געשפּיעלט „זשידאָווקאַ“. ער איז געווען דער פּרינץ מיט גאָלע גאָלד בע־האַנגען. דיזע פאָרשטעלונג האָט איהם אריינגעבראַכט עטליכע דאָלער און דאָס געלד האָט ער פערווענדעט אויף צוריק־צו־שיקען זיין גאַנצע קאָמפּאַניע פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

ער אַליין בלייבט אין באַלטימאָר און קומט אַלע טאָג צו מיין שוועסטער קלאַראַ און זינגט לידער אַז אַלע שכנים לויפען זיך צוזאַמען.

אין איין אָבענד, ווערענד ער איז געווען ביי קלאַראַ׳ן אין שטוב און מיר זיינען געווען אַליין אין פּאַרלאָר, גיט ער מיר פּלוצלונג אַ זאָג: בוזילע, ווילסט ווערען אַ אידישע אַקטריסע?

# מיין ערשטער אויפטריט אַלס שוישפּיעלערין.

נאָכדעם וויא טהאָמאַשעווסקי האָט מיר שטילערהייד געפרעגט אויב איך וויל ווערען אַ אידישע אַקטריסע האָט זיך ביי אונז אין באַלטימאָר, און ספּע־ציעל ביי מיין שוועסטער קלאַראַ אין שטוב גענומען רודערן. עס איז געוואָרען לעבעדיג.

טהאָמאַשעווסקי איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן צו מאַכען אַ „שולע“ אויף צו לערנען אידישע עקטאָרס. און עס ווערט געגרינדעט אַ קלאָב און ווער עס וויל ווערען אַן עקטאָר אָדער עקטערקע דאַרף צאָהלען דיוס אין קלאָב (פון טאַלאַנט איז קיין פראַגע ניט, דער עיקר זיינען דיא דיוס). מענער 50 סענט אַ וואָך און פרויען 10 סענט אַ וואָך. דיא דיוס זיינען זעהר נויטיג געווען, ווייל מען האָט געמוזט צאָהלען דעם דירעקטאָר (טהאָמאַשעווסקי׳ן) ניין (9) דאָלער אַ וואָך, ער זאָל האָבען פון וואָס צו לעבען.

פון דיא דריי פאָרשטעלונגען וואָס ער האָט געגעבען אין באַלטימאָר איז איהם פאַרבליבען פּראָפיט — עטליכע פּאַטריאָטען. און אַז דיא חברה האָט דער־הערט פון שפּיעלען טהעאַטער, האָט מען גענומען ברייינגען האַלבע דאָלער מיט דיים׳ס, מיט גלאַט מתנות אַלס „אייביגען אָנדענקען“... און ווען דער הערר די־רעקטאָר זאָל געווען זאָגען למשל: „ברייינגט מיר דעם דאַך פון סיטי האָל, איך

מוז דאָס האָבען פאר א סינערי“, וואָלטען דיא פופציג סענטיגע טאַלאַנטען זיכער געווען געפּאָלגט, וואָרים אַז מען וויל שפּיעלען טהעאַטער, איז דען פאַראַן ערגעץ אַזאַ פּעסטונג וואָס דער „טאַלאַנט“ זאָל נישט דורכברעכען?

הכלל, מיר האָבען שוין אַ קלאָב אין באַלטימאָר אויף צו שפּיעלען אידיש טהעאַטער.

דיא מעמבערס, וויעפּיעל איך קען זיך דערמאָהנען, זיינען: רובין, אַ בוטשער מיט אַן אייגענע באָרד; קאָהן, אַ סעקאָנד הענדיגער קלאָדינג דיעלער פון העריסאָן סטריט מיט זיין ווייב מרס. קאָהן מיט אַ ניט־גלייכען פוס; דיא בראַנ־סקי׳ס, אַ פּאָר ברידערליך, אַדעסער חברה, פון דיא ריכטיגע טאַלאַנטלעך; מרס. זשידראַוויטשקע, מיין שוועסטער קלאַראַ׳ס אַ נעקסט־דאָריגע שכנה, אַ הויך־געוואַקסענע אידענע מיט אַ קאָפּ געגרייזעלטע האָר. זי האָט זיך בעריהמט אַז זי האָט נאָך געשפּיעלט טהעאַטער אין אַדעס און איהר טאַלאַנט איז נאָר אויף דיענסט־מיידלעך... אויסער דיזע קינסטלער זיינען אויך געווען מיין שוועסטער קלאַראַ מיט איהר מאַן לואי, (ער איז אודאי געווען אַ טאַלאַנט נאָך פון קיעווער טאַלטשאָק). אַ גראָסערי מאַן מיט׳ן נאָמען ראובן און איך אַליין. פּאָר קינדער ראָלען איז מיין טאַלאַנט בעשטימט געוואָרען. עס זיינען געווען נאָך עטליכע אידען אָבער ליידער, געדענק איך ניט זייערע נעמען. דיא אָרימע קינסטלער.

דער בוטשער רובין גיט אַוועק אַ גרויסע שטוב איבער זיין בוטשער שאָפּ, אַ ליידיגער פּאַלאַסט איז דאָס געווען, אָדער אַ פּוסטער שטאָהל, און קאַלט איז דאָרט געווען, כאָטש הינט צו פערטרייבען. מען שטעלט דאָרט אריין אַן אָרגאַן מיט עטליכע ביינקלעך און דער דירעקטאָר נעהמט אויספּרובירען דיא טאַ־לאַנטען...

אַלע, פאַרשטעהט זיך, האָבען אויסגעהאַלטען דיא פּראָבע — פּלאָם 14 קערעט, און מען נעהמט זיך צו שטודירען אַ פּיעסע מיט׳ן נאָמען „ראָטשילד׳ס ביאָגראַפיע“, דראַמאַ אין 4 אַקטען פון פּנ::ם טהאָמאַשעווסקי, מיט מוזיק פון באָרים טהאָמאַשעווסקי. עס פּאָדערט זיך כאָריסטען, און מיין שוואָגער לואי ברייגגט אַ גאַנצען באַנטש סיגאַרען־מאַכערס פון זיין שאָפּ און מיר האָבען שוין פאַרטיגע כאָריסטען אויך.

וויא זיס, וויא ליעב און טהייער איז מיר דיא עראינערונג פון יענער צייט! איך בין געגאַנגען אין מיינע קורצע קליידעלעך, מיט מיינע לאַנגע בלאָנדע צעפּ, אַזוי שטאָלץ, אַזוי גליקליך, דיא גליקליכסטע אויף דער גאַנצער וועלט! איך וועל באַלד שפּילען אמת׳דיג טהע׳אַטער, ד׳וועל זיין אַזאַ גרויסע עקטערקע

וויא מערי הענדערסאָן, וויא דער דירעקטאָר האָט מיר דאמאלס געזאָגט, איך וועל ווערען בעריהמט! — א שאָד וואָס מען איז נאָר יונג איינמאָל, יונגערהייד — וואו נעהמט מען א צ י נ ד יענע גליקליכע בעגייסטערונג!?

די דראמא „ראָטשילד'ס ביאָגראפיע" איז געווען אזוי: מאיר אנשיל ראָטשילד וואוינט מיט זיין אָרימער מאמען אין א קליין אָרים שטיבעלע. ער זינגט א הארץ־רייסענד ליעדעלע און נעהמט זיין געליעבטע כלה און געהט אוועק אין גאס קלייבען שמאטעס. געהן זיי ביידע אין גאס, אויפ'ן מארק, און קלייבען שמאטעס און זינגען. פּלוצים געפינט מאיר אנשיל א גרויסען טייסטער מיט א סך געלד, אָבער ער גיט עס אָפּ צום אייגענטהימער און מען נעהמט איהם דערפאר אריין אלס בוכהאלטער אין א גרוים געשעפט.

זיין געליעבטע קומט צו איהם אין געשעפט און אהין קומט אויך א פּרינץ, און דער פּרינץ פארליעבט זיך אין מאיר'ס געליעבטע כלה און מען גנב'עט אוועק דיא כלה צום פּרינץ אין וואלד אריין.

דאָרט אין דעם ווילדען וואלד שטעהט דיא אָרימע כלה צוגעבונדען צו א ברונעם און דער פּרינץ מיט א לאנגען שווערד ערקלעהרט זיך איהר אין ליעבע. דיא כלה זאָגט „ניין", און דער פּרינץ וויל איהר פארברענען.

איז דאָך שלעכט, הא? טהוט אָבער גאָט א נס און עס קומט צו פאהרען אין וואלד אריין מאיר אנשיל אויף א שיף און ראטעוועט זיין כלה פון דעם גרויזאמען פּרינץ און אנטלויפט מיט איהר אויף א פערד רייטענדיג.

אין דריטען אקט האָט שוין מאיר אנשיל חתונה געהאט מיט זיין כלה און זיי האָבען שוין א מיידעלע פון צוועלף יאָהר, מיט לאנגע בלאָנדע צעפּ, אין קורצע קליידעלעך (מיין ראָלע) און עס קומט צו פאהרען פון ערגעץ א רייכער קעניג מיט א קעניגין און זיי ברייננען א אלל־לאט זעק מיט געלד און געבען דאס אין גאנצען אוועק צו מאיר אנשיל ראָטשילד צו בעהאלטען. דאן פאהרען זיי צו־ריק אוועק ערגעץ. באלד וויא דער קעניג מיט דער קעניגין פאהרען אוועק ווערט ביי מאיר אנשיל'ן א פּאָגראָם און מען וויל צונעהמען דאס געלד, אָבער נישט מאיר אנשיל איז דער איד וואָס לאָזט צונעהמען דעם קעניג'ס געלד, ער הרג'עט אוים א דאָרף מיט סיגארען מאכערס, גוים, הייסט עס, און ער טראָגט אליין אוועק דאס גאנצע געלד צום קעניג ערגעץ. (וואו דער דאָזיגער קעניג האָט געקי־ניגט וויים איך נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט, דער „דירעקטאָר" האָט אונז נישט געוואָלט אויסזאָגען...) און צום לעצט בעלוינט דער געוויסער קעניג דעם „בראַ־ווען אָרימען יודע" און ער שענקט איהם אוועק אָט דיא אלע זעק מיט געלד און

ראטשילד זאגט: „איך דאנקע איהנען גרויסער קעניג". און אזוי ווערט ראטשילד רייך און אלע זיינען גליקליך.

דיא ראלען זיינען געווען פארטהיילט אזוי:

באריס טהאמאשעווסקי, אלס מאיר אנשיל ראטהשילד; קלארא לעוויצקי (מיין שוועסטער) אלס דיא כלה; מרס. זשידראוויטשקע, מיט'ן פנים'ל, אלס ראטשילד'ס מאמע; לואי, (מיין שוואגער) אלס דער פרינץ; רובין דער בוטשער, אלס קעניג, און מרס. קאהן, מיט'ן קרומען פיסעל אלס דיא קעניגין, און בעסי קויפמאן, (איך אליין, הייסט עס), אלס ראטשילדס קינד ,דאס צוועלף יעהריגע מיידעלע מיט דיא לאנגע צעפ.

פיער וואכען האבען מיר געמאכט פראבען, דער דירעקטאר האט געלערנט, דיא „טאלנטען" האבען געצאהלט דיוס, און באלטימארער אידען האבען זיך גע־גרייט צו געהן אין אטארני האל, אויף וועסט באלטימאר סטריט, זעהן „ראט־שילד'ס־ביאגראפיע".

צוויי טעג בעפאר דער פארשטעלונג, ווען אלעס איז שוין געווען רעדי, געשעהט אזעלכעס וואס נאר צווישען ארטיסטען טרעפט זיך עס, נעמליך: דער הערר דירעקטאר צופאטשט זיך מיט מיין שוואגער לואי. ס'ווערט א סקאנדאל און לואי מיט קלארא'ן פערלאזען דיא קאמפאניע און מיר בלייבען אהן א פרינץ און אהן א געליעבטע כלה.

און דא איז צוויי טעג צו דער פארשטעלונג און דער דירעקטאר איז שרעקליך נערוועז, אבער ער פערליערט זיך ניט און פאלט אויף א פלאן, — ער פרעגט מיך אויב איך וואלט זיך אונטערגענומען שפיעלען דיא געליעבטע כלה. איך ענטפער בעשטימט יא. און ער הייסט מיר זינגען דאס ליעדעל וואס קלארא האט געדארפט זינגען:

איך קוק אין פענסטער, דארט און דא;
איך זעה איהם נישט, ער איז נישטא.

דעם דירעקטאר געפעלט עס און מען ווארפט ארויס דאס קינד פון דער פיעסע. מען קריגט אנאנדער „פרינץ" און אין צוויי טעג ארום, טרעט איך אויף אלס „דיא כלה", — מיין ערשטער אויפטריט אלס אידישע שוישפיעלערין.

# איך שפּיעל דיא ערשטע ראָלע.

איך בין געווען זעהר גליקליך וואָס איך האָב געקראָגען דיא ראָלע אַלס „דיא כלה" אין דער פּיעסע „ראָטשילד'ס ביאָגראַפיע".

אזוי גליקליך, אַזוי בעגייסטערט און אַזוי איבערראַשט בין איך געווען, אַז פון גרויס בעגייסטערונג בין איך אַזש קראַנק געוואָרען.

דעם גאַנצען טאָג פאַר דער פאָרשטעלונג, בין איך געלעגען אין אַ שרעקליכען פיבער. איך האָב נישט געקענט קומען צו פּראָבע און ער אַליין, דער דירעקטאָר, הייסט עס, איז געקומען צו אונז זעהן וואָס איך מאַך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס דער דירעקטאָר איז אַרויפגעקומען צו מיין טאַטען אין שטוב.

אַז איך האָב איהם דערזעהען, איז דער פיבער פארשוואונדען, מיין הארץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען אַזוי שטאַרק, אַז אַלע אין שטוב האָבען דאָס געקענט הערען. איך האָב געלאַכט און זיך געפרעהט, וויא אַ קליין קינד, ווען עס קריגט אַ שעהנע צאַצקע. איך האָב פּלוצים ליעב געקראָגען דיא גאַנצע וועלט און געוואָלט אַלעמען קושען.

איך בין צוגעשפּרונגען צו מיין טאַטען, איהם אַרומגעכאַפּט אַרום האַלז און איהם געקושט און אַזוי קושענדיג האָב איך איהם פאָרגעשטעלט דעם דירעקטאָר, מר. באָריס טהאָמאַשעווסקי. דער טאַטע מיינער האָט איהם דערלאַנגט אַ קאַלטען שלום עליכם און מיין מאַמע האָט איהם אויפגענומען מיט וואַרעניע און הייסע טהעע.

מאָרגען איז דיא פאָרשטעלונג! מאָרגען וועל איך שפּיעלען טהעאַטער!

דיא נאַכט איז שוין ענדליך אַוועק, עס איז געקומען דער פריהמאָרגען, דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג. גאַנץ פריה זיינען מיר זיך אַלע צונויפגעקומען אין „טוירן האָל", מיר האָבען אָבגעמאַכט דיא לעצטע פּראָבע, און אַרום איינס אַ זייגער ביי טאָג האָט זיך טהאָמאַשעווסקי גענומען פארשטעלען אונזערע אַקטיאָרען אַזוי, אַז מען זאָל זיי נישט דערקענען. ביז צום אָבענד זיינען שוין אַלע געווען פארשטעלט, גרימירט הייסט דאָס, אַ חוץ איך און ער אַליין.

גאָר שפּעט, אַרום האַלב נאָך זיבען אין אָבענד, האָט ער מיך גרימירט אַלס „דיא כלה", און זיך אַליין אַלס „מאיר אנשעל ראָטשילד", דעם חתן.

איך זיץ אָנגעטהאָן און גרימירט אַלס „כלה", אָבער מיין קאָפּ דרעהט זיך

מיר וויא ביי א שיכור, נישט וויא ביי א כלה. ער געהט אלע ווײלע צו צו מיר, און זאגט מיר, איך זאל זיך ניט שרעקען און נישט ווערען נערוועז. ער ווייזט מיר נאך אמאהל וויא אזוי ארייצוקומען אויף דער ביהנע. מיר דוכט זיך אויס, אז קיין גרינגערע זאך איז גאר נישטא אויף דער וועלט. אט קום איך אריין און אט בין איך שוין דא.

אבער דאס הארץ טיאכקעט מיר פון דעסטוועגען גאנץ שטארק. עס ווערט מיר אלע מאל קאלט און היים, א שוויים שלאגט מיר ארויס. איך וויש מיין פנים און צושמיר דיא פארבען, ער מוז מיך גרימירען אויפ'ס ניי. ענדליך קלינגט א גלאק און אלע שטעלען מיר זיך אויס הינטער דיא קוליסען. דער קוירטען געהט אויף און — דיא שפיעלט פאנגט זיך אן . . .

אויף דער ביהנע שטעהט „ראטשילד" (טהאמאשעווסקי) און זינגט א טרויעריג ליעד. דער עולם אפלאדירט אזוי שטארק, אז ער מוז דאסזעלבע ליעד זינגען נאך אמאהל. ראטשילד'ס מאמע (זשידראוויטשקע) פארעט זיך ארום דיא שמאטעס.ביידע רעדען אפ און עס דארף שוין אריינקומען „דיא כלה", איך אליין הייסט עס.

אבער . . . איך שטעה הינטער דיא קוליסען, וויל אריינגעהן אויף דער ביהנע און קען נישט, פונקט וויא אימיצער וואלט מיך דא צוגעוואקעט. איך הער ווי טהאמאשעווסקי זאגט: „וואו איז דאס מיין געליעבטע כלה, ווא־רום קומט זיא נאך ניט?"

איך שטעה און קען זיך נאך אלץ ניט ריהרען פון ארט. עפעס זיינע לעצטע ווערטער זיינען מיר גאר פרעמד, ביי פראבע האב איך קיינמאהל נישט געהערט ער זאל דאס זאגען (איך האב דאן נישט געוואוסט אז מען קען רעדען „ארבעל פראזא"). און איך שטעה.

פלוצים הער איך וויא ער שרייט אויס: אך, מוטער, אט דארט קומט מיין כלה, איך מוז איהר אנטקעגען לויפען — און ער קומט אראפ פון סטיידזש, כאפט מיך אן ביי דער האנד און פיהרט מיך ארויף אויף דער סצענע.

דיא ביהנע איז געווען בעלויכטען ליכטיג, אבער מיר איז פון דער ליכטיגקייט געווארען פינסטער אין דיא אויגען, איך האב קיינעם נישט געזעהען, איך בין געבליבען שטעהן וויא א הילצערנע אינדיאנערקע לעבען א ציגאר סטאר און האב פארלוירען דאס לשון. איך שטעה און שווייג. געהט ער צו מיר צו און זאגט: נו, מיין טהייערע כלה, האסטו מיר גאר נישט וואס צו זאגען? זאג, שעהם דיך נישט! . . .

אזוי וויא דורך א כישוף האָב איך געקראָגען שפּראַך, איך האָב מיט אַמאָהל געגומען זאָגען, נאָר אַז זאָגען זאָל זיין געזאָגט, איך האָב דיא ראָלע געקענט אין גאַנצען אויסוויינינג — האָב איך געזאָגט אָהן אַן אָבהאַלט... דיא ווערטער פון ערשטען אַקט האָט מיר נישט געגומען לאַנג אָבצוזאָגען, און איך האָב אריינגעזאָגט אַ שטיק פון צווייטען אַקט. איך וואָלט זיכער געוועזן אָבגעזאָגט מיינע ווערטער פון אַלע פיער אַקטען, דאַ, באַלד ביים סאַמע אַנפאַנג, נאָר ער איז צוגעלאָפּען צו מיר און מיר צוגעטראָגען אַ שטוהל און געזאָגט: זעץ דיך, מיין טהייערע כלה, און רוה דיך אָפּ אַביסעל...

איך בין שטיל געוואָרען. עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר דיא אויגען, דער קאָפּ האָט זיך מיר אָנגעהויבען דרעהען, עס איז מיר נישט גוט געוואָרען, און איך האָב דערפיהלט, אַז אָט פאַל איך אַנידער. איך האָב זיך אַ שאָקעל געטהאָן, מיט איין האַנד האָב איך זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, מיט דער צווייטער האַנד האָב איך אָנגעכאַפּט דיא שטוהל און מיט אַ שוואַכער שטימע האָב איך אויסגעשריען: „אוי, פיהרט מיך אַראָב, וואָרים איך וועל באַלד —" און — פליאַך! איך ליעג שוין אויפ'ן פלאָר. איך בין געפאַלען אין חלשות.

מען האָט מיך באַלד אָפּגעמינטערט. דער עולם אין האָל האָט זעהר אַפּלאָדירט און געשריען בראַוואָ (פאַר מיין „נ א ט י ר ל י כ ע ן" שפּיעלען). טהאָמאַשעווסקי האָט מיך אַרויסגעפיהרט זיך גויגען עטליכע מאָל און מיר האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז געוועזן אויסגעצייכענט. ער האָט געהייסען לאָזען פאַלען דעם קוירטען באַלד ווי איך האָב גע'חלש'ט, און דאָס פּובליקום האָט געמיינט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין.

נאָכדעם איז שוין געבליעבען, אַז מען האָט געשפּיעלט דיא דאָזיגע פּיעסע „ראָטשילד'ס ביאָגראַפיע", האָט דיא „כלה" געמוזט חלש'ן אום צו שליסען דעם ערשטען אַקט.

איך האָב געקראָגען אַביסעל קוראַזש, און אין צווייטען אַקט שפּיעל איך שוין כמעט ווי מען האָט מיך געלערענט. נאָר צום פּובליקום האָב איך נאָך אַלץ מורא אַ קוק צו טהאָן און דיא עלעקטרישע לעמפּעלעך שטעכען מיר דיא אויגען.

ביי דער סצענע, וואו איך שטעה אין וואַלד, און דער „פּרינץ" וויל מיר שטעכען און „ראָטשילד" (טהאָמאַשעווסקי) קומט אָן און ראַטעוועט מיך, כאַפּט ער מיר אַרום און גיט מיר אַ קוש. איך האָב זיך זעהר פאַרשעהמט און האָב אויסגעשריען הויך: „סטאָפּ, דיא מאַמע קוקט!"... דאָס פּובליקום האָט זיך צו־

לאכט און איך בין אראפגעלאפען פון סצענע, איך האב נישט געווארט ביז „ראטשילד“ וועט מיך רעטען. איך האב זיך אליין גערעטעט . . .

דעם דריטען און פיערטען אקט האב איך שוין געשפיעלט וויא אן אמת'ע עקטערקע. און ווען איך האב געזונגען מיין בעריהמטע ליעד: „איך קוק אין פענסטער דארט און דא, איך זעה איהם ניט, ער איז נישטא“, האט מיין חבר'טע, עני זילבערשטיין, אויסגעשריען פון פובליקום „הורייי פאר בעססי!“

נאך'ן שפיעלען זיינען מיינע בעקאנטע ארויפגעקומען אויפן סטיידזש און מיר גראטולירט. עני זילבערשטיין האט מיר ארומגעכאפט קושען און איך בין געשטאנען וויא צומישט, נישט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט. עפעס בין איך געווען וויא אין א טומאן, וויא איך וואלט געווען אין היהנער־פלעט.

איך האב געקוקט אויף אלעמען, און נישט געהאט וואס צו זאגען. ס'האט זיך מיר נאר געוואלט פרעגען אימיצען: „וואס איז דא געווען?“

איך האב זיך אבגעוואשען דיא פארב פון פנים, איך האב אויסגעטהאן דיא קליידער פון ראטשילד'ס ווייב און זיך צוריק אנגעטהאן מיינע אייגענע קורצע קליידעלעך, און מיינע חבר'טעס האבען מיך בעגלייט א היים.

# מיין ערשטע טראגישע ענטוישונג.

אז איך בין געקומען א היים פון מיין ערשטען אויפטריט אלס שוי־שפיעלערין, איז שוין געווען שפעט ביי נאכט, און איך בין באלד געגאנגען שלאפען. איך קען ניט זאגען אז מיר האט זיך עפעס גע'חלום'ט יענע נאכט וועגען מיין ערשטען אויפטריט, ניין, עס האט זיך מיר גאר נישט גע'חלום'ט — ווייל איך בין נישט געשלאפען, איך האב נישט געוואלט שלאפען, איך האב געטראכט וועגען שפיעלען טהעאטער.

ביי דער פארשטעלונג האט מיר דער דירעקטאר געזאגט אז איך האב טאלאנט און איך זאל אונבעדינגט ווערען א שוישפיעלערין, ווייל איך האב א גרויסע צוקונפט. אט זיינען זיינע ווערטער: „בוזילע, ווער אן אקטריסע, וועסט האבען א גרויסע צוקונפט“. נו, וויא קען מען פארגעסען אזעלכע ווערטער?

ניין, דאס פארגעסט זיך נישט. און ווען איך בין געלעגען אויף מיין געלעגער האט מיין יונגע פאנטאזיע געמאהלען וויא א מיהל; איך האב מיך פאר־געשטעלט אז איך בין בעריהמט אלס דיא גרעסטע שוישפיעלערין פון באלטימאר.

ניין, פון דער גאנצער וועלט טאקע, איך בין אזש געוואָרען מיין אייגענע פּאַ־טריאָטקע און האָב זיך אליין ליעב געקראָגען, איך האָב מיך אליין פארגעטערט פאר מיין טאלאנט, איך בין ווירקליך געווען צו גליקליך און האָב דערפאר נישט געקענט איינשלאָפען.

און דאָס אלץ האָב איך צו פערדאנקען דעם דירעקטאָר, וואָס איז שעהן וויא אלף חנען. דאָס האָט ער מיר געזאָגט אז איך האָב א גרויסע צוקונפט, נו, דארף איך נאָך זאָגען אז איך האָב איהם דאמאלס פארגעטערט, מיין גאָט איז ער געווען.

איך בין געלעגען אויף מיין געלעגער און האָב זיך פאַרגעשטעלט אז מיר ביידע, איך מיט׳ן דירעקטאָר, שפּיעלען צוזאַמען אין דיא גרעסטע טהעאטערע און צעהנדליגע טויזענדע מענשען אפּלאָדירען אונז און מיר שטעהען ביידע אין פראָנט פון סטיידזש און נייגען זיך פאר׳ן פּובליקום וואָס בעווארפט אונז מיט בלומען, יא, אונז ביידען, איך אלס „דיא כלה“, דיא העלדינע, און ער, אלס העלד וואָס ראטעוועט מיך פון דעם שלעכטען פּרינץ. ער, דער דירעקטאָר, אלס רעלד, מ י י ן העלד . . .

עס איז שוין גרויסער טאָג. איך ליג נאָך אויף מיין געלעגער און הער וויא דיא מאַמע דערצעהלט דעם טאַטען פון דער נעכטיגער פאַרשטעלונג. דער טאַטע טענה׳ט אז דיא פּורים־שפּיעלער קריכען איהם נישט אין פּיאַטע, אָבער דיא מאַמע פערזיכערט איהם אז דיא שפּיעל איז א געוואלדיגע און אז בוזי ,דאָס הייסט, איך) איז געווען שעהן, אויפן סטיידזש, וויא א גאָלד. אלע זיינען געוואָרען דיא כפּרה פאר איהר (פאַר מיר, הייסט עס). און אָט האָט זיא, דיא מאַמע, הייסט עס, געהערט אין גראַסערי וויא דיא ווייבער דערצעהלען דיא חידושים וויא אזוי דאָטהשילד איז געוואָרען פון א שמאָטע־קלייבער א גרויסער גביר און אז בעסי קויפמאן, דערצעהלען דיא ווייבער, איז א מזיק, א מיידעל, זיא עקטעט וויא א רעגעלע עקטערקע.

איך שפּרינג אראָפּ פון מיין געלעגער, כאַפּ ארום מיין מאַמען און קוש זיא פאַר דער גוטער בשורה, און איך פיהל מיך שטאָלץ.

אין אָבענד איז צו אונז ארויפגעקומען דער דירעקטאָר. מיין טאַטע גיט איהם אָפּ שלום, און ער, דער דירעקטאָר, דערצעהלט מיין טאַטען אז איך האָב געשפּיעלט מיין ראָלע בעסער וויא ער האָט ערוואַרטעט און אז איך האָב טאַ־לאַנט צו זיין א גרויסע אַקטריסע. ער בעט מיין טאַטען אז איך זאָל נישט גע־שטערט ווערען פון צו געהן אויף דער ביהנע. דיא מאַמע איז דערווייל מכבד



דעם דירעקטאָר מיט וואָרעני און איך טראָג טהעע צום טיש. נאָר פּאָר גרויס גליק קען איך דיא אויגען פון איהם נישט אָברייסען און איך פאַרטשעפּע זיך אין א שטוהל און פאַל מיט דער טהעע. אָבער איך האָב געדאַנקט גאָט וואָס איך בין געפאַלען, וואָרים כאָטש איך האָב א גלאָז צובראָכען איז דאָס אָבער אַלץ ווערטה געווען, ווייל ער אַליין איז שנעל צוגעלאָפען צו מיר און מיך צערטליך אויפגעהויבען.

זינט דער פאַרשטעלונג איז דער דירעקטאָר געווען ביי אונז שוין עטליכע מאָל, און יעדען מאָל וואָס איך זעה איהם, קומט מיר צו א שטיק געזונד, אָבער יעדען מאָהל וואָס ער געהט אוועק, קומט מיר אָפּ צוויי מאָהל אזוי פיעל געזונד. איך וואָלט וועלען איהם זעהן כאָטש א גאַנצען טאָג, ניין, שטענדיג און קיינער זאָל נישט זיין דערביי, נאָר איך מיט איהם, אָבער אויף צו להכעיס איז שטענדיג דאָ אימיצער אין שטוב ווען ער קומט ארויף צו אונז און ספּעציעל מיין שוועסטער קלאַרא. זיא איז גאָר איין אָנשיקעניש עפּעס. ווען ער גיט אויף מיר א קוק, מאַכט זיא א מינע וויא זיא דערלעגט דערצו דער באָבע'ס ירושה.

מיין גאָט, וואָס איז דאָס מיט מיר געוואָרען? ניט אַנדערש, דער די־רעקטאָר האָט מיך פער'כישופ'ט. קומט ער ארויף צו אונז אין הויז בין איך וויא משוגע, עס וואַרפט מיר וויא אין קדחות, איך ברען וויא א פייער, אָט ווילט זיך מיר טאַנצען, זינגען, שפּרינגען, און אָט ווילט זיך מיר וויינען, איך וויים יישט אויף וואָס'ער וועלט איך בין. וואָלט איך כאָטש צו אַלע שווארצע יאָהר עלטער געווען מיט א פּאָר יאָהר, איז אויף צו להכעיס שלעפּען זיך דיא טעג וויא אַלטע פערד און איך מוז זאָגען אז איך בין נאָך נישט קיין פופצעהן, אנשטאָט וואָס איך וואָלט שוין וועלען גערן זאָגען אז איך בין שוין דאָס אַכצעהנטע יאָהר.

אפּנים אז איך בין טאַקע פארליעבט, ווייל דיא מאַמע האָט שוין מיר א פּאָר מאָל געזאָגט מיט רחמנות: „זעה נור וויא דו קוקסט אויס, א שעהנערע ליגט מען דאָך אין דר'ערד אריין, אז פאַרדרעהט זאָל ווערען דעם קאָמע־דיאַנשטשיק זיין קאָפּ וויא־ער האָט דיר פאַרדרעהט דיין קאָפּ“ . . .

איך וויים נישט, איך קען נישט אָבגעבען קיין רעכנונג וואָס דאָס איז, איך וויים נאָר אז מיט איהם איז מיר אַלעס זיס, ליעב און טהייער, און אָהן איהם איז מיר אַלעס נמאס, דאָס גאַנצע לעבען איז מיר נישט ליעב, דער די־רעקטאָר איז מיין אַלצדינג — איך האָב איהם ליעב!

אין א פּאָר טעג אַרום קומט אַרויף צו אונז דער דירעקטאָר און געזעגנט

זיך מיט אונז און זאָגט אַז ער פאָהרט אוועק קיין נויאָרק, אויף וויא לאַנג ווייסט ער אַליין נישט.

איך האָב געפיהלט וויא אימיצער וואָלט מיט אַמאָל איבערגעשניטען מיין הארץ מיט אַ שאַרפען מעסער. איך האָב ניט געוויינט און ניט געזאָגט גאָר נישט, איך בין נאָר געבליבען שטעהן וויא אַ פלאָקען און געשוויגען. שטילערהייד האָב איך איהם נאָכגעקוקט וויא ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אונזער הויז, ביז כ'האָב איהם מעהר נישט געזעהען.

עס זיינען אַוועק עטליכע טעג, איך בין שיער משוגע געוואָרען פון ביינקעניש און פון הארצווייטאָג, איך האָב געוואָלט פאַרשטעהן וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען אין דיא לעצטע פאָר וואָכען: אָט האָב איך געשפיעלט טהעאַטער, אָט האָב איך גע'חלום'ט וועגען אַ צוקונפט, אָט האָב איך זיך פאַרליעבט — און איהם אַפילו ניט געזאָגט וועגען דעם — און אָט איז ער אַוועק און דיא שוועסטער־מיינע רייצט זיך מיט מיר אַז דער אַקטיאָרשטשיק וועט שוין קיין מאָל ניט קומען צוריק.

גאָט מיינער! איך וועל זיך נאָר דאָס לעבען נעהמען!

עס זיינען אַוועק צעהן לאַנגע טעג, דיא לענגסטע שרעקליכע טעג וואָס איך האָב ווען איבערגעלעבט און עס קומט אָן צו אונז אַ טעלעגראַמע אויף מיין נאָמען; דיא טעלעגראַמע איז פון איהם, פון דירעקטאָר באָריס טהאָמאשעווסקי, ער קומט צוריק אין באַלטימאָר און איך זאָל איהם ערוואַרטען ביים יוניאָן דיפאָ!

# איך ווער אויס אַקטריסע.

מיין גרויסע פרייד ווען איך האָב ערהאַלטען דיא טעלעגראַמע פון'ם דירעקטאָר אַז ער קומט צוריק, איז ניט צו בעשרייבען. מיך האָט ניט געאַרט וואָס דער טאַטע האָט זיך געבייזערט און מיך ניט געלאָזט געהן איהם באַגעגנען. איך האָב זיך אַרויסגע'גנב'עט פון שטוב און בין אַ גליקליכע אוועק צו יוניאָן דיפאָ.

דיא פאָר מינוט איידער דיא טריין איז אָנגעקומען, האָבען מיר אויסגעוויזען וויא אַן אייביגקייט.

ענדליך איז אנגעקומען דיא טריין, און איך דערזעה וויא ער שטייגט ארונטער פון וואגאן. איך לאז מיר לויפען צו איהם.

ליידער בין איך אבער ניט געווען דיא איינציגע איהם צו בעגעגנען. עס האבען אויף איהם געווארט נאך פריינד זיינע . . .

ער האט מיר געדריקט דיא האנד מיט א פריינדליכען שמייכעל און האט זיך ארייגעזעצט אין דעם קערידזש, וואס יענע פריינד זיינע האבען פאר איהם אנגעגרייט, און א מאך טהוענדיג מיט זיין העט צו מיר, און זאגענדיג „גוד באי!" איז ער אוועק אין שטאדט אריין.

איינע אליין, וויא איך בין אנגעקומען צום דיפא, בין איך אוועק צוריק.

אז איך בין געקומען א היים, בין איך ניט געווען צו דערקענען. איך האב א קוק געטהאן אין שפיעגעל און איך האב זיך דערמאהנט אין מיינע חדר־יאהרען, ביי אונז, אין דער קליין שטעטעלע טאראשטשע. איך האב זיך דערמאנט וויא איך האב אמאהל געזעהען וויא דער רבי האט אבגעשמיסען א אינגעל. בשעת דאס אינגעל איז געגאנגען צוריק אויף זיין פלאץ פון רבין'ס באנק, האט ער פונקט אזוי אויסגעזעהען וויא איך אצינד . . .

פון דעסטוועגען האב איך זיך געטרייסט וואס איך האב איהם, דעם די־רעקטאר, הייסט עס, פארט געזעהן.

אויף מארגען שיקט ער מיך רופען אין קלאב אריין. איך קום און ער זאגט מיר אז ער געהט שפיעלען נאך א פארשטעלונג און אז איך האב דארט א גרויסע ראלע.

איך בין דערפון זעהר צופריעדען, און בין איהם מוחל וואס ער האט מיך געלאזען אליין ביים דיפא. ווען איך געה פון קלאב א היים געהט ער אויך מיט מיר און אויפן וועג, זאגט ער מיר, אז ער האט מיר געבראכט א מתנה פון נויארק. איך מיין אז ער מאכט חוזק פון מיר, אבער ער גיט מיר א בראסלעט צוזאמענגעשטעלט פון 10 סענט שטיקלעך און עס זיינען אויסגעקריצט אויף זיי דיא נעמען בעסי קויפמאן און באריס טהאמאשעווסקי.

ביים אוועקגעהן בעט ער מיך, איך זאל קומען צו דיא בראנסקי'ס (מעמבערס פון אונזער דראמאטיק קלאב) ווען מיר זיך דארט פארברייגנען.

אין אבענד טהו איך מיר אן צו געהן צו דיא בראנסקי'ס. דיא מאמע האט מורא איך זאל געהן אליין, שיקט זיא מיט מיר מיט מיין קליין שוועסטערל רייטשעל, א מיידעלע פון א יאהר צוועלף, און מיר געהען אוועק אהין.

דער דירעקטאר איז געווען פרעהליך און בעזאנדערס גוט צו מיר. מען

האָט זיך דאָרט גוט אַמוזירט. מיר האָט זיך אַלע ווײַלע געגלוסט אַרויסצוּרוקען דעם אַרבעל און צו ווייזען דיא מתנה, מיין בראַסלעט, וואָס איך האָב געקראָגען פון׳ם דירעקטאָר. ער האָט דערצעהלט פון דער נייער פּיעסע וואָס ער וועט באַלד שפּיעלען. ער האָט זעהר געלויבט דיזע דראַמאַ מיט׳ן נאָמען „דיא חליצה“. מיר האָט ער געזאָגט, אַז איך וועל שפּיעלען דיא ראָלע פון „הדסה“, נאָר איך מוז אָבער וויינען מיט אמת׳ע טרעהרען, בשעת איך בעט ביי מיין פערשטאָרבענעם מאַן׳ס ברודער דיא חליצה, און דאָס פּובליקום מוז אויך וויינען, ווייל דאָס איז אַ דראַמאַטישע ראָלע, האָט ער געזאָגט.

ער האָט אונז אָבגעפיהרט אַ היים.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום מאַכען מיר שוין פּראָבע פון דער נייער פּיעסע „דיא חליצה“. איך קען מיין ראָלע אויסוויינינג און ביי דער סצענע, ווען איך בעט חליצה ווײן איך טאַקע מיט אמת׳ע טרעהרען. מיר האָבען געמאַכט פּראָבען עטליכע וואָכען, און איך האָב מיר אָנגעוויינט וויפיעל דאָס האַרץ האָט מיר געגלוסט. פון יעדע פּראָבע פלעג איך קומען אַ היים מיט פערוויינטע רויטע אויגען.

דיא פאָרשטעלונג פון „דיא חליצה“ איז געוועזען מיין צווייטער אויפטריט. איך האָב שוין אַביסעל מעהר פערשטאַנען וויא צו שטעהן אויף דער ביהנע, דיא ראָלע האָב איך געקענט גוט און דיא שטאַרקע סצענע ביים וויינען האָב איך דורכגעפיהרט וויא עס בעדאַרף צו זיין. דיא טרעהרען האָבען זיך ביי מיר געגאָסען אַזוי וויא איך וואָלט דאָס טאַקע געוועזען דיא אונגליקליכע הדסה, און דאָס פּובליקום האָט געבליפּעט, אַז עס איז געוועזען אַ מחיה צו הערען. איך האָב דאַן געמאַכט מיין ערשטען ערפאָלג און בין געוואָרן „בעריהמט“ אין גאַנץ באַלטימאָר.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אונזער קלאָב איז געוואָרען אויס קלאָב. דער בוטשער האָט איינגעזעהען, אַז ער׳ט שוין בעסער האַקען פליישׁ איידער „האַקען פּראָזא“, און קאָהן דער קלאָדינג דיעלער פון הערריסאָן סטריט, האָט מורא געהאַט, אַז זיין ווייב מיט׳ן קרומען פיסעל זאָל ניט ווערען „בעריהמט“ און אַוועק פון איהם מיט אַן עקטער. אַ פּאָר סיגאַרען מאַכערס האָבען גלאַט פערלאָרען זייערע דזשאָבס צוליעב זייער טהעטיגקייט אין קלאָב, און זיי האָבען נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָהלען דיא דיוס. דערצו האָט נאָך מיין שוואָגער לואי, זינט ער האָט זיך צופּאַטשט מיט׳ן דירעקטאָר, „געאַרבייט“ געגען איהם, אַז מען זאָל איהם ניט צאָהלען דיא 9 דאָלער אַ וואָך ווייזדשעס, און אַזוי איז זיך דער קלאָב צופאַלען געוואָרען.

דער דירעקטאָר נעהמט מיך און מיין קליין שוועסטערל רייטשלען און מיר געהן אוועק אין „שלעגעלס האָל" עפּעס אין אַ זייטיג געסעל. דאָס איז געווען אַ „ביער האַלע". מען האָט געכליאַפּטשעט פאַר אַ ניקעל אַ גרויסען סקור־נער ביער און מיר האָבען געזונגען קופּלעטען. אַ מין אַטלאַנטיק גאַרדען איז דאָס געווען, נישקשה'דיג שמוציג דערצו.

מיר זינגען און מאַכען „סוקסעס", און דער דירעקטאָר בעשליסט צו ברייגען אַן „אַטרעקשאָן" פון נויאָרק, אַן אמת'ען עקטאָר.

אַזוי האָט ער טאַקע אַדווערטייזט: „אַן אמת'ער עקטאָר אויס נויאָרק". דער אמת'ר עקטאָר איז געקומען, זיין נאָמען איז געווען גאַרטענשטיין. ער האָט צום ערשטען אויפטריט געגומען דעקלאַמירען „דיא באָבע מיט'ן אייניקעל". אָבער מען האָט איהם אַרונטערגעפייפט פון סטיידזש. מען האָט געוואָלט ער זאָל זינגען קופּלעטען. אַ זינגער איז ער אָבער געווען זעהר אַ שוואַכער, ווייל ער האָט געזונגען „אונטער'ן נאָז", האָט ער אָבגעפּאָנפעט עפּעס עטליכע וואָכען, ביז מען האָט איהם איינמאָהל געוואָרפען אַן אויסטער־שאָלעכץ אין קאָפּ. ער איז אַראָבגעשפּרונגען פון סטיידזש און האָט געוואָלט שלאָגען דאָס גאַנצע פּובליקום. עס איז געוואָרען אַ סקאַנדאַל און מען האָט אונז אַלעמען אַרויסגעוואָרפען.

זיינען מיר שוין אויס עקטאָרס.

יאָ, איך האָב פאַרגעסען צו דערצעהלען, אַז מיינע וויידזשעס זיינען גע־ווען דריי דאָלער אַ וואָך, דערפאַר האָט רייטשעלע מיטגעזונגען אומזיסט, אַלס אַ צוגאָב... פון דעסטוועגען האָב איך אָנגעסייפט גאַנצע צוואַנציג דאָלער. דאָס איז געווען מיין „נדן", אָבער וועגען דעם קומט ערשט שפּעטער אַביסעל.

דער דירעקטאָר איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אָהן אַ שטעלע און פער־שטעהט זיך אָהן אַ פעני געלד... איך אַרבייט שרעקליך, ביז איך פיהר אויס מיינס, און דער טאַטע שטימט איין אַריינצונעהמען דעם הערר דירעקטאָר צו אונז אין שטוב אַריין.

דיא מאַמע מאַכט איהם קאָטלעטען אויף טשיקען שמאַלץ, ער זאָל חלילה נישט קראַנק ווערען, און איך זעה וויא ווייט עס איז מעגליך, אַז עס זאָל איהם קיין זאַך נישט פעהלען.

איך טראָג איהם צו דאָס עסען אין פראָנט רום (מיר אַליין האָבען געגע־סען אין קיטשען) און ער בעט מיך, איך זאָל אויך עסען מיט איהם צוזאַמען, וועט איהם זיין אַנגענעהמער. איך דאַנק גאָט פאַר דער איינלאַדונג, און איך טהו דאָס מיט פערגעניגען.

אין א שטיסעל צייט אַרום האָט ער מיר דערצעהלט א סוד. ער האָט מיר אנגענומען ביי דיא הענד, מיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט און מיר שטילערהייט אריינגעשושקעט אין אויער. אז ער האָט מיך ליעב...

# ליעבע, קונסט און פּעטש

איך בין געווען גליקליך.

דאָס וואָס איך האָב געהאָפּט, איז געשעהן. דאָס נאָך וואָס איך האָב אזוי שטארק געבענקט, עס זאָל קומען, איז ענדליך געקומען. דער סוד, דער זיסער סוד, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט מיר דערצעהלט, האָט ארומגעכאַפּט מיין גאַנצע נשמה.

איך וויים נישט, אויב אלע מיידלעך, וואָס זיינען פערליעבט, פיהלען אזוי, ווי איך האָב דאַן געפיהלט. איך בין דאַן געווען בערייט צו געהן מיט איהם אין עק וועלט אריין. מיר וואָלט געווען ליעב צו זיין א שקלאַפין ביי איהם. עס האָט פאַר מיר קיין זאַך אין דער גאַנצער וועלט ניט עקזיסטירט א חוץ איהם.

איך האָב איהם ליעב געהאַט.

איך האָב איהם ליעב געהאַט מיט מיין גאַנצער נשמה, מיט מיין גאַנצען הארצען. די ריינסטע, צארטעסטע, אונשולדיגסטע און נאַאיווסטע ליעבעס־געפיהלען זיינען ביי א מיידעל, ווען זי איז יונג, נאַאיוו, ריין און אונשולדיג, ווי א קינד.

און איך בין דאַן אַלט געווען פופצעהן יאָהר.

אויף מאָרגען, נאָכדעם ווי ער האָט מיר דעם סוד דערצעהלט, האָט אין מיינע אויגען גאַנץ באַלטימאָר אויסגעזעהן אזוי ווי א טיעפער טהאָל; די הייזער זיינען עפּעס ווי דורך א כישוף קלענער געוואָרען, און איך האָב געפיהלט, ווי איך בין גרעסער פון אלעס און פון אלעמען. איך בין געווען שטאָלץ ווי א גאָט און גליקליך ווי א קינד.

ער וואוינט ביי אונז. איך קען זיך ניט אָנזעטיגען צו קוקען אויף איהם. ער דערצעהלט מיר וועגען א פּיעסע וואָס הייסט „שולמית.“ ער מאָהלט מיר אָפּ די שולמית מיט אלע פּישטשיווקעס, און איך זעה „זי“ פאַר מיינע אויגען א לעבעדיגע. מיין איינציגע האָפנונג איז אַצינד די „שולמית,“ ווארום ווען איך זאָל אָפּשפּיעלען

„שולמית," בין איך שוין בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט, האָב איך זיך גע־טראַכט.

אויף מיין שלים מזל העלפט גאָט, אַז מיין שוועסטער קלאַרא איז גראָדע ביי אונז, ווען ער רעדט אַמאָל וועגען „שולמית," און זי, קלאַרא הייסט עס, זאָגט, אַז פאַר שולמית איז זי בילכער, ווייל איך האָב בלאָנדע האָאַר און זי האָט שוואַר־צע, דאַרום דאַרף זי שפּיעלען שולמית, ווארום—אַזוי זאָגט קלאַרא—„די שאַלאַ־מעס" איז געווען א שווארצע . . .

איך בין געווען שרעקליך אין כעס אויף קלאַרא'ן. איך האָב איהר געשאָל־טען, אַז איהרע האָאַר זאָלען רויט ווערען, אָדער זאָלען אינגאַנצען אויספאַלען. עס האָט מיר ניט געאַארט וואָס זי איז מיין שוועסטער. ווען איך זאָל זי קענען פער־שעלטען וואָלט איך זיך מחיה געווען. אַזוי האָט מיר געקריינקט, וואָס זי וויל ביי מיר צונעהמען „די שולמית," מ י י ן „שולמית."

קלאַרא האָט אויך נישט געשוויגען. זי האָט מיך ניט געשאָלטען, נאָר גע־שלאָגען, און זי האָט אָנגערעדט אויף מיר צום טאַטען אַל־דאָס־בייז, כדי דער טאַ־טע זאָל מיך מעהר נישט לאָזען שפּיעלען מיט טאָמאַשעווסקי'ן און זי זאָל בלייבען די „שולמית."

אין שטוב ביי אונז איז געוואָרען פרעהלאַך. די „פּראָפעסיאָנעלע אייפער־זוכט" צווישען מיר מיט קלאַרא'ן האָט אַזוי אָנגעפילט דאָס הויז, אַז ס'איז גע־וואָרען ענג פאַר טאָמאַשעווסקי'ן . . .

ער רעדט מיט מיר אָפּ, אַז ער מוז אוועקפאָהרען פון באַלטימאָר, און אויב איך וויל שפּיעלען „שולמית," זאָל איך מיטפאָהרען מיט איהם קיין פילאַדעלפיא, אָדער קיין באָסטאָן, וועלען מיר דאָרטען שפּיעלען.

אַלעס איז וואויל און גוט, נאָר עס פעהלט אונז א קלייניגקייט—הוצאות. מיין גאַנץ פארמעגען בעשטעהט פון צוואַנציג דאָלאַר, וואָס איך האָב אָנגעסייווט פון די דריי דאָלאַר א וואָך, וואָס איך האָב געקראָגען פאַר מיין שפּיעלען טהעאַ־טער. זיינען אָבער די אַלע צוואַנציג דאָלאַר ביים טאַטען און ביי מיר האָב איך אפילו ניט א קוואָדער.

איך שטעה צו צום טאַטען נאָך מיין קאַפּיטאַל, און נאָך פיעל טרעהרען־פארגיסען, וויין איך ענדליך ביי איהם אוים די צוואַנציג דאָלאַר, און גיב זיי אוועק צו טאָמאַשעווסקי'ן, אום ער זאָל דערווייל אליין פאָהרען און שפּעטער וועלען מיר זעהן.

ער האָט איינגעפּאַקט זיין טשעמאָדאַנטשיקעל שטילערהייט, אַז קלאַרא זאָל זיך נישט דערוויסען, און ביינאַכט איז ער אַוועק צום דיפּאָ. איך האָב איהם באַגלייט פון שטוב, געוויינט און געהאַפּט, און ער האָט מיך געטרייסט, אַז ער וועט באַלד קומען נאָך מיר, און אַז מיר ביידע וועלען אַמאָל זיין בעריהמטע שויך־שפּיעלער.

ער איז אַוועק. איך בין געבליעבען שטעהן אַליין ביז ער איז אינגאַנצען פערשאַוואונדען פון מיינע אויגען, און וויינענדיג קעהר איך מיך אום צוריק אין שטוב אריין.

צוויי וואָכען זיינען אַוועק און איך האָב פון איהם קיין וואָרט נישט גע־הערט. צוויי לאַנגע וואָכען! איך בין שיער משוגע געוואָרען פון בענקעניש. אין שטוב האָב איך אַלע וויילע געהערט אַנדערע שטעכווערטלאַך פון מיין שוועסטער, אַמאָל—פון דער מאַמען, און דער טאַטע האָט אויך אָפּט אַ זאָג געטהאָן: „אין דר'ערד אריין די צוואַנציג דאָלאַר, אַבי פּטור געוואָרען פון'ם קאָמעדיאַנטשיק צו'נ'אַלדי רוחות!“

איין אבענד שטעה איך און פּרעס. קיינער איז נישטאָ אין דערהיים. פּלוצ־לונג דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טהיר. דער פּרעס־אייזען פאַלט מיר ארויס פון האַנד, און איך שריי אויס: „אוי, טאָמאַשעווסקי קומט!“ און איך לויף עפענען די טהיר.

ער איז אריינגעקומען שטיל. זיין פּנים איז געווען בלאַס און דערשראָקען. ער האָט מיר אַ קוש געטהאָן, און שטילערהייט געפרעגט, אויב מיין טאַטע איז דאָ אין דערהיים. איך זאָג איהם, אַז דער טאַטע איז איצט נישטאָ, אָבער ער דאַרף באַלד קומען. טאָמאַשעווסקי דערצעהלט מיר, אַז ער קומט איצט פון באָסטאָן, ער האָט דאָרט געקראָגען אַ מענעדזשער מיט געלד, און איך זאָל זיך מאַכען גרייט און פאָהרען מיט איהם. מיר וועלען דאָרט זינגען צוזאַמען קופּלעטען און פון צייט צו צייט שפּיעלען פאָרשטעלונגען, און מיר וועלען זיך מאַכען אַ קאַריערע.

מיין האַרץ וועט שיער נים צושפּרונגען פון האַסטיגער קלאַפּעניש. איך ווייס נישט וואָס צו טהאָן. דאָס איז עפּעס אַזוי פּלוצלונג געקומען אויף מיר, אַז איך בין געוואָרען צוטומעלט און נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. איהם האָב איך ליעב, אָהן איהם קען איך נים לעבען; צו דער ביהנע ציהט מיך ווי אַ מאַגנעט; מיט איהם וועל איך קענען כסדר שפּיעלען טהעאַטער; אָהן איהם בין

איך א פערלוירענע; מיט איהם וועל איך ווערען בעריהמט; אָהן איהם וועל איך בלייבען א שאָפ־מיידעל און מוזען חתונה האָבען מיט א שניידער אָדער א סיגאַ־רען־מאַכער....

דיזע און נאָך הונדערטע אַנדערע געדאַנקען בליצען דורך מיין קאָפּ שנעל און אָהן אָן אָבהאַלט, און עס בלייבט ביי מיר ניט קיין צווייפעל, אַז איך מוז זיך שוין אַנטהאָן עפּעס און גלייך אוועקגעהן מיט איהם, אין דער ווייטער וועלט אריין.

ער הייסט מיר, איך זאָל דאָס מאַכען שנעל, וויל אין צוויי שעה ארום געהט אָפּ א טריין.

אַט־אַט, און איך בין שוין גרייט צו געהן מיט איהם. פּלוצים צעוויין איך זיך שטאַרק, און פאַל מיט מיין קאָפּ אויף זיין ברוסט. איך וויין, וויל איך ווייס נישט, ווי אזוי קען מען איבערלאָזען דעם טאַטען מיט דער מאַמען און אַנט־לויפען!...

דער טאַטע ווערט מיר מיט אַמאָל אזוי ליעב, אזוי טהייער... די מאַמע אויך. און איך וויין פון רחמנות אויף מיין טאַטען. און קען נישט באַשליסען צו אַנטלויפען.

עס קומט אָן דער טאַטע. טאָמאַשעווסקי גיט איהם אָפּ שלום און זאָגט איהם: „מיסטער קויפמאַן, איך וויל חתונה האָבען מיט אייער בוזי'ן. מיר האָבען זיך ליעב."

דער טאַטע איז איבערראַשט און שווייגט א ווילע.

עס קומט אָן די מאַמע.

איך ווייס נישט, וואו איך בין אין דער וועלט. איך קוק אויף אַלעמען און זעה קיינעם ניט. דער טאַטע זעצט זיך ביים טיש, און זאָגט ענדליך ארויס:

„הערט אויס, יונגערמאַן, געהט אייך געזונטערהייט און לאָזט מיין קינד צורוה. זי איז נאָך צו יונג צו פאַרדרעהען זיך א קאָפּ מיט א ווינט אין פעלד."

איך וויין זיך שרעקליך פאַנאַנדער און רייס זיך די האָאר פון קאָפּ. דער טאַטע רעדט צו מיר געלאַסען, און איך שריי, אַז איך וועל זיך דאָס לעבען נעהמען, איך וועל זיך ארונטערוואַרפען אונטער א טריין, אויב ער לאָזט מיר ניט פאַהרען מיט טאָמאַשעווסקי'ן.

דער טאַטע ווערט שטאַרק אין כעס און גיט מיר צוויי פּעטש. דאָס איז דעם ערשטען מאָל, זינט איך לעב, אז דער טאַטע זאָל מיך שלאָגען, און איך בין שוין געווען א מויד פון איבער פופצעהן יאָהר.

# איך קום קיין ניו יאָרק

באלד וויא מיין טאטע האָט מיר דערלאנגט דיא צוויי פעטש איז טהאָ־מאשעווסקי אויפגעשפרונגען און געזאָגט אַ ברוגז'ען „אַדיע", און איז אַוועק פון שטוב. איך בין איהם נאָכגעלאָפען און האָב איהם באַגלייט. ער איז אַוועק צום דיפאָ כאַפּען דיא טריין אום צו פאָהרען צוריק קיין באָסטאָן. סך הכל האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין באַלטימאָר דריי שעה.

אויפן וועג זאָגט ער מיר, אַז איך זאָל ניט הערען וואָס דער טאַטע זאָגט. איך זאָל מיר גוט באַרעכענען, און אויב איך וויל פאָהרען, וועט ער מיר שיקען געלד אין פּאָסט אָפּיס אַריין איך זאָל קענען אַוועקפאָהרען.

ער איז אַוועק און איך בין ווידער געבליבען אַליין.

איך שרייב זיך דורך מיט איהם אויפן אַדרעס פון פּאָסט אָפּיס כדי קיינער זאָל נישט וויסען. איך בייגק זעהר נאָך איהם. עס געהט מיר פשוט אוים דאָס חיות. אַלע אין שטוב ביי אונז ווערען מיר נמאס. אויפן טאַטען בין איך שרעקליך אין כעס. ענדליך בעשליס איך צו פערלאָזען באַלטימאָר און אַוועקצו־פאָהרען קיין באָסטאָן צו טהאָמאשעווסקי'ן.

אין עטליכע וואָכען אַרום, בעקום איך פון איהם אַ בריעף מיט 25 דאָלער, און איך מאַך זיך פאַרטיג צו דער רייזע.

מיר האָבען געהאַט אַ שכנה מיט'ן נאָמען דאָבע. זינט איך האָב גע־שפּיעלט אין „ראָטהשילד'ס ביאָגראַפיע" איז דיא דאָבע געווען שטאַרק פער־ליעבט אין מיר. אַ רעגעלע „פּאַטריאָטקע" מיינע איז זיא געווען. איהר האָב איך פערטרויעט מיין סוד פון מיין אַנטלויפען, און זיא העלפט מיר אויסצופיה־רען מיין „ראַן־עוועי" פּלאַן.

זיא קויפט מיר אַ קעסטעל און איך טראָג בּיסלעכווייז איבער מיינע זאַ־כען צו איהר, און כאָטש איך בין שטאַרק אין כעס אויף מיין טאַטען, פון דעסט־וועגען הער איך ניט אויף צו וויינען, פאַר וואָס איך טהו איהם אַן אַזעלכע צרות.

אָבער מיין אַמביציע צו שפּיעלען טהעאַטער און מיין ליעבע צו טהאָ־מאשעווסקי'ן זיינען שטאַרקער פון אַלעס, און איך גנב'ע מיך אַרויס פון שטוב און לויף צום דיפאָ.

איך ווייס נישט וויא אַזוי דאָס איז געשעהן, אפשר פון מיין מאָדנע האַל־טונג דיא לעצטע עטליכע טעג אין שטוב, אָבער יעדענפאַלס עס איז געשעהן. מען האָט אויף מיר אַכטונג געגעבען. און אַזוי גיך, וויא איך בין געקומען צום

דיפא איז אנגעלאפען מיין טאטע מיט מיין שוועסטער קלארא׳ן און מען האט מיר געבראכט צוריק א היים.

מיין פערצווייפלונג דאמאלס, מיינע שרעקליכע לײדען איז ניט איבער־צוגעבען. איך האב זיך אין גאנצען פערלארען.

אין א פאר טעג ארום שרייב איך אוועק צו איהם, צו טהאמאשעווסקי׳ן, א לאנגען בריעף, און גיס אויס מיין גאנץ בימער הארץ פון מיין צושטערטען פלאן, און בעט איהם עפעס א מיטעל, אן עצה, אז ניט וועל איך זיך דאס לעבען נעה־מען, שרייב איך איהם.

ער שרייבט מיר צוריק, אז גאר אין גיכען וועט ער מיך אוועקנעהמען צו זיך, אז ער וועט מאכען אזוי, אז מיין טאטע אליין וועט מיך אוועקשיקען, איך זאל נאר האבען בטחון אין גאט און אין איהם.

גאר גיך האט מיין טאטע ערהאלטען א גרויסען לאנגען בריעף פון זיין טאטען, פון פנחס טהאמאשעווסקי׳ן. און יענער בעט מיין טאטען, ער זאל מיר שיקען בלויז פאר איין פארשטעלונג אויף זיינע אחריות, ער איז אליין א פאָ־טער, און ווייסט וואס הייסט א טאכטער, א יונג מיידעל. ער שווערט אז איך וועל זיין אבגעהיט פון אל־דאס־בייז. הלואי זאלען דיא אידען אזוי אויסגעלייזט ווערען פון גלות . . .

ענדליך, נאך א לאנגען ישוב הדעת שטימט מיין טאטע איין מיך אוועק־צושיקען צו איהם, נאר אויף א פאר טעג ביז כ׳וועל אפשפיעלען „דיא שולמית“, אויף גאט׳ס בעראט.

איך בין אזוי גליקליך, אז איך קען נישט ווארטען אויף א פאסאזשיר־טריין און איך כאפ דיא מילך־טריין בייניאכט און „פליה“, א מייל א שטונדע, קיין נויארק, דירעקט צום אלטען, צו פנחס טהאמאשעווסקי אום זיך דארטען צו טרעפען מיט איהם אליין, מיט באריס טהאמאשעווסקי׳ן, הייסט עס.

אלע מיינע שונאים זאל גאט העלפען זיי זאלען זיין שטארק פערליעבט און פאהרען זיך טרעפען מיט זייערע געליעבטע — מיט א מילך טריין... און אלע מיינע פריינד זאל גאט העלפען זיי זאלען קיינמאהל נישט זיין פערליעבט — ווען עס וועט זיי אויסקומען צו פאהרען אין א מילך־טריין.

דאס שלעפעניש פון דער טריין איז געווען פונקט וויא נאר מיר אויף צו להכעים. אזוי האט זיך מיר דאן אויסגעוויזען.

איך בין געווען בייז אויפ׳ן קאנדוקטאר, פאר וואס ער מאכט נישט, אז די טריין זאל געהן גיכער. עס האט זיך מיר נאר געוואלט ארויבשפרינגען און

אונטערשטופּען דיא כּאַלערידיגע טריין, אָדער גאָר לויפען צופוס וועל איך גיכער אָנקומען.

איך בין געזעסען אין וואַגאָן, ביים פענסטערל, אייניגקע אליין, און האָב ארויסגעקוקט אין דיא פינסטערניש. מיין ערשטע רייזע איז דאָס געווען, דאָס ערשטע מאָהל אין מיין לעבען, אַז איך פאָהר איינע אליין אין וועג, אָהן דעם טאַטען, אָהן דער מאַמען, אָהן דיא שוועסטערליך מיינע. אליין, גאַנץ אַליין אויף א וויטען וועג...

וואָס ווייטער איך בין אָפּגעפאָהרען פון דער היים, אַלץ נאָהענטער איז מיר מיין היים געוואָרען, עס האָט מיר באַנג געטהאָן, פאַר וואָס איך האָב איבער־געלאָזען מיין טאַטען, מיין מאַמען, דיא קינדער, דיא גאַנצע שטוב, און עס האָט מיר אפילו באַנג געטהאָן אויף באַלטימאָר. מיר האָט פערדראָסען, פאַרוואָס איך האָב איהר פערלאָזען.

עס איז מיר געווען אזוי שווער אויפ׳ן הארצען. איך בין מיר געזעסען שטילינקערהייט ביים פענסטערל און געוויינט, געוויינט מיט אמת׳ע טרעהרען, פון טיעפען הארצען.

יעדער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט זיך צוטראָגען ווייט אין דער שטילער, פינסטערער נאכט אריין, האָט מיך געשראָקען פונקט ווי טויזענד מתים ארום מיר וואָלטען געברומט און געראַווועט.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס איז א בת־קול פון גאָט, אַז גאָט שעלט מיך, פאַרוואָס איך האָב איבערגעלאָזען מיינע עלטערען, און פאָהר אוועק ערגיץ צו איהם, צו מיין געליעבטען. און איך בין געווען אין כעס אויף איהם, מיין געליעבטען, וואָס צוליעב איהם דאַרף מיין טאַטע ליידען.

ענדליך דערלעבט. די נאכט איז אוועק, און מיר, דאָס הייסט, איך מיט ־ער מילך־טריין, זיינען צוגעקראָכען אויף דער לעצטער סטאַנציע, אין ניו דזשויר־זי. עס איז געווען ארום זיבען א זייגער אין דער פריה, ווען מיר זיינען אָנגע־קומען.

איך שפּרינג ארונטער פון וואַגאָן און זוך מיט די אויגען איהם, מיין דירעקטאָר. איך לויף אום איבער׳ן דיפּאָ, קוק און קוק. אָבער איך זעה איהם ניט. עס בליצט מיר דורך א שרעקליכער געדאַנק: אפשר וועט ער גאָר ניט קומען? אפשר האָט ער מיך אָבגענאַרט?

ניין, איך וועל דאָס ניט איבערלעבען! איך וועל נישט פאָהרען צוריק

אהיים! איך וועל זיך בעסער ווארפען אונטער א טריין! איך וועל זיך אריינ־ווארפען איז ריווער אריין! מיין גאט!

און מיט א רחמנות־געבעט, וויינענדיג, מיט א שטילען שעפּטשען, רייסט זיך מיר פון האלז ארוים: באָרים: באָרים! — איך בין געבליבען שטעהן אויפ'ן דיפּאָ א דערשלאָגענע, א צוטראָטענע, אן עלענדע, אליין אין א פרעמד אָרט . .

א שעה צייט איז אזוי אוועק. טויזענד יאָהר זיינען וויניגער ווי יענע שעה איז געווען. ענדליך האָב איך איהם דערזעהן לויפענדיג אנטקעגען מיר. ער איז נישט געווען שולדיג, ער האָט געמיינט, אז איך וועל קומען מיט דער פּאסאזשיר טריין, וואָס קומט אָן אום אכט אין דער פריה. ער האָט ניט גע־וואוסט, אז איך וועל קומען מיט דער מילך־טריין. איך האָב געוויינט און גע־לאכט פאר פרייד. ער האָט מיר קוים איינגעשטילט. ער האָט מיר פאָרגע־שטעלט פאר זיין שוועסטער פעני, וועלכע איז מיט איהם געקומען צום דיפּאָ מיך באגעגענען. און מיר זיינען אלע אוועק קיין נויאָרק, צו זיינע עלטערן.

# מיין רייזע קיין באָסטאָן

מיר זיינען אריבערגעפאהרען מיט א שיף פון ניו דזשוירזי קיין נויאָרק. דאָן זיינען מיר אריינגעקראָכען אין א געלער קאר מיט א בלאָהער לאטע ארום. דער בעל עגלה האָט א שמייס געטהאָן די פערדלאך און מיר פאָהרען קיין ניו יאָרק.

פערבייפאָהרענדיג א גאס האָב איך דערזעהען אזעלכעס, וואָס איך האָב פריהער קיינמאָל ניט געזעהען. דאָס איז געווען: וויא א טריין לויפט איבער די דעכער אָדער איז דער לופטען און איך האָב דערזעהען אויף א וואנד אָנגעקלאָפּט געלע אידישע אפישען מיט „פּיקטשעס."

דער דירעקטאָר האָט מיר ערקלעהרט אז די גאס הייסט „די בויערע" און די אפישען זיינען פון אן אמת'דיגע טהעאטער, און דאָרט שפּיעלען טאקע אמת'ע אידישע אקטיאָרען. דער טהעאטער הייסט „אָריענטאל טהעאטער" און אז מיר ביידע וועלען ווערען גרויסע עקטערס וועלען מיר נאָך אפשר אויך שפּיעלען אין דעם אמת'דיגען „אָריענטאל טהעאטער."

די קאר האָט זיך אָבגעשטעלט, און מיר זיינען אלע דריי ארונטער.

מיר זיינען צוגעקומען צו א רויטע הויז מיט פייער־עסקייפס, פערהאנגען מיט בעטגעוואנד און מיר זיינען ארויפגעקראכען אויפ'ן „טאטען'ס פלאר" פון זעלבען הויז, — דאס איז געווען אויף סאפאלק סטריט.

אריינגעקומען איז שטוב בין איך געווארען וויא א צומישטע. עס איז געווען קיין עין הרע א פולע שטוב מיט קינדער פון אלערליי סייזעס: קליינע, גרויסע און נאך גרעסערע.

א איד א הויכער און א דיקער, מיט א אידענע אויך א הויכע און א דיקע, עס האט זיך מיר אויסגעוויעזען אז דער איד מיט דער אידענע זיינען שוועסטער און ברידער און אפשר גאר א צווילינג.

אבער איך האב א טעות געהאט. דער דירעקטאר האט זיי מיר פאר־געשטעלט אלס זיין טאטע־מאמע. איך האב זיך פערנייגט און דיא דיקע אידענע האט געפרעגט: „איז דאס דיא כלה?"

דער דירעקטאר האט מיר אויך פארגעשטעלט פאר אלעמען, וועלכע זיי־נען געווען אין שטוב: מערי מיט'ן מאן עפשטיין, פענני מיט'ן חתן גרינבערג, מייק, דזשאו, עממא, איזי און ענני.

זיך אליין האט דער דירעקטאר פאר שפאס אויך פארגעשטעלט: „און איך היים מיסטער בארים טהאמאשעווסקי," האט ער געזאגט.

אלע האבען מיך אנגעקוקט מיט זייערע שווארצע אויגען, וויא עפעס א בייז־וואונדער און איך בין געשטאנען, דערשראקען צום טויט און געשוויעגען. איך האב נישט געקענט רעדען און נישט געוואוסט, וואס איך זאל רעדען.

באלד האט מען זיך געזעצט עסען.

איך האב געגעבען א קוק אויף דעם געזינדעל, קיין עין הרע, און אויף דער סעודה וואס מען האט דערלאנגט צום טיש, און האב זיך נאר געוואונדערט וויא שנעל דיא טעלערס זיינען אבגעליידיגט געווארען...

ביי אונזער קלארא'ן אויף דער חתונה האט מען א סך ווייניגער אויפ־געגעסען וויא דא, ביים דירעקטארס פאמיליע אין א פראסטען דאנערשטאג.

בארים טהאמאשעווסקי'ס שוועסטער, פעני, איז געווען דיא ערשטע וואס האט מיך מקבל געווען. זיא איז באלד געווארען פריינדליך צו מיר, און האט מיר אבגעשוירען א מיין גריוןקעלע אויפ'ן שטערען, לויט דיא דאמאלסדיגע מאדע. בענגס האט עס געהייסען.

דאן האט מען מיך אוועקגעפיהרט אויף גרענד סטריט צו „רידלים" אין סטאר, און מען האט מיר געקויפט א פלאשען קאוטעלע מיט לאנגע ארבעל, אזוי,

אז איך האב געוואלט געבען עמיצען שלום עליכם, האב איך מיט דער לינקער האנד געמוזט פריהער ארויפרוקען דעם ארבעל, איך זאל קענען דערגרונטעווען די רעכטע האנד מיינע...

פעני איז מיט מיר אומגעגאנגען, און מיר אויסגעוויעזען גרענד סטריט. דאס איז דאמאלס געווען דיא פינפטע עוועניו פון דער איסט סייד. מיר זיינען געגאנגען מיט גרענד סטריט ווייט ארויף, ביז דארט, וואו דיא גוים האבען גע־וואוינט. דאס איז געווען נאך אטארני סטריט, און פעני האט מיר דערצעהלט דיא חדושים, וואס נויארק פערמאגט.

דא איז דא א צענטראל פארק פול מיט אלערליי ווילדע חיות. מען שפיעלט דא אידיש טהעאטער, און נאך אזעלכע וואונדער האט מיר פעני דערצעהלט. עס האט מיר נאר באנג געטהאן וואס מיר מוזען באלד אוועקפאהרען פון דאנען. אניט וואלט איך שוין געלאפען זעהן אט דיא אלע גוטע זאכען.

מיר זיינען אהיים געקומען. דער דירעקטאר איז שוין געווען רעדי צו דער רייזע. מיר האבען געטרונקען טהיי און באלד אום פינף א זייגער האבען מיר פערלאזען דיא גאנצע פאמיליע, מיט סאפאלק סטריט, מיט גרענד סטריט און מיט גאנץ נויארק. איך מיט׳ן דירעקטאר זיינען אוועק צום שיף און מיר זיינען אוועקגעשוואומען קיין באסטאן.

איך בין געווען זעהר מיעד. דיא נעכטיגע רייזע מיט דער מילך־טריין, דיא בייינקעניש אהיים, דיא גאנצע נאכט נישט שלאפען, דער טומעל דא אין נויארק און אצינד ווידער דאס שיף, — דאס אלעס אינאיינעם האט אויף מיר זעהר שטארק געווירקט און איך בין געווען טויט מיעד.

דער דירעקטאר איז געזעסען לעבען מיר און מיר דערצעהלט פערשיעדענע זאכען. אבער אלץ, וואס איך קען מיך עראינערען, איז נאר וועגען שפיעלען „שולמית.“

דאס געדענק איך גוט, ווייל אז ער האט מיט מיר גענומען רעדען וועגען שפיעלען טרעאטער איז מיין מיעדקייט פערשוואונדען, און איך האב זיך גוט צוגעהערט, וויא ער האט מיר אויסגעמאהלען, אז אין באסטאן וועלען מיר מאכען געלד מיט אונזער שפיעלען.

מיר וועלען צוערסט שפיעלען „שולמית“ און דאן, אז מיר וועלען שוין האבען אבגעשפיעלט „שולמית“ וועלען מיר זיכער האבען א גרויסען נאמען אין באסטאן, און עס וועט אונז זיין גוט וויא דיא וועלט.

דיא נאכט איז געווען זעהר א שעהנע און מיר זיינעןביידע געזעסען און בעטראכט דעם הימעל מיט דיא שטערען, דעם טייך און זא ווייטער. טאמאשעווסקי האט מיר דערצעהלט פון פערשיעדענע גליקען, און איך האב זיך צוגעהערט און געקוקט אויפ׳ן וואסער. ער האט אויך געקוקט אויפ׳ן וואסער און מיר געוויצזען, וויא דיא שיף שניידט איבער דיא לבנה שטראהלען אויפ׳ן וואסער...

איך האב געשוויעגען און געטראכט פון דער היים, פון מיינע עלטערען, פון מיין רייזע מיט׳ן גאנצען טאראראם, און האב ניט געקענט אויף קלאהר בענעהמען, וואס וועט זיין דער סוף פון מיר.

און מיר האט זיך דאן שטארק געגלוסט צו וויסען וואס דער סוף וועט זיין...

איך האב איהם געבעטען ער זאל שווייגען און מיר לאזען כאפען א דרימעל, ער האט מיר ארומגענומען, איך האב צוגעטוליעט מיין קאפ צו זיין ברוסט, און ער איז אנטשוויעגען געווארען, אבער איך האב ניט געדרעמעלט, איך האב זיך צוגעהערט וויא זיין הארץ קלאפט, האב צוגעמאכט דיא אויגען און זיסע פאנטאזיעס האבען דורכגעוועבט מיין געדאנקען...

מיר האט זיך פארגעשטעלט א רייכער פאלאץ, מיט משרתים און דיענסטען און מיר ביידע, איך מיט׳ן דירעקטאר, בעוואוינען אט דעם רייכען פאלאץ, מיר האבען אונזערע אייגענע טהעאטערע אין אלע שטעדט פון אמעריקא, און יעדע וואך שפיעלען מיר ערגיץ אנדערש. דיא גאנצע וועלט ווייסט פון אונז. מען אפלאדירט אונז איבעראל וואו נאר מיר קומען, טויזענדע מענשען מוזען געהען צוריק. זיי קענען ניט אריינקומען אין אונזערע טהעאטערע, ווייל עס איז נישטא פאר זיי קיין סיטס.

אונזערע פיקטשורס זעהט מען אין אלע צייטונגען. מיר האבען אונזערע אייגענע קארעטען מיט אונזערע אייגענע קוטשערס. אבער ניין. מיר וועלען בעסער האבען ניגערס פאר קוטשערס. עס פאסט זיך ניט אז אידען זאלען זיין קוטשערס, דיא אידען דארפען דאך קומען צו אונז אין טהעאטער אריין.

איך האב זיך נישט געקענט בעשליעסען, און א פרעג געטהאן דעם דירעקטאר: „איא, בארים, מיר וועלען צונעהמען ניגערס פאר קוטשערס?“...

ער האט אויף מיר א קוק געטהאן און מיך געפרעגט: „וואס איז, בוזילע, סי האט זיך דיר עפעס געחלום׳ט?“

# מיין לעבען אין גוטערמאַן'ס באָרדינג הויז

גוטערמאַן'ס „באָרדינג הויז" אין באָסטאָן איז ניט געווען ערגער פון מיסעס פאַלעקס „האָטעל" אין באַלטימאָר. די ביידע „האָטעלען" זיינען געווען גוט אויסגעפאָרנישט מיט חיות ניט פון זאָאָלאָגישען גאָרדען.

די באָרדינג הויז איז געווען אויפן צווייטען שטאָק פון א הילצערנעם „מויער". שמוציג איז דאָרט געווען, אז מען האָט געקענט קריגען קאָנסאָמפשאָן נאָר א קוק טהוענדיג אויף דער הויז. „גוטערמאַן'ס באָרדינג הויז" איז געווען די **אמת'ע** אכסניא פאַר אידישע שוישפּיעלער . . .

און אָט אין דעם באָרדינג הויז זיינען מיר איינגעשטאַנען אין באָסטאָן. די מיסעס גוטערמאַן איז געווען א **פּעטע** אידענע אויסגעשמירט אין סאַזשע, ווי א היימישער קוימענקעהרער, און מיסטער גוטערמאַן אליין, דער בעל־הבית פון'ם האָטעל, איז געווען א נידריג אידעל, וועלכער האָט זיך ארומגעדרעהט אין הויז ווי א געפּאַקט זעקעל פּאָלאָווע, וואָס איז גוט אָנגעשטאָפּט און פארבונדען פון אויבען מיט א טשוב . . .

דערפאַר אָבער איז דזשעני, זייער טאָכטער, געווען א וואויל מיידעל. זי איז גיך געוואָרען מיין חבר'טע און זי האָט מיך ארומגעפיהרט ציינגען באָסטאָן.

די שטאָדט באָסטאָן איז מיר ניט געפעלען. עפּעס אזוי אָרים האָט עס אויסגעזעהען, אז עס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען עפּעס א פּחד.

דער איינציגער פּלאַץ וואָס איז מיר יא דאמאלס געפעלען געוואָרען, איז געווען א פּארק וואָס מען האָט גערופען „קאָמינס פּאָבליק גאַרדען". איך פלעג דאָרט איבערזיצען פיעלע איינזאַמע שטונדען און קוקען אויף די קליינע שיפלעך.

ווען מיר איז געווען גוט אָנגעזאָלעט אויפן האַרץ, פלעגט איך זיך אויס־זוכען א ליידיגע באַנק אין א פערוואָרפען ווינקעלע און שטילינקערהייט פלעג איך זיך דאָרט גוט אויסוויינען ווען קיינער האָט ניט געזעהן.

דער דירעקטאָר איז געווען שטאַרק פארנומען. ערשטענס, מיט זוכען א האָל אויף צו שפּיעלען „שולמית", צווייטענס, מיט'ן זוכען א אידען מיט א פּאָר דאָלער, כדי ער זאָל האָבען צו געבען א דעפּאָזיט פאַר'ן האָל, און דריטענס, האָט ער געזוכט טאַלאַנטען.

ראשית האט מען טאקע געדארפט האבען נאך אקטיארען, מען זאל קענען שטעלען דיא פיעסע, והשנית האט דער דירעקטאר געוואוסט, אז ער וועט אבזוכען א פאר טאלאנטלעך וואס ווילען שפיעלען טהעאטער וועט איהם שוין קיין קליינגעלד אין פאקעט נישט פעהלען. זאלען נאר זיין טאלאנטען, געלד וועלען זיי שוין ברייננגען . . .

איך שטודיר דערוויל דיא ראלע פון „שולמית", עסס הערינג מיט קאר־טאפלעס דריי מאהל א טאג אין „גוטערמאן'ס באורדינג הויז", און כאפ לופט אין „קאמינס פאבליק גארדען".

סיילעם סטריט און האנאווער סטריט, דיא דאמאלסדיגע אידישע גהעטא־גאסען פון באסטאן, זיינען געווארען לעבעדיג. מיט גרויס אונגעדולד האט מען ערווארטעט דיא אידישע אקטיארטשיקעס זאלען שפיעלען אידיש טהעאטער, און דער דירעקטאר מיינער איז שרעקליך ביזי. עס געהן אוועק גאנצע טעג, וואס איך זעה איהם אין דיא אויגען נישט אן. מיר איז שרעקליך טרויעריג אופ'ן הארצען און אך שרייב אוועק א גרויסען לאנגען בריעף א היים, צום טאטען.

דעם גאנצען בריעף וואס איך האב געשריבען צום טאטען געדענק איך ניט, אבער אז דער בריעף איז געווען פול מיט בלאף, דאס געדענק איך גאנץ גוט, איך וועל עס געדענקען וויא לאנג איך וועל לעבען.

איך האב באשריבען וויא אזוי דיא גאנצע משפחה טהאמאשעווסקי'ס האט מיך באגעגענט ביים דיפא, ווען איך בין אנגעקומען פון באלטימאר קיין נויארק. וויא אזוי אלע האבען זיך מיט מיר ארומגעכאפט און זיך געפרעהט. דיא שעהנע מתנות וואס מען האט מיר אנגעקויפט, און וויא אזוי דער אלטער טהאמאשעווסקי אליין (נישט חלילה באָרים) האט מיך אוועקגעפיהרט קיין באסטאן.

איך האב אויך געשריבען אז איך שטעה איין אין דעם שעהנסטען האָ־טעל, אין רייכסטען געגענד, פון באסטאן.

איך האב אויסגעמאָהלט א האטעל, א רעגעלען פאלאסט, מיט דיא שעהנ־סטע מעבעל, וואס מיין יונגע פאנטאזיע האט זיך נאר געקענט פארשטעלען, מיט דיא טהייערסטע קארפעטס, מיט דיא שעהנסטע בעלייכטונג. פערשטעהט זיך, אז איך האב ניט געשריבען, אז ביי מיר אין צימער האט געברענט א קאיניצעל מיט א צובראכען גלעזעל און דער קעראסין גערוך האט אנגעפילט דאס צימער.

איך האב אין יענעם בריעף צום טאטען געשריבען, אז איך עסס דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, פון דיא טהייערסטע מאכלים, פון געבראטענע קאטש־

קעם ביז דיא טהייערסטע קאמפאטען, און אפילו וויין, פון בעסטען סארט, פאר־שטעהט זיך, האט אויך נישט געפעהלט צו מיינע מאהלצייטען.

קורץ און גוט, מיר איז וואויל וויא דיא וועלט, האב איך געשריבען דעם טאטען, איך בין אין א אמת'ן גן עדן אין באסטאן.

איין גאט ווייסט דעם אמת, אז איך האב דאן געשריבען אט דיא אלע ליגענס צו מיין טאטען, ניט דערפאר ווייל איך האב געוואלט איהם חלילה אב־נארען, נור פשוט דערפאר, וואס ערשטענס האב איך איהם נישט געוואלט אנטהאן קיין יסורים, ווארים ווען איך זאל איהם שרייבען דעם אמת, פון מיין טרויעריג עלענד לעבען, וואלט ער געהאט גרויסע יסורים.

צווייטענס, אז איך האב אנגעהויבען אבצומאהלען אט דיא אלע גוטע זאכען וואס איך האב דאן געשריבען צום טאטען, בין איך באמת ארייגעצויגען געווארען אין בעגייסטערונג, און מיר האט הנאה געטהאן צו שרייבען, אז איך לעב אזוי רייך און שעהן, ווייל דאס איז געווען מיין טרוים, מיין האפנונג.

אזוי, האב איך גע'חלום'ט, וועל איך אמאל אויף צו'ן אמת'ן לעבען ווען איך וועל זיין א גרויסע ארטיסטקע. און אפילו ווען איך האב דאן אט דיא אלע שעהנע זאכען  נ י ש ט  געהאט, זיינען זיי דאך אבער פארט געווען שעהן.

איך האב דערווייל צוביסלעך זיך געזונגען מיין „שולמית" און מיין חבר'טע, דזשעני גוטערמאן, ווערט מיין פאטריאטקע. זיא אנערקענט מיין טא־לאנט און זעהט מיר צוצושארען א עקסטרא גלאז טהעע, אן עפעל און זיא האלט אין איין שרייען צו איהר מאמען, אז מען זאל מיך אבהיטען. טאמער האב איך געוואלט אמאל עפעס אנדערש וויא הערינג מיט קארטאפליעס, פלעגט זיא, דזשעני, מיר טרייסטען און זאגען: „אריט, בוזילע, מאמע מייק'עט".

דער דירעקטאר האט דערווייל דערטאפט א פינאנסיר מיט א קאפיטאל און מען גרייט זיך צו דער פארשטעלונג פון „שולמית".

דער פינאנס מיניסטער איז געווען א געוויסער מר. הערמאן. איידער טהאמאשעווסקי האט מיך געבראכט קיין באסטאן איז ער געווען א בארדער ביי אט דיזען מר. הערמאן.

אין א שעהנעם טאג זאגט מיר דזשעני גוטערמאן, אז א מיסעס הערמאן וויל מיך זעהן. איך קום אריין אין „רעספשאן"־רום, זעה איך א ווייבעל אין גאלע שווארצען אנגעטהאן, פון קאפ ביז די פ ים אין א שווארצען טרויער־קאסטיום.

זיא שטעלט זיך פאר מיר פאר אז זיא איז מיסעס הערמאן. איך שטרעק אויס מיין האנד, אבער זיא נעהמט ניט און שטעהט גלייך און קוקט אויף מיר

שטרענג. איך האב דאמאלס געמיינט, דאס ווען מען טרויערט, טאר מען נישט „שייקען הענדס“. און איך האב איהר געפרעגט מיט א מיטלייד־געפיהל נאך ווע־מען זיא טרויערט.

זיא ענטפערט מיר מיט א טאן, וויא א רוסישער זשאנדארם, פול מיט פעראכטונג: „איך טרויער נאך אייער חתן!“

איך בין געבליבען שטעהן א טויט־דערשראקענע. אין זעלבען מאמענט האט זיא זיך אויסגעדרעהט און איז אוועק.

איך האב זיך שטארק צו־וויינט, אליין ניט וויסענדיג פאר וואס, ביז טהאמאשעווסקי איז געקומען א היים.

איך האב איהם דערצעהלט פון דער ווייבעל אין שווארצען, און ער האט מיך בערוהיגט, איך זאל זיך נישט ערגערן. זי איז א משוגענע, דיא מרס. הערמאן.

שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז דיא ווייבעל האט געהאט אזא מין חלאת זיך אנצוטהאן אין שווארצען און נאך יעדען בארדער וואס פלעגט פון איהר ארויסמופען, פלעגט זיא זיך אנטהאן אין שווארצען און טרויערן נאך איהם . . . .

# איך גרייט זיך צו „שולמית“

דער דירעקטאר האט אין א פאר טעג ארום געקראגען א האלל. דאס איז געוועזן דער שעהנסטער האל פון באסטאן. דיא וועלט־בעריהמטע זינגערין פאטי, פלעגט דארט געבען קאנצערטען. דער האל האט געהייסען „באסטאן מיוזיק האל“ און האט זיך געפונען אויף טרימאנט סטריט.

ער האט אויך געפונען א פאר טאלאנטען, צוויי שוועסטערליך פון באס־טאן, וואס האבען אין זיך ענטדעקט גרויס טאלאנט „דזשאסט“ פאר „שולמית“. און פון דיא צוויי טאלאנטען, צוזאמען מיט מיסטער הערמאן, האט שוין דער דירעקטאר מיט ז י י ן טאלאנט ארויסגעקראגען אויף הוצאות צו אימפאר־טירען נאך עקטערס.

ער האט אראפגעבראכט פאלגענדע קינסטלער: מארינשטראס, א טענצער מיט א „בלעכען פנים“. (א „בלעכען פנים“ הייסט אויף אידישען טהעאטער לשון א פנים וואס איז פערהארטעוועט, וואס איז ניט בעווענליך און דריקט ניט אויס

קיין שום געפיהל). ער האט אויך געבראכט דעם אלטען שענקמאן מיט זיין ברו־דער זאנוויל שענקמאן (איינער האט „געזונגען" און דער צווייטער האט „גע־שפיעלט") און איינער א ווייסמאן. ווען דיזער ווייסמאן האט גערעדט, האט זיך געדוכט אז ער האט א פולע מויל מיט הייסע קארטאפלעס).

דער דירעקטאר האט באלד ארויסגעלאזען גרויסע אפישען (פאוסטערס) מיט פיקטשעס. מיט דיא גרעסטע אותיות איז געשטאנען געשריבען: ב א ר י ס ט ה א מ א ש ע ו ו ס ק י אין ש ו ל מ י ת". ווייטערער אביסעלע איז מיט קליינע אותיות געשטאנען געשריבען: באריס טאמאשעווסקי אלס „אבשלום" און בעסי קויפמאן אלס „שולמית", און גאר מיט קליינע אותיות'לעך זיינען גע־ווען דיא נעמען פון דיא איבריגע אקטיארען.

איך האב דאן בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן וויא אזוי מען קען שרייבען „באריס טהאמאשעווסקי אין שולמית", ווען „שולמית" האט גאר גע־שפיעלט בעסי קויפמאן, און ער האט גאר געשפיעלט „אבשלום." ערשט שפעטער מיט יאהרען ווען איך בין שוין געווען א לעדזשיטימייט סטאר, האב איך דאס פערשטאנען . . .

צוויי וואכען האבען מיר געמאכט פראבען אין דעם „עלעגאנטען" חזיר־שטאהל וואס האט געהייסען „גיטערמאן'ס בארדינג הויז". דיא קעראסין לעמפלעך האבען געטשאדעט, פון קיך האבען זיך געטראגען אלערליי שמעקעכצען פון הע־רינג מיט ציבעלעס, פיש מיט זויערע אוגערקעס, טשעפטשיכעס מיט גריישלעך, וואס דיא מיסעס גיטערמאן פלעגט אויסרייניגען און מאכען פאטראוועס פאר דיא אידישע אקטיארשטשיקעס, און איך מיט טהאמאשעווסקי'ן מיט דיא איברי־גע אקטיארען האבען געמאכט פראבע אויף „שולמית".

אט אין אזא „זיסער" אטמאספערע אין „גיטערמאן'ס בארדינג הויז", האב איך אלס „שולמית" און טאמאשעווסקי אלס „אבשלום" געשטודירט דעם בעריהמטען דועט ווי מיר שווערען זיך אייביגע ליעבע בשעת ער, אבשלום, ראטעוועט מיך, שולמית, פון ברונעם ארויס. און אום צו זיין זיכער אז מיר וועלען זיך קיינמאהל ניט צושיידען, שווערען מיר ביי גאט אז: „דאס וועט ביי אונז קיין מאל ניט געשעהען, ווייל צונויפגעפיהרט אונז האט גאט אליין."

און אלס עדות נעהמען מיר דעם ברונעם און אויך א קאץ, וואס לויפט גראד פערביי. אז שפעטער וועט קומען אז אביגיל און צונעהמען אבשלום'ען, האט די ארימע שולמית ניט געוואוסט אין ערשטען אקט, ווייל אביגיל קומט ערשט אין דיא שפעטערדיגע אקטען פון דער פיעסע . . .

דיא גאַנצע צייט בעפאָר דער פאָרשטעלונג האָבען מיר, דיא קאָמפּאַניע אַקטיאָרען, געצאַהלט דעם פעטען מיסטער גיטערמאַן, דעם בעל הבית פון'ם האָטעל, הייסט עס, פאַר עסען און שלאָפען און אַנדערע קלייניגקייטען, פאַר אַלץ האָבען מיר איהם געצאָהלט, ניט מיט קעש, נור מיט — האָפנונג.

דאָס הייסט, מיר האָבען איהם געהייסען וואַרטען און האָפען ביז מיר וועלען אָבשפּיעלען „שולמית", דאַן וועלען מיר איהם בעצאָהלען מיט רענעלע געלד, און אַזוי וויא ער האָט ניט געהאַט קיין ברירה, האָט ער געהאָפט.

מיר איז פון דעסטוועגען געוועזען בעסער וויא דיא איבריגע, ווייל מיין חבר'טע, דזשעני, דעם בעל הבית טעכטערל, האָט מיך געפּילעוועט מיט כל טוב, דאָס הייסט, אַן עקסטרא גלאָז טהעע מיט אַן עפּעל, און דיא מיסעס גיטערמאַן אַליין פלעגט אויך אויף מיר רחמנות האָבען און מיך אָבהיטען מעהר פון אַלעמען.

זיא פלעגט מיר אונטערשפּרייטען אונטער'ן טעלער מיט קאַרטאָפלעס אַ האַנטוך אָדער אַ סערוועטעל, וואָס איך האָב זעהר ליעב געהאַט, ווייל איך האָב זיך גע'מיאוסט צו עסען אויף דער שמוציגער צאַראַטע, וויא דיא איבריגע קינסטלערס. דיא דאָזיגע צאַראַטע, אָדער „אויל קלאָטה", וויא מיסעס גיטערמאַן פלעגט דאָס רופען, איז געוועזען אויסגעמאָהלט מיט אַ סך מענ־שעלעך, און דיא מיסעס גיטערמאַן האָט דערצעהלט אַז צווישען דיעזע מענשע־לעך אויפ'ן „אויל קלאָטה", איז אַמאָהל, ווען דער אויל קלאָטה איז נאָך געווען ניי, געוועזען קאָלאָמבוס אַליין מיט אַ סך אינדיאַנער.

נאָר אַצינד, דאָס הייסט, ווען מיר זיינען איינגעשטאַנען אין „גיטערמאַן'ס באָרדינג הויז", זיינען שוין דיא אינדיאַנער זיך צולאָפען אין דיא וועלדער אריין, און קאָלאָמבוס איז געשטאָרבען, און אויפ'ן „אויל קלאָטה" זיינען בלויז געבליבען „סמנים" וואָס קאָלאָמבוס מיט דיא אינדיאַנער האָבען איבערגעלאָזט...

און איך פלעג מיר טראַכטען: אי זיינען עס קאָלאָמבוס מיט זיינע אינדיאַ־נער געווען חזרים...

מיין טאַטע איז נישט מיעד געוואָרען און געהאַלטען אין איין שיקען בריעף צום אַלטען טהאָמאַשעווסקי, אַז מען זאָל מיך אָבשיקען אַ היים קיין באַלטימאָר, און אַ פאָר טעג בעפאָר דער פאָרשטעלונג קומט אַן צו אונז קיין באָסטאָן ר' פנחס טהאָמאַשעווסקי אַליין.

קיין סטיידזש איז ניט געווען אין „באָסטאָן מיוזיק האָל", בלויז אַ פלאַט־פאָרמע איז דאָרטען געווען. פאַר קאָנצערטען איז דאָס געווען גענוג. אָבער צו שפּיעלען טהעאַטער האָט מען געמוזט דינגען אַ סטיידזש.

דאן איז געווען א מאָדע צו רענטען א ביהנע. א געוויסע קאָמפּאַניע האָט צוגעשטעלט אין האָלס ווען מען האָט בעדארפט א ביהנע און מען האָט געשפּיעלט טהעאַטער.

דיא גרויס פון אזא ביהנע וואָס מען האָט גערענט, איז געווען נאָך׳ן פּרייז וואָס מען האָט דערפאַר בעצאָהלט. פאַר 10 דאָלער האָט מען געקראָגען א קליין סטיידזשעלע מיט א קליינע סצענעלע, און פאַר 100 דאָלער האָט מען געקראָגען א גרויסע ביהנע מיט א גרויסע סצענע מיט צוויי דעקאָראַציעס. אזוי וויא קיין קאַפּיטאַליסט איז אונזער דירעקטאָר ניט געווען, האָט ער געזוכט וואָס ביליגער, האָט מען אויפגעשטעלט פאַר אונז א קליין ביהנעלע מיט א וואַלד־סצענקעלע און אז דיא אַקטיאָרען זיינען געגאַנגען פון דיא גאַרדעראָבען האָט זיי דאָס פּובליקום געזעהען פריהער איידער זיי זיינען ארויפגעקראָכען אויפ׳ן סטיידזש.

און אויף אזא סצענע האָבען מיר געשפּיעלט „שולמית" אין „באָסטאָן מוזיק האָל".

אָט איז שוין דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג. יעדער איז ביזי. עס טומעלט זיך. מיר זיינען אַלע זעהר נערוועז. יעדע ווײַלע קומט אָן אַן אַנדער שטאַפּעט צום דירעקטאָר: מען כאַפּט טיקעטס; עס וועט זיין א גרויסע איינגאַהמע; סיילעם כטריט פערמאַכט דיא געשעפטען און גרייט זיך צו געהן אין טהעאַטער; דיא אידענעס פון האַנאָווער סטריט צוואָגען דיא קינדער; מען דאַרף אַנגרייטען א פאַר הונדערט ספּעשיל פּאָליס; עס טהוט זיך חושך אין באָסטאָן — מען גרייט זיך אויף „שולמית".

פריה אין אבענד זיינען מיר שוין אַלע געווען אין דיא דרעסינג רומס אין „באָסטאָן מוזיק האָל". מען האָבען זיך אַנגעטהאָן, גרימירט און געציטערט פון נערוועזיטעט.

איינער האָט געכאַפּט דעם צווייטענס פּאַרוק, דער האָט געכאַפּט יענעמס קליידער, דער ציגנעטאַנג האָט זיך אַנגעטהאָן דעם אַלטען מנוח׳ס ווייסע באָרד. עס איז געווען לעבעדיג!

דער דירעקטאָר האָט ענדליך אַלעס געבראַכט אין אָרדנונג, צוגעגעבען אַלעמען קוראַזש, דער גלאָק קלינגט, מיר זיינען אַלע גרייט. איך מאַך זיך האַרץ צו מיין ערשטען אויפטריט אַלס „שולמית", און — דער פאָרהאַנג געהט ארויף.

# מיין סוקסעס אין „שולמית"

דיא מוזיק שפיעלט, מיר שטעהן אלע אויף דער ביהנע און דער אלטער „מנוח", מיין טאטע, הייסט עס, מיט דיא איבריגע אידען, וואס זיינען עולה רגל קיין ירושלים, זינגען דאס בעריהמטע ליעד: „אנגעלאדען מיט אלל דעם גוט, מיט דעם שטעקען אין דער האנד, שפאנען מיר אין דער מינוט, צו אונזער היילינ לאנד".

איך, „שולמית", שטעה לעבען מיין טאטען „מנוח", אנגעטהאן וויא א יונג שיקסעל, א פאסטושקע, און הער מיך צו וויא זיי זינגען. דאס הארץ קלאפט מיר, דיא פיס זעצען זיך מיר אונטער. אט באלד זיינען זיי שוין פארטיג מיט'ן זינגען, און זיי געהען אוועק קיין ירושלים. און איך, איך וועל מוזען דא בלייבען איינע אליין. איינע אליין פאר אזא גרויסען פובליקום...

איך בעט גאט, אז דאס זינגען פון דיא אידען זאל זיך נישט ענדיגען, אז זיי זאלען דא בלייבען מיט מיר, עס זאל אויסברעכען א שטורם, עס זאל גיסען א שלאגס־רעגען, עס זאל פאלען א האגעל... עפעס זאל געשעהן, אבי זיי זאלען ניט קענען געהן קיין ירושלים, כדי איך זאל נישט בלייבען דא אליין...

אבער מיין געבעט העלפט ניט. איך הער שוין דיא לעצטע ווערטער: „יברכך ד' וישמרך, ד' יצליח דרכיך".

דיא אידען געהן אוועק. דער טאטע געזעגענט זיך מיט מיר און געהט אויך אוועק. איך זאג „געה געזונד פאטער," און בלייב איינע אליין אויף דער סצענע, אין דער וויסטע פון בית לחם, הייסט עס.

דא האב איך צו זינגען און צו זאגען און צו בלאזען און צו ווערען שוואך און צו פאלען אויף א שטיין. אבער איך שטעה מיט'ן רוקען צום פובליקום און פאך מיט דיא הענד בלמרשט וויא איך בעגלייט נאך אלע מיין טאטען, און איך קען ליין ווארט נישט ארויסרייידען.

און דיא ווערטער זיינען דאך ניט גלאט ווערטער, זאנדערן גראמען. דיא גאנצע פיעסע שולמית איז אין גראמען, און דיא גראמען האבען מיך דער'הרג'עט (אדער, בעסער, איך האב דער'הרג'עט דיא גראמען). איך שטעה און קען קיין מויל נישט עפענען.

טהאמאשעווסקי איז שנעל צוגעלאפען אונטער דיא קוליסען און מיר געגומען אונטערזאגען:

„יא, דאכט מיר, דארט דורך דעם בארג —

ניין, עס איז קיין וועג, מענשען געהן דארט קארג!"

איך בין געקומען צו זיך אביסעלע פון מיין נערוועזיטעט און גענומען נאכזאגען, אבער ביים גראם האב איך זיך פארטשעפעט: „יא, דאכט זיך מיר, דארט איז א בארג — ניין, עס איז קיין וועג, מענשען געהן דארט ווינציג!..." דער'הרג'עט דעם ערשטען גראם.

וואס ווייטער בין איך אלץ מעהר אריין אין דער ראלע, און ווען איך לאז מיר אראב אין ברונעם נאך א טרונק, האט דער דירעקטאר הינטער די קוליסען א פאטש געטהאן מיט דיא הענד און שטיל אויסגעשריען: „בראווא, בוזיניו!"

איך ליעג אין ברונעם (דאס הייסט, איך שטעה אונטער דיא קוליסען) און דער ציינגעטאנג מיט אבשלום'ן קומען ארויף אויף דער ביהנע.

אבשלום אליין איז אויך געווען שטארק נערוועז. ער האט אויך געקוילעט דעם ערשטען גראם. ער דארף זאגען צום ציינגעטאנג: „איך האב געוואוסט אז דא דארף זיין א ברינען, גיך צובינד דאס פעקיל, וואס איז דא דרינען" — גיט ער א זאג: „וואס איז דאס „אינעווייניג". און אנשטאט דעם גראם „ברינען מיט דרינען" איז אויסגעקומען „ברינען מיט אינעווייניג".

אבער באלד זינגט ער דאס בעריהמטע ליעד: „ראזשינקעס מיט מאנדלען" און דאס פובליקום ווערט ווילד פון בעגייסטערונג, וויא נור ער האט געענדיגט זינגען, האט א דונער אפלאדיסמענטען אויסגעבראכען. מען האט איהם ניט גע־וואלט אבלאזען און ער האט געמוזט איבערזינגען נאך אמאהל.

איך שטעה אונטער דיא קוליסען און דאס הארץ צוגעהט אין מיר פאר גרויס פרייד, וואס אבשלום, מ י י ן אבשלום מאכט אזא ערפאלג. איך אפלאדיר גלייך מיט'ן פובליקום, איך בין בעגייסטערט און בעטויבט פון דיא אפלאדיסמענטען, אקוראט וויא איך אליין וואלט דאס געקראגען.

איך פארגעס אז איך דארף שוין ארונטערקריכען אונטער'ן סטיידזש און ליגען אין ברונעם, און איך שטעה אלץ הינטער דיא קוליסען און קוועל פון דיא אפלאדיסמענטען וואס מיין אבשלום האט געקראגען.

אבשלום האט אבגעזונגען און געהט צו צום ברונען און וויל אננעהמען א טרונק וואסער דארף ער מיך דערזעהען אינעווייניג, זיך דערשרעקען און אויס־זינגען: „הא, וואס הער איך? א קול פון א רוח!" — אבער אז איך שטעה גאר הינטער דיא קוליסען? מאכט ער דיא סצענע וויא עס בעדארף צו זיין, און לעגט נאך צו עטליכע ווערטער אזוי: „הא, וואס הער איך? א קול פון א רוח! מיין הארץ טהוט מיר שרעקען — איך געה כאפען א שטעקען!"... און ער לויפט אראפ פון

סצענע און כאפט מיך אן מיט א געשריי: „שנעל קריך אריין אין ברונעם“, — און אליין איז ער צוריק אויף דער סצענע.

איך בין גיך געווען אין ברונעם און גענומען זינגען: „ווער איז דארט, איך וועל אייך בענשען, ראטעוועט ארויס א מענשען, האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס!“

שפעטער, ווען עס איז געקומען צום דועט, וואו מיר שווערען זיך אייביגע ליעבע און מיר נעהמען דעם ברונעם מיט דער קאטץ אלס עדות, האב איך שוין געזונגען מיט מיין קלאהרער שטימע, ריין, נישט וואקלענדיג זיך, און אז דער קוירטען איז געפאלען זיינען דיא אפלאדיסמענטען געווען געוואלדיגע, און קולות האבען זיך געהערט פון פובליקום: טהאמאשעווסקי! בעסי קויפמאן!

אין צווייטען אקט בין איך נישטא אויף׳ן סצענע. איך בין געזעסען אין דער שעהנער דרעסינג־רום מיט קארפעט גערעקט, געקוקט אין דיא שעהנע שפיגלען און זיך אויסגעפוצט צום דריטען אקט. איך האב זיך אנגעטהאן אין א ווייס נאכט־העמד, זיך צולאזען מיינע בלאנדע האר, וויא א זיידען־מאנטעל אויף מיינע אקסלען. איך האב זיך צוגעגרייט צו דער סצענע, וואו איך בין משוגע, וואס מזן געליעבטער אבשלום האט מיך פ..לאזען און מיך אויסגעביטען אויף אביגיל׳ן.

איך בין געשטאנען אויף דער ביהנע אנגעשפארט אין א סינערי און געזונגען דאס זיסע הארציגע ליעד: „שבת, יום טוב און ראש חודש“.

קיינמאהל אין מיין לעבען וועל איך ניט פארגעסען דיא צווייטע סטראפע: „מיין שווער הארץ, איז דארט דער עמוד — עס זעהט איהם קיינער ניט ארויס! דיא ליעבע איז דארטען, מיין נר תמיד... עס ברענט — און לעשט קיינמאהל ניט אויס!“

אך, מיט וואס פאר א געפיהל האב איך דאן געזונגען! ווען איך האב געוויינט זיינען טרעהרען גערינען דורך מיינע אויגען פון טיעפען הארצען, איך בין געווען ש ו ל מ י ת און נישט בעסי קויפמאן.

דער סוקסעס פון דער ערשטער פארשטעלונג אין באסטאן פון „שולמית“ איז געווען א ריעזיגער און מיין ערפאלג איז געווען איבערראשענד.

איך בין געווען העכסט גליקליך, — שיכור פון גליק בין איך געווען! איך האב גאר נישט געקענט גלויבען אז איך, „איך“ אליין, בעסי קויפמאן, בין דאס, אז איך בין עס דיא וואס האט געשפיעלט „שולמית“ אין זעלבען האל וואו פאטי גיט קאנצערטען.

ווען מיר האָבען שוין געענדיגט שפּיעלען און דער עולם איז שוין אוועק פון האַל, האָט זיך מיר ניט געגלוסט אויסטהאָן דיא קליידער פון שולמית, כאָטש נאָך אביסעל זיך אָנטישען מיט מיין ליעבלינג, מיין „שולמית".

ווען מיר זיינען אַ היים געקומען אין „גיטערמאַן'ס באָרדינג הויז" איז שוין געווען שפּעט ביינאכט. מיר האָבען געמאכט אַ גרויסע סעודה פון הערינג מיט ביער. דער דירעקטאָר האָט בעצאָהלט פאַר באָרד פון דער גאַנצער צייט. דיא אַקטיאָרען האָבען געקראָגען צו עטליכע דאָלער און מיר האָבען געהוליעט ביז טאָג. באָריס'ן דיא האַנד, אַז אין אַ וואָך אַרום זאָל ער, באָריס, מיך אָבשיקען צוריק קיין באַלטימאָר, צו מיין טאַטען אַ היים.

# מיין בעגעגעניש מיט אברהם גאלדפאדען

אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דער פאָרשטעלונג פון „שולמית", האָט דער דירעקטאָר בעשלאָסען צו האָבען נאָך אַ פאָרשטעלונג. איך האָב געקראָגען פון איהם אַ מתנה אַ פּאָר באָסטאָנער שיך. דאַמאָלס זיינען באָסטאָנער שיך געווען אַ אידעאַל. אַך, וויא גליקליך בין איך געווען ווען איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין דיזע באָסטאָנער שיך!

דיא וואָך איז אוועק. ווערדליג טהאָמאשעווסקי האָט געגעבען דיא האַנד צו זיין טאַטען, האָט ער מיך שוין בעדאַרפט אָבשיקען צו מיינע עלטערן אַ היים, קיין באַלטימאָר. אָבער געה שיק און געה פאָהר, אַז מיר ווילט זיך נישט אוועקפאָהרען און איהם ווילט זיך ניט מיך אוועקשיקען. און דערצו האָבען מיר נאָך אַזא גוטען תירוץ — דיא נייע פאָרשטעלונג.

איך בלייב ווייטער אין באָסטאָן און שרייב צום טאַטען אַז נאָך דער נעקסטער פאָרשטעלונג וועל איך זיכער קומען אַ היים.

דערווייל איז באָסטאָן געגאַנגען כאַדראַם. אין אַלע אידישע געשעפטען, אויף אידישע חתונות, צווישען דיא מענער אין דיא שוהלען, צווישען דיא ווייבער אין דיא גראָסעריס — איבעראַל, וואו עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אידען האָט מען נאָר גערעדט וועגען אידישען טהעאַטער און וועגען „שולמית".

עס האָט זיך באַלד געפונען אַ גוטער איד מיט'ן נאָמען ראַבינאָוויטש וואָס האָט געוואָלט ווערען מענעדזשער און טאַקע פאַרדיענען אַ חוץ געלד אויף עולם

הבא. וואָרים ער, דער גוטער איד הייסט עס, וועט פארדיענען מצוות רעכטס און לינקס: פאר דיא עקטערס וועט ער האָבען א מצוה וואָס זיי וועלען שפיעלען טהעא־טער און מאכען א לעבען, און פאר דיא באָסטאָנער אידען וועט ער האָבען א מצוה וואָס ער וועט זיי ממש מחיה זיין מיט אידיש טהעאטער.

מיר האָבען איהם גערופען „גוטער איד״, ווייל קיין בעסערער איד, וויא דער, וואָס גיט געלד צו אקטיאָרשטשיקעס, קען גאָר ניט זיין. אזוי האָבען מיר דאמאלס געטראכט.

דער דירעקטאָר ווערט ערשט רעכט ביזי. „וויא באַלד ס'איז דאָ פּלענטי געלד, דאַרף מען האָבען פּלענטי עקטערס״ — זאָגט ער. און צו דער קאָמפּאַניע וואָס ער האָט, ברייִנגט ער אראָפּ די גרעסטע סטארס וואָס ניו יאָרק פון יענער צייט האָט פארמאָגט.

דאָס זיינען געווען: מאקס אבראמאָוויטש, אַנעטא פינקעל, מיסטער קארפּ, מיסעס ווערבעל, אברהם גאָלדפאדען מיט זיין פרוי פּאָולינא גאָלדפאדען און א קאפּעלמייסטער מיט'ן נאָמען פינקעלשטיין. (אַנעטא, פּאָולינא און מיסעס ווער־בעל זיינען געווען שוועסטער).

דער גוטער איד, ראבינאָוויטש, צאָהלט דורך אונזער דירעקטאָר צו בים־לעך וויידזשעס די גרויסע געסט אונזערע, און מיר נעהמען זיך שטודירען „די צוויי קוני לעמעלס״, פון אברהם גאָלדפאדען.

איך בין אין זיבעטען הימעל פאר גרויס גליק. איך קוק אויף דיא אַלע גרויסע עקטערס „אויס נויאָרק״ מיט גרויס רעספּעקט, אָבער מיין גרעסטע עהר־פורכט האָב איך צו אברהם גאָלדפאדען. ער, ער איז עס דער געטליכער מענש וואָס האָט פערפאסט דיא „שולמית״. ער שרייבט אין גראמען, ער, דער פאטער פון דעם אידישען טהעאטער, וויא דער דירעקטאָר פלעגט מיר אָמאָהל דערצעהלען, ער, אברהם גאָלדפאדען איז מיט אונז. מיט מיר. איך בין גליקליך, גליקליך...

איך קריג דיא ראָלע פון „ליבעלע״ אין „דיא צוויי קוני לעמעלס״, און מיר ווייזט זיך אויס. אז נישט קיין ראָלע צו שפיעלען טהעאטער האָב איך דאָס געקראָגען, זאָנדערן עפּעס, וואָס איך האָב זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלען פריהער.

אברהם גאָלדפאדען אַליין גיט מיר א ראָלע און איך וועל מיט איהם אין איינעם שפּיעלען טהעאטער... ניין, דאָס איז נישט גלאט אזוי א ראָלע. דאָס איז — יא — דאָס איז דאָס טעלערל פון'ם הימעל! . . .

דיא גליקליכסטע אויף דער וועלט ביז איך דאמאלס געווען.

מען האט ווידער גענומען „באסטאן מוזיק האל“, און מיר מאכען פראבע אויף „דיא צוויי קוני לעמעלס“. מאקס אבראמאוויטש אלס אמת'ר קוני לעמעל, באריס טהאמאשעווסקי אלס מאקס, דער פאלשער קוני לעמעל. אנעטא פינקעל אלס קאראלינא, איך אלס ליבעלע, קארפ אלס רב פנחס, מיסעס ווערבעל אלס רבקה, מארינשטראס אלס שלמה'ניו, און וויסמאן אלס קלמן שדכן.

איינמאהל, ביי א פראבע, דערזעה איך, וויא ער, דער פערפאסער פון שולמית, דער פאטער פון'ם אידישען טהעאטער אברהם גאלדפאדען אליין — ס'איז מיר א ווייטאג צו דערצעהלען, ס'איז אבער אן אמת — איך האב דערזעהן וויא גאלדפאדען'ס שיך זיינען צוריסען.

מיט א פלאמענדען פנים פון שאנדע און מיט טרעהרען אין דיא אויגען פון החמנות בין איך צוגעלאפען צו טהאמאשעווסקי'ן, איהם אוועקגערופען אין א ווינקעלע, און איהם איינגערוימט דעם סוד אז גאלדפאדען געהט מיט צוריסענע שיך און האב איהם געבעטען, אז ער זאל גלייך געהן קויפען א פאר באסטאנער שיך פאר גאלדפאדענען. באלד נאך דער פראבע איז טהאמאשעווסקי אוועק מיט גאלדפאדען, און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האט גאלדפאדען געטראגען א פאר נייע באסטאנער שיך.

דיא פראבעס זיינען צוגעגאנגען זעהר גוט. איך האב מיר געפלייסט און איך געקענט דיא ראלע פון „ליבעלע'ן“ אויף אויסענווייניג. גאלדפאדען אליין האט אונז געלערנט וויא אזוי צו שפיעלען. מיר האט ער צוגעגעבען פיעל קור־ראזש. עס האט איהם הנאה געטהאן וואס באלד ביי דיא ערשטע פראבע האב איך שוין געקענט דיא ראלע אויסענווייניג און ער האט זיך מיט מיר ספּעציעל אבגעגעבען, און מיר געלערנט וויא צו שפּיעלען.

דיא אידען אין באסטאן זיינען געווארען אויפ'ס ניי אויפגעלעבט, א מין נייער משיח איז ביי זיי דאס טהעאטער געווארען. און מען האט געכאפּט טי־קעטס צו דער פארשטעלונג פון „דיא קוני לעמעלס“, פּונקט וויא דיא אידען אויף דער קאלאניע אין פיסגעיל קאונטי, וואו מיר האבען געוואוינט, פלעגען כאפּען שבת־צו־נאכט דיא פלאמען פון הבדלה אין דיא קעשענעס אריין.

מיר זיינען געווען איבעררא‏שט פון דעם שנעלען פארפערקויף פון דיא טיקעטס, און מיר זיינען שוין געווען זיכער, אז דא אין באסטאן בלייבט א אידיש טהעאטער אויף שטענדיג, און טאקי מיר ווילען עס זיין דיא קאמפּאניע.

דיא פראבען ווערען אלע מאהל בעסער. מיר שפּיעלען שוין כמעט אלע דיא ראלען וויא עס בעדארף צו זיין, עס איז נאך בלויז עטליכע טעג צו דער פאר־

שטעלונג, אלץ ווערט שוין צוגעגרייט, און גאט העלפט אין א שעהנעם טאג ביי א פראבע — צוקריגען זיך דער דירעקטאר מיט דער פרימאדאנא, אנעטא פינקעל, און זיא זאגט, זיא שפיעלט ניט.

זיא שפיעלט ניט, כאטש רוף צוריק דיא גאנצע פארשטעלונג. מען רעדט, מען טענה'ט, אבער עס העלפט ניט. זיא וויל, זאגט זיא, מיט טהאמאשעווסקי'ן צוזאמען ניט שפיעלען אפילו אז מען זאל דארפען אומקעהרען דאס געלד פאר אלע אויספערקויפטע טיקעטס, זיא איז דיא „סטאריכע“, און זיא מוז אויספיהרען, זאגט זיא.

נאך א לאנגען קריעג הויבט זיך אויף דער דירעקטאר און גיט א שפיי אוים אויף דער פרימאדאנא, מיט דיא „קוני לעמעלס“, מיט גאנץ באסטאן. ער זאגט „אדיע“, פאקט צונויף זיינע זאכען, געזעגענט זיך אפ מיט אלעמען און פאהרט אוועק פון באסטאן.

עס העלפט ניט קיינעם'ס בעטען און ניט מיין וויינען. טהאמאשעווסקי איז אוועק און מיר אלע בלייבען שטעהן אין מיטען־דרינען.

עס איז עטליכע טעג צו דער פארשטעלונג, און מיר זיינען אלע גרייט. נאר עס פעהלט אונז א „מאקס“, א פאלשער „קוני לעמעל“.

# איך בין א קרבן פון טהעאטער־פאליטיק

די גאנצע קאמפאני איז דאן געבליבען אין א פערלעגענהייט, מען האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. די פארשטעלונג סטאפען איז געווען אונמעגליך. אלע טיקעטס זיינען שוין געווען אויספערקויפט און צו דער פארשטעלונג איז סך הכל פערבליבען בלויז א פאר טעג. עס איז פשוט געווען אונמעגליך דיא פארשטעלונג אבצולעגען און עס איז אויך נישט געווען מעגליך צו שפיעלען, ווייל אהן א „מאקס“ קען מען דיא „קוני לעמעלס“ ניט דורכפיהרען. מאקס איז דער צווייטער קוני לעמעל. טא וויא קען מען שפיעלען דיא „צוויי קוני לעמעלס“ ווען ס'איז נאר דא א י י ן „קוני לעמעל“?

פאלט מען אויף א פלאן: מען זאל ווארטען ביז ביינאכט ווען גאנץ באס־טאן וועט שוין זיין איינגעשלאפען, זאלען מיר אלע זיך שטילינקערהייט ארויס־רוקען פון „גוטערמאן'ס בארדינג הויז“ און מאכען פליטה. דאס איז דאס איינ־ציגע וואס איז אונז געבליבען, ווארים אז דיא אידען וועלען זיך צונויפקומען

אין האַלל און מען וועט דיא „קוני לעמעלס“ ניט שפּיעלען, וועט דאָך זיין טראָבעל, עס וועלען מסתמא פליהען פּעטש אויף אונזער אדרעס, טאַ צו וואָס זאָלען מיר דאָ וואַרטען מיט אונזערע ביינער? לאָמיר זיך בעסער בעצייטענס אַבטראָגען.

דער איינציגער וואָס האָט דעם פּלאַן צו־נישט געמאַכט, איז געווען אברהם גאָלדפאַדען. ער האָט זיך אונטערגענומען איינשטודירען אַ „מאַקס“ מיט וועמען עס איז, אָבער שפּיעלען זאָל מען, — נישט אַנטלויפען. און אין דיא פּאָר טעג וואָס זיינען נאָך געבליבען ביז צו דער פאָרשטעלונג האָט גאָלדפאַדען איינ־געשטודירט מיט אַן אַקטיאָרעל אַ „מאַקס“ און דיא „קוני לעמעלס“ זיינען גע־ראַטעוועט געוואָרען.

דער ליידיגער שטוהל וואָס איז געבליבען אין אונזער קאָמפּאַניע ווען טהאָמאַשעווסקי איז פּלוצים אַוועק, איז באַלד באַזעצט געוואָרען מיט אַנאַנדער אַקטיאָר.

איך אָבער, בין נישט געווען קיין קאָמפּאַניע, דער ליידיגער שטוהל וואָס איז געבליבען אין מיין האַרץ ווען טהאָמאַשעווסקי איז אַוועק פון באָסטאָן איז נישט באַזעצט געוואָרען. מיר האָט טהאָמאַשעווסקי נישט געפעהלט אַלס אַקטיאָר וואָס דאַרף שפּיעלען „מאַקס“, מיר האָט געפעהלט טהאָמאַשעווסקי, מיין גע־ליעבטער.

באַלד וויא ער איז אַוועק און מיך אַליין געלאָזען מיט דער קאָמפּאַניע, האָב איך זיך דערפיהלט אַזוי קליין, אַזוי נידריג, אַזוי געפאַלען אַז דיא ראָלע אַפּילו וואָס איך האָב געשטודירט, דיא ראָלע פון „ליבעלע“, האָט מיך נישט גע־קענט אַרויסרייסען פון מיין שרעקליכע פערצווייפלונג. איך בין געווען אַזוי נידער־געשלאָגען און עלענד, אַז אַפּילו וויינען האָב איך נישט געקענט, מיינע טרעהרען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען פון דעם שרעקליכען, העלישען פייער וואָס האָט געברענט אין מיין האַרצען.

איך בין אומגעגאַנגען וויא צומישט און נישט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט מיר.

ביי דער פאָרשטעלונג פון דיא „קוני לעמעלס“, איידער מען האָט נאָך אָנגעפאַנגען שפּיעלען, האָב איך געליטען מיינע ערשטע קינסטלערישע ערנידרי־גונגען פון דיא קאָלעגען קינסטלער.

דיא פּרימאַדאָנאַ, אַנעטאַ פינקעל, איז געווען דיא „סטאַריכע“ מיט׳ן דיפּלאָם „אוים נויאָרק“, און זיא האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהען וואָס דאָס מיינט. די שהנע גאַרדעראָב וואָס איך האָב פערנומען אין זעלבען „באָסטאָן

מוזיק האַל" ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק בשעת איך בין אויפגעטראָטען אַלס „שולמית" — דיזע שעהנע דרעסינג־רום האָט אַנעטאַ פינקעל געגומען פאַר זיך. מיר האָט זי געהייסען זיך אַנטהאָן — כ׳בעט אום ענטשולדיגונג—אין טאַילעט, וואָרים וויא באַלד איך וועל זיך אַנטהאָן אין זעלבען דרעסינג־רום מיט איהר, טאָ פון וואַנען וועט מען וויסען אַז זיא איז דיא „סטאַריכע".

„קוק עס אָן," האָט זי געלאַכט פון מיר. „אַ „סטאַר" אין קורצע קלייד־לעך! האָסט שוין אַ סך געליטען פאַר דער אידישער ביהנע? וויפיעל חזרים האָסטו שוין געפּאַשעט מיט אַקטיאָרען?"....

מיר האָט שרעקליך פערקלעמט ביים הארצען פאַר ווייטאַג. איך האָב ניט פערשטאַנען פאַר וואָס קומט מיר דער שפּאָט, און אַז איך טראָג קורצע קליידלעך, איז וואָס? ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָב איך דאָך דאָ געשפּיעלט „שולמית"! דאָ אין זעלבען האָל האָבען דאָך הונדערטע מענשען מיך אַפּלאָדירט און דאָס פּובליקום האָט געשריען „בעסי קויפמאַן!" און איז געווען בעגייסטערט פון מיין שפּיעלען. איך בין דאָ אין באָסטאָן בעליעבט ביים גאַנצען אידישען פּובליקום פאַר מיין זינגען „שבת, יום טוב און ראש חודש", טאָ וואָס איז אַז איך טראָג קורצע קליידלעך?

אָבער אָט דיא אַלע געגרעכטע טענות וואָס איך האָב ביי זיך אַליין גע־טראַכט האָבען גאָר ניט געהאָלפען. מיינע הייסע טרעהרען וואָס איך האָב פער־גאָסען אין אַ ווינקעל הינטער׳ן סטיידזש זיינען געווען אומזיסט. אַנעטאַ פינקעל איז געווען „סטאַר", זיא האָט פאַר זיך גענומען דיא שעהנסטע דרעסינג־רום און איך האָב געמוזט אַראָבשלינגען דיא ביטערע מעדיצין און שווייגען. וואָרים איך בין געווען איינע אַליין. דער איינציגער וואָס האָט זיך געקענט אָננעהמען מיין קריוודע איז געווען טהאָמאַשעווסקי, אָבער ער איז נישט געווען דאָ, ער איז געווען ערגעץ ווייט אַוועק. ער האָט נישט געזעהען וויא מען פערצאַפּט מיר מיין בלוט און מען טרעט מיינע קינסטלערישע געפיהלען. איך בין געווען אַליין.

איך בין פון דער בעליידיגונג געווען שרעקליך אויפגעבראַכט, יעדער טראָפּען בלוט אין מיינע אָדערן האָט געזאָטען מיט האַס און מיר האָט זיך שרעק־ליך געוואָלט נקמה נעהמען אין דער פּרימאַדאָנאַ אַנעטאַ פינקעל.

מיין איינציגער וואונש איז דאַן געווען אַז זיא זאָל דורכפאַלען, דאָס פּובליקום זאָל איהר אויספייפען, עס זאָל געשעהן אַ נס און זיא זאָל ווערען הייזעריג, אפילו אין גאַנצען דיא שטימע זאָל זיא פאַרלירען, אַרט מיך אויך ניט. איהר אויף להכעיס זאָל איך גאָר דוקא מאַכען אַ סוקסעס, און אַז איך וועל

ווערען א גרויסע אקטריסע וועל איך מיט איהר קיין מאהל ניט שפּיעלען אין־איינעם, כאָטש זיא איז איצט אזא יחסן׳טע ביי זיך ווייל זיא קומט „אוים נויאָרק“.

מיט א צו־וויטאַגטען הארצען וואָס קומט פון האַס, בעליידיגונג, ביינקע־ניש, פערלאַזענהייט, ענטוישונג, עלענד און ערנידריגונג בין איך ארויף שפּיעלען מיין ראָלע פון „ליבעלע“ אין גאָלדפאַדען׳ס „קוני לעמעלס“.

איך האָב געקראָגען א ווארימע אויפנאהמע פון פובליקום וויא נור איך האָב זיך בעוויזען אויף דער סצענע און דאָס האָט מיר צוגעגעבען זעהר פיעל קוראזש. איך האָב מיין ראָלע געשפּיעלט בעסער נאָך וויא ביי דיא פּראָבען. נאָך יעדען אקט איז גאָלדפאדען צוגעקומען צו מיר און מיר געדריקט דיא האנד, ער האָט מיך געלויבט און מיר צוגעגעבען מוטה. נאָך׳ן שפּיעלען האָט ער מיר פאר אלע אקטיאָרען אין דיא אויגען ארומגענומען און מיך א קוש געטהאָן אין שטערען.

„קינדער“ — האָט ער געזאָגט צו דיא אקטיאָרען — „דאָס מיידעלע איז א טאלאנט, זיא וועט אמאהל זיין א גרויסע אידישע שוישפּיעלערין“.

דאָס האָט מיך אזוי געפרעהט, איך בין געווען אזוי גליקליך וואָס גאָלד־פאדען איז געווען צופרידען מיט מיין שפּיעלען, אז איך האָב פארגעסען אין דער בעליידיגונג וואָס אנעטא פינקעל האָט געלאכט פון מיר פאר דער פאָר־שטעלונג. איך האָב נישט געפיהלט מעהר קיין האַס צו איהר און צו קיינעם ניט, איך האָב געטאנצט און געשפּרונגען פאר שמחה.

אָבער אז איך בין צוריקגעקומען אין „באָרדינג הויז“ און דיא גאנצע קאָמפּאניע אקטיאָרען האָבען זיך אזוי געטומעלט, געלאכט און געשטיפט און יעדער פון זיי האָט זיך געפיהלט לוסטיג און שטאלץ, און אלע צוזאמען האָבען שוין געגומען רעדען פון א צווייטער פאָרשטעלונג, בין איך געבליבען פון וויטענס.

מיט מיר האָט מען זיך ניט גע׳עצה׳ט.

און איך האָב ווידער דערפיהלט מיין עלענד. איך בין אוועק צו מיר אין רומקעלע און אויף מיין געלעגער זיך גוט אויסגעוויינט. איך האָב געוויינט פאר וואָס ער, מיין געליעבטער, איז איצט נישטאָ, פאר וואָס ער האָט ניט געזעהען וויא גוט איך האָב געשפּיעלט „ליבעלע“. מיין גאָט, פאר וואָס האָט ער מיך ניט מיטגענומען מיט זיך? אז ער האָט זיך צוקריגט מיט דער פרימאדאָנא, וואָס־זשע בין איך שולדיג? וואו׳ום האָט ער מיך איבערגעלאָזען איינע אליין?

# מיין ערשטע ראָליע אַלס מאַנסביל

עטליכע טעג זיינען אַוועק נאָך דער פאָרשטעלונג פון דיא „קוני לעמעלס“ און דער מענעדזשער ראַבינאָוויטש אַרראַנזשירט נאָך אַ פאָרשטעלונג פאר אונזער קאָמפּאַניע.

קיין בריעף פון טהאָמאַשעווסק י'ן האָב איך נאָך נישט ערהאַלטען זינט ער איז אַוועק פון באָסטאָן. יעדער טאָג איז מיר אַ יאָהר. איך בין אין גאַנצען דערשלאָגען און בייז אויף מיין שלעכטען גורל וואָס איז מיר אויסגעפאַלען פון גאָט. איך שרייב נישט מעהר אַ היים צו מיינע עלטערן; שוין אַ פּאָר בריעף האָב איך נישט געענטפערט. מיין פאַרשפּרעכען צום טאַטען אַז איך וועל קומען אַ היים באַלד וויא איך וועל אָבשפּיעלען „שולמית“, האָב איך נישט געהאַלטען; פון מיינע איצטיגע יסורים וויל איך ניט שרייבען צום טאַטען און עפּעס האָט זיך מיר געדוכט אַז אַפילו ווען איך וועל שרייבען אַ היים וועט מיר אויך נישט ווערען גרינגער.

מיינע יונגע קינדישע געדאַנקען האָבען זיך געמישט אין מיין יונגען מוח און איך האָב נישט געקענט אויף קלאָהר אויסרעכענען וואָס איך זאָל טהאָן. מיינע געפיהלען אָבער האָבען זיך מיט אַמאָהל אין מיר געביטען. עס האָט מיך אין ערגעץ נישט אַזוי געצויגען וויא צו איהם, צו מיין געליעבטען. גאַנצע טעג האָבען געקענט פערבייגעהן און איך זאָל אַפילו וועגען מיין היים, וועגען מיינע עלטערן נישט אַ קלעהר טהאָן, זיך ניט דערמאָהנען אַפילו. אָבער עס האָט קיין שטונדע, קיין האַלבע שטונדע נישט געקענט פערבייגעהן אַז איך זאָל נישט קלעהרען און טראַכטען און בייזקען נאָך איהם, נאָך מיין געליעבטען.

ווען איך האָב געטראַכט וועגען שפּיעלען טהעאַטער, האָב איך געטראַכט וועגען איהם, האָב איך געלערנט מיין ראָלע, האָב איך געוואָלט געפעלען איהם, בין איך געזעסען אין שטוב האָב איך געהערט זיין שטימע, בין איך געגאַנגען אין פּאַרק האָב איך געהערט זיינע רייד. ער, נור ער האָט מיך אינטערעסירט. איך האָב איהם מוחל געווען וואָס ער איז אַוועק, איך האָב אַליין ביי זיך אין הארצען איהם פאַרענטפערט, אַז ער איז געווען גערעכט, אַזאַ קינסטלער וויא ער, האָט טאַקע נישט בעדאַרפט שפּיעלען מיט אַ פּרימאַדאָנאַ וויא אַנעטאַ פינקעל. זיכער איז ער גערעכט וואָס ער האָט פערלאָזען דיא קאָמפּאַניע און איז אַוועק, אָבער איך, וואָס בין איך שולדיג? פאַר וואָס האָט ער צוזאַמען מיט דער קאָמפּאַניע

וואס ער האט פערלאזען, אויך מ י ך איבערגעלאזען? פאר וואס נעהמט ער מיך נישט אוועק פון דאנען, איך זאל ניט זיין אזוי עלענד ?

שרעקליכע מחשבות האבען געעגבערט מיין מוח.

עס האט זיך מיר פארגעשטעלט אז ער איז אוועק אין א ווייטען לאנד, דארט האט ער דערזעהען א שעהנערע מיידעל פון מיר און האט זיך אין איהר פארליעבט פונקט ווי „אבשלום". און צו מיר וועט ער שוין מעהר קיינמאהל נישט קומען, איך וועל ווערען משוגע, פונקט וויא „שולמית", איך וועל זיך אוועקלאזען אין יענעם ווייטען לאנד איהם זוכען און אויפן וועג וועל איך פערבלאנדזשעט ווערען און קומען אין א וויסטען וואלד, דארט וואו דיא שדים מיט דיא מתים האלטען זיך אויף. דארט וועט א שד מיך נעהמען אויף זיינע פליגעל, וועט מיט מיר אוועקפליהען אין הימעל אריין און מיך אריינווארפען אין גהינום אריין, אין דער קאכיגער סמאלע — דערפאר וואס איך האב נישט געפאלגט מיין טאטען.

איך פלעג דערביי וויינען און טראכטען אז ס'איז א מצוה אויף מיר וואס גאט האט מיך אזוי געשטראפט, ווייל איך האב געדארפט טאקע פאלגען דעם טאטען ווען ער האט מיך געווארנט איך זאל ניט נאכלויפען קיין קאמעדיאנשטשיק

מיין לעבען איז דאן געווען א קנויל פון ווילדע חלומות און פייגליכע פאנטאזיעס. איך האב שרעקליך געליטען. מיין איינציגע שטיקעל טרייסט איז געווען וואס איך האב ווידער געקראגען א ראלע און ווידער שטודירט. אויך גאלדפאדען האט מיר נישט געלאזען אין גאנצען פערצווייפלען, ער האט געזעהן מיינע ליידען און האט מיך געטרייסט אז אויב טהאמאשעווסקי וועט נישט שיקען טהעאטער.

נאך מיר וועט ער מיך נעהמען מיט זיך קיין נויארק און איך וועל דארט שפיעלען

מיין נייע ראלע איז געווען זעהר א אינטערעסאנטע פאר מיר. מען האט געשטעלט דיא פיעסע „אוריאל אקאסטא" און איך האב געקראגען דיא ראלע פון אקאסטא'ס ברודער, „ראובן". דאס איז געווען דאס ערשטע מאהל וואס איך האב געשפיעלט אלס א מאן אין מענערשע קליידער. קארפ האט געשפיעלט אלס „אקאסטא", און דיא פרימאדאנא אלס „יהודית". אזוי וויא קיין איבריגע קאסטיומען זיינען נישט געווען, האט מען פאר מיר צונויפגענומען קליידער פון עטליכע פארשוינען. אלעס האט אויף מיר געפאסט, אויסגעגאסען ווי א פאמוניצע, נאר אם בעסטען זיינען דיא שיך געווען; דאס זיינען געווען קארפ'ס שיך. קיין גרעסערען סייז, דוכט מיר, קען מען שוין ניט קריגען. איך האב אויף דער ביהנע

נישט געוואוסט וואס פריהער אין זינען צו האבען, צי זאל איך געדענקען אז איך שפיעל פאר א מאן און זיך האלטען וויא א מאן, צי זאל איך געדענקען אז אט פערליער איך קארפ׳ס שיך און בלייב שטעהן בארוועס אויפ׳ן סצענע; איך בין שוין געווען איינמאהל א מאנסביל אין אט דיזע שיך.

אין דער סצענע וואו איך קום צו „אקאסטא׳ן" און ברייננ צופיהרען אונזער בלינדע מאמען, איז אנשטאט איך זאל זיא פיהרען האב איך זיך גאר אנגעהאלטען אן איהר און ס׳איז געווען מיט נסים אז מיר זיינעןביידע נישט געפאלען אויף דער ביהנע.

אזוי וויא „אקאסטא" איז געמיינט צו זיין א טראגעדיע, נו, האב איך געהאט דיא טראגעדיע. איך האב זיך אנגעהארעוועט שלעפענדיג דיא שיך, וויא א גוטער גוי. איך בין אבגעגאנגען מיט שוויים, דערפאר אבער האט דאס פובליקום זיך גוט אמוזירט, זיי האבען געהאט „פאן", זיי האבען געמיינט אז אט דער „ראובן" פון „אוריאל אקאסטא" איז א קאמיקער, א מין „קוני לעמעל", און אז דאס האב איך זיך אומיסטען אנגעטהאן מיט גרויסע שיך כדי עס זאל זיין קאמיש — האט מען זיך „ענדזשאיעט" ביי דער טראגעדיע פון „אוריאל אקאסטא".

מיר האט עס הנאה געטהאן וואס דער עולם לאכט און איך האב זיי גע־האלפען לאכען. איך האב געשלעפט דעם געלעכטער פון דיא שיך. אין אנפאנג אז דאס פובליקום האט זיך צולאכט פון מיינע שיך, האב איך געהאט גרוים עגמת נפש וואס איך מאך קאליע אזא ערנסטע ראלע וויא ראובן, אקאסטא׳ס ברודער, אבער שפעטער אמיסעל האב איך דערפון הנאה געהאט און מיר האט זיך פער־וואלט מאכען עפעס אזעלכע קונצען אז דער עולם זאל נור לאכען און איך האב אנגעווענדעט אלע מיינע כוחות.

דאס איז געווען מיין ערשטע „קאמישע" ראלע, דאס ערשטע מאל וואס איך האב געמאכט א פובליקום לאכען. דאס האט אין מיר ערוועקט א מין פער־גענינען דאן און ביז היינטיגען טאג האב איך דעם גרעסטען פערגעניגען ווען איך שפיעל א קאמישע ראלע און איך מאך דעם עולם אין טהעאטער לאכען.

נאך דער פארשטעלונג פון „אקאסטא", אין א פאר טעג ארום, ערהאלט איך א בריעף פון טהאמאשעווסקי׳ן.

מיין פרייד, מיין גליק איז געווען אהן א גרענעץ. איך האב געקושט דאס פאפיער, דיא אותיות פון׳ם בריעף. מיר האט זיך געדאכט אז יעדע שורה פון בריעף איז א בליק פון זיינע שווארצע אויגען. איך האב גאר נישט געקענט זאט

ווערען פון לעזען דיא פרעהליכע בשורה וואס ער האט מיר געשריבען אז גאר אין גיכען וועט ער האבען פאר מיר גוטע נייעס.

# איך ווער אימפארטירט קיין פילאדעלפיא

וויעדער זיינען אוועק טעג און וואכען,—איך האב קיין נייע בריעף פון טאמאשעווסקי'ן נישט ערהאלטען. דער בריעף, וואס ער האט מיר געשיקט, וואו ער האט מיר געשריעבען, אז גאר אין גיכען וועט ער האבען גוטע נייעס פאר מיר, אט דער בריעף איז געווען מיין איינציגע טרייסט.

אונזער קאמפאניע האט זיך דערוויל גענומען גרייטען פאר נאך א פאר־שטעלונג. מען האט געשטודירט א נייע פיעסע פון גאלדפאדען. אבער איך האב קיין נייע ראלע נישט געקענט אויסוועניג אזוי גיך ווי איך פלעג קענען מיינע ערשטע ראלען. מיין קאפ איז מיר נישט געווען דערביי. ווייל אלע מיינע געדאנ־קען, מיין גאנצער זכרון איז געווען איינגעפילט מיט איהם, מיט טאמאשעווסקי'ן.

ווידער זיינען אוועק עטליכע טעג און איך דערהאלט א בריעף: טאמא־שעווסקי שרייבט מיר, אז ער האט צוזאמענגעשטעלט א קאמפאניע אין פילא־דעלפיא און איך זאל למען השם באלד פערלאזען באסטאן און קומען צו איהם קיין פילאדעלפיא.

איך האב לאנג נישט געקלערט און באלד צונויפגעפאקט מיינע פאאר זאכען, זיך אבגעזעגענט מיט דער קאמפאניע און מיט גוטערמאן'ס „באארדינג הויז," און באלד האב איך געזאגט גוד־באי צו באסטאן און בין אוועק.

די רייזע איז מיר געווען אונענדליך לאנג און לאנגווייליג. ענדליך בין איך אנגעקומען אויף בראאד סטריט סטיישאן אין פילאדעלפיא. טאמאשעווסקי האט שוין געווארט ביים סטיישאן.

מיר האבען זיך אריינגעזעצט אין א קערידזש און צוגעפאהרען צו א קליינע הייזקע און טאמאשעווסקי האט מיר געזאגט, אז דאס איז „מיסעס לא־וויט'ס פריוואט באארדינג הויז."

אריינקומענדיג איז הויז, בין איך געבליעבען שטעהן ביים טיהר א דער־שראקענע צום טויט, איך האב נישט געקענט מאכען א שריט ווייטער: איך האב דערזעהן מיין שוואגער לואי לעוויצקי.

דאס איז געווען פאר מיר א גרויסע איבעררא‎שונג. איך האב נישט גע־וואוסט פון וואנען האט זיך דא גענומען מיין קלארא'ס מאן.

מען האט מיר באלד דערצעהלט, אז לואי איז געווען אוועק פון קלארא'ן און איז געקומען איז פילאדעלפיא שפיעלען טהעאטער.

מיין ארימע שוועסטער קלארא! זי איז געבאך אליין געבליעבען מיט א פיצעלע קינד, פערלאזען פון מאן, ווייל איהם האט זיך געוואלט שפיעלען טהעא־טער....

איך האב זיך גוט צואווינט אויף דעם שלעכטען מזל פון מיין טאטען, וואס פאר א נחת ער האט דאס דערלעבט אין זיינע טעכטערלאך! עס האט מיך פערדראסען וואס איך טהו איהם אן אזוי פיעל צרות. שוין באלד א יאהר זינט איך בין אוועק פון דערהיים און שרייב אפילו קיין בריעף ניט צו מיינע ארימע עלטערן.

מען האט מיך אבער ניט לאנג געלאזען פילאזאפירען. מען האט געדארפט קלערען וועגען שפיעלען טהעאטער. טאמאשעווסקי פאנגט באלד אן ארגאניזירען א טרופע און ברענגט אריבער קיין פילאדעלפיא זיין שוועסטער פעני מיט איהר מאן גרינבערג און די קליינע עממא (די שפעטערדיגע עממא פינקעל) און אויך דעם אלטען, ר' פנחס טאמאשעווסקי.

דער אלטער ווערט דער מענעדזשער און נעהמט „דראמאטיק האלל" אויף קארנער געסקיל סטריט (איצט איז דארט א שוהל) און מיר נעהמען שטודירען א נייע פיעסע מיט'ן נאמען „יאנקעלע יונגאטש," פערפאסט פון אונזער מענעדזשער, ר' פנחס טאמאשעווסקי.

דער אינהאלט פון דיעזער טראגעדיע איז געווען אזוי: ערגיץ אין א קליין שטעדטעלע האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען יאנקעל. אט דער דאזיגער יאנקעל איז נישט געווען ווי אנדערע יאנקעלס, ער איז געווען א בעל עגלה.

ער איז געווען ארים, אבגעריסען, געהאט א פולע שטוב מיט קליינע קינ־דער, קראנקע, הונגעריגע, נאקעטע און בארוועסע. האט ער געהאט צוויי פגירה־דיגע פערדלאך. איז איהם, נעבאך, איין פערדעל אוועקגעפאלען און ער האט אליין געמוזט שלעפען דעם וואגען. הכלל, ס'איז אויף איהם, אויף יאנקלען, געווען א גאט'ס רחמנות. נור מיט איין זאך האט איהם גאט געבענשט דוקא א גוטע,—מיט א ווייב. יאנקעל'ס ווייב איז געווען נאך א יונג ווייבעלע, זי איז געווען שעהן און גוט און פרום און געטריי און זי האט געקענט זינגען... (יאנקעל אליין האט אויך געקענט זינגען...) זי האט איהם זעהר ליעב געהאט און זי האט מיט אלע איהרע שוואכע כוחות איהם אונטערגעהאלפען אין דער פרנסה: זי האט געוואשען פרעמדע וועש, פרעמדע פארלאגעס, אבי אין זייער ארים שטיבעל זאל זיין שלום

בית און אזוי איז טאקע געווען. זיי האבען זיך געלעבט בשלום, אזוי ווי צווי טוי־בעלאך. די גאנצע וועלט האט מקנא געווען יאנקלען מיט יאנקעליכען אין ערשטען אקט.

אבער אין צווייטען אקט איז געשעהן אזעלכעס, מען זאל דערמיט נישט געשטראפט ווערען, קיין איד זאל דערפון ניט וויסען. ערגיץ האט יאנקעל גע־וואונען א גרויס פערמעגען אויף דער לאטערי. און אז געלד מאכט קאליע א מענ־שען, דאס האבען מיר זיך דערוואוסט באלד אין צווייטען און אין דריטען אקט פון אט דער טראגעדיע. דער אמאליגער גוטער יאנקעל איז געווארען אן אמת'ער נישט־דא־געדאכט אליין. ער האט פערלאזען זיין כשר אידיש ווייבעל און איז אוועק צו א גויע וואס האט אויך געקענט רעדען אידיש. די איינע גויע האט יאנקלען באקענט מיט נאך גויעס און אט די אלע גוי'אישע ווייבלעך האבען געמאכט א תל פון'ם ארימען יאנקעל. זיין גאנץ פארמעגען, וואס ער האט געוואונען, איז גע־גאנגען פראכאס, פארהוליעט, פארשארלאטאנעוועט, פאריונגאטשעוועט. יאנקעל איז ווידער געבליעבען ארים. נור פריהער איז יאנקעל געווען אן עהרליכער בעל עגלה און אצינד איז ער שוין א זינדיגער, א „יאנקעלע יונגאטש."

און יאנקעל כאפט זיך, אז ער האט שוין פאריונגאטשעוועט זיין עולם הזה און טאמער ענדיגט זיך אזוי די שפיעל קען ער נאך פאריונגאטשעווען זיין עולם הבא אויך. טויג דאך נישט. בעשל יעסט ער צו ראטעווען זיין עולם־הבא כאטש אין לעצטען אקט און ער בעט זיך איבער מיט זיין פרום אידיש ווייבעל פון ערשטען אקט, ער פאלט צו דער פאדלאגע און שלאגט זיך חטאתי. דאס ווייב איז איהם מוחל, עס הערשט צוריק שלום בית און יאנקעל זינגט א ליעדעל:

„אלעס איז פיין, וואויל און גוט,
אמת, ווי איך בין א איד!"

פערשטעהט זיך. אז „יאנקעל" האט געשפיעלט בארים טאמאשעווסקי און „יאנקעליכע" האב איך געשפיעלט.

דאס „טהעאטער" אונזער'ס „דראמאטיק האלל," איז געווען אויפ'ן צווייטען פלאר. די ביהנע איז געווען א קליינטשינקע, מיט א הארבאטע פלאאר, שמור־ציג און גליטשיג. מען האט געדארפט גוט אכטונג געבען מען זאל נישט אריבער־פאלען די פוט־לייטס אין ארקעסטרא אריין. די דרעסינג רומס זיינען געווען פון דינע ברעטלאך מיט לעבער און עס פלעגט אריינרעגענען פון סטעליע אין די דא־זיגע דרעסינג רומס. טאמער האט אין גאס גערעגענט האט מען אין אונזערע דרע־

סינג רומס געמוזט אונטערשטעלען שיסלען מיט טעפּ, אניט וואָלט די גאַנצע ביהנע געווען אוועקגעשוואומען.

די פאָרשטעלונג פון „יאַנקעלע יונגאַטש" איז געווען א קנאַפּער ערפאָלג. קיין געלד האָט מען נישט געמאכט. עס איז געווען שוואך בעזוכט. אָבער דאָס שפּיעלען איז עפּעס אביסעל יא געווען געפעלען און מען הויבט אָן טראַכטען וועגען א נייע פאָרשטעלונג. דער „אַלטער" האָט געזאָגט, אז פילאַדעלפיא מוז האָבען א אידיש טהעאַטער.

מען ברענגט ווידער ארויס פון ניו יאָרק א ניי פּאָארעל פון דער משפחה, מערי עפּשטיין מיט'ן מאַן. מערי זאָל שפּיעלען דראַמאַטישע ראָלען און עפּשטיין זאָל סופלירען.

דער מענעדזשער אונזערער, ר' פּנחס טאָמאַשעווסקי, נעהמט ווידער „דראַמאַטיק האָלל" און מיר שפּיעלען דאָרט א פּאָאר מאָל „רעפּערטואַר," דאָס הייסט אַזעלכע פּיעסען וואָס מיר האָבען שוין געשפּיעלט פריהער. וואָס מעהר מיר שפּיעלען, אַלץ מעהר ווערען מיר בעקאַנט אין פילאַדעלפיא. די פאָרשטעלונגען ווערען שוין בעסער בעזוכט, מיר מאַכען שוין גאַנץ אָפט גוטע פּראָפיטען, אַזוי אז מיר האָבען טאַקע געגוג צו בעצאָהלען מיסעס לאַוויט פאַר אונזער לאַזשי.

# מיין חתונה מיט טאָמאַשעווסקי'ן

**דערוויי**ל האָט מיין טאַטע מיך אָנגעהויבען צו באָמבאַרדירען מיט בריעף אז איך זאָל שוין אמאָל אהיימקומען. איין בריעף איז געווען אן אולטימאַטום: אויב איך קום ניט אהיים קיין באַלטימאָר, קומט ער פון באַלטימאָר און וועט מיך לאָזען ארעטירען.

מיין שוואָגער לואי, וועלכער האָט געלעזען דעם בריעף האָט מיר געגעבען אָן עצה, אז איך זאָל חתונה האָבען מיט טאָמאַשעווסקי'ן, וועט מיין טאַטע אויף מיר קיין שליטה ניט האָבען.

מיר איז געוואָרען זעהר אומעטיג אויפ'ן הארצען, איך האָב נישט געהערט רעדען מיט טאָמאַשעווסקי'ן וועגען דעם. מיר האָט דאָס אויסגעזעהען עפּעס אַזוי פּראָסט, אַזוי וואָכעדיג צו רעדען וועגען חתונה האָבען!

חתונה — האָבען דאָך אַלע פּראָסטע מענשען; א חתונה איז דאָך נישט קיין ליעבע. אַלע פּראָסטע מענשען האָבען חתונה, האָבען קינדער און שטאַרבען, נאכדעם וואַקסען דיא קינדער אויס, האָבען אויך חתונה און האָבען אויך קינדער

און שטארבען אויך. אזוי געהט עס כסדר. אָבער א ליעבע איז דאָך עפּעס אַן אַנ־דער זאַך. א ליעבע מוז זיין שעהן און טרויעריג, דער געליעבטער דאַרף אוועק און פערלאָזען דיא געליעבטע און זיא דאַרף וויינען און ווערען משוגע פון בענקע־ניש. נאכדעם דאַרף דער געליעבטער צוריקקומען און זיי דאַרפען זיך נאָך שטאַר־קער ליעב האָבען, אָבער אַלץ נור ליעב האָבען, ניט חלילה התונה האָבען...

איך האָב דעם טאַטען'ס בריעף געוויזען טהאָמאַשעווסקי'ן און זיך שטאַרק צו־וויינט. דער סוף איז געווען אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום איז בעשלאָסען געוואָרען אַז מיר זאָלען געהן אַרויסנעהמען מערידזש ליסענס.

מען האָט מיר פערזאָגט אַז איך זאָל אָנגעבען אַז איך בין אכטצעהן יאָהר אַלט. אָט שטעהען מיר שוין ביידע, טהאָמאַשעווסקי און איך, לעבען פענסטערל וואו עס זיצט אַן אַלטער דיקער דזשענטעלמען, מיט אַ פּען אונטער'ן אויער, מיט אַ ווייסען קאָפּ האָר, ער קייעט טשו־טאָבעקאָ לאַנגזאַם, וויא אַ קוה מעלה־גרה'ט. ער טהוט אויף מיר אַ קוק, טהוט אַן די ברילען אויפן שפּיץ פון זיין רויטע נאָז, קוקט אַריין אין אונזער אַפּליקיישאָן און פּאָנפעט צו זיך אַליין אונטער'ן נאָז: מיסטער באָרים טהאָ־מאַשש־עוו־סקי ענד מיסס בעססי קויפמאַן. ער נעהמט דאָס פּאַפּיער אין איין האַנד און מיט דער צווייטער נעהמט ער פּאַוואָליע אַראָפּ דיא ברילען פון נאָז, שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע עלנבויגען אָן דעסק, קוקט אויף מיר שאַרף און ר'עדט אַרוים מיט אַ באַסאָווע שטימע: „האַו אָלד אַר יו, ליטל גוירל?"

איך בין געווען זעהר דערשראָקען און צומישט, איך האָב פּאַרגעסען וואָס מען האָט מיר אָנגעזאָגט און איך ענטפער אויף אַ דין קול'כעל: „אַי עם סיקסטין!"

דער אַלטער דזשענטעלמען קוקט אויף מיר שטרענג און מאַכט צו מיר בייז: „גאָ האָום, ליטל גוירל, ענד סענד יור פאַדהער היער".

מיר זיינען פאַרשעהמט אַוועקגעגאַנגען פון סיטי האָל. ווען מיר זיינען שוין געווען אין גאַס האָב איך אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער. איך האָב זעהר געלאַכט ווען איך האָב זיך דערמאָהנט וויא טהאָמאַשעווסקי און איך זיינען גע־בליבען שטעהן לעבען פענסטערל אַזוי וויא שטומע נאַראָנים.

מיר זיינען געקומען אין באָרדינג הויז און מיין שוואָגער לואי מיט אונז ביידען האָבען פערפאַסט אַ גוואַלדיגען בריעף צו מיין טאַטען, אַז למה"ש ער זאָל נישט צושטערען דאָס גליק פון צוויי יונגע קינדער, ער זאָל נישט אומברייננגען דאָס לעבען פון צוויי יונגע נשמות און ער זאָל אויסשווערען אין באַלטימאָרער

סיטי האל אן ערלויבניש אז ער איז מסכים צום שידוך און ער זאל אונז געבען זיין „פאטערליכען זעגען“.

אפנים אז מיין טאטע איז אין אנפאנג פון דעם בריעף גאר ניט נתפעל געווארען און איז געווען צופריעדען בעסער אומצובריינגען די צוויי יונגע נשמות איידער צוצושטימען צום שידוך, ווייל עס זיינען אוועק א פאר וואכען און ער האט אונז אפילו נישט געענטפערט.

אבער ענדליך זיינען „די צוויי יונגע נשמות“ דאך געהאלפען געווארען. אין א פאר וואכען ארום האבען מיר נעמליך ערהאלטען פון טאטען א בריעף מיט א לאנגען פאפיער פון קאורט, אונטערגעשריעבען און גע'חתמ'ט מיט א רויטען פעטשאט. מיר זיינען אוועק מיט'ן פאפיער אין סיטי האל און געקראגען לייסענס.

פיעל צו דערצעהלען פון מיין חתונה האב איך נישט. וואס קען איבער־הויפט אן ארים אידיש מיידעל דערצעהלען פון איהר חתונה? נאך אמאל, אז „די כלה האט געוויינט.“ אונזער גרעסטער לוקסוס אויף אונזערע חתונות און שמחות איז וויינען. מיר וויינען ווען מיר פרעהען זיך און מיר פרעהען זיך ווען מיר וויינען.

איך בין אבער געווען גליקליך און געהאפט, אז מיין גליק וועט זיין אייביג . . .

נאך אונזער חתונה האט בארים מיט זיין פאטער אריבערגעבראכט קיין פילאדעלפיא די גאנצע טאמאשעווסקי פאמיליע פון ניו יארק. מיר האבען גענומען אלע צוזאמען א הייזקע פון דריי פלארס מיט א בייסמענט אויף פיין סטריט. עס איז אונז דארט קיין עין הרע געווען היבש ענגליך. די אלטע מיט'ן אלטען מיט די קינדער, מייק, עממא, דזשאו, איזי און עני, פעני מיט'ן מאן, מערי עפשטיין מיט'ן מאן און דאס יונגע פאאר פאלק, דאס הייסט איך מיט טאמאשעווסקי'ן— דיזע ארמיי איז געווען צו גרויס פאר דער הייזקע. ספעציעל איז געווען ענג, ווען מיר פלעגען אלע מיט אמאל ארומקלייבען זיך ארום טיש עסען. עס איז געווען אן אמת'ער ארקעסטער מוזיק, ווען מיר האבען גענומען ארבייטען מיט די גאפלען אין די טעלער, צייהן און מיילער.

מיר נעהמען זיך פלייסיג איינצוגעוואוינען די פילאדעלפיער אידען צו טהעאטער. מיר שפיעלען רעגעלמעסיג אין „דראמאטיק האל.“ דער אלטער טאמאשעווסקי „מאכט“ פיעסעלאך און שפיעלט טאקע אליין אויך צוביסלאך; עפשטיין סופלירט און מיר אלע זיינען די אקטיארען. מיר זיינען אליין די באסעס און מיר זיינען אליין די ארבייטער—מיר שפיעלען אידיש טהעאטער.

מיר האבען איבערגעשפּיעלט דעם גאנצען רעפּערטואר צו עטליכע מאל און מיר שטודירען א נייע פּיעסע. די פּיעסע האט געהייסען מיט׳ן כשר׳ען נאמען „די שפּאנישע אינקוויזיציע,״ איין אפּערא מיט מוזיק, אין פיער אקטען, פון פּנחס טאמאשעווסקי, מוזיק פון בארים טאמאשעווסקי. אזוי איז טאקע געשטאנען אין די אדווערטייזמענטס : „איין אפּערא מיט מוזיק.״

דיא אידען פון פילאדעלפיא האט דאן אונזער שפּיעלען געגומען דערעסען ציביסלאך און דער דירעקטאר אונזערער איז געפאלען אויף א פּלאן. ער האט אד־ווערטייזט נעמען פון ניו יארקער אקטיארען, וויא סאפיא קארפּ, מאדאם הייטאַ־וויטש, און אזוי ווי די אידען זיי סיי־ווי נישט געקענט פּערזענליך, מען האט נור געוואוסט אין פילאדעלפיא, אז די דאזיגע „ניו יארקער״ עקטערס זיינען גרויסע מזיקים, האבען מיר דערוויל געהאט גוטע איינגאהמעס און מען האט אונז שטארק אפּלאדירט פאר אונזער שפּיעלען.

„די שפּאנישע אינקוויזיציע״ איז געווען זעהר אן אינטערעסאנטע פּיעסע. ־ער נאמען אליין האט געבראכט די אידען אין טהעאטער אריין. נור די מעשה אליין איז טאקע געווען העכסט דראמאטיש, נאך מעהר דראמאטיש איז אבער געווען די מחלוקה צווישען בארים׳ן און זיין פאטער פּנחס.

דער פערפאסער, ר׳ פּנחס, האט געהאט א טבע, אז ער האט אנגעשריעבען אן אקט, איז איידער מען האט בעדארפט לאזען דעם קוירטען, האט ער איבערגע־לאזען דריי בלעטלעך ליידיגע און אויפ׳ן פיערטען בלעטעל אנגעשריעבען „פאר־האנג פאלט.״

אז מיר האבען גענומען שטודירען „די שפּאנישע אינקוויזיציאן,״ האבען מיר נישט געוואוסט ווי אזוי צו ענדיגען די אקטען. פרעגט בארים דעם פערפא־סער : „וואס האסטו נישט אנגעשריעבען ווי צו ענדיגען די אקטען ? וואס זיינען דאס פאר ליידיגע בלעטלאך ?״ ווערט דער פערפאסער אין כעס און ענטפערט : „נו, ביזט דאך עפּעס אן עקטער, לאמיך זעהן ווי אזוי דו וועסט ענדיגען די אקטען ; איך דארף דיר אלץ ארויסשרייבען ?...״

און אזביידע האבען זיך שוין גוט אנגעקריעגט, האט מען אויסגעפיקסט „די שפּאנישע אינקוויזיציע״ און עס איז ארויסגעקומען אן אמת גוואלדאווגע דראמא.

# מיר הונגערען און זיינען גליקליך

ווילט איהר דאך מסתמא וויסען וואס פאר א מין מייסטערווערק „דיא שפאנישע אינקוויזיציע“ איז געווען? אט איז דער אינהאלט פון דיזער פיעסע:

א אידיש מיידעל פערליעבט זיך אין א גוישען שגץ; דער שגץ איז קיין אנדערער ווי א שפאנישער פרינץ. באלד דערוויסט זיך פון דעם גאנץ שפאניען און — מעהר האט מען נישט בעדארפט ווי אז גאנץ שפאניען זאל זיך



מאדאם טהאמאשעווסקי און מאדאם עפשטיין בשעת זיי האבען געשפיעלט „דיא שפאנישע אינקוויזיציע“ אין פילאדעלפיא.

דערפון דערוויסען... דאָס איז יעדענפאַלס געווען גענוג פאַר'ן ערשטען אַקט.

פונקט פרייטאג צו־נאַכט, אַלע אידען שטעהן און — בענשען ליכט, קומט אָן גאַנץ שפּאַניען און פאָדערט אַז די אידען זאָלען אַוועקוואַרפען דאָס ליכט־בענשען און זאָלען — ווערען שפּאַניער. די אידען ווילען אָבער ניט ווערען קיין שפּאַנישע גוים. זיי ווילען דוקא בענשען ליכט. ווערען די שפּאַניער אין כעס און שלעפען אַוועק אַלע אידען. ענדיגט זיך דער צווייטער אַקט.

אין סאַמע מיטען שפּאַניען איז אָנגעצונדען אַ גרויס פייער און די שפּאַניער שלעפען אַהין דיא אידען.

די אידען וויינען און שרייען „שמע ישראל" און גאַנץ שפּאַניען לאַכט און טרינקט בראַנפען. נאָר ווי גאַנץ שפּאַניען וויל נעהמען די אידען און אריינוואַרפען אין פייער אַריין, קומט אָן דער שפּאַנישער פּרינץ, וואָס ליעבט דאָס אידישע מיידעל און ער שרייט אויס אויף שפּאַניש: „האַלט"! אָבער גאַנץ שפּאַניען וויל דוקא פאַרברענען די אידען און מען לאַכט זיך אויס פון פּרינץ; דאָ ווערט שוין דער פּרינץ אין כעס, ער כאַפּט אַרויס זיין שווערד און מיט איין פּאָך אין דער לופטען הרג'עט ער אַוועק „גאַנץ שפּאַניען" און רעטעט אַלע אידען. איז שוין פאַרטיג דער דריטער אַקט.

שווערט גאַנץ שפּאַניען צו נעהמען בלוטיגע ראַכע פון דעם פּרינץ, דערפאַר וואָס ער האָט אַלעמען אויסגע'הרג'עט.

פונקט יום כיפור. נאַכדעם וויא דער פּרינץ האָט אָבגעזאָגט כל נדרי און נעהט זיך פון שוהל אַ היים צו זיין געליעבטע אידישע כלה, כאַפּט מען איהם און מען הייגגט איהם אויף. נור אַזוי וויא ער הייגגט קומט אָן אויף אַ פערד רייטענדיג, דעם פּרינץ'ס געליעבטע, דיא אידישע טאָכטער. זיא כאַפּט אַ מעסער און שניידט איבער דעם שטריק. דער פּרינץ ווערט צוריק לעבעדיג און האָט חתונה מיט זיין געליעבטען ענגעל, דיא אידישע טאָכטער.

דאָס איז געווען „דיא שפּאַנישע אינקוויזיציע".

דעם פּרינץ, פאַרשטעהט זיך, האָט געשפּיעלט טהאָמאַשעווסקי און דיא אידישע טאָכטער — איך. אַלעס איז געווען שעהן און פיין ביז ס'איז געקומען צו דער סצענע ווען איך דאַרף קומען אויף דער ביהנע אויפן פערד רייטענדיג. איך האָב נישט געקענט רייטען און האָב מורא געהאַט פאַר'ן פערד. באַלד וויא איך בין אַרויף מיט'ן פערד אויף דער ביהנע, האָט זיך דאָס פערד דערשראָקען (אפּנים פאַר דיא לעמפּעלעך, וויא אַן אמת'ער קינסטלער) און האָט זיך צוגערוקט צו אַ סינערי און מיר צוגעקוועטשט אַ פוס.

אנשטאט איך זאל כאפּען דאס מעסער און אבשניידען דעם שטריק אויף וועלכען דער פּרינץ איז געווען אויפגעהאנגען, האב איך אויסגעשריען פּאר גרויס ווייטאג: „גוואלד, מיין פוס, ראטעוועט!" און דעם פּרינץ האב איך גע־לאזען היינגען . . .

דער קוירטען איז געפאלען און דיא חתונה פון'ם פּרינץ מיט דער אידי־שער טאכטער איז שוין, פארשטעהט זיך, פארשטערט געווארען. אבער דער עולם אין טהעאטער האט געמיינט אז אזוי דארף זיין און האט שטארק אפּלאדירט, אפנים אוים רחמנות צום פּרינץ וואס ער איז נעביך געבליבען היינגען א קרבן פאר דיא אידען וואס ער האט געראטעוועט פון דער „שפּאנישער אינקוויזיציע".

מיך האט מען געמוזט א היים פיהרען פון טהעאטער א הינקעדיגע, דער פוס האט מיר שרעקליך וועה געטהאן. איך האב געוויינט פאר ווייטאג און אויך פאר פערדרוס, ווייל ביי דיא פּראבען האב איך זיך געבעטען ביים דירעקטאר אז איך זאל נישט פאהרען אויפן פערד. איך האב זיך געשווארען אז איך'ל מא־כען דיא סצענע גוט אהן א פערד, אבער דער דירעקטאר האט גע'טענה'ט, אז איך מוז ארויפקומען אויפן סצענע רייטענדיג אויף א פערד וועט דאס מאכען א שטארקען איינדרוק אויפן פּובליקום, ווייל דאס פּובליקום, האט דער דירעקטאר געזאגט, האט ליעב צו זעהן פערד אויף דער ביהנע . . .

אין דער פארשטעלונג פון „דיא שפּאנישע אינקוויזיציע" האבען מיר פארדיענט א היבשע פאר דאלער און ביי אונז אין שטוב איז געווארען יום־טוב'דיג. דיא אלטע שוויגער מיינע האט געמאכט סעודות און אז מיר חברה, דרייצעהן שטיק אייגענע, און אמאל א פאר אקטיארען פון דער קאמפּאניע, הא־בען זיך גענומען עסען, איז פארברענט געווארען א „זייטעל" פלייש פון'ם גרעסטען אקס. דיא פארע וואס האט אנגעפילט דיא שטוב בשעת מען האט ארויפגעשטעלט אויפן טיש דיא דרייצעהן טעלער טעגליך מיט פאסאליעס, איז געווען גענוג צו טרייבען דעם גרעסטען לאקאמאטיוו.

איז אבער אויסגע'סעודה'ט געווארען די פאר דאלער, האבען מיר ביז א צווייטער פארשטעלונג געפּוכניעט פאר א שטיקעל ברויט. אלע מאנטאג און דאנערשטאג איז געקומען אגאנדער אגענט און געלעגט א „לעווי" אויף דעם ביסעל פארניטשור. דאן איז וועוען א מאדע צו לעגען א „לעווי", דאס הייסט, א מין פעטשאט אויפן אייגענטהום פון א בעל חוב, כדי מען זאל ניט קענען ארויסמופען ערגעץ אנדערש און ניט בעצאהלען דיא חובות פון דעם בוטשער אדער

גראָסערי־מאַן. איז אונזער פּאַרנימשור געווען מעהרסטענס פאַר „לעווי׳ט״, פערפּעטשאַטעוועט, הייסט דאָס.

אָט אַזוי האָבען מיר געלעבט אין אָנפאַנג פון אונזער קאַריערע אַלס אידישע שוישפּיעלער.

מיר האָבען געשפּיעלט אין „דראַמאַטישען האָל״ און פּאַרדיענט פון צייט צו צייט אויף צו אכל׳ן. איז ניט געווען צו אכל׳ן האָט מען זיך אויך ניט בעקלאָגט.

דאָך איז עס געווען אַ פרעהליכע צייט.

אָט וויא אָרים אונזער לעבען איז דאַן געווען, דאָך איז עס געווען זיס און ליעב. איך בין געווען דיא גליקליכסטע אין דער גאַנצער וועלט, קיין זאַך האָט פאַר מיר ניט עקזיסטירט, אויסער מיין פאַמיליען לעבען.

# מיר לעבען פון מאַראַלישען סוקסעס

אונזער מענעדזשער. דער אַלטער ר׳ פנחס טהאָמאַשעווסקי, האָט זיך באַקענט מיט איינעם אַ מיסטער דאָרף (ער לעבט איצט אין ניו יאָרק) און איהם איינגעלאַדען צו אַ פאָרשטעלונג.

מר. דאָרף ווערט זעהר בעגייסטערט פאַר אונזער שפּיעלען און ער זאָגט אַז אַזעלכע ארטיסטען וויא מיר זיינען, דאַרפען שפּיעלען אין אַ בעסערען טהעאַטער וויא „דראַמאַטיק האָל״ פון פילאַדעלפיא. ער פעראינטערעסירט זיך מיט אונזער קאָמפּאַניע אַז בעזוכט אָפט אונזערע פאָרשטעלונגען און נעהמט אונזער מענעדזשער אוועק צום אייגענטהימער פון טהאַליא טהעאַטער אויף קאַלהיל סט., פילאַדעלפיא.

דער אייגענטהימער פון טהאַליא טהעאַטער איז געווען אַ דייטש מיט׳ן נאָמען בעסט. מר. דאָרף רעדט איין אָט דעם דייטש אַז ער זאָל פאַרדינגען זיין טהאַליא טהעאַטער צו דער אידישער קאָמפּאַניע און מען זאָל שפּיעלען אידיש טהעאַטער. דער מענעדזשער פון דער אידישער קאָמפּאַניע, ר׳ פנחס, האָט אויך אריינגע׳טענה׳ט אין דעם דייטש אריין, איהם בעוויזען וויפיעל געלד מען וועט דאָ מאַכען, און אַלץ גערעדט דייטש, לאמר אזוי צו זאָגען: „וויסען זי, הערר בעסט, מאַנעשעך (ממה נפשך) קיין געלד קאָסט דאָס איהנען ניכטץ, געבען זיי אונ[illegible] איהנען׳ס טיאַייטער און לאָמירביידע מאַכען אַ פּאָטשון״ . . .

דער דייטש האָט איינגעזעהען, אז ער האָט טאקע „מאָנעשעך“ נישט וואָס צו פערלירען און ער האָט איינגעשטימט צו געבען זיין טהאליא טהעאטער צו „דיא יודען“.

עס איז געוואָרען ביי אונז א שמחה, א גדולה, סטייטש מיר וועלען שפּיעלען אין אן אמת׳דיגען טהעאטער, אזוי ווי אמת׳ע אקטיאָרען טאקע.

מיר האָבען זיך גענומען גרייטען צו דער פאָרשטעלונג אין טהאליא טהעאטער. דער מענעדזשער האָט בעשלאָסען צו שטעלען א וועלטליכע פּיעסע, פון א רעגעלען פערפאסער, עס זאָל זיין פּאסענד פאר טהאליא טהעאטער, און עס איז אויסגעפאלען צו שטעלען „אוריאל אקאָסטא,“ די גרעסטע פּיעסע פון דאמאלסדיגען רעפּערטואר.

טאָמאַשעווסקי צום ערשטען מאָל אלס „אקאָסטאַ“ און איך אלס „יהודית“ אויך צום ערשטען מאָל. דאָס איז פאר מיר געווען אן ע ר א י י ג נ י ס . „יהודית“ איז דיא איינציגע גרויסע פרויען־ראָלע אין דער פּיעסע. ווען מיר האָבען געשפּיעלט „אקאסטא“ אין באָסטאָן, האָט אנעטא פינקעל געשפּיעלט די ראָלע. איך האָב דאן געשפּיעלט „ראובן“, אקאָסטאַ׳ס ברודער. אָבער אז איך דאַרף אצינד שפּיעלען „יהודית,“ דאָס איז פאר מיר געווען אן עראייגניס.

דער דירעקטאָר האָט מיר פערזאָגט אז איך זאָל וויסען וואָס דאָס מיינט „יהודית“ צו שפּיעלען. דאָס איז, האָט ער געזאָגט, קונסט מיט ליטעראטור מיט וויסענשאפט מיט חכמה מיט דיא אלע אנדערע זאכען. און עס וועלען קומען צו דער פאָרשטעלונג נישט נאָר א פּראָסטער עולם, נאָר אויך אן „אינטעליגענטער“ פּובליקום, האָט ער געזאָגט.

איך האָב גענומען דיא ראָלע פון „יהודית“ און האָב מיך פערשפּארט אין מיין צימער און פלייסיג געלערנט. איך האָב זיך געשטעלט געגען שפּיגעל און געמאכט „פּייסעס“. מיר האָט זיך זעהר געוואָלט אויסצייכנען אין דער ראָלע, איך האָב געוואָלט שפּיעלען אן אייגענע „יהודית“, נישט וויא אנעטא פינקעל האָט עס געשפּיעלט אין באָסטאָן, וואָרים אנעטא איז געווען א פּרימאדאָנא און איהר „יהודית“ איז מיר נישט געפעלען געוועזן, ווייל א פּרימאדאָנא שפּיעלט איבערהויפּט נישט וויא א מענש, נור וויא א פּרימאדאָנא...

איין זאך איז מיר געווען א שטערונג, דאָס איז געווען דאָס קלייד מיט׳ן לאנגען שלעפּ וואָס כ׳האָב געמוזט טראָגען אלס יהודית. דאָס האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אונטער דיא פיס און איך האָב זיך געמוזט שטארק היטען כ׳זאָל נישט פאלען. דערפאר אָבער אז ס׳איז געקומען דיא סצענע ווען „דע סאנטאס“

פארשעלט „אקאסטא׳ן“ מיט טויטע קללות און לעגט איהם אין חרם אריין און „יהודית“ האלט א פייערדיגען מאנאלאג און פערטהיידיגט אקאסטא׳ן, דאס איז געווען מיין לעבען. איך האב אזוי ליעב געהאט „יהודית׳ן“ אז כ׳וואלט איהר געקענט קושען, נור דערפאר אליין.

איך פלעג שטעהן געגען שפיעגעל ביי מיר אין רום און לערנען דיא ראלע. כ׳האב זיך פארגעשטעלט וויא „אקאסטא“, מיין געליעבטער שטעהט נעביך אין א ווינקעל סצענע, פערשאלטען פון דיא שלעכטע אידען און איך זאג מיין מאנאלאג. כ׳פלעג אנכאפען א טשער, גלייך דאס וואלט געווען „אקאסטא“ און אויסשרייען: „ס׳א ליגען, רבי! כאטש אויף איהם ליגט איצט אייער קללה, ווייסט־זשע, אז שוין פון לאנג האט ער מיין ברכה!“

מאמאשעווסקי האט אויך פלייסיג געשטודירט זייז ראלע אלס אקאסטא. מיר האבען געמאכט א סך פראבען, מעהר ווי פון אנאנדער פיעסע בעפאר, ווארים מיר האבען זיך אלע געשראקען. עס איז דאך עפיס נישט „דראמאטיק האלל“, דאס איז דאך „טהאליא טהעאטער“, עס וועלען דאך עפעס קומען אינטעליגענטע מענשען, דער דייטש מיסטער בעסט, וועט דאך אודאי זיין, היינט מיסטער דארף אליין, ער רעדט דאך עפעס מיט אזעלכע ווערטער וויא „קולטור“, „גראציעזע פיגור“, „קאלאראטור“ און נאך ווערטער, ווייסט זיי דער גוטער יאהר.

די פארשטעלונג איז געקומען. מיר האבען אלע געהאט פיבער, נאר מיר האט עס געווארפען וויא אין א קדחת. איך האב מיין ראלע זעהר גוט געקענט אויף אויסווייניג, טאמאשעווסקי און די איבריגע אקטיארען האבען אויך געקענט. מיר האבען אבגעזאגט, אבגעשפיעלט, הייסט עס, די פיעסע. עס זיינען ארויפגעקומען אין דיא דרעסינג רומס צו אונז מיסטער דארף מיט א פאאר פון זיינע פריינד, אויך אינטעליגענטע מענשען, און האבען אונז גראטולירט. מיר האט איינער געזאגט, אז איך האב אויסגעזעהען צו קינדיש אלס „יהודית“, אבער געשפיעלט האב איך גוט. דער דייטש, מיסטער בעסט, האט אונז אויך גראטולירט און געזאגט: „זיא זינד אלע קינסטלער דיא יודען, דער זאנענטהאל איזט אויך איינע יודע“.

מיר האבען זיך זעהר געפרעהט מיט אונזער גרויסען מאראלישען סוקסעס, ווארים קיין געלד איז נישט געווען מיט וואס זיך צו פרעהען. מיר זיינען ארויס „איוועז“. דערפאר האט אונז מיסטער בעסט ערלויבט אויך ווייטער צו שפיעלען אין זיין טהאליא טהעאטער און דאס איז געווען פאר אונז א גרויסע שמחה.

ווען מיר זיינען אהיים געקומען, איז געווארען א שטיקעל קריעגעריי צווי־

שען אלטען פּאָרעל. מיין שוויגער האָט געשריען: „אָקאָסטאַ ווילט זיך איהם, די שפּאַנישע אינקוויזיציע וואָלט דאָך געווען געבראַכט אַ פּאָר דאָלאַר, עס איז דאָך נישטאָ וואָס צו עסען!“ און דער אַלטער האָט געשריען: „נישקשה, סע וועט זיין, דערלאַנג דעם באַרשטש און בורטשע נישט!“ און צו אונז האָט ער געזאָגט: „קינדער, מיר האָבען געשפּיעלט פּויסט קלעס. מיר האָבען דאָס מאָל נישט פערדיענט, אָבער מיר האָבען זיך געמאַכט אַ נאָמען, אַ גרויסען נאָמען.“

דאָס איז טאַקע געווען אַ טרייסט, אָבער נישט מעהר ווי אַ טרייסט, ווייל דער גראָסערימאַן מיט׳ן בוטשער האָבען נישט געוואָלט נעהמען אונזער נאָמען, זיי האָבען געוואָלט געלד און אַזוי ווי געלד איז געווען ניט פאַר אונז געדאַכט, האָבען זיי געשיקט זייערע אַגענטען און געלעגט „לעווים“ אויף אונזער פאָרניטשור און מיר האָבען געהאַט אַן ארבייט זוכען אנדערע גראָסערים מיט אַנדערע בוטשערס אַלע מאָל.

דאָך האָט אונז דער נאָמען אונזערער פאָרט אַמאָל אונטערגעהאָלפען. מיר האָבען געקראָגען אַ סך בעקאַנטשאַפט, דאָס הייסט פּשוט׳ע פּאַטריאָטען, און אַ דאַנק דעם האָבען מיר אָפט געקענט זיך אָנעסען זאַט מיט אַ גוטען דינער אָדער סאַפּער. ספּעציעל געדענק איך איינע אַ מיסעס גינזבורג, אַ לעבען אויף איהר. זי האָט געגעבען גוטע פיש געפּרייעטע, וואָס מיר האָט זיך דאַמאָלס זעהר געגלוסט, און איינער אַ מיסטער באַגדאַנאָוו, אויף „סאָוט“ סטריט, צווישען 5טע און 6טע. ער האָט געהאַט אַ דזשולערי סטאָר און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די קינסטלער בעווייזען אַ קונסט צו לעבען אומגעגעסען, האָט ער אַלעמאָל געפּראַוועט קלאָמפּערשט „פּאַדים“ און „געלאַדען“ אונז קינסטלער אויף די פּאַרטים. מיר האָבען זיך נישט געלאָזען בעטען און טאַקע אָפט אָבגעגעסען אַ רעגעלען מאָהלצייט ביי מיסטער באַגדאַנאָוו.

אָט אַזוי האָבען מיר געלעבט פון אונזער קונסט, אָבער אויפגעבען שפּיעלען טהעאַטער האָט קיינער פון אונז נישט געוואָלט. הונגערען—אַבי שפּיעלען טהעאַטער.

# מיין אייגענע דראַמאַ

די צייט שווינדט פּאַמעלעך זיך פאַרביי. מיין שוואָגער לואי אַרבייט ביי סיגאַרען און העלפט מיר אונטער גאַנץ אָפט מיט אַ דאָלאַר, מיסיס גינזבורג נעהמט מיך עטליכע מאָל אין וואָך צו איהר אַ היים און גיט עסען, מיסטער באַג־

דאנאוו מאכט „פארטים“ פאר אונזער גאנצער קינסטלער־משפחה. עס איז אלעס זעהר אינטערעסאנט. נור איין זאך מאכט מיר ליידען, ס׳ איז דיא „לעווי׳ס“ וואס ווערען געלעגט איינס אויפן אנדערען שוין אויף אונזער פארניטשור. איך האלט אין איין ציטערען מען זאל ניט צונעהמען דאס ביסעל ארימקייט אונזערס און איך זאל בלייבען אין א פוסטע רומקע אהן א שטוהל אפילו.

אונזערע פארשטעלונגען זיינען שוואכליך בעזוכט, מיר מוטשען זיך וויא עס איז דירך און אונזער מענעדזשער, ר׳ פנחס, זאגט, אז מיר זאלען פרובירען געבען א פאר פארשטעלונגען אין דער פראווינץ.

ער שיקט אוועק איינעם פון דער קאמפאניע צו בעזארגען א פלאץ וואו מיר זאלען שפיעלען און דאס ערשטע פלאץ וואס יענער קריגט איז „קאנקארדיע האל“ אין באלטימאר. עס ווערט בעשלאסען מיר זאלען דארט שפיעלען „אוריאל אקאסטא“.

מיר האט געציטערט דאס הארץ פאר באלטימאר, איך האב זיך געשראקען צו טרעפען דארט מיט מיינע עלטערן. וואס פאר א תירוץ קען איך זיי געבען וואס שוין באלד גאנצע צוויי יאהר זייט איך בין פון זיי אוועק, בין איך נאך קיין איין מאל ניט געפאהרען צו זיי אויף בעזוך און דיא מעהרסטע צייט אפילו קיין בריעף צו זיי ניט געשריבען? איך האב זיך געשראקען צו טרעפען מיט זיי, ווייל איך האב זיך געשעהמט פאר זיי מיט מיין איצטיגען צושטאנד... איך האב שרעקליך געליטען דיא פאר וואכען ביז צו דער רייזע קיין באלטימאר.

דעם טאג פון פארשטעלונג זיינען מיר אנגעקומען קיין באלטימאר, און מיר זיינען אוועק גלייך אין האל אריין. איך האב אפילו נישט געוואלט ארויסגעהן פון האל פאר׳ן שפיעלען. מען האט מיר געמוזט אריינברענגען א פאר סענדוויטשעס אין מיין „גארדעראב“, אבי כ׳זאל ניט געהן אין גאס טאמער וועל איך אנטרעפען מיין טאטען. דיא פאר שעה פאר׳ן שפיעלען זיינען מיר געוועזן יאהרען. מיין הארץ האט מיך געצויגען א היים, צום טאטען מיט דער מאמען און דיא קינדער. אבער איך האב מורא געהאט זיך ווייזען פאר זיי און געשטיקט זיך הינטער׳ן סטיידזשעל אין קאנקארדיע האל. איך האב געהאלטען אין איין וויינען ביז ענדליך איז שוין געווארען צייט צו אנפאנגען שפיעלען „אקאסטא.“

מיין „יהודית“ איז געווען א וויינענדיגע כמעט דעם גאנצען שפיעלען און ביי דער לעצטער סצענע ווען איך טרינק אויס דעם גיפט און שטארב, האב איך גאט געבעטען, הלואי וואלט דאס טאקע אמת׳ער גיפט געווען און איך זאל טאקע אויף צו׳ן אמת שטארבען אויף דער ביהנע אין קאנקארדיע האל...

איך האָב זיך געזעגענט מיט מיין געליעבטען „אַקאָסטאַ'ן“, איהם אװעק־געגעבען דעם בלומען־קראַנץ פון מיין קאָפּ און שטיל, קוים װאָס מען האָט געהערט, געזאָגט דיא לעצטע װערטער, צוגעמאַכט דיא אויגען און שוין. איך בין שוין, הייסט עס, געשטאָרבען. נור באַלד האָב איך דערהערט דעם שאָס פון אַקאָסטאַ'ס רעװאָלװער, אַ סימן אַז איך בין נישט טויט און לעבען מיר ליגט שוין דער טויטער אַקאָסטאַ װאָס האָט זיך דערשאָסען צוליעב זיין גרויסער, הייליגער ליעבע צום אמת און צו זיין געליעבטע „יהודית“.

עס איז שוין געװען גאַנץ שפּעט ביינאַכט. די פאָרשטעלונג איז פאַראיבער, דער עולם איז אװעק. מיר, דיא אַקטיאָרען, האָבען זיך ארומגעװאַשען די „גרימס,“ אויסגעטהאָן דיא העלדען־קליידער און זיך אָנגעטהאָן אונזערע אייגענע מלבושים, פּערפּאַקט אַלעס און מיר פּערלאָזען קאָנקאָרדיע האָל, צו פאָהרען אַ היים קיין פילאַדעלפיא.

מיר זיינען אַרויסגעקומען אין גאַס, עס איז געװען גאַנץ קאַלט, דיא חברה איז לעבעדיג געװאָרען און אונטערגעטאַנצט פון קעלט. איך געה געאָרעמט מיט באָריס'ן, פּלוצים דערזעה איך לעבען װאַנט אָנגעשפּאַרט, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען אויפ'ן האַנד מיט'ן שטעקען, שטעהט — מיין טאַטע!

אַ דערשראָקענע צום טויט, האָב איך אַ כאַפּ געטהאָן באָריס'ן און זיך איינגעװיקעלט אין זיין מאַנטעל. פאַר שרעק האָט מיר דאָס לשון אָבגענומען, איך האָב געציטערט װיא אַ בלאַט אין אַ שטאַרקען װינד. מיט אַלע כוחות האָב איך זיך איינגעקלאַמערט אין באָריס'ן און קאָנװאולסיװ איהם געצויגען צו זיך. ער האָט זיך זעהר דערשראָקען, ער האָט געמיינט דאָס קומט פון מיינע אומשטענדען, ער האָט מיך געפּרואװט איינשטילען און מיך געבעטען צו זאָגען װאָס מיר איז. איך האָב ענדליך אַרויסגעשעפּטשעט: „דער טאַטע“!

באָריס האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהען מיין פאַטער. מיר זיינען אַ װיילע אַזוי געשטאַנען און מורא געהאַט צוגעהן צו דעם מענשען װאָס איז געשטאַנען אויפ'ן גאַס, איינגעקאָרטשעט לעבען װאַנד פון קאָנקאָרדיע האָל. ענדליך האָט זיך באָריס געשטאַרקט און מיך אָנגעהמענדיג פעסט מיט זיין האַנד אַרום מיין טאַליע, זיינען מיר צוגעגאַנגען שטילערהייד צו מיין טאַטען, צו מיין אָרימען טאַטען.

מיין טאַטע האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, אונז אָנגעקוקט אַ װיילע און אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו באָריס'ן. אָהן װערטער האָבען זיי זיך געדריקט דיא הענד. איך בין פּלוצים צוגעפאַלען צו מיין פאַטער'ס קאַליקע פוס און אויס־געבראָכען אין אַ שרעקליכען שלוכצען. באָריס האָט מיך אויפגעהויבען.

מיין טאטע האט נישט געוויינט, ער האט אין א ווײלע ארום שטיל ארויס־געריעדט: „איך בין אייך מוחל, קינדער!“

דיא קאמפאניע אונזערע איז שוין געווען אוועק צום סטיישאן, און מיר געהן מיט'ן טאטען א היים. אויפ'ן וועג זיינען מיר אלע דריי געקומען אביסעל מעהר צו זיך, און אנגעהויבען רעדען צו ביסלעך.

דער טאטע מייגער דערצעהלט אונז, אז ער איז געווען דעם גאנצען אבענד אין האל און געזעהען אינז שפיעלען דיא שפיעל. ער האט געזעהן ווי „אקאסטא“ דערשיסט זיך צוליעב זיין געליעבטע „יהודית,“ און ער זאגט צו באריס'ן: „איצט מיין קינד, האב איך געזעהען וויא דו האסט ליעב מיין בוזי'ן, כ'האב געפיהלט וויא דו האסט נעביך געליטען דערפאר וואס מען האט ביי דיר צוגענומען דיין כלה, דו האסט זיך מקריב געווען צוליעב איהר און זיך געשאסען, זיי רוהיג מיין קינד, איך וועל ביי דיר נישט צונעהמען מיין טאכטער, דיין געליעבטע בעסי'לע. לעבט אייך בשלום און עלטערט אייך אין נחת“ . . .

מיר זיינען געקומען א היים, אין שטוב פון מיינע עלטערן. עס איז גע־ווארען א סומאטאכע, אלע שלאפענדע האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף. איך האב א קוק געטהאן אויף מיין מאמען און איך בין געווארען א פערציטערטע; זיא איז אזוי געעלטערט געווארען דיא צוויי יאהר זייט איך בין אוועק פון דער היים! מיין מאמע איז היינט א אידענע פון איבער אכטציג, קיין עין הרע, און אז איך קוק אויף איהר איצט, ווייזט זיך מיר אוים אז פונקט אט אזוי האט זיא אויסגעזעהען דאמאלס ביינאכט ווען איך האב זיא דערזעהען נאך דיא צוויי יאהר, וואס איך בין דאן געווען אוועק פון דער היים.

א שרעקליכער אומעט איז מיך בעפאלען, ווען איך האב דערזעהען מיין ארימע, פאר דער צייט. אלטע מאמע. אלעס איז געווען אין מיינע אויגען פער־חושך'ט, אבגעלאזען און פערלאזען. איך בין צוגעלאפען צו מיין מאמען און זיך ביטער צו־וויינט.

מיינע שוועסטערליך. דיא ברידערלעך, אויך מיין שוועסטער קלארא מיט איהר קינד — אלע האבען מיך ארומגערינגעלט, געקוקט אויף מיר און געוויינט וויא אויף א טויטען. עס איז געווען אין שטוב אז אמת'ע יללה, וויא אין דער היים, אין אונזער שטעדטעלע טאראשטשע, יום כיפור פאר כל נדרי צו ליכט בענשען.

דאס איז געווען מיין ערשטע בעגעגניש מיט מיינע עלטערן זינט איך האב זיי פערלאזען. און בין אוועק צו איהם, צו טאמאשעווסקי'ן, וואס איז אצינד געשטאנען לעבען מיר אלס מיין מאן, דער פאטער פון מיין צוקונפטיגען קינד

# איך ווער אַ גאַנצע פּרימאַדאָנאַ

מיר זיינען אַבגעווען אין באַלטימאָר עטליכע טעג, אויס צוויי אורזאַכען; ראשית האָט דיא מאַמע נישט געוואָלט איך זאָל אַוועקפאָהרען, — „שוין גענוג, האָט זיא גע׳טענה׳ט — גענוג זיך ארומגעשלעפּט מיט דיא קאָמעדיאַנטשיקעס, זעה מיין קינד וויא דו זעהסט אויס, פאַרמאַרעט, בלאַס און אָבגעריסען. אַן עק — זאָל זיין גענוג!"

נור דיא אמת׳ע אורזאַכע איז געווען וואָס מיר האָבען פּשוט ניט געהאַט מיט וואָס אַוועקצופאָהרען און מיר האָבען געמוזט ווארטען ביז מען וועט אונז פון פילאַדעלפיא צושיקען אויף הוצאות. ענדליך שיקט אונז טהאָמאַשעווסקי׳ס פאַטער צו געלד און מיר קומען צוריק קיין פילאַדעלפיא.

דאָס איז געווען ארום קריסטמעס צייט. מיר שפּיעלען אין טהאַליא טהעאַטער, אָבער קיין געלד מאַכט מען אַלץ נישט. דער מענעדזשער בעשליסט אַז מען דאַרף אַן אַטרעקשאַן, עפּעס אַ פּרימאַדאָנאַ „מיט אַ נאָמבע", זיא זאָל געבען „אַן אמת׳ן זונג" און מען ברייננגט קיין פילאַדעלפיא דיא מאַדאַם סיימאָן מיט איהר מאַן.

מען שטודירט איין „קאַלדוני" פון גאָלדפאַדען מיט מאַדאַם סיימאַן אַלס „מירעלע", איהר מאַן, מיסטער סיימאַן, אַלס „האָצמאַך", און טהאָמאַשעווסקי אַלס „באָבע יאַכנע".

מיך האָט דיא געשיכטע זעהר געקרענקט. מיין אַמביציע אַלס שוישפּיע־לערין, האָט געלימען דערפון וואָס דער „אַטרעקשאַן", מאַדאַם סיימאָן, האָט צו־גענומען ביי מיר דיא גרויסע ראָלע, ווארים ווען ניט זיא וואָלט איך דאָך גע־שפּיעלט דיא פּרימאַדאָנאַ ראָלען.

אָבער דיא מענעדזשערס האָבען געזאָגט, אַז מען מוז האָבען אַן „אַט־רעקשאַן" און איך האָב געמוזט ליידען און שווייגען.

און נישט גענוג וואָס מאַדאַם סיימאַן האָט געקראָגען דיא גרעסטע ראָלע פון „קאַלדוני" און איך דיא קלענסטע, בלויז איין אויפטריט אַלס בחור׳ל וואָס זינגט „דיא באַבקעלעך", האָבען נאָך דיא ווערטהע מענעדזשערס ארומגעפּאַרעט ארום דער פּרימאַדאָנאַ „מיט דער נעמבע" וויא ארום אַ ציטעריג קינד. מען האָט איהר באַלד געמאַכט אַ ווייס קלייד מיט פּוך געטרימט, אַדווערטייזט זיא מיט גרויסע אותיות און געמאַכט פון איהר אַ גאַנצען יום טוב.

מען מאכט פראָבע פון „קאַלדוני". איך הער מיך גוט צו צו דער פרימאַ־דאָנא און לערן מיר דערווייל אויס אויך איהר ראָלע „מירעלע" מיט'ן געדאנק אַז אמאָל וועל איך שוין בעוויזען אונזערע הערדען מענעדזשערס דאָס איך בין גע־נוג „אַטרעקשאָן", אַז איך קען אויך שפּיעלען „קאַלדוני" און מאַכען סוקסעס, כאָטש איך בין נישט קיין אימפּאָרטירטע „אַטרעקשאָן" . . .

איין אויף־דער־נאַכט, בשעת מיר זיצען אַלע אין שטוב, דרויסען שנעעט און עס איז א ביטערע קעלט מיט א זאַווערוכע, קומט אריין א דאַרער יונגערמאַן מיט א שטרויענעם קאַפּעליוש א רעקעלע מיט קורצע ארבעל, דיא הענד זיינען איהם רויט פון קעלט, ער האַלט צו ביים האַלז דעם אויפגעשטעלטען קאַלנער פון'ם רעקעלע, ער טראָגט שמאָלע צוריסענע הויזען, שיך מיט אויסגעקרימטע קנאָפּעל און א קינסטלער שניפּס . . .

דער יונגערמאַן בלייבט שטעהן ביים טהיר, נעהמט אראָפּ זיין שטרויע־נעם קאַפּעליוש און עס בעווייזט זיך א קאָפּ פעך שווארצע האָר געקרייזעלטע וויא ביי א ניגער, ער קלאַפּט א פוס אין א פוס פון קעלט און מיט א ציטריג קויל פרעגט ער שטיל: „קען איך זעהן הערר טהאָמאשעווסקי'ן?" מען פרעגט איהם נאָך וואָס ער דאַרף טהאָמאשעווסקי'ן און ער ענטפערט גלייך: „איך קען טאַנצען".

מיר האָבען געוואָלט האָבען אביסעל שפּאַס מיט דעם מאָדנעם בחור און מיר האָבען איהם אריינגענומען אין עסס־צימער, אוועקגערוקט דעם טיש אָן א זייט און גלייך, אָהן צערעמאָניעס, האָט טהאָמאשעווסקי א זאָג געטהאָן: „טאַנצט, מיסטער".

דער בחור האָט גענומען טאַנצען. ער איז אוועק א רוסישע קאַמארינסקא אַז מיר אַלע זיינען געבליבען פּערגאַפט. מיר האָבען איהם אפּלאָדירט אין מיטען טאַנצען. ער האָט אונז אמת איבערראשט. עפּעס נור וויא א טייפעל האָט ער זיך געדרעהט, עס האָט, וויא מען זאָגט, געברענט דיא ערד אונטער זיינע פיס. מיר האָבען נישט געגלויבט אַז דאָס טאַנצט דער זעלבער וואָס איז נור וואָס גע־שטאַנען ביים טהיר ווי עפּעס א'ן ארימער טרעמפּ און געציטערט פאַר קעלט. פאַר אונז האָט געטאַנצט א'ן ארטיסט.

מען האָט איהם באַלד געגעבען עפּעס עסען און גענומען אויספרעגען ווער ער איז, פון וואַנען און וויא קומט ער אהער. ער האָט אונז דערצעהלט זיין קורצע ביאָגראַפיע אַז ער קומט פון אדעס, אַז ער איז אַן ארטיסט און וויל שפּיע־לען אידיש טהעאַטער.

דאס איז געווען דער שוישפּיעלער עליאס גליקמאן. היינט איז ער אין שיקאגא און איז א מענעדזשער פון פינף גרויסע טהעאטערע פון מואווינג פּיקטשורס.

מען האט איהם באלד אנגאזשירט און איהם געגעבען דריי ראלען מיט אמאהל אין דער פּיעסע „קאלדוני". ער האט געשפּיעלט „אליוקום", דעם „טערק" און דעם „קאטערינשטשיק". מען האט איהם צוגעפּנגעגומען פון שטוב אן „אביאר" און געקויפט א העט מיט א קאוט און מיר האבען שוין געהאט נאך איין „אטרעקשאן" פאר „קאלדוני".

עס איז געקומען דיא ערשטע פארשטעלונג. דאס טהעאטער איז געווען געפּאקט. דיא פילאדעלפיער אידען זיינען געקומען צולויפען בעוואונדערן „קאל־דוני" מיט דיא „אטרעקשאנס" און אונזערע מענעדזשערס האבען זיך געפרעהט און זיינען געווען שטאלץ אויף זייער גרויסען שכל'דיגען אויפטהו.

אלעס געהט גוט און פיין, „האצמאך" מאכט א „היט" און דיא „באבע יאכנע" אויך, ביז ס'איז געקומען ווען דיא פּרימאדאנא זינגט דאס בעריהמטע ליעד:

ווער איז מיר און ביטער,
אין דער איצטיגער שעה,
אז מיין געטרייע מוטער —
איז ביי מיין שמחה נישטא.

דא איז געקומען דיא קאטאסטראפא. דיא פּרימאדאנא איז געווארען נערוועז, דערשראקען. דיא מוזיק שפּיעלט און דיא פּרימאדאנא גיט א נעהם מיט דריי טענער העכער און פאלט באלד מיט פינף טענער נידריגער. דאס געזאנג הייבט אן געהן וויא א שיכור'ער גוי. דיא ווערטהע מענעדזשערס בייסען זיך שטילערהייד דיא פינגער און קריצען מיט דיא ציינער. דיא פּרימאדאנא רייסט זיך נעביך, אבער דיא „געמבע" געמבעט ניט.

מען האט וויא עס איז אבגעשפּיעלט דיא ערשטע פארשטעלונג און דער מענעדזשער, דער אלטער ר' פנחס, איז ארויף אויף דער ביהנע און אנאנסירט פאר'ן פּובליקום אז ס'איז געשעהן אן אונגליק מיט דער פּרימאדאנא, זיא האט אנגעטהאן ענגע שיך האט איהר געפלאצט א זאקען־בענדעל אין האלז, נישט פאר קיין אידען געדאכט, און אז מארגען וועט אין דער ראלע פון „מירעלע" אויפ־טרעטען „דער ליעבלינג פון פילאדעלפיער אידען, דיא בעליעבטע קינסטלערין" — בעסי קויפמאן.

מיר האָט ווער געטהאָן מיין האַרץ פאַר מאַדאַם סיימאָן. זיא איז געווען א גוטע זינגערין, נור דיא נערוועזיטעט האָט איהר געשטערט דעם מאָל. קינסטלע־ריש האָט מיר געריסען מיין האַרץ וואָס זיא איז דורכגעפאַלען, ווייל דער שוי־שפּיעלער איז קיין מאָל ניט זיכער מיט זיין ערפאָלג און איך האָב ביי מיר גע־קלערט אַז דאָס קען מיט מיר אויך טרעפען, אָבער געגען דיא ווערטהע מענע־דזשערס האָב איך טריומפירט, און זיי האָב איך געהאַט מיין נקמה און ספּעציעל נאָך ווען דאָס פּובליקום האָט אַפּלאָדירט בשעת דער אַלטער האָט אַנאָנסירט מיין נאָמען. איך האָב זיך געפיהלט וויא א העלד וואָס זיעגט אויפן שלאַכטפעלד.

יא, ליעבע פריינדע, דיא ביהנע איז פאַר דעם שוישפּיעלער א שלאַכט־פעלד. ער קעמפּפט און קעמפּפט, פאַרליערט ער — איז פערלוירען זיין לעבען, געווינט ער — איז זיין גאַנץ געוויגס דער אַפּלאָדז פון פּובליקום. דאָס איז דעם שוישפּיעלערס לעבען.

# מיר קריגען א געפעהרליכען קאָנקורענט

מיר האָבען געשפּיעלט נאָך פיער פאָרשטעלונגען פון „קאַלדוני" און איך האָב שוין געזונגען אַנשטאָט מאַדאַם סיימאָן. כאָטש איך האָב קיין מאָהל נישט געהאַט אַזאַ שטימע וויא מאַדאַם סיימאָן, האָב איך אָבער געזונגען האַרציג און דאָס פּובליקום האָט מיך אַפּלאָדירט. „קאַלדוני" איז געווען א גרויסער סוקסעס. מיר האָבען פערדיענט א פּאָר דאָלער און מען האָט אַראָבגענומען דיא „לעווי'ס" פון אונזער פאָרניטשור. מיר האָבען געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען דיא בילס.

טאָמאַשעווסקי האָט ערגעץ געקריגען אַן אידעע, אַזוי באַלד מיר זיינען שוין יא בעליעבטע קינסטלער אין פילאַדעלפיא, דאַרפען מיר האָבען אַן „עהרען־אַבענד", דאָס הייסט, פשוט א בענעפיט פאָרשטעלונג פאַר אונז ביידע, צו מאַכען אַן „אייגענעם" דאָלער.

און טהאָמאַשעווסקי „פיהרט" אויף א פּיעסעלע, ספּעציעל פאַר אונזער עהרען־אַבענד, און ער לאָזט אַרויס א פּאָסטער מיט גרויסע אותיות: „עקסטרא! עקסטרא! גרויסע איבעררראשונג! א גרויסער עהרען־אַבענד פאַר דיא גרויסע קינסטלער, דיא גרויסע ליעבלינגע פון פילאַדעלפיא, באָרים טהאָמאַשעווסקי און בעסי קויפמאַן. צור אויפפיהרונג קומט א גרויסעס מייסטערווערק „ר' עקיבא מיט דיא פיער־און־צוואַנציג טויזענד תלמידים", גרויסע אָפּערא - דראַמא אין פיער

גרויסע אקטען, פערפאסט פון דעם גרויסען קינסטלער בארים טהאמאשעווסקי, מוזיק פון בארים טהאמאשעווסקי, טענצע און מערשע פון עליאס גליקמאן מיט דער ערלויבנים פון בארים טהאמאשעווסקי. קומט זעהן וויא ר' עקיבא לערנט מיט לעבעדיגע פיער־און־צוואנציג טויזענד תלמידים!"

עס איז איבריג צו זאגען, אז דאס טהאליא טהעאטער איז געוועזען צו קליין פאר דעם גרויסען עולם וואס איז געקומען צולויפען זעהן דיא „לעבעדיגע פיער־און־צוואנציג טויזענד תלמידים"... נור אז דיא שפּיעל האט זיך גענומען שפּיעלען, איז „ר' עקיבא" ארויפגעקומען אליין אויף דער ביהנע, אהן דיא „פיער־און־צוואנציג טויזענד תלמידים. ער האט דערצעהלט אז ס'נישט מעגליך ארויפצולאזען אלע זיינע „פיער־און־צוואנציג טויזענד תלמידים" אויף דער ביהנע, ווייל עס קען נאך געשעהן אן אונגליק, דער סטיידזש קען זיך נאך ח"ו איינברעכען... דערפאר לערנט ער מיט זיינע „פיער־און־צוואנציג טויזענד תלמידים" ה י נ ט ע ר ן סטיידזש . . .

דערביי ווערט טאקע ר' עקיבא משוגע און לויפט אוועק אין א וואלד, דארט באקענט ער זיך מיט א כישוף מאכערין וואס האט א שעהנע מיידעל פאר א טאכטער, און דיא שעהנע טאכטער זינגט „ראזשינקעס מיט מאנדלען", נאכדעם לויפען אלע אוועק אין בית המקדש און עליאס גליקמאן טאנצט א רוסישע קאמארינסקא און — דער עולם לעקט דיא פינגער פון דער פּיעסע „ר' עקיבא מיט דיא פיער־און־צוואנציג טויזענד לעבעדיגע תלמידים".

צום ערשטען מאהל אין אונזער קאריערע האבען מיר דא געקראגען פּרעזענטען פון פובליקום. מיר האבען געקראגען א פאר בוקעטען בלומען און איך האב געקראגען א ספּעציעלען פּרעזענט, א באקס מיט גרינעם פלאש אויף א קלייד, פון מיסעס באגדאנאוו.

אונזער ערשטער „עהרען־אבענד" איז געוועזען א גרויסער ערפאלג. מיר האבען טאקע פארדיענט היבשע עטליכע דאלער און מיר האבען זיך זעהר געפרעהט.

מיר שפּיעלען ווידער רעפּערטואר פּיעסען אין טהאליא טהעאטער, אבער דער מענעדזשער זאגט אז מען דארף נייע סחורה און טהאמאשעווסקי פאהרט אוועק קיין נויארק ברייגנען סחורה, פּיעסען, הייסט עס.

אין נויארק זיינען דאן געשטאנען צוויי טהעאטערע: „אריענטאל טהעאטער" און „רומעניען אפּערא הויז". אין איין טהעאטער האט מען געשפּיעלט „דוד בן ישאי, אדער, קעניג שואל" און אין צווייטען טהעאטער „יהודה המכבי, אדער, חנה מיט דיא 7 זיהן".



חנה אין „שמע ישראל“

טאמאשעווסקי קומט צוריק פון ניו יארק מיט „יהודה המכבי אדער חנה מיט דיא 7 זיהן". דיא גאנצע פיעסע האט ער אויף א קליין פאפירעל אויפגע־שריבען. ער איז געזעסען אין זעלבערמאן'ס אריענטאל טהעאטער און געזעהען דאס שטיק, און בשעת'ן שפיעלען האט ער אויף א פאפירעל אויפגעשריבען דיא אלע סצענעס פון „חנה מיט דיא 7 זיהן", דאס הייסט ער האט „אויסגעבארגט" דעם „פלאט", און אבי ס'איז דא דער „פלאט" וועט ער שוין „צומאכען" אייגענע פרא־זא און — פארטיג א נייע פיעסע פאר פילאדעלפיא.

אין דריי טעג צייט האט בארים מיט זיין פאטער אויפגעמאכט דיא פראזא פאר דעם נייעם מייסטערווערק אויס נויארק און מיר פאנגען אן מאכען פרא־בע פון „חנה מיט דיא 7 זיהן". מוזיק האט מען צוזאמענגעקראצט שטיקלאך פון אלע פריהערדיגע פיעסען און מיר זיינען פארטיג מיט א ניי ווערק פאר דער אידי־שער ביהנע.

נור דא קומט אונז אן א שלעכטע בשורה, דאס טהאליא טהעאטער איז אויסגעדונגען געווארען פון א נייע קאמפאני און מען וועט דארט שפיעלען אידיש טהעאטער.

א חוץ וואס מיר מוזען געהן צוריק אין דעם ארימען „דראמאטיק האלל", אנשטאט דעם שעהנעם טהאליא טהעאטער, האבען מיר נאך א קאנקורענט אויך דערצו.

דער קאנקורענט איז געווען דער אקטיאר גארטענשטיין. דערזעלבער גאר־טענשטיין וואס האט מיט אונז אין באלטימאר געפאנפעט ליעדער אין שלעגעל'ס ביער האלע און מען האט איהם דאן מכבד געווען מיט אויסטער שיסעלאך אין קאפ אריין.

אבער קאנקורענציע איז קאנקורענציע, גארטענשטיין האט צוזאמענגע־שטעלט א קאמפאניע און האט זיך איינגעשטעלט אין טהאליא טהעאטער שפיע־לען גאלדפאדען'ס „דאקטאר אלמעסאדא" און אנדערע פיעסען, און מיר האבען געמוזט געהן מיט אונזער „חנה מיט דיא 7 זייהן" אין דראמאטיק האלל.

קומט אן צו אונז א געוויסער טאנטשוק, א ניו יארקער יונגערמאן, וואס האט געהאט אין פילאדעלפיא א פרוי זע הר אן אינטעלגיענטע און זי האט נישט געוואלט ליידען. אז טאנטשוק זאל זיין אן אקטיאר, אבער ער האט ניט גע־קענט איינצוימען זיין מעכטיגען טאלאנט און ער איז אוועק פון ניו יארק און געקומען צו אונז אין פילאדעלפיא שפיעלען טהעאטער.

מיר האבען זיך דערפרעהט מיט מיסטער טאנטשוק ווי מיט א מלאך פון

גאט. עפעס א קלייניגקייט — אז אטרעקשאן ! באלד האבען אונזערע מענעדזשערס צופויקט דעם גרויסען און בעריהמטען א. א. וו. קינסטלער אויס ניו יארק, הערר טאנטשוק אלס „אנחיוכות דער בייזער קעניג“ אין דעם גרויסען מייסטערווערק „חנה מיט דיא 7 זיהן“.

דיא צוויי קאמפאניעס, גארטענשטיין׳ס און אונזערע, האבען גענומען שלעפען דעם עולם ביי דיא פאלעס, דער אהער און דער אהין, איז דער עולם געבליבען שטעהן אין מיטען און נישט געגאנגען אין ערגעץ, אבער גארטענשטיין מיט זיין קאמפאניע איז געווען אין גאנצען ניי פאר פילאדעלפיא און ער האט אונז שטארק געשלאגען דיא ביזנעס.

אפילו אונזער אטראקשאן, מיסטער טאנטשוק, האט אויך וועניג געהאלפען, אונזערע פארשטעלונגען זיינען געווען שוואך בעזוכט און מיר האבען קוים פאר־דיענט אויף צו לעבען.

מיין אייגענע לאגע איז מיר וואס א וואך געווארען שווערער, נאך א פאאר חדשים און איך האב געדארפט מוטער ווערען. עס איז מיר געווארען אומעטיג מיין לעבען, מיר האט זיך געבייגקט אהיים, מיר האט זיך געוואלט זיין לעבען דער מאמע מיינער איך האב זיך לסדר פאר עפעס געשראקען, אבער איך האב געמוזט שפיעלען טהעאטער און געמיזט בלייבען אין פילאדעלפיא.

איך האב געשריבען צום טאטען א בריעף און אויסגעגאסען אביסעל מיין ביטער הארץ, מייז איינזאמקייט וואס איך האב געפיהלט. איך בין געווען אין איינעם מיט מיין מאן און זיין גאנצע משפחה, אבער עס האט מיר אצינד גע־פעהלט מיין אייגענע מאמע. עס האט מיר געדאכט ווען מיין מאמע זאל זיין לעבען מיר וואלט מיר בעסער געווען, און איך האב דאס אלעס געשריבען אהיים.

מיין טאטע . . האט אויך מיר רחמנות געקראגען און מיר געשיקט מיין שוועסטערל רייטשעל . . .

## „ארטיסטישע אייפערזוכט“

איך האב זיך זעהר געפרעהט מיט מיין שוועסטעריל רייטשעל ווען זיא איז געקומען צו אונז אין פילאדעלפיא.

טהאמאשעווסקי לערענט זיא אויס זינגען קופלעטען; זיא האט געהאט זעהר א זיסע שטימע און איז געווען גאנץ טאלאנטירט אויך ; זיא האט געזונגען קופלעטען פיעל בעסער פאר מיר, און אזוי ווי די ביזנעס זיינען געווען זעהר גע־

שלאָגען צוליעב אונזער קאָנקורענט גאָרטענשטיין מיט זיין קאָמפּאַניע, זאָגט טהאָמאַשעווסקי, אַז מיר מוזען אַוועקפאָהרען אויף דער פּראָווינץ, און מיר אַלע— באָריס, איך און מיין שוועסטעריל רייטשעל צוזאַמען מיט אונזער גאַנצער קאָמ־פּאַניע, פאָהרען אַוועק קיין באָסטאָן און קומען אָן צו ריק אין „גוטמאַן'ס באָאר־דינג הויז".

קיין טהעאַטער האָבען מיר אין באָסטאָן אַזוי גיך ניט געהאַט. אַנשטאָט דעם האָבען מיר געפונען אַ האַלל, להבדיל, בלויז געגוג פאַר אַ קאָנצערט. נאָר מיר זיינען געוו'ען דערמיט גאַנץ צופריעדען, וואָרים מען דאַרף דאָך עסען.

מיר האָבען געגעבען אַ קאָנצערט, אַ מין ליטעראַרישער אָבענד, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען דערפאַר. מיר האָבען געזונגען, געטאַנצט און „גע'דעקלאַמירעט". רייטשעל האָט מיט איהרע קופּלעטלאַך געמאַכט אַ „היט", טהאָמאַשעווסקי און איך האָבען געזונגען דועטען און, גאָט צו דאַנקען, מיר האָבען אין'ם קאָנצערט גע־מאַכט אַ פּאָאר דאָלער.

קומט צופאָהרען אונזער מענעדזשער, מר. פּנחס טהאָמאַשעווסקי און „נאָך שווערע מיה און פיעלע קאָסטען" ווערט אַראַנזשירט אַ פאָרשטעלונג אין טשעלסי און מיר שפּיעלען דאָרט דאָס גרויסע מייסטערווערק „יהודה המכבי אָדער חנה מיט דיא 7 זיהן".

דאָ פּאַסירט אַ שפּאַס וואָס איז ווערטה דערמאָהנט צו ווערען.

בשעת מיר שפּיעלען אויף דער ביהנע, קומט צוגעהן דער טשעלסי'ער קאָנסטייבעל אין טהעאַטער אריין און פרעגט אויף מיסטער בי. טהאָמאַשעווסקי. דער אַלטער ר' פּנחס קומט צו צום קאָנסטייבעל און זאָגט: „אי עם מיסטער פּי. טהאָמאַשעווסקי". דער קאָנסטייבעל פרעגט נאָך אַמאָל איבער: „אַר יו מיסטער בי. טהאָמאַשעווסקי?" און דער אַלטער ר' פּנחס ענטפערט ברוגז'לאַך: „שור אי עם מיסטער פּי. טהאָמאַשעווסקי!" דער קאָנסטייבעל לעגט אויף איהם אַרויף זיין געזעצליכע האַנד און זאָגט: „קאַם אָן, יו אַר ערעסטעד".

געזאָגט און געטהון, און אונזער מענעדזשער ר' פּנחס איז אַוועק אין „חדר" אריין.

מיר וויסען פון גאָרנישט. מיר האָבען אָבגעשפּיעלט „חנה מיט דיא 7 זיהן", דיא געשעפטען זיינען געווען זעהר „טראָוועררדיג" און אויף מאָרגען פאָהרען מיר זיך אַלע אַוועק צוריק קיין פילאַדעלפיא.

מיר קומען אהיים, פרעגט אונז דיא אַלטע: „וואו איז ר' פּנחס?" — וויסען מיר נישט וואָס צו זאָגען.

דערווייל איז אין טשעלסי פאָרגעקומען דער טרייאַל און ס'האָט זיך אַרויס־געפּלאָנטערט דער פּלאָנטער.

די געשיכטע איז געווען אזוי: באַרים האָט זיך עפּעס פאַרשולדיגט עטליכע דאָלער צו אַ אידען, ווען מיר זיינען צום ערשטען מאָל געווען אין באָסטאָן. דאָס מאָל, אַז דער איד האָט זיך דערוואוסט אז טהאָמאַשעווסקי איז ווידער אין באָסטאָן, האָט ער געשיקט דעם קאָנסטייבעל מיט אַ פּאַפּיער. דער קאָנסטייבעל האָט גערעדט יענקעוואַטע ענגליש און אז ער האָט געפרעגט אין זיין לשון אויף „בי. טהאָמאַשעווסקי", האָט ר׳ פּנחס געמיינט אַז דאָס איז „פּי. טהאָמאַשעווסקי" און אזוי איז ארויסגעקומען דאָס מען האָט ארעסטירט דעם טאַטען אנשטאָט דעם זוהן.

אָבער ביים טריַיעל, ווען ס׳איז געקומען דער איד און דערזעהן דעם אלטען, נעבאך, האָט ער איהם נאָך מיטגעגעבען אויף הוצאות און איהם אָבגעשיקט אַהיים, קיין פילאַדעלפיא.

ס׳איז געווען ארום פאַר פּסח; אונזער קאָנקורענט שפּיעלט נאָך אַלץ טהעאַטער אין פילאַדעלפיא. מיר — ניט. און דאָ געהט אַזא יום טוב, וואָס טהוט מען?

לאַנג טראַכטע: קען מען נישט און פלענער זיינען צווישען אַקטיאָרען שטענדיג פאַראַן מעהר וויא גענוג און עס ווערט בעשלאָסען אַנצופאַנגען די שלאַכט אויף ס׳ניי — קאָנקורירען מיט גאָרטענשטיין׳ען.

ווי קאָנקורירט מען אָבער אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו שיסען, דאָס הייסט, עס איז נישטאָ קיין „אַטרעקשאָן"?

בלייבט אַז ר׳ פּנחס אַליין איז אויך ניש־קשה פון אַ׳ן „אַטרעקשאָן"... וואָרים דער עיקר איז דאָך נאָר ווי מען אדווערטייזט, און אום צו ווערען אַ „סטאַר" איז דאָך נאָר געווענדט אין גרויס אדווערטייזען, אַלזאָ אדווערטייזען מיר מיט די גרעסטע אותיות וואָס מען קען קריגען אַז „דער גרויסער קינסטלער, ר׳ פּנחס טהאָמאַשעווסקי, דער טאַטע פון דעם גרויסען קינסטלער, באָרים טהאָמאַ־שעווסקי, וועט אויפטרעטען מיט פּראַכט און גלאַנץ צום ערשטען מאָל אין דער קונסט־ראָלע אַלס „עקאָנאָם" אין דעם גרויסען מייסטערווערק „דער קאַטאָרזשניק", אַ דראַמאַ וואָס ברעכט דאָס הארץ, אין 4 אַקטען, פון שמ״ר—שייקעוויטש.

מיר שטודירען איין דיא פּיעסע. באָרים שפּיעלט „דוד׳ל", מערי עפּשטיין שפּיעלט „געגענדעל" און איך שפּיעל „אַמאַליאַ".

ס׳איז געקומען דיא ערשטע פאָרשטעלונג. אַלעס געהט שעהן און וואויל ביז עס קומט אין אַ געוויסע סצענע ווען דיאביידע „סטאַרס" זיינען אויף דער ביהנע, דאָס הייסט, דער אַלטער סטאַר באָרים, און דער נייער סטאַר ר׳ פּנחס.

דיא „אַרטיסטישע אייפערזוכט" האָט זיך צופלאַקערט און עס איז געוואָרען לעבעדיג... יענע פאָרשטעלונג וועל איך מיין גאַנץ לעבען געדענקען. ביידע, דער

פאטער מיט'ן זוהן, זייגען אויף דער ביהנע און שפּיעלען, זאָגען דיא „פּראָזא" פון דער פּיעסע און פּלוצים נעהמט דער אַלטער ר' פּנחס, דער נייער סטאר, הייסט עס, און הייבט אָן שפּאַנען איבער'ן סטיידזש הין און צוריק, גלאַט אַזוי זיך, וויא אַ טיגער אין אַ שטייג.

באַרים ווערט נערוועז און זאָגט שטיל: „הער אויף שפּאַנען, זעץ דיך אַנידער!" דער אַלטער רעדט זיך זיין פּראָזא און שפּאַנט ווייטער, מעשה „סטאר". באַרים שעפּטשעט ווידער אַרוים גאַנץ שטיל: „הער אויף שפּאַנען, זעץ דיך אַני־דער"! דער אַלטער ענטפערט שטיל צוריק: „שאַראַפּ, לץ, איך שפּיעל מיט ראַ־ליזמעס"... (רעאַליזמוס).

דאָס אַלץ געהט נאַטירליך אָן אַז דאָס פּובליקום זאָל נישט באַמערקען. דיא שפּיעל דערווייל, שפּיעלט זיך.

דער אַלטער ר' פּנחס שפּאַנט נאָך אַלץ אַרום אויף דער ביהנע וויא אַ צורייצטער טיגער און באַרים איז שוין העכסט נערוועז. ער שעפּטשעט אַרויס מיט כעס צום אַלטען: „הער אויף ששפּאַנען — ! "

דער אַלטער ר' פּנחס ווערט אין כעס און פאַרגעסט אַז, ראשית איז באַרים דער אמת'ער סטאר, און צווייטענס, אַז באַרים איז טאַקע אַן אייגענער זוהן אויך און ר' פּנחס מורמעלט צוריק מיט כעס: „וואָס בורטשעסטו מיר אונטער אַ פּאה, לץ, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין . . . "

באַרים שפּרינגט אויף און לויפט אַרונטער פון ביהנע. דער אַלטער בלייבט שטעהן אַליין וויא צומישט און ווייסט נישט וואָס ווייטער צו טהאָן. ער איז העכסט אויפגעבראַכט. ער פאַרגעסט זיך אַז ער שטעהט אויף אַ ביהנע פאַר אַ פּובליקום און ער גיסט אויס כל חמתו אויפ'ן זוהן. ער שרייט אויף דיא העכסטע טענער: „בן סורר ומורה, דו אַזעלכער און אַזעלכער, וואָס הייסט דו האָסט נישט קיין דרך ארץ פאַר אַ טאַטען, דאַרויף האָב איך דיך אויסגעהאָדעוועט, האַ? רבונו של עולם, בעוויזז אַ נס אַז — דאָ איז געפאַלען דער קוירטען וואָס באַרים האָט פּלוצים געהייסען אַרונטערלאָזען און דאָס ליעבע פּובליקום איז געוואָרען ווילד פון בעגייסטערונג, מען האָט אַפּלאָדירט דעם אַלטען ר' פּנחס פאַר זיין בריליאַנטע־נעם שפּיעלאַכץ מיט אַלע כוחות . . .

דיא פּיעסע איז געווען אַ געוואַלדיגער סוקעסס.

# איך ווער אַ מאַמע

עס איז דאָן ביי אונז אַנגעגאַנגען אַ „שלאַכט“ אויף לעבען און טויט. דיא צוויי טהעאַטער קאָמפּאַניעס, גאַרטענשטיין׳ס און אונזערע, האָבען ביידע געמאַכט קדחת מיט גרויסע אותיות, אָבער געשפּיעלט טהעאַטער אין פילאַדעלפיא האָבען מיר ביידע, ער אין „טהאַליא טהעאַטער“, מיר אין „דראַמאַטיק האָל“. קאַמפּף איז קאַמפּף.

גאַרטענשטיין האָט אַרויסגעלאָזען אַ פּאָסטער מיט פעטע אותיות: „עקסטרא, עקסטרא! אידען! געהט נישט אין יענעם וואָדעקלאַזעט וואָס זיי רופען טהעאַטער, דאָרט שפּיעלען ליצים, נישט קיין עקטערס, לאָזט נישט אויסנאַרען אייער געלד! אידען, אַרבייטער, ליידיס און דזשענטעלמען — קומט צו אונז אין טהעאַטער, מיר זיינען רעגעלע קינסטלער!“

באַלד איז ערשיענען אַ פּאָסטער מיט נאָך פעטערע אותיות, אַרויסגעלאָזען פון באָריס טהאָמאַשעווסקי, אונגעפעהר בזה הלשון: אידען, שוועסטער און ברידער! דער ממזר איז אַ בלאָפער, אַ שמאַך און אַ שאַנדע פאַר׳ן כלל ישראל, פאַר׳ן גאַנצען אידישען פאָלק. וואָס ער רעדט איז וויא אַ הונד בילט און איך קעהר איבער אַ שוך — ונומר אמן.

און ס׳איז געשטאַנען אַ בילד פון אַ איבערגעקעהרטען שוך אויפן פּאָסטער.

אויף דיא צווייטע טעג פּסח האָט גאַרטענשטיין אַנאָנסירט אַ פּיעסע מיט׳ן נאָמען „דער סיילאָר אין געפאַהר“ פון רודאָלף מאַקס, באַלד אויף מאָרגען האָבען מיר אַנאָנסירט אַ פּיעסע מיט׳ן נאָמען „דער מעטראָז אָדער דער גרינער שוסטער“, פון באָריס טהאָמאַשעווסקי.

מען האָט זיך געזידעלט געמאַכט מיט דער בלאָטע גלייך, אויף דיא אפּישען, אויף דער ביהנע און אומעטום. דאָס איז געוועזן — קאָנקורענציע.

אַזוי האָט מען קאָנקורירט יענע צייטען אין אידישען טהעאַטער.

רודאָלף מאַקס האָט זיך זעהר בעליעבט געמאַכט ביים פּובליקום מיט זיין אויסגעצייכנעטען שפּיעלען, זיין זיסער שמייכעל איז געוועזן וויא מאַגנעט און דאָס האָט געצויגען דעם עולם צו זעהן איהם שפּילען. אָבער מאַקס׳ן איז נמאס געוואָרן דאָס זידלעריי. ער האָט נישט געקענט פערטראָגען דאָס שמוץ־וואַרפעניש פון דיא ווערטהע קינסטלער און ער פערלאָזט פילאַדעלפיא.

דאָס איז געוועזן פאַר אונזער קאָנקורענט, פאַר גאַרטענשטיינען, אַ טויט־

קלאפּ, ער האָט באַלד געמוזט ברעכען זיין „רעגעלע קונסט“ און איז אויך אוועק.

בלייבען מיר דיא אַליין־הערדשער איבער דער קונסט אין פילאדעלפיא און — אוים קאָנקורענציע.

דיא געשעפטען האָבען זיך אביסעל פאַרבעסערט, מיר שפּיעלען רעגעל־מעסיג און מיר הויבען שויז אָן צו טרוימען פון א גליקליכער צוקונפט, ווען מיר וועלען שטענדיג האָבען מיט וואָס צו בעצאָהלען דעם גראָסערי־מאַן מיט׳ן בוטשער און נאָך אזעלכע לוקסוסען וואָס צו יענער צייט האָבען מיר זיך דאָס ניט געקענט פערגינען . . .

העלפט גאָט, עפּעס שפּיעלען מיר א בענעפיט פאַר א חברה פון א שוהל און עס פערגלוסט זיך ר׳ פּנחס טהאָמאַשעווסקי צו פערדיגען „סאָצעליזמעס“, און ער האַלט נאָך דער פאַרשטעלונג א פלאַם־פייערדיגע רעדע פון דער בינע, און שרייט: „נידער מיט׳ן פאַנאַטיזמעס! נידער מיט דיא פינסטערלינגע פון דיא שוה־לען, עס לעבע דיא פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט און הורראַ ! . . . “

עס איז געוואָרען א סקאַנדאַל, מען האָט געבראָכען טשערס און גע־וואָרפען דיא שטיקלעך אויף דער ביהנע ארויף, נאָכדעם האָט מען גענומען וואַר־פען דיא טשערס גאַנצערהייד. מיר האָבען זיך קוים געראַטעוועט מיט׳ן לעבען און מיר זיינען אוועק דורך׳ן בוידעם איבער א לייטער פון „דראַמאַטיק האָל“.

אוים שפּיעלען טהעאַטער.

א פּאָר וואָכען זיינען אוועק און מיר האָבען נישט געשפּיעלט קיין טהעאַ־טער. איך בין געווען דערפון העכסט צופריעדען, ווייל מיין צושטאַנד איז גע־וואָרען ערנסטער פון טאָג צו טאָג, איך האָב געדאַנקט גאָט וואָס מיר שפּיעלען ניט און איך קען זיין מיט זיך אַליין. מיר איז געווען מורא׳דיג אונאַנגענעהם צו ער־שיינען פאַר׳ן פּובליקום אין יענער צייט . . .

באַלד אָבער, האָט אונזער מענעדזשער, דורך דער באַמיהונג פון מר. דאָרף, געקראָגען ווידער דאָס „טהאַליא טהעאַטער“, און מיר פאַנגען אָן ווידער צו שפּיעלען טהעאַטער.

דיא ערשטע פּיעסע שפּיעלען מיר דאָס מאָהל „כבוד אב“ פון יאָזעף לאַ־טיינער. שענקמאַן האָט געשפּיעלט „שמעיה“ און איך „פּייע“. אין עטליכע טעג ארום איז געווען דיא פאַרשטעלונג און מיט א געבראָכען געמיטה גרימיר איך זיך, טהו מיך אָן און שפּיעל „פּייע“, א אידענע מיט א לאַנגע נאָז, כדי עס זאָל זיין שטאַרק קאָמיש . . .

איך זאָג דיא פּראָזאַ מיט ציינה־קרימעניש, עס גיט מיך אַלע ווייַלע „א

נעהם,״ און איך דערזעהה די באָבע פון יענער וועלט. מיינע קאָמישע גרימאַסען קומען ארויס נאָך קאָמישער וויא קאָמיש, אָבער מיר קומען זיי אָן מיט קרעמעניש, איך בלייב אָפט שטעהן איינגעקאַרטשעט און קען זיך נישט אויסגלייכען...

איך האָב זיך קוים דערמוטשעט ביז׳ן דריטען אקט. מען דאַרף ענדיגען דיא פיעסע און איך זיץ אין דרעסינג־רום און וויין. איך פיהל אַז עס גערען מיר אויס דיא כוחות. איך האָב מירא אַרויפצוגעהן אויף דער ביהנע, טאָמער געשעהט מיט מיר אַן אונגליק, אָבער דער קוירטען איז אַרויף און מען שפּיעלט שוין דעם פיערטען אקט.

ס׳איז געקומען צו מיין רעפּליק. איך דערהער דאָס שטיכוואָרט און פאַרגעס אין מיין שרעק. מיט גרויס מאַטערניש שלעפּ איך זיך קוים ארויף אויף דער ביהנע. איך שפּיעל מיין קאָמישע ראָלע און טרעהרען קאַפּען מיר איבער מיינע געשמינקטע באַקען, אָבער איך הער דיא געלעכטערס פון פּובליקום. מיינע צושויער אַמוזירען זיך פון מיין קאָמיזם, איך אַליין עקזיסטיר ניט פאַר זיי, עס לעבט פאַר זיי „פּייע״ מיט דער לאַנגער נאָז, „פּייע״ דיא קאָמעדיאַנטקע און ווענען געהט דאָס אָן אַז „פּייע״ לאַכט מיט יאַשטשערקעס — אַבי „פּייע״ לאַכט און איז קאָמיש . . .

איך בין געוועזען שרעקליך פאַרביטערט. מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען צום גאַנצען פּובליקום זיי זאָלען אויפהערען צו לאַכען. איך האָב זיי געוואָלט דערצעהלען, אַז מיין יעדע גרימאַסע וואָס רופט ביי זיי ארויס אַ געלעכטער אַצינד, קאָסט מיך אַ שטיק האַרץ, אַז איך בין נישט קאָמיש איצט פון וואוילטאָג נאָר פון וועהטאָג, אָבער איך האָב שטאַרקער פאַרביסען דיא ליפּען און קראַמפּפּהאַפט געקריצט מיט דיא צייהן און ווייטער געשפּיעלט מיין ראָלע אַלס דיא קאָמישע „פּייע״.

ביז ס׳איז געקומען דיא סצענע ווען איך, דאָס הייסט, „פּייע״ מיט דער לאַנגער נאָז, כאַפּ אַ בעזים און פאַרמעסט זיך אויף דעם „אינטריגאַנט״ און דאַרף איהם אָנברעכען דיא ביינער.

דעם בעזים האָב איך געכאַפּט, אָבער מעהר נישט... אָט וויא איך האָב אַ הויב געטהאָן דעם בעזים אין דער לופטען און זיך פאַרמאָסטען איהם אַראָבלאָזען אויפן אינטריגאַנט, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעקליכער וועהטאָג. איך בין געבליבען אין דער פּאָזיציע מיט׳ן בעזים אין דער לופטען און זיך נישט געקענט אַ ריהר טהאָן. איך האָב געפיהלט אַ שטאַרקען שנייד, וויא מיט אַ קאָסע, איבער מיין רוקען, עס איז מיר געוואָרען קאַלט און הייס, פונקען זיינען מיר פון

דיא אויגען געפלויגען און איך שטעה און קען זיך ניט ריהרען פון ארט...
טהאמאשעווסקי שטעהט אונטער דיא קוליסען און זעהט אז איך האב דער׳הרג׳עט דיא סצענע און ער שרייט צו מיר איך זאל ארונטער פון ביהנע, אבער איך שטעה און טרעהרען קייקלען זיך פון מיינע אויגען. ער שרייט ווידער אויס: „נו, געה ארונטער!“ איך שעפטשע קוים ארויס: „אי, אי, אי, קענט וואק — !“
א היים האט מען מיך שוין געפיהרט אונטער די הענד. דער גוטער מר. ראף, לאנג לעבען זאל ער, האט מיך געפיהרט פאמעליך פון טהעאטער א היים, איך האב קוים געקענט זיך דערשלעפען ביז א היים אין פיין סטריט.
נאך א נאכט פון שווערע ליידען און גרוילהאפטע ווייטאגען בין איך צו פריהמארגענס געווארען דיא מאמע פון א טאכטער. א קליין שוואך קינדעלע איז געווען דער לוין פאר מיינע גרויסע שטארקע וועהטאגען.
מיר האבען דעם קינד א נאמען געגעבען אסתר.

# די קאמעדיע פון דער טראגעדיע

מיין שוויגער האט א קוק געטאהן אויף מיין ערשט געבוירען מיידעלע און האט פרום א זאג געטהאן: „דאס וועט געגנען“. דאס הייסט, „דאס וועט געהן א גאנג... עס וועט לאנג ניט ציהען...“
איך האב זיך ביטער צוכליפעט פון דער בשורה. מיר האט באנג געטאהן צו פערליערען אט דאס שוואכינקע עופע׳לע. מיר האט אויסגעוויזען, אז דאס קינדעלע וועט מיר זיין מיין איינציגע טרייסט אין לעבען, ווארום שוין דאן האט מיר א סך געפעהלט צו זיין גליקליך.
גאט ווייסט דעם אמת. אז צו גוט איז מיר אלס קימפעטארין ניט געווען. קיין גוואלדיגע פאטראוועס האב איך ניט געקראגען. עס איז פשוט נישט געווען אזא גרויס גליק איז הויז. מען האט זיך נישט אזוי שטארק געפרעהט מיט דעם, וואס ס׳איז געבוירען געווארען א נייע פרימאדאנקעלע...
אך, ווי מיר האט זיך דאן געוואלט זיין אן איינפאך ווייבעל פון אן איינפאכען מאן, נישט קיין קינסטלעריכע פון א קינסטלער...
מיין הארץ האט געלעכצט. נאך יענער ווירקליכקייט פון וועלכע איך האב פריהער געטרוימט. איך האב געטרוימט צו זיין געצערטעלט און געפיעשטשעט — ווען איך וועל מוטער ווערען. ווען איך וועל געבוירען א זיס קינדעלע. איך האב

געטרוימט, אז מיט דעם קומען פון א קינד אין אונזער ציגיינער־לעבען, וועט זי זונן אויפגעהערט ביי אונז אין הויז און וועט אנפילען מיט ליכטיגע ווארימע שטראהלען יעדעס ווינקעלע און אויך די הערצער פון די יונגע טאטע־מאמע. איך האב געטרוימט — אבער, אך גאט, צו בין איך דען די איינציגע אידישע טאכטער אויף דער וועלט, וועמעס טרוימען זיינען נישט פערווירקליכט געווארען?

און אפשר, מיינע טהייערע לעזער, ווער איך אייך דערעסען, ווען איך דער־צעהל אייך צופיעל פון מיינע פערזענליכע ליידען, אפשר ווילט איהר גאר איך זאל אייך נאר פרעהליכעס דערצעהלען, זאגט, שעהמט אייך נישט.

די פאר טעג זיינען ווי עס איז אריבער און איך האב געהאט איין פער־לאנג אין לעבען. איין בקשה צו גאט, אז מיין שוואכע, קליינינקע אסתר'ל זאל לעבען און זיין געזונד.

אונזער קינסטלער געזעלשאפט האט דערווייל געדוהט, נישט חלילה ווייל מען האט אהן מיר נישט געקענט שפילען, נור ווייל עס איז נישט געווען וואו צו שפיעלען.

דער אייגענטהימער פון טהאליא טהעאטער, דער דייטש, מר. בעסט, איז קלוג געווארען און געוואלט מען זאל איהם געבען געלד פאראוים, ער האט נישט געוואלט זיך מעהר פערלאזען אויף יושר, ער איז פלוצים געווארען אן אפיקורוס און אויפגעהערט גלויבען אין אונזער מענעדזשער, ער האט בעסער געגלויבט — אין קעש...

דעם דראמאטיק האלל ווידער, האט מען נישט געקענט קריעגען, ערש־טענס, צוליעב דעם סקאנדאל, וואס דער אלטער טאמאשעווסקי האט דארט אנ־געארבייט מיט זיין סאציאליזמוס, און צווייטענס איז דער דראמאטיק האלל אין יענער צייט פארנומען געווארען פון א קאמפאני לצים'דיגע עקטערס, וואס קיינער האט פון זיי קיינמאל נישט געהערט.

באלד איז פילאדעלפיא בעהאנגען געווארען מיט פאוסטערס פון דער נייער קאמפאני און זיי האבען אדווערטייזט, אז זיי האבען אזעלכעס, וואס דיא וועלט פארמאגט נים. זיי האבען א „סטאר", וואס טאנצט אויף — דריי שפראכען... רוסיש, דייטש און אידיש. און דאס איז קיין אנדערער, ווי — סעם קעסטין.

פילאדעלפיא האט זיך געגומען גרייטען צו עמפפאנגען דעם נייעם „סטאר" וואס טאנצט אויף דריי שפראכען. ביי אונז, קינסטלער, האט מען זיך געוועהנ־ליך, געשמייכעלט איראניש פון די נייע לצים, אבער מען האט אנגעהויבען מורמ־

לען אין פילא־עלפיא. אז דער קעסטין איז א באַי א מזיק, אז ער טאַנצט אזוי גוט, ווי עליאם גליקמאַן.

זיי האָבען געשפּיעלט א פּאָאר פאַרשטעלונגען, און אונזער מענעדזשער, ר' פּנחס, קומט איינמאהל אהיים בעגייסטערט, ער איז געווען, דערצעהלט ער, ביי די לצים, אָבער דער קעסטין איז א בראנד, א פייער, ער איז א טאַלאַנט.

און דער אַלטער באַקענט זיך מיט קעסטין'ען און געפינט אויס, אז קעסטין האָט אין באַלטימאר א מוהמע, מאַליע קאופמאַן, און די מוהמע זיינע האָט ערגיץ א טאָכטער, בוזי, וואָס שפּיעלט טהעאַטער.

ר' פּנחס קומט צוגעהן מיט א גדולה און זאָגט מיר אָן די בשורה, אז סעם קעסטין איז מיינער א משפחה, מיינער א קאַזין, און לויבט איהם זעהר אַלס קינסטלער. ר' פּנחס פּלאַנעוועט דאָן אויס א פּלאַן, אז ווען ער זאָל האָבען געלד צו געבען מר. בעסט, נעהמט ער ווידער טהאַליא טהעאטער און קידנעפּט קעס־טין'ען פון דיא לצים צו אונז אין קאַמפּאַניע און מיר ווערען אנגעשטאָפּט מיט דאָלערס, רענגעלע ראטשילדס...

אָבער וואו נעהמט מען געלד? איז זיין פּלאַן אז—מען דאַרף קריגען געלד.

טאָמאַשעווסקי איז דאן נישט געווען אין שטוב און איך, מערי עפּשטיין און פּעני גרינבערג גיבען אוועק דעם אַלטען אונזער „דזשולערי", א פּאָר זייגער־לעך, מיט א פּאָאר פינגערליך און נאָך א פּאָאר שמאָכטעס. די גאַנצע „דזשולערי" האָט געקענט ווערטה זיין יאָסעל מלמד'ס ציעג פון טאַראַשטשע.

דער אַלטער האָט צוזאַמענגענומען דעם „אוצר" און איז אוועק אין פּאָון־שאָפּ צו קריגען געלד. ער זאָל קענען נעהמען דאָס טהאַליא טהעאטער.

מיר האָבען זיך אַלע געפרעהט וואָס מיר האָבען געטאָהן אזא נאָבעלע טהאַט, מקריב געווען אונזער דזשולערי פאַר דער קונסט, כדי מיר זאָלען קענען ווידער שפּיעלען טהעאַטער. און מיר האָבען שוין געטרוימט, אז אָט ווערען מיר רייך.

אויף מאָרגען געפינט מיין שוויגער ר' פּנחס'עס שליסעל מיט א צעטעלע און — זי פּאַלט חלשות.

דאָס צעטעלע האָט זיך געלעזען אונגעפעהר מיט דעם נוסח: „איהר האָט נישט געוואוסט וויא אבצוהיטען אייער טאַטען און איהר וועט מיך שוין מעהר ניט זעהן".

טאָמאַשעווסקי איז געוואָרען שטאַרק ערשיטערט ווען ער האָט זיך דער־וואוסט, וואָס דאָ טהוט זיך. אין שטוב איז אונז אַלעמען געוואָרען קאַלאַמוטנע

אויף דיא הערצער ; קיין געלד איז נישטאָ, טהאַליא טהעאַטער קען מען נישט קריגען. דראַמאַטיק האָל איז פּערנומען. דער אַלטער איז אַוועק, די דזשולערי איז אויך ניטאָ — שלעכט, ביטער.

באָריס איז געוואָרען זעהר אין כעס, פון דעם גאַנצען טומעל, איז ער זיך מיישב און ווערט אויך נעלם — אַוועק און נישטאָ איהם.

ווייסען מיר שוין ניט וואו ס'זיינען אַהינגעקומען אי דער טאַטע, אי דער זוהן. די אַלטע קלאָגט נאָך איהר מאַן און איך העלף איהר און קלאָג נאָך מיין מאַן. נור זי האָט כאָטש ניט קיין פּיצעלע בייבילע, אַזוי ווי איך, און — איך בין איהר מקנאַ . . .

עס געהט אַוועק אַ וואָך, צוויי — מען הערט ניט און מען זעהט ניט פון'ם טאַטען מיט'ן זוהן

עפּשטיין פּלאַנעוועט צו מאַכען אַ שאָפּ פון העמדלאָך און מיר זאָלען אַלע זיך נעהמען צו דער מלאכה. פעני גרינבערג אונטערשטיצט דעם פּלאַן און זאָגט : „נישקשה, מע'ט נעהמען אַ פּאָאר מאַשינדלעך און מע'ט דרעהען די „דאַנקאַ,“ נישקשה.“

איך בין מיט אַ קליין קרענקליך קינד, אַ פּאָר וואָכען ערשט פון קימפּעט אָהן אַ סענט ביי דער נשמה, שוואַך, עלענד און פערלאָזען, — עך ! ווייסט עס דער גוטער יאָהר. וואָס פאַר אַ קראַפט אין מיר איז געווען, אַז איך האָב זיך נישט געמאַכט דאָן אַ סוף צו מיין מוטשעניגע.

אין אַ שעהנעם נאָך שבועות'דיגען פריהמאָרגען, קומט אונז אָן אַ בריעף פון מיין באָריס'ן אַז מיר זאָלען נישט איבערקלעהרען, ער איז אין באַלטימאָר און זוכט אַ מעגליכקייט ווי אַזוי צו מאַכען אַ פאָרשלאַג, אבי עפּעס צו פאַרדינען פאַר אונז.

אין בריעף שיקט ער מיר 75 סענט איך זאָל זיך קויפען — ווייז.

אך בין געווען אַזוי דערפרעהט פון'ם בריעף, אַז מיין באָריס לעבט און לעבט און זאָרגט פיר אונז. אַז איך האָב געוויזען דעם בריעף אונזער טאָכטער, די פאַר וואָכענדיגע אסתר'ל אונזערע, אָבער זי האָט ניט פערשטאַנען מיין פרייד.

# קונסט און סאָדאַ וואַסער

אונזער שמחה דערפון וואָס מיר האָבען ענדליך געקראָגען אַ בריעף פון טהאָמאשעווסקי'ן, איז געווען זעהר גרויס. מיין אַלטע שוויגער האָט זיך גע־

טרייסט וואס איהר זוהן. האט זיך אבגעזוכט, כאטש איהר מאן, דער אלטער ר׳ פנחס, איז נאך אלץ געווען זויא אין וואסער אריין. איין „עגונה“ איז דאך אלץ ווייניגער וויא צוויי.

איצט איז נור געבליבען איין פראגע צו פארענטפערען: וואו נעהמט מען ברויט? ווארים געהן אין א נייע גראסערי וואו מען קען אונז נאך ניט, האבען מיר סיידען געזאלט נעהמען דיא קאר און פאהרען גאנץ ווייט... האט אבער געפעהלט. קאר־פעיר.

איז מיין שוויגער צוועק צום אייגענטהימער פון „דראמאטיק האלל“, זיך גוט אויסגעוויינט פאר איהם איז איהם דערצעהלט דיא גאנצע לאגע אונזערע און מיט דער הילף פון איינעם א מיסטער זארין (היינט איז ער מיין שוואגער) געלינגט מיין שוויגער צו קריגען צוריק דראמאטיק האל.

דיא בעדינגונגען וואס ד״ר אייגענטהימער האט געשטעלט מיין שוויגער, זיינען געווען אז נור איהר זוהן, דאס מייסט, מיין בארים, זאל מעגען זיין מיט אונזער קאמפאניע צוזאמען מיט קעסלער׳ס קאמפאניע, אבער למ״הש נישט דער אלטער ר׳ פנחס.

מיר שרייבען גלייך אוועק צו טהאמאשעווסקי׳ן און ער קומט פון באלטימאר צוריק קיין פילאדעלפיא. מיר נעהמען דראמאטיק האל און מאכען דערפון א „קאנצערט האלע“ אייפ׳ן זומער, דאס הייסט, מען פערקויפט אייז־קרים מיט סאדא וואסער אין באטלעך וואס שיסען ארויס דעם שטאפער מיט א קנאק און מען שפיעלט טהעאטער. דער עולם קנאקט מיט דיא פלעשלעך סאדא און דיא אקטיארען קנאקען דיא פראיא . . .

מיין שוויגער איז געווען דיא בעל־משגיח׳טע איבער׳ן סאדא־וואסער געשעפט. זיא איז אויך געווען דיא מענעדזשעריכע איבער דער קונסט. דיא פילאדעלפיער אידען זיינען געלאפען אין „חייע ביילע׳ס קאנצערט האלע“ און מיר האבען אויסגעמוטשעט א שטיקעל ברויט.

סעם קעסטין איז געווארען בעליעבט ביים פובליקום; ער פלעגט שפיעלען אלטע אידען מיט בערד און טאליצען. איך האב נישט געשפיעלט, ווייל איך בין געווען שוואך נאך׳ן קימפעט און האב געהאט „פלענטי“ ארבייט אכטונג צו געבען אויף מיין קליין טעכטער׳ל אויף מיין אסתר׳קען.

מיט׳ן געבורט פון אידיישען טהעאטער זיינען אויך געבארען געווארען פאטריאטען — און אפשר פארקעהרט.

פארשטעהט זיך אז יעדער פאטריאט איז אויך געווען א טאלאנט, און פריהער אדער שפעטער האט דאס פאלק איהם אנערקענט אלס זשעניע...

דער אקטיאר וואס האט שוין געשפיעלט א שטיקעלע ראלע, האט באלד געקראגען ארום זיך פאטריאטען, און גאר דער גרויסער אקטיאר, דער וואס האט געשפיעלט דיא גרויסע ראלע, דער „סטאר", הייסט עס, דער האט אימער געהאט מחנות מיט פאטריאטען, אויך פאטריאטקעס.

איינע אזא פאטריאטקע האט דערפיהלט אין זיך דעם געטליכען פונק וואס רופט זיך טאלאנט און האט געוואלט ווערען אן עקטערקע.

זיא איז געקומען צו אונז און אויסגעגאסען איהרע ארטיסטישע געפיהלען פאר'ן דירעקטאר און געבעטען, זיא וויל ווערען א זשעניע . . .

זיא איז געווען א שווארצע מויד, מיט רויטע אנגעבלאזענע באקען, א פיגור האט זיא געהאט וויא א היימישע סטופע אין וועלכער מען קלאפט מצות ערב פסח און שכל האט זיא געהאט וויא א קאלב, אבער זיא האט נור געוואלט ווערען א זשעניע . . .

ווען זיא האט זיך איבערצייגט אז זיא קען בלויז ווערען א געוועהנליכע עקטערקע האט זיא בעשלאסען אז אפשר קען זיא דאך מיט עפעס העלפען דער קונסט און זיא האט געבראכט איהר שוועסטערל, פיעלייכט וועט מעגליך זיין דאס איהר שוועסטערל זאל ווערען א זשעניע . . .

דאס שוועסטערל איז געווען א יונגע מיידעלע, מיט א צימליך שעהן פנים'ל און א בלאנדינקע, — שעהן גענוג צו ווערען א זשעניע . . .

מען האט דיא צוויי שוועסטער א צונאמען געגעבען: „דיא שווארצע און ווייסע" האט מען זיי גערופען.

דער דירעקטאר האט גענומען „דיא ווייסע" אויף פראבע, פונקט וויא היינט דיא אקטיארען יוניאן, און ער האט ענטדעקט אין איהר א טאלאנט אויף א פרימאדאנא.

זיא האט געשטודירט א פאר פון מיינע ראלען, אבער זיא איז געווען זעהר נערוועז ביי פראבעס און איך האב נישט געטארט אנוועזענד זיין — כדי זיא זאל חלילה נישט ווערען מעהר נערוועז, דיא נייע פרימאדאנא.

ארום ענדע אויגוסט פיהרט מען אויף א נייע אפערעטע „דיא לוסטיגע קאוואלירען" און איך מיז מיטשפיעלען. מיר האט שוין אייגענטליך געצויגען וויי־ דער אמאהל שפיעלען. זינט יוני אז איך האב נישט געשפיעלט טהעאטער און

כ׳האב שוין געבענקט נאך דיא לעמפלעך מיט דיא אפלאדיסמענטען. איך קריעג דיא ראָלע פון „רחל׳ע״ און קעסטין שפיעלט „שמעריל.״

דעם זומער האבען מיר זיך געפּאשעט מעהרסטענס אויף וואַטער־מעלאָן מיט ברויט, ווייל פון דיא גרויסע געשעפטען וואָס מען האָט געמאכט אין „קאָנ־צערט האַללע״ איז נישט געוועזן אויף מעהר. מען האָט געשפּיעלט פאר פינף און צעהן סענט איינטריט.

צו שטארק געזונד בין איך נאָך נישט געווען, אָבער אז מען הייסט שפּיע־לען איז ניטאָ קיין תירוצים. איך האָב מיטגענומען מיין קינדעלע אין „טהעאטער״ אריין. כ׳האָב איינגעאָרדענט א קליין העמאַק׳ל אונטער דיא קוליסען און אריינ־געלעגט דאָס קינד און איך בין ארויף שפּיעלען טהעאטער.

מיין ראָלע איז געווען א קאָמישע, דאָס הייסט, אזא ראָלע וואָס מען קען טהאָן וואָס מען וויל אבי ס׳זאָל זיין קאָמיש, האָב איך געמאכט אלערליי קונצען און דער עולם האָט געקנאַקט מיט דיא סאָדא באָטעלס און זיך „ענדזשאָיעט.״ אָט בין איך אויף דער ביהנע און טאנץ און שפּרינג און זינג, פּלוצים דערהער איך וויא מיין אסתר׳ל פּישטשעט נעביך אין העמאַק׳ל און איך בין שוין געווען לעבען איהר אין שטיל זי איין, גיב איהר א סאָסקע געמאַכט פון צעקייעטע ברויט מיט צוקער אין א טיכעלע איינגעבונדען. דער עולם האָט געמיינט אז דאָס איז נויטיג אין דער פּיעסע. אדער איך מאך דאָס אומיסטען כדי ס׳זאָל זיין קאָמיש און מען האָט מיר אפּלאָדירט פאר דער קונץ וואָס איך ווייז וויא איינצושטילען א קינד אין מיין שפּיעלען...

באלד האָט מען אונז געגעבען צו וויסען אונטער דיא קוליסען אז אין טהעאטער איז פאראן „דער בעריהמטער מענעדזשער אוים ניו יאָרק, געקומען ספּע־ציעל קיין פילאדעלפיא זעהן וויא מיר שפּיעלען טהעאטער.״

דער „בעריהמטער מענעדזשער״ איז געווען מר. דזשאָזעף עדעלשטיין (מיין איצטיגער פארטנער אין פּיפּעלס טהעאטער).

איך האָב זיך געשעהמט אז דער מענעדזשער אוים נויאָרק זאָל מיך זעהן, האָב איך באלד נאָכ׳ן שפּיעלען גענומען מיין קינדעלע און בין אוועק אהיים. אָבער מען האָט מיר דערצעהלט אז דער מענעדזשער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר און געזאָגט אז איך בין א טאלאנט, אז איך וועל אמאָהל שפּיעלען א גרויסע ראָלע אויף דער אידישער ביהנע. מר. עדעלשטיין האָט אָבגעמאַכט מיט טהאָ־מאשעווסקי׳ן אז אנפאנג סיזאָן וועט ער, עדעלשטיין, ברייננען קיין פילאדעלפיא זיין קאָמפּאַניע פון נויארק און מיר וועלען צוזאַמען שפּיעלען טהעאטער.

עס איז סוף זומער, ד׳א געשעפטען זיינען גאנץ שוואך. מיין שוועסטער קלארא איז געקומען אין זיך איבערגעבעטען מיט לואי׳ן בתנאי ער זאל ווערען אויס עקטער און געהען צוריק צו סיגארען. מיר שליסען צו אונזער קאנצערט האלע״ און פאהרען אוועק קיין באלטימאר, דארט שפּיעלען אביסעל טהעאטער.

# איך זעה מאגולעסקא׳ן

אין באלטימאר האט טאמאשעווסקי באלד גענומען א האל, ארויסגע־לאזען פאוסטערס. מען איז מודיע דיא גוטע בשורה, הייסט עס, אז טאמאשעווסקי איז דא צוריק אין באלטימאר צווישען זיין ליעבעס פאלק ישראל און מיר גרייטען זיך צו דער פארשטעלונג.

פּלוצים, וויא פון אונטער ד׳רערד ארויס, איז בעקאנט געווארען אז אין באלטימאר איז אנגעקומען נאך א קאמפּאניע אידישע־אקטיארען און מען וועט קאנקורירען מיט אונז.

עס האט לאנג ניט גענומען און מיר דערזעהען א פאוסטער אויסגעהאנגען איבער באלטימארער גאסען אז „דער איינציגער, דער בעסטער און דער גרעסטער קינסטלער, דער אמת׳ער טאמאשעווסקי איז דא אין באלטימאר מיט א קאמפּאניע פון לויטער קינסטלער און דאס איז קיין אנדערער וויא — פּנחס טאמאשעווסקי.״

דא האט זיך אפּגעשפּיעלט סצענעס צווישען צוויי דירעקטארען פון דיא צוויי קאמפּאניעס אז קיין גרעסערע קאמעדיע האט אפילו מאליער ניט געקענט אויסטראכטען.

דער טאטע האט אדווערטייזט אז נור ע ר איז דער אמת׳ער טאמא־שעווסקי... דער זוהן האט געענטפערט, אז בלויז ע ר איז דער אמת׳ער טא־מאשעווסקי... דער טאטע האט געשריעבען אז דער זוהן איז „א בן סורר ומורר,״ דער זוהן האט געענטפערט אז דער טאטע „איז א קאליקע, א פורצע, א גארנישט מיט א נישט אבער נישט קיין עקטער״... עס איז געווען א פרעהלאך שטיקעלע צייט, דיא אידישע ביהנע האט „געבליהט״ וויא קראפּיווע.

ביידע קאמפּאניעס האבען געשפּיעלט, דאס פּובליקום האט אנגעווארען דעם חשק צו זעהען דיא קאמעדיע און איז נישט געקומען אין ביידע פּלעצער. מיר האבען אבגעשפּיעלט דיא פארשטעלונג און איבערגעלאזען ר׳ פּנחס׳ן, מיט באלטימאר און מיר זיינען אוועק אהיים, צוריק קיין פילאדעלפיא.

באַלד איז קיין פילאַדעלפיא אַנגעקומען די נויאָרקער קאָמפּאַניע, וואָס דער מענעדזשער עדעלשטיין האָט געבראַכט.

די קאָמפּאַניע איז בעשטאַנען פון: מאַגולעסקאַ, פינקעל, פיינמאַן, ישראל ווײנבלאַט, פּאַולינא עדעלשטיין, אסתר פינקעלשטיין און (אַלס כאָר דיריגענט) בלאַנק.

זיי האָבען גענומען דאָס „טהאַליא טהעאַטער" און אַראַנזשירט עטליכע פאָרשטעלונגען. מיר האָבען געהאַפּט מיטצושפּיעלען, אָבער עס האָט זיך אויס־געלאָזען אַ בוידעם.

פונדעסטוועגען, ס'איז געקומען די ערשטע פאָרשטעלונג, אַ פרייטאַג אָבענד, האָב איך איבערגעלאָזען האַק־און־פּאַק און איך בין אַוועק אין טהאַליא טהעאַטער, זעהן די נויאָרקער אַקטיאָרען.

די ערשטע פּיעסע האָבען זיי געשפּיעלט „קאַקעטע דאַמען."

ווען איך זאָל וועלען דאָ איבערגעבען דעם איינדרוק פון אַלע שוישפּיע־לער וואָס האָבען זיך דאַן בעטהייליגט אין דער פּיעסע וואָלט איך נישט געווען געטריי צו די שוישפּיעלער און נישט צו מיר אַליין, ווייל דער איינדרוק וואָס איז מיר געבליעבען פון דאַן איז נישט פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע נור פון איין קינסטלער, איין זשעניע — איין זיגמונד מאַגולעסקאַ.

מיט זיין ערשיינען אויף דער ביהנע אין ערשטען אַקט אַלס „גאַלמאַן," האָט מען געזעהען דעם גרויסען קינסטלער, דעם געטליכען טאַלאַנט.

איך בין געזעסען אין טהעאַטער וויא אין אַ צויבער שלאָס און פאַר מיינע אויגען אויף דער ביהנע האָט אומשפּאַציערט אַ מכשף וואָס קען פערוואַנדלען טויטע סקעלעטען אין לעבעדיגע מענשען, אַ מכשף וואָס קען מאַכען פון אַ הילצערנע באַנק זאָל ווערען אַ קעניגליכער פּאַלאַסט און פון אַ נאַרישען קנעכט, דער קלוגסטער קעניג.

מאַגולעסקאַ האָט נישט געשפּיעלט „גאַלמאַן," ער האָט געלעבט „גאַלמאַן." אויף'ן סצענע איז אומגעגאַנגען אַ יונג אַ ברען, א'ן אדעסער לעבע־יונג, אַ פייער האָט געזשיאַריעט אין יעדע בעוועגונג זיינע, יעדעם קוק'עלע זיינס האָט אויסגעטייטשט אַ נשמה. ער האָט געלעבט אויף דער ביהנע.

דאַן איז געקומען דער צווייטער אַקט און עס איז ערשיענען „שפּרינצע די מעקלערין." בשום אופן איז נישט געווען מעגליך צו דערקענען, אַז די „שפּרינצע" וואָס ווערט דאָ געשפּיעלט, אַז דאָס איז נישט קיין לעבעדיגע „שפּרינצע" געבראַכט אַהער פון דער היים.

מיט זיין גרויסען צויבער־חן, מיט זיין זשעניאַלע איינבילדונגס־קראַפט. האַט מאַגולעסקאַ געשפּיעלט „שפּרינצע״, דיא אַלטע אידענע וואָס מעקלערט דיענסטען, מיט אַזאַ איבערצייגונגס קראַפט אַז ס'איז געווען אונמעגליך איהם צו דערקענען, נישט נאָר אַלס דעם וואָס האַט ערשט געשפּיעלט אַלס יונגען, פלאַם פייערינגען לעבע־יונג. נור עס איז געווען שווער צו דערקאַנען אַז „שפּרינצע״ איז ניט „שפּרינצע״ נור מאַגולעסקאַ, ניט קיין זיא, נור אַ ער.

איך בין געזעסען אין טהעאַטער און מיך האַט אַנגעכאַפּט איין פערלאַנג, איין שטרעבען, איין וואונש, אַז כ'זאָל דערלעבען צו שפּיעלען צוזאַמען מיט מאַגולעסקאַ'ן.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אידעאַל וואָס האַט מיר שפּעטער פיעלע פיעל שווערע שטונדען פון מיין לעבען גרינג געמאַכט, ווייל כ'האָב געהאָפט אַז איך וועל אַלץ שפּיעלען, אַזוי לאַנג שפּיעלען ביז מאַגולעסקאַ אַליין וועט מיך אַנערקענען אַלס אַ טאַלאַנט, ווירדיג גענוג צו שטעהען מיט איהם אויף איין ביהנע.

מיינע האָפנונגען זיינען שפּעטער מקוים געוואָרען און אויף אַ גאַנץ אינ־טערעסאַנטען אופן. אַבער — איך וועל קומען דערצו.

אויף מאָרגען, דאָס הייסט, שבת בייטאָג, האָט מען געשפּיעלט „יהודה און איזראעל,״ איך בין געלאָפען זעהען.

ווידער האָט זיך מאַגולעסקאַ אויסגעצייכענט, ער האָט געשפּיעלט אַן אַלטען דיענער. דאָ האָב איך בעוואונדערט דאָס גוטע שפּיעלען פון פּאַולינאַ עדעלשטיין, פיינמאַן און פינקעל. איך האָב געזעהען אַז דאָס אידישע טהעאַטער איז נישט בלויז אַ קאָטאַוועס־שפּיעל, איך האָב דערזעהען אמת'ע שוישפּיעלער, כאָטש איך בין ביי זיך אַליין דאַן אויך געווען גדול'דיג און מיין מאַן איז דאַן געווען מיין גרעסטע אויטאָריטעט אין דער אידישער שוישפּיעל־קונסט. דאָך האָב איך ביי מיר אין האַרצען, שטילערהייד צוגעגעבען, אַז דיא נויאָרקער שוישפּיעלער, און ספּעציעל מאַגולעסקאַ, אַז זיי זיינען טאַקע די אמת'ע אַרטיסטען.

אין שטוב ביי אונז, נאַטירליך, האָב איך דאָס ניט אַרויסגערעדט חלילה. מיר זיינען דאָך געווען אַ פולע שטוב מיט אייגענע קינסטלער. פאַרקעהרט, איך האָב נאָך געמוזט מאַכען אַ שווייג ווען אימיצער פון אונזערע קינסטלער האָט „שאַרף קריטיקירט״ מאַנכע פון דער נויאָרקער קאָמפּאַניע.

דער אמת פאָדערט דאָ צו זאָגען אַז מאַגולעסקאַ'ן האָט קיינער נישט גע־טשעפּעט, ער איז איינשטימיג אַנגענומען געוואָרען אַלס אמת'ער קינסטלער.

שבת אבענד איז געווען דיא לעצטע פארשטעלונג פון דער ערשטער וואך, וויל זונטאג האט מען נישט געטארט שפיעלען. פארשטעהט זיך אז איך בין נישט געבליעבען אין דערהיים און בין אוועק זעהען דיא דריטע פארשטעלונג.

געשפיעלט האט מען „דאס פוילישע אינגעל.“ דיא גאנצע קאמפאניע האט געשפיעלט, נור געזעהען האב איך בלויז „שמואל גארגעל,“ דאס האט געשפיעלט מאגולעסקא.

דא איז שווין איהם נישט געווען צו פערגלייכען מיט קיין אנדער שוישפיע־לער, וויא א טאפאליע צווישען אגרעס בוימלעך, אזוי האט מאגולעסקא מיט זיין זשעניאלען צויבער־חן געשטיגען העכער פון דיא אלע אידישע שוישפיעלער. ער איז געווען געבענשט מיט אזא מין חן, וואס איינמאל אין טויזענד יאהר נור ווערט דאס געשענקט פון גאט צו א מענשען־קינד.

# מיר שפיעלען אין פיטסבורג

הפנים אז ערגיץ איז פאראן א געזעץ, אז עס זאל ניט זיין אלעס גוט, עפעס מוז זיין א שטערונג.

מאגולעסקא׳ס וואונדערבארע שפיעלען אין „דאס פוילישע אינגעל“ האט זיך געענדיגט מיט א סקאנדאל און קיינער איז דאביי ניט שולדיג געווען.

דאס געזעצליכע געזעץ פון דער גאטספארכטיגער פילאדעלפיא האט זיך דא אריינגעמישט, וויל דער הייליגער זונטאג האט באלד געדארפט אנקומען. דאס איז געווען שבת נאכט און פונקט צוועלף האט מען אויסגעלאשען דיא ליכט און אראבגעלאזען דעם פארהאנג, כאטש דיא שוישפיעלער זיינען געשטאנען אויף דער ביהנע און האבען נאך געהאט א היבש ביסעל „פראזא“ אבצוזאגען.

דאס פובליקום איז געווארען ווילד און האט בעשולדיגט דיא שוישפיעלער אין שווינדעל. „קאמעדיאנטשיקעס, בלאפערס“ און נאך אזעלכע „בלומען־קרענצע“ זיינען געפלויגען אויף דיא ארימע אונשולדיגע שוישפיעלער.

א אידישען שוישפיעלער צו פערטהיידיגען, פאדערט זיך איבערהויפט קיין געריכט ניט; דאס ווערטהע פובליקום איז אימער גענוג פרייגעביג אויף זידעל־ווערטער פאר זייערע קינסטלער, דיא אידישע שוישפיעלער. און אין יענע צייטען איז דאך געווען פשוט א מצוה דיא אידישע אקטיארטשיקעס, דיא קאמעדיאנטשיקעס, צו זידלען און בעליידיגען...

דיא צרות און ערגערניש דאן, פון מאגולעסקא׳ן מיט דער גאנצער קאמפאניע קען נור פערשטעהן אזעלכער וואס ווערט בעשולדיגט אין א פערברעכען וואס ער האט קיינמאהל נישט בעגאנגען.

אויף דער נעקסטער וואך האט דיא נויארקער קאמפאניע אויפגעפיהרט „טיסא עסלאר“ פון פראפעסאר הארוויץ. געשפיעלט האט מען דיעזע פיעסע דאן אין צוויי אבענדען, ווייל זיא איז געווען שרעקליך לאנג און אונמעגליך אויסצופיהרען אין איין אבענד, סיידען שפיעלען א גאנצע נאכט, מאגולעסקא האט געשפיעלט אלס „מאריטץ׳על שארף.“

דיא אידען זיינען אבער געווען דערשראקען פון לעצטען מאל פון׳ם סקאנ־דאל, און זיינען שוין נישט געקומען אזוי גערן אין טהעאטער. דיא קאמפאניע האט געגעבען נאך א פאאר פארשטעלונגען, אבער קיין געלד האבען זיי שוין נישט געמאכט. זיי האבען זיך דארום אפגעזעגענט מיט פילאדעלפיא און זיינען אוועק צוריק קיין נויארק.

עס איז אונז געווארען זעהר אומעטיג, אונז האט זיך געוואלט שפיעלען, אבער אצינד געהן שפיעלען, נאך מאגולעסקא׳ן, ווען דיא אידען זיינען עפעס אזוי צופלאכטען און אנגעדרודעלט אויף דיא קאמעדיאנטשיקעס — דאס איז גאר ניט געווען קיין פלאן.

ווערט ביי אונזער דירעקטאר, ביי מיין טאמאשעווסקי׳ן הייסט עס, גע־בוירען א פלאן, אז מיר זאלען אויסזוכען א נייע שטאדט וואו עס וואוינען אידען און אוועק אהין שפיעלען טהעאטער. טעלעפעטשעט זיך ביי איהם אין געדאנק דער נאמען „פיטסבורג“.

קיין פיטסבורג איז אוועקגעפאהרען אונזערע א פערעהרערקע, דיא מיסעס גינזבורג, וואס פלעגט מיך קארמענען מיט געפרעגעלטע פיש ווען איך האב קיין אנדער מאכל ניט געקענט און טאקע נישט געהאט צו עסען. פלעגט זיא מיר שרייבען אמאל א קארטעל און דארום איז ביי אונזער דירעקטאר בעשלאסען געווארען צו פאהרען קיין פיטסבורג.

אבער וואס טהוט מען מיט דער גאנצער משפחה? אלע פאהרען קענען מיר נים. איבערלאזען דיא אלטע מיט דיא קלענערע קינדער איז אויך נישט גוט, שיקען מיר די אלטע אוועק קיין באלטימאר נאך ר׳ פנחס׳ן און אז זי ברענגט איהם צוריק קיין פילאדעלפיא, לאזען מיר זיי אויף גאטס בעראט און — היידא.

מערי עפשטיין מיט׳ן מאן, פעני גרינבערג מיט׳ן מאן, באריס און איך

א חוץ נאך עפעס עטליכע לצים, קומען אן קיין פיטסבורג מזכה צו זיין דיא פיטסבורגער אידען מיט אונזער קונסט.

דיא שטאדט מאכט אויף מיר עפעס א שרעקליך פינסטערען איינדרוק.

דיא הייזער זיינען פעררויכערט, שווארץ, דיא גאסען שמוציגע, שטויביגע און די לופט איז אנגעפילט מיט רויך און גאז; דיא בערג ארום דער שטאדט און אפילו אין סאמע שטאדט זיינען עפעס וויא שווארצע גייסטער, אנגעברוגזט און בייז און שרעקען מיט אויסגעלאשענע אויגען וויא טויטע מתים.

א שוידערליכען איינדרוק האט אויף מיר פיטסבורג געמאכטביים אריינקומען דארט.

מיר זיינען פארפאהרען צו א אידען, א דזשאנק פעדלער מיט'ן נאמען „הערינג,“ אבגעדונגען ביי דעם מיסטער הערינג א גרויסע רום, און אט וואוינען מיר שוין אין פיטסבורג.

דיא פיטסבורגער אידען זיינען דאן געווען כמעט אלע דזשאנק פעדלערס. זיי זיינען אבער געווען אנדערש וויא דיא אידען אין באלטימאר. דיא באלטימארער אידען, אז זיי זיינען געקומען אין טהעאטער פרייטאג אבענד, אדער שבת ביי טאג, האט א ניגערטע אדער אזוי א „שיקסעל“ געמוזט פאר זיי טראגען דאס געלד צו קויפען טיקעטס ביים באקס אפיס... אין פיטסבורג איז עס ניט אזוי געווען. על כן האט מען געקענט האפען.

טאמאשעווסקי געהט זיך דורך איבער פיטסבורגער פיפטע עוועניו און בעקענט זיך באלד מיט צוויי רויטע ברידערליך, דראגיסטען מיט'ן נאמען פינקעלפערעל. דיא באים ווערען זעהר דערפרעהט פון דער פרעהליכער בשורה וואס קיין פיטסבורג זיינען געקומען אידישע עקטערס.

מען נעהמט זיך זוכען א טהעאטער. — ווייס איך וואס, וואו טהעאטער, ווען טהעאטער? מען האט קוים אויסגעזוכט א „האל,“ אן אלטע שענטי אויף היהנערישע פיסלעך, פול מיט לעכער אין דיא וואנד וויא א שטייג פאר גענז — דאס ריכטיגע פלאץ צו שפיעלען טהעאטער...

מיין ארים קינדעלע, אסתר'ל, האט נעבאך געליטען דיא פאר טעג דעם ריכטיגען גלות. עס איז נישט געווען אפילו אין וואס דאס קינד צו באדען. עס איז געווען קאלט און דאס קינד איז געלעגען איינגעוויקעלט אין שמאטעס.

מיר האבען אויפגעזוכט אונזער פילאדעלפיער פאטריאטקע, דיא מיסעס גינזבורג, און זיא האט אונז באלד געגעבען גוט אבצועסען, זיא איז געווען גוט אפ, האט געהאט א דזשועלערי סטאר אויף פיפטע עוועניו אין פיטסבורג, זיא האט מיר דאס קינד אבגעבאדען אין איהרע א באליע און זיא האט אונז דריי, דאס הייסט באריס'ן מיך און דאס קינד אונזערס, ארויסגענומען פון דעם מיסטער הערינג און אונז אנגעדונגען אין א פיינערען געגענד, ביי א גויע, א רום מיט בארד פאר זעקס דאלאר א וואך און מיר האבען געלעבט וויא אמת'ע ארטיסטען, דאס הייסט, מיר האבען ניט געהאט מיט וואס פאר בארד צו בעצאהלען.

מיר האבען זיך גענומען גרייטען צו שפיעלען טהעאטער אין פיטסבורג.

דעם בעריהמטען האל האבען מיר וויא עס איז אויסגעלאטעט, אויפגעפיקסט און פארפוצט, וויא עס פאסט פאר דער קונסט, געמאכט א דעקאראציע וויא אין שעקספיר'ס צייטען און מיר פיהרען אויף מיט מזל מיט גליק, א מייסטער־ווערק אז אנטיק... „דער גרינער שוסטער אדער דער מאטראז," א דראמא אין 4 אקטען פון באריס טאמאשעווסקי.

דיא פיטסבורגער אידען זיינען געקומען און האבען הנאה געהאט פון אונזער קונסט, מיר האבען געמאכט א פאר דאלאר און האבען נאך מעהר הנאה געהאט פון דיא פיטסבורגער אידען.

איך קום אהיים פון'ם שפיעלען איז אונזער רום אנגעפילט מיט רויך, דיא אלטע גויע העצקעט זיך מיט מיין קינד און דאס קינד קוים וואס עס זשיפעט נאך פון גרוים וויינען. איך ווער געוואהר פון דער גויע אז ווען ניט זיא, איז מיין קינד שוין פארברענט אויף טוידט.

דיא בעהייצונג איז דארט געווען איין אלטמאדישע קאמין מיט ניי מאדישע געז, האט מען אונטערגעצונדען דיא געז אונטער א פאר ציגעל און דאס האט געוואַרעמט. מיין קינד איז געלעגען אין א העמאקעל נישט וויים פון פייער־פלאץ, דערביי זיינען געהאנגען א פאר שמאטעס, דיא שמאטעס האבען זיך אנ־געצונדען און איבערגעברענט דיא שטריקלעך פון מיין קינדס העמאקעל און דאס קינד איז געפאלען נאהענט צום פייער. א נס וואס דיא גויע האט דערהערט דעם קלאפ פון'ם קינדס פאל און זיא האט געראטעוועט מיין אסתר'לען פון פארברענט ווערען בשעת איך האב געשפיעלט טהעאטער אין פיטסבורגער האל.

# אַ „יאָלד" וואָס מאַכט אונז פאַר „יאָלדען"


מיס טאמאשעווסקי, 20 יאהר אלט.

מיר האָבען געשפּיעלט טהעאַטער אין פּיטסבורג, נור געלד האָבען אַלץ גע־מאַכט דיא דזשאַנק פּעדלערס, נישט מיר עקטערס.

דאַרף אונז גוט באַשערען דיא ברי־דער פּינקעלפּערל, וועלכע זיינען געוואָ־רען געטרייע פּאַטריאָטען פון דיא עקְ־טערס און ספּעציעל פון אונזער דירעקְ־טאָר, באָרים טהאָמאַשעווסקי.

אום צו העלפען דער קונסט, זיינען דיזע צווייברידער געווען בערייט מקריב צו זיין מענשליכע קרבנות . . . זיי האָבען אָבגעזוכט איינעם אַ מיסטער ג. און איהם געבראַכט אַלס קרבן אויף דעם מזבח פון — פּאַטריאָטסטוואָ.

מר. ג. איז געווען אַ נאַאיווער סימפּאַטישער יונגער מאַן, אַ שטילער און עדעלער, אַ „זיידען קינד", וויא מען זאָגט.

מיר האָבען איהם געמאַכט פאַר „קאַסירער", און אַזוי וויא אַ קאַסירער־איז אַ פערצנטוואָרטליכער אמט אין אַ טהעאַטער געשעפט, קען מען זיך דאָך נים פאַרלאָזען אויף אַבי וועמען, על כן נעהמט מען „סעקיוריטי", וויא עס פיהרט זיך ביי־לייטען . . .

מר. ג. האָט אונז געבראַכט צוויי הונדערט דאָלער, זיין גאַנץ אָרים פאַר־מעגען נעביך, און דאָס איז געווען זיי „סעקיוריטי" אַלס קאַסירער.

מיר האָבען גענומען דיא „סעקיוריטי" און זיך אַביסעל באַקליידט און באַ'שוך'ט. מיר האָבען אַ פּראָווע געטהאָן אַ פּאָר וועטשערינקעס און — אוים „סעקיוריטי"...

עס געהען אוועק א פּאָר וואָכען. אין אונזער „קאַסע" איז ווידער נישטאָ א פעני, און אונזערע קינסטלער קלעהרען: וואו נעהמט מען נאָך אזא יאָלד, א קאַסירער, מיט א פּאָר הונדערטער סעקיוריטי.

אָבער, וויא זאָגט ערגעץ דער העלד פון ווענעדיג: „א דאַנק גאָט, וואָס גאָט איז א פאָטער" . . . ער שפּייזט די ווערימלעך אונטער א שטיין און די אידישע אַקטיאָרען הינטער דיא קוליסען . . .

נישט ווייט פון פּיטסבורג, ס"ה דרייסיג סענט רייזע, איז פאַראַן א שטעטיל מיט'ן נאָמען „מעקיעס פּאָרט". דיא פּיטסבורגער אידען רופען דאָס „מאָסקיטאָ פּאָרט". אָט פון דעם דאָזיגען שטעטיל קומט צופאָהרען א איד קיין פּיטסבורג און זאָגט אונז אָן דיא גוטע בשורה אַז ער איז א איד מיט ממתקים און וויל ווערען א מענעדזשער. אַך, מיט'ן גרעסטען כבוד, ווער, פעטערל, מענעדזשער, אַבי גיב געלד! אָבער דער „מעקיעס פּאָרטער" אידעל איז אפּנים מעהר טאַלאַנט פון אונז קינסטלער און אַז עס קומט צו געלד געבען, איז אַנשטאָט געלד גיט ער א תירוץ, נעמליך: זיין גאַנץ קאַפּיטאַל איז אין מעקיעס פּאָרט, ביי זיך האָט ער נישט קיין געלד, ער איז שוין, זאָגט ער, אַזא איד מיט אַזא טבע, נשט צו האַלטען קיין געלד מיט זיך ווען ער איז אונטערוועגענס . . .

בקיצור, מיר זעהן איין אַז דער איד איז גערעכט, וואָס ער וויל נישט מיט זיך האַלטען קיין געלד, וואָרים, וויא זאָגט ער, עס קען דאָך נאָך חלילה טרעפען א „מאַליער", גזלנים קענען איהם חלילה בעפאַלען, ים־קאָטערס קענען איהם אויפפרעסען. מאַלע וואָס עס קען טרעפען מיט א מענשען ווען ער פאָהרט אוועק פון „מעקיעס פּאָרט" קיין פּיטסבורג, א מהלך וואָס קאָסט גאַנצע דרייסיג סענט פאָהרגעלט . . .

מיר גלויבען, אַלזאָ, דעם אידען און אין א פּאָר טעג אַרום פאָהרען מיר אַרויס קיין „מעקיעס פּאָרט" צו שפּיעלען טהעאַטער.

דאָס אידעל, אונזער מענעדזשער, הייסט עס, זיצט אַליין אין קאַסע און „זשויבט" דיא קוואָדערס און האַלבע דאָלערס. מיר געהען זיך אָנטהאָן, גרימירען, און אָט שפּיעלען מיר שוין פאַר דיא אידען פון „מעקיעס פּאָרט" אונזער מייסטערווערק „דער מאַטראָז, אָדער, דער גרינער שוסטער".

אָבגעשפּיעלט דעם ערשטען אַקט — אונזער מענעדזשער ווייזט זיך נישט צו אונז... עס איז נאָך'ן צווייטען אַקט — קיין מענעדזשער זעהט מען אין דיא אויגען נישט אַז, שוין פאַרטיג דער דריטער אַקט — דער מענעדזשער קומט אַלץ נישט אַרויף צו אונז אויפ'ן ביהנע. טראַכטען מיר, אַז מסתמא זיצט ער נאָך אין

באקס אַפּיס און חשבון'ט דיא געלדער... מיר האָבען אַבגעשפּיעלט דיא פּיעסע, זיך ארומגעוואשען דיא שמינקע און פרעהליך מארשירען מיר צום באקס אַפּיס צו אונזער מענעדזשער.

צוגעקומען צום באקס אַפּיס — ס'איז פינסטער. מיר צינדען אָן דיא געז, עס ווערט ליכטיג, מיר דערזעהען דעם ליידיגען צימערל און עס ווערט אונז פינסטער אין דיא אויגען... וואו מענעדזשער, ווען מענעדזשער? ער איז וויא אין דר'ערד אריין און ביז צו היינטיגען טאָג . . .

מיר בלייבען אין מעקיעם פּאַרט אָהן אַ פּעני ביי דער נשמה, קוים וואָס מיר האָבען זיך איינגעבעטעןביים בעל הבית פון'ם האָל, עפּעס אַ גראָבער דייטש, אַז מיר זאָלען מעגען איבערנעכטיגען אין האָל, דאָס הייסט, אין סאַלון אויף די רונדע טישלעך . . .

אויף מאָרגען — אַ קאַלטער ווינטער־מאָרגען איז דאָס געווען, — האָבען מיר, דיא אידישע אַקטיאָרען, גענומען אַ „שפּאַציער" אין שנעע און אין קעלט, מיט'ן געדאַנק, אַז מיר זאָלען פּאַוואָלינקע אַזוי אַוועקשפּאַצירען קיין פּיטסבורג. נור כדי נישט צו בלאָנדזשען, זיינען מיר אַוועק צום דיפּאָ אום צו געהן גלייך מיט דער באַהן־ליניע.

אויף דיא הענד האָב איך געטראָגען מיין קליין שוואַך קינדעלע, איינגעוויקעלט אין שמאַטעס פון פאַרשיעדענע „העלדען", און אַזוי האָבען מיר געבראַזשעט אין שנעע. ביים דיפּאָ האָט זיך טהאָמאַשעווסקי באַקענט מיט אַ קאָנדוקטאָר, איהם דערצעהלט אונזער ביטערע לאַגע און דער קאָנדוקטאָר האָט רחמנות געקראָגען אויף דיא אידישע קינסטלער און האָט אונז אַרויפגענומען אויף אַ פּראַכט טריין, אין קאַלטע אָפענע וואַגאָנעס. אָבער מיר האָבען געדאַנקט גאָט דערפאַר און מיר זיינען בשלום אָנגעקומען צוריק אַ היים, קיין פּיטסבורג.

אין עטליכע טעג ארום איז צו אונז אָנגעקומען אַ גאַסט, דיא געוויסע פּרימאַדאָנאַ וואָס אונזער דירעקטאָר האָט ענטדעקט אין פילאַדעלפיא, בשעת מיר האָבען געשפּיעלט אין „דראַמאַטיק האָלל", „דיא ווייסע" אַקטריסע איז געקומען צו אונז.

ס'איז געוואָרען אין דער משפחה אַ שטיקעל סומאַטאָכע. עפּעס האָט מען זיך געהאַלטען אין איין סוד'ן זיך. איך האָב ניט געוואוסט פון די סודות, און אַז כ'האָב געפרעגט מיינע שוועגערינס וואָס שושקעט מען זיך עפּעס אַזוי, האָט מען מיר געענטפערט, אַז מען פּלאַנעוועט אַוועקצופאָהרען פון פּיטסבורג צוריק קיין פילאַדעלפיא.

איך האָב זיך אפילו גע׳חידוש׳ט אביסעל, פאר וואָס מען דאַרף דאָס האַל־טען בסוד, אז מיר ווילען פאָהרען צוריק קיין פילאַדעלפיא, אָבער איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אז מיר זיינען שולדיג געלד צו א פּאָר פּיטסבורגער אידען, וויא גראָסערי לייט, בוטשערס, און עפּעס א פּאָר שניידערס, און אזוי סטאַרקיפּערס, וואו מיר קינסטלער האָבען „איינגעקויפט״ זאכען אום אָנצוהאַלטען אונזער שטאַנד אַלס קינסטלער און אויסזעהן אריסטאָקראַטיש . . .

אָבער דעם אמת׳ן סוד ווארום מען האָט זיך גע׳סוד׳עט בשעת „די ווייסע״ אַקטריסע פון פילאַדעלפיא איז צו אונז געקומען, בין איך ערשט געוואָהר געוואָרען שפּעטער . . .

# אונזער ציגיינער־לעבען

עס האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבען א שמחה וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען מיט—א חתונה.

די יונגע פּרימאַדאָנאַ, „די ווייסע,״ וואָס איז געקומען צו אונז אַזש קיין פּיטסבורג, איז פּלוצלונג געוואָרען מיטענדריינען א כלה פאר אונזער קאַסירער מר. ג.

מיינע שוועגערינס זיינען געוועזען אין זיבעטען הימעל פאר גליק, און זיי האָבען בעשיינפּערלעך געזעהען אַז דאָס פּאָרעל איז א זיווג מן השמים. מען האָט נישט געלאָזען די ליעבע זאָל זיך ח״ו אָבקיהלען און באַלד געאיילט עס זאָל זיין די חתונה . . .

איך האָב מיך אויך געפרעהט, פּשוט פאר רחמנות אויף דער פּרימאַדאָנאַ—זאָל נאָך אַ אידישע טאָכטער חתונה האָבען. מיר האָבען געפראַוועט אַ חתונה מיט אַלע פּישטשעווקעס. אונזערע כלי זמר פון טהעטאַער האָבען געשפּיעלט. מען האָט געגעסען הערינג מיט לעקעך און געשפּיעלט אין „פאַנדען.״ אַלע מאָל האָט, פאַרשטעהט זיך, די כלה פערשפּיעלט אַ פאַנדען און האָט געמוזט זיך קושען מיט אַלעמען. הכלל, מען האָט זיך זעהר משמח געווען. נור די כלה אליין איז עפּעס געווען בלאַס . . . אַלע ווייליע האָבען זיך איהר געביטען די קאָלירען אין פּנים און זי האָט געוויינט — געהאַלטען אין איין וויינען. איך האָב איהר גע־טרייסט, אויסגערעדט איהר דאָס האַרץ, אַז אַלע מיידלעך דאַרפען חתונה האָבען. וואָס זאָל מען טהאָן ? ס׳איז שוין אַזאַ גזר מן השמים . . .

גאָט האָט געהאָלפען, איבערגעקומען די חתונה פון אונזער קאַסירער מר.

ג. מיט דער פּריכּאַדאָנאַ, די „ווייסע“ מיידעל, און מיר שפּיעלען ווייטער טהעאַטער. אָבער די פּיטסבורגער אידען האָבען אונז שוין דערקאָנט און—אויפגעהערט קומען אין טהעאַטער אריין. שולדיג זיינען מיר שוין אין היבשע עטליכע גראָסערים מיט שניידערס און מיר „פּאַקען איין“ שטילערהייד און היידאַ צוריק קיין פילאַדעלפיאַ.

געקומען קיין פילאַדעלפיא, האָבען מיר געדונגען א הייזקע אויף נאָרטה פינפטע סטריט און די גאַנצע משפחה, מיט אונזער ניי יונג פּאָרעל, מופען אריין אלע אין אונזער אייגענער היים.

אונזער דירעקטאָר וויל אָנפאַנגען שפּיעלען טהעאַטער, אָבער עס פעהלט „סחורה,“ פּיעסען הייסט עס. פאָהרט ער זיך ווידער דורך קיין ניו יאָרק אום צו זעהן א פּאָר פּאָרישטעלונגען אין די ניו יאָרקער טהעאַטערע (דאַמאָלסדיגע „אָריענטאַל“ און „רומעניען אָפּערא הויז“), כדי צו קריגען די סוזשעטען, צו וועלכע ער וועט מאַכען די „פּראָזאַ“ און עס וועט זיין נייע מייסטערווערקע, ווי אלע מאָל.

בשעת ער זיצט אין זילבערמאַן׳ס „אָריענטאַל טהעאַטער“ און פארשרייבט אויף א שטיקעל פּאַפּיער וואָס עס שפּיעלט זיך אויף דער ביהנע, קומט צו איהם צו א מאַן און זאָגט איהם, אַז זילבערמאַן וויל איהם זעהן. טהאָמאַשעווסקי געהט אריין צו זילבערמאַנען. זילבערמאַן בעט איהם העפליך זיצען און פרעגט איהם נאָך העפליכער:

„איז אייער נאָמען באָרים טהאָמאַשעווסקי?“

„יעס.“

„איהר שפּיעלט טהעאַטער אין פילאַדעלפיאַ?“

„יעס.“

„איהר זייט דער דירעקטאָר?“

„יעס.“

זילבערמאַן האָט אויף איהם א בייזען קוק געטהאָן און געביטען זיין טאָן, לאמור, אזוי צו זאָגען:

„דו קומסט צו אונז גנב׳ענען פּיעסען, דו האָסט דאָ גע׳גנב׳עט „יהודה המכבי“ (אויפהויבענדיג אַ האַנד), ארויס, א רוח אין דיין....“

און אונזער דירעקטאָר קומט אַהיים קיין פילאַדעלפיא אָ ה ן פּיעסען.

שלעכט, טרויעריג אין דער משפחה. מען פּערדיענט נישט און מען מוז חנפ׳ענען די אלטע (טהאָמאַשעווסקי׳ס מוטער) זי זאָל עפענען דאָס קניפּעל און בעצאָהלען די 18 דאָלער רענט און געבען צו אכל׳ן. אונזע רפּיטסבורגער קאַסירער,

מר. ג., געהט אום פער'חלומ'ט, אומעטיג און אז איך פרעג איהם, וואס זארגט ער, מיר זיינען דאך אלע אויף צרות, ענטפערט ער: „מיסעס טהאמאשעווסקי, ס'איז נישט גוט." און „די ווייסע," דאס יונגע ווייבעלע זיינס, ווייזט זיך גלאט ניט פאר קיין מענשען . . .

פרעהליך און לעבעדיג פלעגט זיין ביי אונז אין שטוב איין טאג—מאנ־טאג. אלע ווייבער פלעגען זיך אויסשטעלען ארום די קיילעכדיגע באליעס און וואשען די וועש, אז ס'איז געווען א מחיה צו קוקען. אן אמת'ע וועשארניע איז דאן געווען ביי אונז. מערי עפשטיין, פעני גרינבערג, די אלטע און איך זיינען געשטא־נען ביי בעזונדערע באליעס און איטליכע האט זיך געוואשען איהר ביסעל ארימ־קייט—אמת ארטיסטיש.

טהאמאשעווסקי איז געווען ביזי. ער איז אומגעלאפען זוכען א נס ווי אזוי מיר זאלען אנהויבען פארדיענען געלד. און עפשטיין האט שוין פארגעשלאגען מיר זאלען פאהרען קיין ניו יארק און זיך נעהמען פאר די „קאטערינקעס" און נעהען העמדלאך.

איינמאל קומט טהאמאשעווסקי אהיים מיט א גדולה און זאגט אונז אן א בשורה, אז רודאלף מאקס איז געקומען אין פילאדעלפיא. יעצט זיינען מיר גערא־טעוועט. מיר וועלען נעהמען רודאלף מאקס אלס „אטרעקשאן" און שפיעלען טהעאטער. אונזער דירעקטאר לויפט אוועק אין נאדלער'ס קאפעע און בעט זיך איבער מיט מאקס'ן (פון דעם אמאליגען קריעג בשעת ער האט געשפיעלט מיט גארטענשטיינען און איז געווען אונזער קאנקורענט), און זיי קומען ביידע אריין אין שטוב לעבעדיג און פרעהליך.

מען שטעלט טהעע מיט ווארעני און דער דירעקטאר שטעלט פאר מאקס'ן אונזער קאמפאניע: פעני גרינבערג אלס פרימאדאנא, מיך אלס סוברעטין או דרא־מאטיסטקע, מערי עפשטיין אלס מוטער־ראליסטין און גראנד־דאמע און „די ווייסע" אלס ראליסטין פאר אונגליקליכע יונגע מיידלאך . . . עפשטיין אלס סופלער און גרינבערג אלט אזוי אן עקטער, אהן א זשאנר . . . א חוץ נאך איינינע אקטיארלעך.

מען טרעט צו צו ביזנעס. מיר האלטען, הייסט עס, א מיטינג מיט אונזער אייגענער „יוניאן" אויף אויסצוגלייכען זיך מיט די פערדיענסטען. מען רעדט און מען טענה'ט, ביז עס קומט צו דער פראגע פון אדווערטייזען. אונזער דירעק־טאר זאגט, אז ע ר איז בילכער און ז י י ן נאמען דארף זיין צום ערשטען אויפ'ן פאוסטער, און מאקס טענה'ט, אז ע ר איז דער גאנצער מאגנעט און ז י י ן נא־

מען דארף זיין צום ערשטען. דער דירעקטאָר שרייט: „א י ך האָב דאָס טהעאַ־טער, א י ך בין בעל הבית." און מאַקס ענטפערט: „אָבער א י ך קען דאָך שפּיע־לען!" מען האָט אזוי לאַנג גע'טענה'ט, ביז מאַקס הויבט זיך אויף און זאָגט: „גוד באַי!" און—אויס ב'זנעס.

מיר בלייבען אַלע זיצען מיט אויסגעסלאַפּעטע אויגען און מיר שווייגען. וואָס טהוט מען דאָ? ווי מאַכט מען, אז דער בעריהמטער „כבוד" זאָל אוועק פון אונזער דירעקטאָר און זיך אויסברעכען א פּוס, ער זאָל מעהר נישט קענען קומען צוריק, אום מיר זאָלען זיך פעראייניגען מיט מאַקס'ן און פּאַרדיענען אויף א לע־בען? מיר פּרובירען שטילערהייד א מורמעל טהאָן צום דירעקטאָר, אפשר וואָלט געוועזן א סברא, אז מען זאָל נאָכגעבען מאַקס'ן און זאָל זיין נאָמען שטעהן צום ערשטען? אָבער אונזער דירעקטאָר ליארעמט און שרייט, אז איידער מיר זאָלען שפּיעלען אונטער יענעם, איז שוין גלייכער שטאַרבען פאַר הונגער. וואָס הייסט אימיצער אנדערש זאָל צונעהמען דעם כבוד און שטעהן דער ערשטער אדווער־טייזט, ווען מיר זיינען דער סטאַר?

עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. דער ד'רעקטאָר איז געבליבען ביי זיין כבוד און מיר זיינען ווידער געבליבען אָהן א שטיקעל ברויט אין שטוב...

# אונזערע אימפּאָרטירטע סטאַרס


מרס. טאָמאַשעווסקי, 21 יאהר אלט.

רודאָלף מאַקס איז אלץ אומגעגאַנגען ביי אונז אין פילאַדעלפיא און ניט געשפּיעלט. דאָס טהאַליאַ טהעאַטער איז פאר איהם אַליין געווען שווער צו נעהמען, דעם דראַמאַטיק האָל האָבען מיר געהאַלטען און מאַקס האָט נישט געהאַט וואו צו שפּיעלען. עס זיינען אזוי אַוועק צוויי וואָכען אין „פּאָליטיקע" צווישען דעם סטאַר קאָמיקער און דעם סטאַר דירעקטאָר.

ענדליך האָט מען זיך געאייניגט אזוי, אז „דער וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס שעפּעלע זאָל גאַנץ זיין." מען האָט נעמליך ענטדעקט אַן ענטדעקונג, ווי אזוי צו אַדווערטייזען אויף די פּאָסטערס, אַז ביידע נעמען פון די „טרעגער דער קונסט" זאָלען האָבען כבוד און נישט ליידען קיין בזיון... מען האָט דעם פּאָוסטער געשריבען אָט אזוי:

— באָרים טהאָמאַשעווסקי צוזאַמען מיט רודאָלף מאַקס! —

— רודאָלז מאַקס צוזאַמען מיט באָרים טהאָמאַשעווסקי! —

געדרוקט מיט די גרעסטע אותיות, פערשטעהט זיך, און מיר פאַנגען אָן בשלום שפּיעלען אין דראַמאַטיק האָל.

די ערשטע וואָך האָבען מיר געשפּיעלט מאַקס'עס רעפּערטואַר, ווי „דער יתום אין געפאַהר," „משה'לע סאָלדאַט" און „דאָס געהיימניס פון לאָנדאָן": אויף די „צווייטע וואָכע" האָבען מיר איינשטודירט א נייע פּיעסע „חיים אין

אמעריקא," פון רודאלף מאקס, אנטליהען פון אן ענגלישע מעלאדראמע „דהי בוירגלאר." (דער „חיים אין אמעריקא" האט שפעטער געבראכט א סך טויזענדער אין ניו יארק.)

דער אינהאלט פון „חיים אין אמעריקא" איז, פארשטעהט זיך, העכסט נאַטירליך און רעאליסטיש, ווי א קאמפאט פון יאכען פלאסטער... אבער די איבערראשונגען זיינען געוואלדיגע. חיים, א איד וואס האט געהייסען חיים, קומט קיין אמעריקא צו זיינעם א ברודער, וואס האט א פערמעגען פון צוויי טעכטער מיט א סך באנק־ביכלאך. איין טאכטער האט, מיט מזל, חתונה פאר א געוויסען דזשענטעלמען, מר. דזשעק היימס, און מען גיט זיך אב מזל טוב. שפעטער ווייזט זיך ארויס, אז דער דזשענטעלמען איז גאר, ניט פאר קיין איד געדאכט, א גנב, און עס ווערט טראבעלדיג די געשיכטע. אין א פאר יאהר ארום קומט דער גנב גנב'ענען און טרעפט „דזשאסט" אין זיין אייגענע הויז... זיין ווייבעל דערשרעקט זיך און חלש'ט און עס ווערט א טומעל. כאפט זיך דערוויל דער מיסטער גנב ארויס און אנטלויפט. אבער אויף זיין מזל שלאפט גראדע נישט די פאליציי און איינער א פאליסמען שיסט איהם, דעם באנדיט. ברענגט מען דעם געשאסענעם גנב צוריק אהיים און ער מאכט זיך רעדי צום שטארבען. נור איידער ער שטארבט ווייזט זיך ארויס, אז ער איז גאר א זוהן פון דעם ארימען, כשר'ען, עלענדען „חיים אין אמעריקא"...

ארימער חיים!

טהאמאשעווסקי האט געשפיעלט דעם העלד „דזשעק היימס," דער דזשענטעלמען טהיעף; מערי עפשטיין אלס „אסתר," זיין פרוי; רודאלף מאקס, אלס לאיער „הערי הערריסאן" און איך אלס „מערי," זיין געליעבטע. אן אקטיאר מיט'ן נאמען האבער האט געשפיעלט „חיים."

מיר האבען געמאכט א געוואלדיגען „היט" מיט „חיים אין אמעריקא."

מיר האבען ווייטער געשפיעלט אין דראמאטיק האל און נאך עטליכע וואכען שפיעלען פארלאזט אונז רודאלף מאקס און פאהרט צוריק אוועק קיין ניו יארק.

אונזער דירעקטאר האט איינגעזעהען, אז די פרישע סטארס ברענגען דעם עולם אין טהעאטער אריין, און צו זיין א דירעקטאר איז גאר נישט אזוי שלעכט, האט ער איספארטירט נייע סטארס אוים ניו יארק. ער האט געבראכט דעם קאמיקער טאנצמאן מיט'ן ווייב, די פרימאדאנא מאדאם טאנצמאן.

ווידער נייעס, ווידער סטארס, ווידער גוטע איינגאהמעס.

מיר האבען געשפיעלט מיט די טאנצמאנס די פיעסען „שולמית," „בר

כוכבא" און „אחשורוש אָדער אסתר און המן." מיר האָבען שעהן פערדיענט און דער עולם איז געווען צופריעדען. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטען און מיר האָבען געמוזט האָבען נייעס.

דאָס טהעאַטער אַן־און־פאַר־זיך איז ווי א מיהל: אָבגעמאָהלען א טשווערטקע תבואה, מוז מען האָבען פרישע. כסדר מאָהלען איין ביסעל תבואה קען מען נישט, מען מוז האָבען נייע.

אונזער דירעקטאָר האָט דאָס דערשפּירט גלייך ווי עס פלעגט אָנהויבען ווערען שוואַך די קאַסע. איהם האָט אָבער פאַרשמעקט דאָס דירעקטאָרסטוואָ און די ניו יאָרקער סטארס האָט פאַרשמעקט די ווייזשעס, וואָס אונזער דירעקטאָר פלעגט צאָהלען צו די גאַסטראָלירענדע קינסטלער, און מען האָט אָנגעהויבען קומען קיין פילאַדעלפיא שפּיעלען טהעאַטער ביים דירעקטאָר טהאָמאַשעווסקי.

נאָך די טאַנצמאַנס זיינען געקומען מר. קאַרפּ, וועמען כ'האָב שוין געקענט פון באָסטאָן, בשעת מיר האָבען דאָרט געשפּיעלט, און אויך זיין פרוי, סאָפיא קאַרפּ, וועמען כ'האָב געזעהען צום ערשטען מאָל אין פילאַדעלפיא.

סאָפיא קאַרפּ איז דאַן געווען א בילד־שעהנע און סימפּאַטישע שוישפּיעלערין. זי האָט געהאַט א זיסע שטימע צום זינגען, נור זי האָט געהאַט א שוואַכקייט צו דער דייטשער שפּראַך . . . די ראָלען „שולמית," „דינה" און נאָך אַזעלכע אידישע טעכטער האָט סאָפיא געשפּראָכען אויף דייטשיש . . . עס איז דאַן געווען אָנגענומען אין אידישען טהעאַטער (און נאָך אפילו היינט אויך! . . .), אז מען שפּיעלט א „בעסערען מענשען," מוז מען רעדען אַביסעל דייטש, ווארים פּראָסט אידיש רעדט מען נור ווען מען שפּיעלט א בעל־עגלה אָדער א שוחט . . .

געשפּיעלט האָבען מיר אַלץ דיעזעלבע פּיעסען וואָס זיינען דאַן געווען אין אונזער רעפּערטואַר, און קיין סך זיינען זיי דאַן נישט געווען. ווידער אַמאָל „שולמית" און אָבער אַמאָל „אחשורוש אָדער אסתר און המן." אָבער צוליעב די נייע סטארס האָט מען ווי עס איז געבראַכט די אידען אין טהעאַטער אריין און מיר האָבען פאַרדיענט אויף צו לעבען. אונזער קונסט האָט זיך ביסלעכווייז געמאָלקען אויף צו שפּייזען די קינסטלער.

דאָס איז געווען שוין אים זומער, האָבען מיר דעם חודש דזשולייי אָבגעשטעלט דאָס שפּיעלעכץ אום אָנצונעהמען זיך מיט פרישע כוחות פאַר דעם קומענדען סיזאָן, ווארים פון קיין מלאכה האָט שוין ביי אונז קיינער נישט געטראַכט. עס איז שוין געווען א פערפאַלענע זאַך, אז מיר זיינען אַלע קינסטלער פון גאָטעס־גנאָדען

און ארבייטען זאָלען „פּראָסטע“ שניידער. **מיר** דארפען שפּיעלען אידיש טהעאטער . . .

אָנפאַנג אויגוסט האָבען מיר געקראָגען א געוואַלדיגען סורפּרייז פאר אונזערע אידען אין פילאַדעלפיא. גאַנצע צוויי וואָכען האָט אונזער דירעקטאָר אדווערטייזט די גוטע בשורה, אַז „נאָך שווערע מיה און פיעלע קאָסטען“ איז אונז ענדליך געלונגען צו קריגען קיין פילאַדעלפיא קיין אַנדערע, ווי די בעריהמטע קינסטלערין מאַדאַם **סערע חיימאָוויטש־היינע** און דעם גרויסען ארטיסט אויס לאָנדאָן, דעם נשר הגדול, **מיסטער יאַקאָב אַדלער**.

# מיר ווערען פאַרטונקעלט פון אַדלער'ן

ווען יאַקאָב אַדלער איז אימפּאָרטירט געוואָרען קיין פילאַדעלפיא אונז העלפען מאַכען א לעבען, איז ער שוין געווען בעריהמט אלס שוישפּיעלער. ער איז געקומען קיין אמעריקא צוליעב זיין פּאָפּולאריטעט. אדלער האָט געשפּיעלט אין לאָנדאָן און דער ניו יאָרקער אַקטיאָר־מענעדזשער, חיימאָוויטש, איז ספּעציעל געפאָהרען קיין לאָנדאָן און איהם געבראַכט אהער. נאָכדעם וויא אדלער האָט אָבגעשפּיעלט אין טהאַליא טהעאטער אין ניו יאָרק עטליכע וואָכען, איז געשעהן עפּעס א מחלוקה צווישען איהם מיט'ן מענעדזשער און אדלער האָט פארלאָזען ניו יאָרק און איז געקומען צו אונז, קיין פילאַדעלפיא.

קיין גרעסערע פרייד איז, דוכט מיר, נישטאָ אויף דער וועלט, וויא דיא פרייד וואָס האָט דאַן ביי אונז געהערשט ווען אדלער איז געקומען צו אונז שפּיעלען טהעאטער. דיא וואונדער און לעגענדען וואס מען האָט דערצעהלט וועגען איהם איידער ער איז געקומען קיין אמעריקא זיינען געווען גענוג איך זאָל מיר האָבען פארגעשטעלט אזעלכעס וואס נור דיא פאַנטאַזיע קען אויסמאָהלען. איך פלעג שטענדיג מיינען אז אדלער איז נישט קיין געוועהנליכער ערדישער אקטיאָר, נאָר א גאָט פון דיא הימלען. כ'האָב מיר פארגעשטעלט, אז אדלער זיצט ביים טיש, למשל, און וויל טהעע, דערלאַנגט מען איהם א גאָלדענע „גלאָז“ מיט קאַלטע וואסער און ס'איז גענוג איין קוק פון אדלער'ס פייעריגע קינסטלער־אויגען, אז דאָס קאלטע וואסער זאָל ווערען הייסע זודיגע טהעע.

כ'האָב געגלויבט אַז אַדלער קען שפּיעלען א יונגען מאַן און זאָל פּלוצים, פאַר אַלעמען אין די אויגען, ווערען אַן אַלטער זיידע, פון זיך אַליין, אָהן גרים און אָהן א מאסקע, נאָר פּשוט אין איין מינוט זאָל איהם אויסוואקסען א נאַטיר־

ליבע לאַנגע באָרד מיט גרויע האָר... ווייל מען פלעגט דערצעהלען אז אדלער שפּיעלט אלצדינג נ א ט י ר ל י ך, אַט פּונקט וויא אין לעבעדיגען לעבען. פּונקט וויא א מענש, ניט קיין עקטער.

פיעלע מאָהל ווען איך פלעג הערען אז אדלער שפּיעלט נאַטירליך וויא אין לעבען, פלעג איך מיר אפילו חידוש'ן: וואס הייסט שפּיעלען וויא אין לעבען.

מען דארף דאָך „עקטען", גלאַט רעדען וויא אלע מענשען איז דאָך קיין קונץ נישט. נור איך פלעג מיר פארענטפערען מיט איין וואָרט: אדלער. וויא באלד אדלער שפּיעלט אזוי וויא מען זאגט, מסתמא ווייזט ער אין נאַטירליכקייט אויך קונצען...

און אט איז אדלער דאָ ביי אונז אין פילאדעלפיא און מיר וועלען מיט איהם צוזאמען שפּיעלען טהעאטער.

אויך די מאדאם חיימאָוויטש־היינע, וועלכע איז געקומען צו אונז מיט אדלער'ן, איז שוין דאן געווען זעהר פּאָפּולער. זיא האָט געהאט א נאָמען אלס גוטע זינגערין און גוטע שוישפּיעלערין, און מיר האָבען זיך געפיהלט העכסט גליקליך צו האָבען ביי אונז אזעלכע צוויי קינסטלער־געסט וויא יאַקאָב אדלער און סאָניא חיימאָוויטש־היינע.

לכבוד דיא גרויסע געסט האָט אונזער דירעקטאָר געוואָלט נעהמען דאָס „טהאליא טהעאטער", אָבער דער אייגענטהימער, דער דייטש, מר. בעסט, האָט זיך ענטזאגט צו האָבען צו טהאָן „מיט די יודען און מיט דען יודישען קינסטלער־באַנדע". מיר האָבען זיך אלזאָ געמוזט באַנוגענען מיט אונזער אלטען דראמא־טיק האָלל.

מיר האָבען זיך גענומען מאכען פּראָבע פון „אוריאל אקאָסטא". אָבוואָהל מיר האָבען דאָס שטיק־שוין אונצעהליגע מאָהל געהאט געשפּיעלט, האָט אָבער אדלער דורכאויס געוואָלט מיר זאָלען מאכען פּראָבען דערויף. איך קום צו א פּראָבע און הער דיא ווערטער פון „אקאָסטא", אבער איך זעה גאָר אַן אנדער פּיעסע, ס'איז גאָר אַן אנדער „אקאָסטא" וויא מיר האָבען געשפּיעלט, ס'איז אַן א מ ת ' ע ר „אקאָסטא"...

אדלער'ס ערשיינען אין פּריוואט לעבען איז תמיד געווען אנדערש וויא פון אלע מענשען'ס — דאָס איז געווען דער איינדרוק וואס אדלער האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָהל דערזעהען. אין יעדען ריהר זיינעם, אין זיין יעדען בליק איז געווען אזעלכעס וואס נור אדלער, און נישט קיין אנדערער, האָט דאָס פארמאָגט.

זיין האלטונג איז געווען אימפּאָנירענד, נישט ווילענדיג אפילו, האָט ער באַצוואונגען און געצויגען אויף זיך אלעמענס בעוואונדערונג, ער איז געווען (און איז געבליעבען) מאַיעסטעטיש.

סאָניא חיימאָוויטש־היינע איז דאַן געווען דיא שעהנסטע פרוי אויף דער אידישער ביהנע. כאָטש זיא האָט געהאַט קליינע אויגען, זיינען זיי אָבער געווען וויא גרויסע שפּיזען; א בליק פון איהרע אויגען האָט געקענט דורכשטעכען און פערוואונדען יעדען מאַן — און אפילו יעדע פרוי. איהר פיגור איז געווען ווי פון מארמאָר געטאָקט און זי פלעגט זיך קליידען אויף דער ביהנע און אויך אין לעבען, אזוי חנ'עוודיג, דאָס אלעס אויף איהר האָט געלעבט און געזונגען פון לעבען.

זיא האָט געשפּיעלט „יהודית“, און אדלער „אקאסטא“.

די פאָרשטעלונג איז פון פילאַדעלפיער פּובליקום אויפגענומען געוואָרען מיט אזא בעגייסטערונג, מיט אזעלכע אוואציעס, דאָס איך האָב געמיינט, אז קיין גרעסערעס און בעסערעס טהעאטער־שפּיעלען איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. איך האָב שוין פאַנטאַזירט, אז באַלד, באַלד, און עס וועלען ביי אונז אידען אויפקומען אזעלכע קינסטלער שוישפּיעלער, דאָס דיא גוים וועלען זיך שעצען גליקליך ווען מיר וועלען זיי אריינלאָזען זעהן, כדי זיי זאָלען זיך לערנען וואָס הייסט שפּיעלען טהעאטער...

מיר האָבען אויך געשפּיעלט „משה'לע סאָלדאַט“, „דער בעל תשובה“ און „דיא ציגיינערין“. סאָניא חיימאָוויטש־היינע אלס „דיא ציגיינערין“. קיין שעהנערע ציגיינערין וויא סאָניא האָט געשפּיעלט האָט מען צווישען דיא ציגיינערקעס אפילו ניט געקענט געפינען. איהר ארויפקומען אויף דער ביהנע האָט געוואָרפען א כישוף אויפ'ן גאַנצען פּובליקום. זיא האָט אלעמען היפּנאָטיזירט מיט איהר צויבער און מיט איהרע דורכדרינגליכע שפּיציגע אויגען. איהר שפּיעלען איז געווען זיס און אנגענעהם פּונקט וויא א זיסער חלום, און פּונקט וויא מען פּיהלט באַנג ווען אזא זיסער חלום ווערט פערשוואונדען און מען ערוואכט צו דער גרויער, פּראָסטער וואָכעדיגקייט, אזוי האָט דאָס פּובליקום געפּיהלט ווען סאָניא חיימאָוויטש־היינע האָט אויפגעהערט שפּיעלען און איז אראָפּ פון סצענע. מען האָט איהר נישט געוואָלט אָבלאָזען, מען איז נישט מיעד געוואָרען צו זעהן זיא אויף דער סצענע.

אונזערע אייגענע קינסטלער־משפחה איז געווען אין זיבעטען הימעל פאַר גליק, אונזער סטאר־דירעקטאָר האָט אפילו פארבויגען זיין בעריהמטען „כבוד“,

אבי ס'זאל אדלער'ן זיין אנגענעהם מיט אונז צו שפּיעלען, ער זאל זיך פיהלען קינסטלעריש בעפריעדיגט. למשל, אזעלכע ראָלען וואס אונזער סטאַר־דירעקטאָר וואָלט קיינמאָל נישט געשפּיעלט, וויא פאָטער־ראָלען (אידען מיט בערד), וואס דאָן האָט עס געהייסען א באליידיגונג פאר א געוועהנליכען שוישפּיעלער, בפרט נאָך פאר א סטאַר־דירעקטאָר — אזעלכע ראָלען האָט אונזער סטאַר־דירעקטאָר געשפּיעלט און איז געווען צופריעדען, אבי צו שפּיעלען אין איינעם מיט יאקאָב אדלער.

אז „אידען מיט בערד" קענען אויך זיין הויפּט־ראָלען, ווי „דוד משה'לעס" (פון „קעניג ליער"), אדער וויא „יעקב בערמאַן" (פון „אייביגען וואנדערער") האָבען מיר, אידישע קינסטלער, דאָן נישט געוואוסט. א הויפּט ראָלע אין א „פּלעי" האָט געמוזט זיין א העלד וואס האָט ליעב צו זיין גלאַט ראזירט און טראַגען טייטס... אָבער נישט א באָרד מיט א קאַפּאָטע.

א פּאָר וואָכען האָבען מיר געשפּיעלט צוזאמען מיט אדלער'ן און מיט סאָניא הייניאווויטש־היינע. מיר האָבען געמאכט גוטע געשעפטען און אלע זיינען מיר געווען העכסט צופריעדען.

נור פּלוצים לאָזט אונז אדלער איבער אין מיטען־דערינען און ווערט פער־שוואונדען פון פילאדעלפיא.

# א „סטאַר" אַראָפּ, אַ „סטאַר" אַרויף

ווען אדלער איז פּלוצים אוועק פון פילאדעלפיא און אונז געלאָזען אין מיטען פּראָבירען פון א נייער פּיעסע, זיינען מיר געווען העכסט פערצווייפעלט. אונזער דירעקטאָר האָט איינפאך נישט געוואוסט וויא אויסצופּלאָנטערען זיך פון א סקאנדאל פון פּובליקום. פּאָסטערס זיינען שוין געווען ארויסגעלאָזען, אדווער־טייזענדיג יאקאָב אדלער און מאדאם הייניאווויטש־היינע אין א נייעם מייסטער־ווערק מיט'ן נאָמען „דיא משוגע'נע אויס ליעבע". פיעלע טיקעטס זיינען שוין געווען אויספערקויפט. גאנץ פילאדעלפיא האָט ערוואַרטעט דיא נייע פּיעסע, געשפּיעלט פון דיא בעליעבטע צוויי געסט, און דאָ זיינען ביידע געסט נעלם גע־וואָרען — שלעכט.

מיר האָבען ניט געוואוסט מיט וואס מיר האָבען זיך פארזינדיגט געגען אדלער'ן וואס ער האָט אונז פּלוצים פאַרלאָזען אָהן א זיי־געזונד אפילו. מיר זיי־נען אלע געווען צו פּראָבע און געוואַרט אויף סאָניא'ן מיט אדלער'ן, אבער זיי זיינען נישט געקומען.

אונזער דירעקטאָר איז אוועקגעלאָפען אין נאָדלער'ס האָטעל, מיינענדיג אז אונזערע קינסטלער־געסט ווילען נישט קומען צו פּראָבע, אפשר זיינען זיי ברוגז, אפשר ווילען זיי מען זאל זיי קומען רופען — מאַלע וואס קינסטלער קענען זיך פאַרקאַפּריזעווען — אבער אין נאָדלער'ס האָטעל האט מען צו וויסען געטהאָן אונזער דירעקטאָר, אז מיסטער אדלער און מאַדאַם חיימאָוויטש־היינע זיינען אָבגעפאָהרען, נור אין זעלבען האָטעל איז אָנגעקומען א פּרוי מיט'ן נאָמען אדלער און זיא איז אויך איין אַקטריסע.

דער דירעקטאָר אונזערער האט זיך געהייסען פאָרשטעלען פאַר דער נייער אַקטריסע און ער איז געוואָהר געוואָרען אז זיא קען שפּיעלען טהעאטער. זיא קען דיא פּיעסע וואס מיר שטודירען, „דיא משוגע'נע אוים ליעבע" און זיא קען נאָך א פּיעסע מיט'ן נאָמען „דעבאָראַ" הכלל — זיא וועט מיט אונז שפּיעלען אלס „אטרעקשאָן", דאס הייסט, זיא וועט זיין „סטאַר" אנשטאָט דיא פערשוואונדענע צוויי סטארס אונזערע און — דיא קאָנטרי איז גערעטעט.

דיא נייע שוישפּיעלערין איז געוועזען מאַדאַם דיינא אדלער.

אונזער דירעקטאָר ברענגט דיא דיינא־אדלער און מיר שטודירען איין, אין דיא פּאָר טעג וואס זיינען נאָך פערבליבען ביז צו דיא אַנאָנסירטע פאָרשטעלונגען דיא פּיעסע „דעבאָראַ" און אויך אונזער פּיעסע „דיא משוגע'נע אוים ליעבע", און דעם עולם לאָזען מיר וויסען, אז יאַקאָב אדלער האט פּלוצים „געקעטשט א קאָלד" און קען נישט שפּיעלען, וויא אויך קען דיא מאַדאַם חיימאָוויטש־היינע נישט שפּיעלען צוליעב קראַנקהייט, נור מיר האָבען א גאַסט אוים לאָנדאָן וואס וועט אַלעמען איבערראַשען מיט איהר קונסט און דאס איז קיין אנדערע וויא מאַדאַם דיינא ־ אדלער.

מיר האָבען אָבגעשפּיעלט דיא עטליכע פאָרשטעלונגען, אבער באלד נאָכדעם נעהמט דיא מאַדאַם דיינא איהר קינד, ציליע, וואס זיא האט געהאט מיט זיך און פאָהרט אוועק צוריק קיין ניו יאָרק און מיר בלייבען ווידער אליין, אָהן געסט ־ סטאַרס.

א פּאָאר וואָכען געהן פאַרביי, מיר שפּיעלען נישט, ווייל ס'איז נישטאָ קיין נייעס. רייך זיינען מיר דאן, פערשטעהט זיך, נאָך נישט געוועזען, ווייל מאַנכע קינסטלער, ווען זיי פאַרדיענען א דאָלאַר פאַרלעבען זיי אָנדערהאַלבען. נו, מיר זיינען דאָך געוועזען נישט מעהר וויא קינסטלער, איז בשעת מיר האָבען געשפּיעלט און פערדיענט, האָבען מיר געלעבט גאַנץ פיין, אבער אזוי גיך וויא מיר האָבען

א פּאָאר וואָכען נישט געשפּיעלט, איז טאַקע געווען צרות, האָט געפּעהלט דאָס שטיקעל ברויט.

מיין שוועגערין פּעני גרינבערג מיט'ן מאַן פארליערען דעם חשק צו הונגערען ביי'ם טהעאַטער און פארלאָזען פילאַדעלפיא, מיטנעהמענדיג מיט זיך דיא אַלטע, מיין שוויגער, הייסט עס, מיט דיא קלענערע קינדער, און זיי פאָהרען אוועק קיין ניו יארק און פון דאָרט קלייבען זיי זיך אריבער קיין ברוקלין, אלס פּשוט'ע בירגער, נישט מעהר אלס קינסטלער פון גאָטעס־גנאַדען...

עס געהט פארביי א קורץ שטיקעל צייט און מיר קריגען א גאַסט אין פילאַדעלפיא; צו אונז קומט וויעדער סאָניא חיימאָוויטש־היינע מיט אַן איבער־ראַשענדע נייעס. סאָניא דערצעהלט אונז, אז אדלער איז אוועק קיין שיקאַגאָ, דאָרט שפּיעלען טהעאַטער און ער האָט אָנגעזאָגט, אז טאָמאַשעווסקי זאָל למע"ה אויך באלד אהינפאָהרען, וועלען זיי דאָרט שפּיעלען צוזאמען, אידען זיינען דאָרט. אין שיקאַגאָ, פאַראַן פּלענטי און מען וועט זיכער קענען מאַכען א סך געלד.

דיא וואַנדער־לוסט האָט אונז באַלד אַלעמען פּערכאַפּט און ספּעציעל אונזער דירעקטאָר. עס ליגט שוין אין שוישפּיעלער'ס בלוט עפּעס אַזעלכעס, וואָס רעגט איהם כסדר אויף צו נייע טהאַטען. שטענדיג מוז א שוישפּיעלער האָבען עפּעס נייעס, ניי ראָלען צום שפּיעלען, נייע פּובליקום'ס פאר וועמען צו שפּיעלען, נייע איבערלעבונגען, קורץ, דער שוישפּיעלער איז, וויא דאָס פייער אין א קוזניע. מען מוז כסדר בלאָזען דעם בלאָז־זאַק, א נים קען דאָס אייזען נישט גליהען...

אזוי וויא מיר זיינען שוין אלע געווען דערוואַקסענע פּאַסאַזשירען, א חוץ אונזער אסתר'ל, וואס איז נאָך געווען א קינד, האָבען מיר, הייסט עס, אלע בעדאַרפט האָבען בילעטען צו קענען פאָהרען. און אזוי וויא באַהן־בילעטען קאָס־טען געוועהנליך געלד, און גראדע דעם דאָזיגען ארטיקעל, געלד הייסט עס, האָט אונז אויסגעפעהלט, איז געבליעבען, אז מיר זאָלען דערווייל בלייבען אין פילאַ־דעלפיא, און אונזער דירעקטאָר אליין זאָל פאָהרען צוזאמען מיט סאָניא חיי־מאָוויטש־היינע.

מיר האָבען זיך צוזעגענט. זייביידע זיינען אוועקגעפאָהרען צו אדלער'ן קיין שיקאַגאָ און מיר זיינען פארבליבען אין פילאַדעלפיא. אונזער משפחה איז געוואָרען גאַנץ קליין, מערי עפּשטיין מיט'ן מאַן און איך מיט מיין קינדעלע, א חוץ א פּאָאר לצים פון אונזער קאָמפּאַניע.

עס זיינען אוועק א פּאָאר וואָכען. פון די בריעף, וואָס כ'האָב ערהאַלטען פון שיקאַגאָ האָב איך געזעהען, אז צו גוט איז דאָרט אונזערע פּיאָנערען פון

אידיש טהעאַטער נישט געווען. די דריי קינסטלער האָבען זיך דאָרט שרעקליך געפּלאגט. זיי האָבען געזוכט עפּעס אימיצען וואָס זאָל געבען געלד אויף צו שפּיעלען טהעאַטער, און דערווייל זיינען זיי אומגעגאנגען שלינג־און־שלאַנג. אדלער מיט טהאָמאשעווסקי׳ן האָבען אין שיקאַגאָ טעג־ווייז געלעבטביידע מיט איין גלאָז סאָדא־וואסער; ווען אימיצער האָט זיי מכבד געווען מיט א סיגארע־טיל איז דאָס ביי זיי געווען, „ווי דאָס פאָלק וואָלט זיי בעשאָנקען מיט לאָרבער קרענצע"...

ענדליך האָבען די צוויי אַרטיסטען דערטאַפּט עפּעס א רויט אידעל, א שניידער מיט׳ן נאָמען מאַנטינבאנד, וואָס האָט זיי געגעבען עטליכע דאלאר אויף „צופיהרען זיך די הענד," דאָס הייסט, אויף צו דינגען א טהעאַטער. סאָניא האָט פערפאונט איהר ביסעל דזשולערי און האָט אויך געקראָגען דערפאר עטליכע דאָ־לער, און זיי דינגען „סטענדארד טהעאַטער" אויף קאָרנער האָלסטעד און דזשעק־סאָן סטריטס. (היינט איז דאָרט א מואווינג פּיקטשור טהעאַטער, גליקמאַן איז דער בעל־הבית, און עס רופט זיך „גליקמאַן׳ס ביזשו טהעאַטער.")

אזוי ווי א טהעאַטער האָבען זיי שוין, דאַרף מען שוין אויך האָבען א קאָמ־פּאַניע אקטיאָרען און מען קען זיך שטעלען שפּיעלען. בלייבט הייסט עס, אז מען דאַרף שיקען נאָך אונז. אָבער וואָס וועט זיין, אז די חאָליאסטרע וועט קו־מען, וואו טהוט מען זיך אהין מיט אַזאַ געזינדעל קיין עין הרע?

דינגען זיי אָפּ א פלעט אין מעקסוויל סטריט אקעגען סטיישאָן־הויז, און זיי פאָרנישען איין א היים פאר אלעמען, א מין קינסטלער קאָלאָניע. און זיי שיקען דיא נויטיגע הוצאות און מיר פּאקען זיך דאָ איין. מערי עפּשטיין מיט׳ן מאַן, איך מיט׳ן קינד און נאָך אַ פּאָאר אקטיאָרלעך פון אונזער פילאדעלפיער קאָמפּאַ־ניע. מיר פאַרלאָזען פילאדעלפיא און מאַרש קיין שיקאַגאָ, אין דער נייער היים פאר אונז אידישע שוישפּיעלער.

# אונזער אויפנאַהמע אין שיקאַגאָ

מיר פאָהרען קיין שיקאַגאָ.

איך דערמאָהן מיך איצט וויפיעל נסיעות איך האָב שוין דאָן אין מיין יונגען לעבען דורכגעמאכט. פון מיין פריהעסטער קינדהייט, ווען כ׳האָב פאַרלאָ־זען מיין שטעטעלע טאַראַשטשע, כסדר אַלץ געפאָהרען, שטענדיג נור געוואנדערט. קוים צייט געהאט זיך גוט אומקוקען אויף א פּלאַץ וואו כ׳האָב זיך אָבגעשטעלט און שוין האָב איך דאָס פּלאַץ געמוזט פאַרלאָזען און ווידער פאָהרען אויף גאָט׳ס וועלט, אַלץ אין נייע מקומות, זוכען מיין היים צווישען פרעמדע . . .

איך דערמאָהן מיך אין מיין רייזע ווען איך האָב פערלאָזען מיינע עלטערן אין באַלטימאָר, און אוועקגעפאָהרען קיין נויאָרק צו מיין געליעבטען דירעקטאָר, דיא ערשטע רייזע מיינע איז דאָס געווען וואָס כ'האָב געמאכט אויף מיין אייגענעם חשבון — גאָט, האָב איך דאן נישט געמאכט חלילה א טעות אין חשבון ? . . .

ווען איך בין אוועק פון באַלטימאָר פון מיינע עלטערן, און בין צום ערשטען מאָהל אליין ארויסגעפאָהרען „אויף דער וועלט", איז פאַר מיר אַלעס געווען א געהיימניס. כ'בין געווען אזוי יונג, דאָס לעבען איז געווען פאַר מיר א סוד. כ'האָב זיך געשראָקען און צו דערזעלבער צייט געהאָפט, געהאָפט מיט א טרוימערישער נאאיוויטעט — איך בין דאן געפאָהרען צו מיין געליעבטען.

אצינד, פאָהרענדיג קיין שיקאַגאָ, בין איך געווען אויף א גאַנץ געוויינליכע רייזע. דאָס העכסטע געהיימניס פאַר מיר אצינד איז געווען, אויב מיר וועלען אין שיקאַגאָ מאכען ערפאָלג מיט אונזער שפּיעלען טהעאַטער און אויב מיר וועלען דאָרט מאכען א לעבען. איך האָב ניט „גע'חשבון'ט" צופיעל, ניט געשראָקען זיך צופיעל און אויך ניט געהאָפט צופיעל — איך בין אצינד געפאָהרען צו מיין מאַן.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ.

עס האָט שוין אויף אונז געוואַרט א וואָגען און מיר פאַרפאָהרען אַלע אין דעם אויסגעפּאַרנישטען פלעט אויף מעקסוועל סטריט, אין אונזער קינסטלעריש־קאָמוניסטישער הייב.

אין שטוב איז געווען אָנגעגרייט פון כל טוב, אפילו ווייַן האָט אויך נישט געפעהלט. מיר האָבען געפּראַוועט א סעודה אויף א העכסט קינסטלערישען אופן. דערלאַנגט צום טיש האָט אונז א „דיענסט" מיט'ן נאָמען שרה, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי אונזערע דירעקטאָרען אין טהעאַטער אַלס פּרויען־דרעסערין. (שרה איז נאָך היינט א דרעסערין אין א נויאָרקער אידישען טהעאַטער). מיר האָבען געגעסען און געטרונקען, זיך משמח געווען מעהר וויא אויף מיין חתונה. אדלער האָט געהאַלטען א ספּיטש ביים טיש, אז מיר זאָלען נור האָבען בטחון אין גאָט און אין אונזער טאַלאַנט — אויף צו עסען וועלען מיר שוין אַבזוכען עפּעס א שניידער וויא מאַנטיבאַנד מיט א פּאָר הונדערט דאָלער... דער עיקר, לאָמיר זיין פרעהליך, ווייל מיר זיינען קינסטלער !

באַלד זיינען מיר געוואָרען אוים געסט און מיר האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט, מאכען פּראָבען. מיר האָבען איבערגע'חזר'ט אונזער אַלטען סטאָק

פיעסען, אונזער רעפערטואר הייסט עס, און מיר פאנגען אן דיא קאמעדיע אין שיקאגא אין „סטענדארד טהעאטער".

דיא ערשטע פארשטעלונג איז געווען „אחשורוש, אדער המן און אסתר". אדלער אלס „המן", טהאמאשעווסקי אלס „מרדכי", סאניא חיימאוויטש־היינע אלס „אסתר", און איך אלס המן'ס זיהנדעל „ויזתא".

דיא פארשטעלונגען זיינען גוט אדווערטייזט געווארען, יעדענפאלס א נייעס איז דאס געווען פאר דיא שיקאגאער אידען און מען האט צוכאפט דיא טיקעטס, אז ס'איז נישט געבליבען א טיקעט אפילו אויף א רפואה. הונדערטע מענשען זיינען צוריקגעגאנגען פון יענע פארשטעלונג, ווייל ס'איז מעהר קיין פלאץ אין טהעאטער נישט געווען. אונזערע דירעקטארען האבען באלד נביאות געזאגט אז שיקאגא איז א „גאלד גרוב" פאר אונז קינסטלער.

געקומען דער אבענד פון דער ערשטער פארשטעלונג. מיר זיינען אין דיא דרעסינג רומס, טהוען זיך אן און גרימירען זיך, אבער דאס טהעאטער איז שוין פון א שטונדע פריהער בעזעצט; דיא אידען האבען אפנים מורא געהאט אז כאטש זיי האבען טיקעטס, זאל מען פון דעסטוועגען נישט אויסכאפען זייערע סיטס אין זיי זיינען געקומען צולויפען פארפריה אין טהעאטער אריין.

אלע שוישפיעלער זיינען שוין פארטיג, גרייט אנצופאנגען דיא שפיעל „אחשורוש", נור „המן'ן" פעהלט א וואנצע. איך דערזעה סאניא'ן אלס „אסתר", און כאטש דאס הארץ טיאכקעט מיר אביסעל פאר שרעק פאר'ן נייעם פובליקום, קען איך דאך נישט אראבנעהמען מיינע אויגען פון סאניא'ן. איך טראכט מיר: אויב יענע „אסתר" פון דער מגילה איז טאקע געווען אזוי שעהן וויא אונזער „אסתר", וויא סאניא חיימאוויטש־היינע, איז קיין חידוש נישט וואס המן האט געכאפט אזא מפלה ווען אחשורוש האט איהם „געקעטשט" מאכען מאנקי־ביז־נעס מיט איהר. א סך המן'ס וואלטען געקענט פארלירען זייערע קעפ צוליעב אזא שעהנע „אסתר" ווי סאניא איז געווען דאן, בשעת מיר זיינען געשטאנען הינטער דיא קוליסען, פארטיג צו שפיעלען „אחשורוש".

דער פארהאנג איז ארויף און דיא שפיעל פאנגט זיך אן. איך קום ארויף אויף דער ביהנע און מיר ווערט פינסטער אין דיא אויגען. א פחד איז אויף מיר אנגעפאלען, א צוטומעלטע בין איך געבליבען שטעהן און כ'האב נישט געוואוסט אויף וואס פאר א טאן איך זאל אנפאנגען רעדען. וויא אזוי שפיעלט מען פאר

אזא מין פובליקום? אין דיא לאזשען. וויא ווייט מיינע אויגען האבען געקענט גרייכען איבער דיא פוט־לייטס אין פובליקום, זעה איך אלץ מענער אין פול־דרעס, דאמען אין אפערא קאסטיומען, אלע אזוי אויסגעפוצט יום טוב'דיג. רבונו של עולם, ווען האב איך געשפיעלט פאר אזא מין פובליקום? היינט דיא פריינדליכ־קייט וואס ווייהעט פון דיא צושויער אויף יעדען שוישפיעלער, דיא ווארימע אויפנאהמע וואס איטליכער אקטיאר קריגט ביים ערשיינען אויפ'ן סצענע; עפעס מוז דא זיין א טעות, האב איך מיר געטראכט אין דער סעקונדע ווען איך האב בעטראטען דיא ביהנע פון „סטענדארד טהעאטער' צום ערשטען מאהל אין שי־קאגא. צום ערשטען מאהל אין מיין קאריערע אלס אידישע אקטריסע האב איך דאן געזעהען פאר מיר א פובליקום וואס האט מיך אינסטינקטיוו געמאכט צו פיהלען אז איך מוז האבען רעספעקט פאר איהם, רעספעקט צו מיין קונסט און רעספעקט צו זיך אליין אלס אידישע שוישפיעלערין.

באלד אין שפיעלען האב איך געזעהען אז מיר אלע שוישפיעלער זיינען עפעס בעהערשט פון א געהיימע קראפט איבער אונז, מיר אלע שפיעלען מיט אזא מין חשק וויא נאך קיין מאהל פריהער. און דיא פארשטעלונג איז טאקע געווען העכסט געלונגען. דער יום טוב'דיגער עולם האט אונז געוואלדיג אפלאָ־דירט און אונצעהליגע מאהל אונז ארויסגערופען. מיר זיינען געווען אין א גע־דויבענער שטימונג, וויא גליקליכע קינדער זיינען מיר געווען.

נישט איין מאהל ווען איך דערמאהן זיך אין יענע ערשטע פארשטעלונג אין שיקאגא, טראכט איך: ווער איז שולדיג וואס צווישען אידישען פובליקום און דיא אידישע שוישפיעלער האט זיך נישט אויסגעבילדעט אזא מין פריינדליכע, ווארימע, געגענזייטיגע שעצונג און אכטונג, וויא דאן ווען איך האב געשפיעלט צום ערשטען מאל אין שיקאגא? ווארום האט אריינגעטראטען אזא ווארכעדיגקייט, אזא מין גרינג־שעצונג אין דיא בעציהונגען צווישען אידישען פובליקום און דיא אידישע שוישפיעלער? ווארום זיינען יענע פריינדליכע בעציהונגען אבגעטעמפט געווארען סיי ביים פובליקום און סיי ביי דיא שוישפיעלער, און אנשטאט פער־דאלטען זיך מיט אכטונג איינס צום אנדערן, פערהאלט מען זיך גאר מיט **חוזק**, מיט עקעלהאפטען ציניזם.

ווער איז שולדיג אין דעם העסליכען צושטאנד ?

# איך זעה מיין נאָמען אין אַ צייטונג

דיא צווייטע פאָרשטעלונג אין שיקאַגאָ איז געווען שבת אַבענד. גע־שפּיעלט האָבען מיר „משה'לע סאָלדאַט". דיעזע פּיעסע איז געווען אַדלער'ס סוקסעס. ער האָט געשפּיעלט „משה'לע", און דער דאָזיגער „משה'לע" איז דאַן געווען אַדלער'ס קרוין . . .

ווידער איז דאָס טהעאַטער געווען איבערגעפּאַקט מיט אַ שעהן־געדרעס־טען פּובליקום, מענער אין פול־דרעס און דאַמען אין אָפּערא־קליידער. וויעדער־זיינען אַלע שוישפּיעלער גוואַלדיג אַפּלאַדירט געוואָרען און אונצעהליגע מאָהל ארויסגערופען געוואָרען פון פּובליקום'ס הארציגע בראַוואָ געשרייען. מיר זיינען ווירקליך געווען שטאַרק איבערראַשט פון אונזער גרויסען ערפאָלג אין שיקאַגאָ.

זונטאָג איז ערשיענען דיא אידישע צייטונג „דער קוריער" מיט אַ גע־וואַלדיגע איבערראַשונג פאַר אונז.

מיר נעהמען לעזען און מיר גלויבען נישט אונזערע אויגען — אַ „קרי־טיקע" אויף דיא אידישע קינסטלער פון אידישען טהעאַטער און וועגען אונזער ערשטער פאָרשטעלונג פון „אחשורוש אָדער אסתר און המן".

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָהל אין מיין קאַריערע וואָס כ'האָב גע־זעהען מיין נאָמען אין אַ צייטונג געדרוקט און נאָך מיט אַזוי פיעל שבחים, אַזוי פיעל קאָמפּלימענטען — אַן אמת'ע „קריטיקע". עס שרייבט זיך דאָרט, אַז אַדלער איז געווען דער אמת'ער „המן," אַזוי ווי אין דער מגילה שטעהט געשרי־בען און אַז טהאָמאַשעווסקי איז געווען אַן אמת'ער „מרדכי", טאַקע אַזוי וויא אַ גוטער מרדכי דאַרף זיין און אַז מאַדאַם חיימאָוויטש־היינע איז געווען דיא אמת'ע „אסתר", דיא אמת'ע יפת תואר וואָס האָט געראַטעוועט דאָס אידישע פאָלק פון אחשורוש'ס פריקאַז וואָס ער האָט פריקאַזעוועט אויסצו'הרג'ענען אַלע אידען פון הודו ביז כוש... און אויך, שרייבט זיך אין דער קריטיקע, איז מאַדאַם בעסי טהאָמאַשעווסקי געווען דער בעסטער „ויזתא" פון אַלע ויזתא'ס וואָס אידישע קינדער האָבען זיך ווען פאַרגעשטעלט בשעת לערנענדיג דיא מגילה. דאָס גרויסע פּובליקום וואָס איז געווען פערזאַמעלט אין טהעאַטער האָט זיך גאָר נישט געקענט זאַט אַנטישען מיט דעם „ויזתא" וואָס דיא קאָמישע מאַדאַם בעסי טהאָמאַשעווסקי האָט פריטסטאַוועט אויף דער סצענע . . .

ווען איך האב איבערגעלייענט דיא „קריטיקע“, האב איך געמיינט, אז קיין גרעסערע פערזענליכקייט פון מיר, (און — אביסעל — אויך פון דיא אנדערע שוישפיעלער וואס עס שרייבט זיך וועגען זיי אין דער „קריטיקע“), איז גאר אויף דער וועלט נישטא! עפעס א קלייניגקייט — מען שרייבט שוין פון מיר אין דיא פייפערס!

דאס דאזיגע גלויבען אין בעריהמטהייט, דאס דאזיגע האפען אויף פאפולאריטעט, אט דאס פיעל בעזונגענע „אונשטערבליכקייט“, איז פאר דעם קינסטלער וויא דאמפף פאר א לאקאמאטיוו. פונקט וויא א לאקאמאטיוו אהן דאמפף איז בעוועגלאז און נוצלאז, אזוי ווערט דער קינסטלער אונבעוועגליך ווען עס פעהלט איהם דיא אמביציע, דאס שטרעבען בעריהמט צו ווערען.

פיעלע ביטערע מינוטען פון מיין לעבען האט מיר דאן יענע ערשטע קריטיק זיס געמאכט. איך האב זיך געטרייסט, געהאפט און געגלויבט. און דורך מיין האפנונג און גלויבען, אינאיינעם מיט שווערע פראצע האב איך פרובירט צו קלעטערען אויף דעם לעבענס־געפעהרליכען לייטער פון „בעריהמטהייט“. וויא הויך מיר איז געלונגען צו דערקלעטערען, ווייס איך נישט. איך ווייס אבער יא, אז דיזער לייטער איז שטענדיג פאר מיינע אויגען און מיך לאקט צו קלעטערען ווייטער, הויך און העכער — — —

מיר האבען געמאכט גוטע געשעפטען און מיר זיינען געווען העכסט צופריעדען וואס קאלומבוס האט ביים ענטדעקען אמעריקא ניט אויסגעלאזען אזא שטאדט ווי שיקאגא.

דיא צווייטע וואך האבען מיר געשפיעלט „אקאסטא“, „אסתר פון עין גדי“ און „דער אדעסער בעטלער“. מיר האבען ווידער פארדיענט גאנץ שעהן, מען האט אונז ווידער שטארק אפלאדירט און מיר האבען זיך געפרעהט און געהוליעט.

יעדען מאנטאג פלעגט יאקאב אדלער דינגען א פערד און וואגען, מיטנעהמען מערי עפשטיין און אוועק אין „מארקעט“ אריין. אהיים געקומען צוריק זיינען זיי מיט א פולען וואגען פון כל טוב. מיר אלע קינסטלער זיינען געווען בעשעפטיגט אויסצופאקען דעם סטאק עסענווארג וואס אדלער האט אנגעקויפט, מיר האבען געארבייט וויא קוילען־טרעגער, מיר זיינען געווען ביזי, שטארק פארשמאיעט און געהאלטען אין איין טאסטשען פון וואגען אין שטוב אריין: קארטאפליעס, וואטערמעלאן׳ס, אלערליי גרינסען וואס ס׳איז נאר געווען צו קריגען, לעבעדיגע אינדיקעס, קאטשקעס און אפילו טייבעלעך לעבעדיגע. אדלער

האט שטארק ליעב געהאט צו קויפען לעבעדיגע עופות. נאכדעם האבען מיר געהאט אן ארבייט דיא אלע עופות טראגען צום שוחט.

אין קיך פלעגט שטענדיג זיין וויא צו א חתונה, מען דאט געסארווערט, געבאקען, געקאכט און געבראטען. עס איז געוועזן פרעהליך.

אדלער איז געוועזן דער הויפט „סארווער", ער האט ליעב געהאט צו זיין ביזי אין קיך און דוקא אהן גאפלען, אט אזוי מיט דיא הענד אלעס צוגרייטען, מאכען פאראנדקעס אויפן היימיש־דארפישען שטייגער — עס איז געוועזן ביי אונז קאמונע . . .

מיר האבען ביסלעכווייז גענומען באקליידען זיך פון אונזערע פאר־דיענסטען, איך האב מיר אנגעטהאן א גרויסע הוט מיט גרויסע ווייסע פעדערען, זיך געקויפט אן אמת'ע „מופטע מיט הענטשקעס" — אז לעבען זאל זיין געלעבט.

אונזערע דירעקטארען האבען אבגעצאהלט דיא פאר הונדערטער דעם רווי־טען שניידערל; זיי האבען ארויסגענומען סאניא'ס דזשולערי פון פאון־שאפ און דיא ביזנעס זיינען געגאנגען אויפן בעסטען אופן.

אונזער רעפערטואר איז שוין געוועזן אויסגעשפיעלט און מיר נעהמען זיך פארבערייטען א נייע מייסטערווערק מיט'ן נאמען „שמשון הגיבור" פון זאלאטקאף, מיט מוזיק פון אונזער דיריגענט פידלער.

דער „פלאט" פון „שמשון הגיבור" איז געוועזן געטריי צום לעבען... דאס הייסט, פונקט אזוי וויא אין דער היסטאריע ווערט דערצעהלט. שמשון איז א „שטארקער" מיט גרויסע לאקען, דלילה איז א קראסאוויצע און זיא „טרימט" שמשון'ען אפ דיא גרויסע לאקען, דאן ווערט ער אוים שטארקער און דאס פאלק לאכט פון איהם און שטעכט איהם אויס דיא אויגען, „דזשאסט פאר פאן", און שמשון שווערט ראכע, ער שפארט זיך אן אין דיא סטאיפעס און קעהרט איבער דיא סינערי, קורץ און גוט — סוקסעס.

אדלער האט געשפיעלט „שמשון", סאניא אלס „דלילה", טהאמאשעווסקי האט געשפיעלט עפעס אלס א „פלישתי", און איך אלס א „פלישתי'כע". א קא־מישע פארשוויניכע.

דיא ציימונג שרייבט ווידער א „קריטיק" וועגען אונזער עקטען און מיר זיינען בערייט נישט אבצוליקען אז מיר זיינען דיא גרעסטע קינסטלע־אין דער וועלט.

וועגען מיין פריוואט לעבען דאן, איז נישטא וואס צו דערצעהלען. איך אליין, אזוי גוט וויא דיא איבריגע מיטשפיעלער, בין פארטהון ביז איבער'ן קאפ

מיט'ן טהעאטער־לעבען. מיר שטודירען און שפיעלען, שפיעלען און שטודירען, אזו געהט עס. אין שטוב לעבען מיר זיך אלע שוישפיעלער אינאיינעם, אבגע־זונדערט פון דיא ארומיגע איינוואהנער, פונקט ווי ציגיינער באזעצען זיך הינ־טער'ן שטאדט. דאס איינציגע וואס מיך אינטערעסירט דאן אין מיין לעבען, א חוץ דאס טהעאטער, איז מיין ליעב טאכטערל, מיין אסתר'ל, ווייטער איז נישטא קיין צייט צו חלום'ן, צו פאנטאזירען . . . מיר זיינען פארטהון מיט לייב און לעבען אין דער קונסט און מיר שאפען א קאפיטעל היסטאריע פאר'ן אידישען פאלק, א קאפיטעל היסטאריע פון אידישען טהעאטער.

# מיר ווערען אויסגעפייפט

היבשע עטליכע וואכען זיינען שוין אוועק און מיר שפיעלען אלץ טהעאטער אין שיקאגא.

שפיעלען פלעגען מיר נאר אין דיא אבענדען. פון מאטינעעס האט מען דאן אין שיקאגא נישט געוואוסט, עס איז נישט געווען אין דער מאדע און מיר האבען מורא געהאט צו שפיעלען ווען א מאטינעע פארשטעלונג.

ענדליך האבען אונזערע דירעקטארען געפאסט מוטה און בעשלאסען צו מאכען א פראבע און שטעלען א מאטינעע פארשטעלונג. מען האט אנאנסירט „שולמית" אויף א זונטאג מאטינעע און מיר האבען מיט אונגעדולד געווארט צו זעהן אויב דיא אידען וועלען בייטאג אויך קומען אין טהעאטער.

דערלעבט דעם זונטאג, און מיר, דיא שוישפיעלער, פערלאזען אונזער „פלעט" פאר פריה און געהן אין טהעאטער. צוקומענדיג א פאר בלאק פון טהעא־טער, זעהען מיר הונדערטע מענשען שפארען זיך צום טהעאטער און פיעלע פא־ליסלייט ארבייטען שווער אום אבצוהאלטען דעם גרויסען עולם. מיר האבען געמיינט, אז דאס טהעאטער אונזערער ברענט, אדער האט שוין אבגעברענט און דיא מענשען שטופען זיך דאס אזוי, צו כאפען א בליק אויף דיא אשעס פון'ם אידישען קונסט־טעמפעל. אבער אונזער שרעק איז געווען אומזיסט. א „פייער" איז טאקע געווען, אבער נישט אויפ'ן טהעאטער ח"ו, נור אויף דיא טיקעטס צו דער מאטינעע פארשטעלונג, מען האט אויספערקויפט דאס הויז ביז צום לעצטען סיט, אפילו מיט דיא „סטענדינג סיטס".

און פון דאן אן איז אונז צוגעקומען נאך א פארשטעלונג אין וואך, זונ־

טאג מאטינעע, ווייל שבת מאטינעע האבען מיר נאך אלץ מורא געהאט צו שפּיעלען.

ווידער זיינען אוועק עטליכע וואָכען, אונזערע געשעפטען געהן גוט, איינ־נאהמעס זיינען דיא גאנצע צייט געווען גרויסע און אונזערע דירעקטאָרען פאַר־ווילט זיך וויסען וואו מיר זיינען שוין מיט אונזער קאַפּיטאַל. עס ווילט זיך פּשוט וויסען אויב איטליכער פון אונז קען שוין זיך רעכענען פאר א מילאָנער פון הונ־דערט טוזענד, אדער אפשר טאקע פון הונדערט טויזענד מיט עפּעס, לאָמיר זאָ־גען, מיט נאך א מיליאָן . . .

געשפּיעלט האָבען מיר דאן אויף „מארקען", דאָס הייסט, אלע זיינען געווען שותפים צום געשעפט, וויא למשל, „שער האָלדערס" אין א קאָאָפּעראַציע, איינער האָט וויניגער „שערס" און א צווייטער — נאך וויניגער, און מיט דיא פּראָפיטען צוטהיילט מען זיך לויט דיא צאָהל שערס וואָס יעדער שער־האָל־דער האָט.

(ווענען דעם „מארקען סיסטעם" וועט מיר נאך אויסקומען צו רעדען ווען מיר קומען אָן קיין נויארק און קריגען ה ו נ ד ע ר ט א ו ן פ ו פ צ י ג מארקען א וואָך, און דאָס באַטרעפט א סומע פון פ י ע ר ד אָ ל ע ר, און אמאָל מוזען מיר נאך צוצאָהלען צו דיא גרויסע ווייךזשעס).

בקיצור, אונזערע דירעקטאָרען נעהמען זיך רעכענען מיט אונזער קאַ־פּיטאַל.

מען חשבון׳ט און מען רעכענט, מען רעכענט און מען חשבון׳ט, און מען חשבון׳ט ווייטער, מען קען גאָר נישט פּטור ווערען פון חשבון׳ען. אדלער האָט צוגעשטעלט א חשבון פון עקספּענס אויסגע׳חשבון׳ט שווארץ אויף וויס, אויף א שטיקעל פּאַפּיער וואָס איז געווען א פּאָר בלאָק דיא לענג, מען האָט געדארפט דינגען אן עקספּערטס מיט גומע צוויי פערד אום דורכצופאָהרען דעם חשבון...

אדלער האָט אונז דערצעהלט, אז „געלד איז געווען א סך, זעהר א סך, נור ס׳איז נישטאָ!" דיא סעודות וואָס מיר האָבען שטענדיג געפּראוועט, מיט דיא לעבעדיגע אינדיקעס, גענז און קאַטשקעס, האָבען הפּנים לעבעדיגערהייד אויפגעפרעסען אונזערע פאַרדיענסטען . . .

נאך אלע חשבונות איז אונז פון דעסטוועגען געבליבען א קאַפּיטאַל פון עטליכע און אכציג דאָלער קעש, אויף אונזער טהייל. מיין מאַן האָט מיר דער־לאַנגט דאָס פּאַרמעגען, די אכטציג דאָלאַר, און מיר געהייסען בעהאַלטען אויף שלעכטע צייטען. איך האָב מיט ציטעריגע הענד גענומען דאָס געלד און אוועק־

געטראָגען אין באַנק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע אָבגעשפּאָרטע געלד פון אונ־זער שוישפּיעלעריי.

דיא שיקאַגאָער אידען האָבען שוין דורך דער צייט דערווייל אויסגעזעהן אונזער גאַנצע קונסט, דאָס הייסט, אונזער גאַנצען רעפּערטואַר און מיר מוזען האָבען כאָטש אַ פּאָר נייע פּיעסען. מיר זוכען ענדליך אויף אַ פּיעסע מיט'ן נאָ־מען „דיא ציגיינערין", וואָס מיר האָבען שוין אַמאָל געשפּיעלט, מיר שטודירען דאָס איין אויפ'ס ניי און מיר האָבען שוין אַ שפּאָגעל נייעס קונסטווערק פאַר שיקאַגאָ.

דער אינהאַלט פון דיזען מייסטערווערק איז געווען אַ שרעקליכער, איך האָב עס מורא איבערדערצעהלען, גענוג אז כ'וועל דערצעהלען וואָס פאַר אַ טראַ־געדיע עס איז דערפון אַרויסגעקומען פאַר אונזער קינסטלער געזעלשאַפט.

אדלער האָט אין דער פּיעסע געהאַט אַ ראָלע אַלס אַן אַלטען גלאָקעז־ציהער, אַ ציגיינער מיט'ן וואונדערבאַרען נאָמען „גאַוואַקע", און איך אַלס „גאַ־וואַקאַכע". לויט אונזער „פּסיכאָלאָגיע", דאָס הייסט, לויט וויא אַט דאָס פּאָרעל מיסטער און מיסעס גאַוואַקע זיינען געווען געשילדערט, כאַראַקטעריזירט און פער־זאָניפיצירט, — אַזוי האָבען מיר זיך גרימירט. אדלער האָט זיך אָנגעבעט מיט שמאַטעס, כדי ער זאָל האָבען אַ ציגיינערשען פּעמפּיק און איך אויך דאָסזעלבע; מיר האָבען זיך אַזוי אָנגעפּעדעט מיט שמאַטעס, דאָס יעדער פון אונז האָט אויסגעזעהען ווי אַ טוטפּיק אין אַ גרויסען לאָבען ברויט; מיר האָבען קוים גע־קענט מיט דיא הענד דערגרייכען איינעם דעם אַנדערן, אַזוי גראָב זיינען מיר גע־ווען אָנגעקליידעט.

געקומען אויף דער ביהנע, מען שפּיעלט אָב דיא ערשטע צוויי אַקטען, דער עולם אין טהעאַטער קלייבט נחת פון דעם גראָבען פּאָרעל, גאַוואַקע און גאַוואַקאַכע, אַלעס איז שעהן און פיין, ביז עס קומט צום דריטען אַקט און מיר ביידע, איך מיט אדלער'ן, דאַרפען געהן אַ ציגיינער־טאַנץ.

מיט די לעצטע כוחות האָפּקען מיר ביידע און קוים וואָס מיר קענען דערבען פון דער שווערער משא, פון דיא גרויסע ציגיינערשע בייכער פון שמאַטעס. העלפט גאָט, בשעת מיר נעהמען זיך קוים אָן ביי דיא הענד און טאַנצען, פאַר־טשעפּע איך זיך אין אַ סינערי און — פּליאַך, מיסטער און מיסעס גאַוואַקע ליגען שוין אויסגעצויגען אויפ'ן סצענע.

מיר ווילען זיך אויפהייבען, אָבער גאָר הויב אַ באַרג מיט שמאַטעס. דאָס

איז נישט אזוי גרינג. אדלער הויבט זיך אויף אביסעל און וויל מיר העלפען און — פאלט איבער מיר.

דאס האט געדויערט אזוי א פאר סעקונדען ביז מיר האבען זיך מיט שווערע מאטערניש ארויסגעפלאנטערט און אויפגעהויבען, אבער פאר'ן ווערטהען פובליקום האבען מיר זיך שוין נישט געקענט אויפהויבען, פאר'ן ווערטהען פובליקום זיינען מיר שוין געפאלען ביז'ן סאמע אבגרונד . . .

דאס ווערטהע פובליקום פון שיקאגא, וואס האט בייגעוואהנט דאן אט דיזע אונשולדיגע סצענע, דיזען אומגליקספאל פון א שוישפיעלער אויף דער ביהנע, האט אונז באלד בעשולדיגט אין „אונמאראלישקייט" און אין דער נעקסטער סעקונדע האבען מיר שוין דערהערט דעם אורטהייל פון ווערטהען פובליקום, מיר האבען דערהערט דעם בעריהמטען „פייף" פון וועלכען עס ווערט א שוישפיעלער פארקיהלט דאס בלוט אין דיא אדערן.

געענדיגט דיא פיעסע האבען מיר שוין פאר ליידיגע טשערס און דאס ג ו י ש ע מענעדזשעמענט פון טהעאטער, דאס הייסט, דיא בעלי־בתים האבען אין דיא קומענדע טעג ערהאלטען הונדערטע בריעף מיט פערדאמונגען געגען דיא „דזשואיש עקטערס".

מיר האבען נאכדעם אבגעשפיעלט א פאר וואכען פאר ליידיגע הייזער און דער סוף איז געווען, אז דיא אייגענטהימער פון סטענדארד טהעאטער האבען נישט געוואלט האבען זייער טהעאטער אין „חרם" און האבען אונז גאנץ העפליך געהייסען סטאפען שפיעלען טהעאטער. מען האט אונז פשוט משלח געווען מיט אונזער קונסט און — אוים שפיעלען אידיש טהעאטער אין שיקאגא.

# א טראגעדיע איבער פיש אהן כריין

ווען מען האט אונז משלח געווען פון „סטענדארד טהעאטער" איז אונז געווארען קאלאמוטנע אויף דיא הערצער. עס זיינען אוועק עטליכע וואכען און מיר האבען נישט געשפיעלט. מיר האבען נישט געהאט וואו צו שפיעלען.

אין אונזער קינסטלער־פלעט האט אנגעהויבען הערשען דער גייסט פון אונצופריעדענהייט, פונקט וויא ביי מאן און ווייב, ווען דער מאן פארליערט זיין שטעלע און דרעהט זיך אום לעדיג נישט בריינגענדיג קיין „פיידע".

מען האט זיך ביסלעכווייז אונטערגעקריגט ביז מען האט זיך טאקי שטארק

צוקריגט, און דוקא איבער אַן עפּעל, און מערי עפּשטיין מיט׳ן מאַן האָבען דיא ערשטע פאַרלאָזען אונזער קינסטלער־היים און האָבען זיך אוועקגעמופט בעזונדער.

טהאָמאַשעווסקי מיט אַדלער׳ן געפינען עפּעס אַן אַלט טהעאַטערל אויף האַלסטעד סטריט לעבען דעפּיוסטער סטריט, מען גיט דאָס אַ נאָמען „אַדלער־טהאָמאַשעווסקי טהעאַטער“ און, גאָט זיי דאַנק, מיר שפּיעלען שוין ווידער טהעאַטער אין שיקאַגאָ.

קיין גוואַלדיגע גליקען מאַכען מיר ניט. דאָס פּלאַץ איז קליין. דיא בע־זוכע זיינען שוואַכליך. דיא איינגאַהמעס זיינען גאַר שוואַכליך און דאָס רופט זיך שטאַרק אָב אויף אונזער קינסטלער־קאָלאָניע, אונזער „פּלעט“ אויף מעקס־וועל סטריט.

דורך טויזענד און פיער־און־זעכציג אורזאַכען מופען מיר אויך אַרויס פון גרויסען פּלעט און דיא קינסטלער־קאָמונע צופאַלט זיך; איטליכער וואוינט בע־זונדער, פאַר זיך אַליין, וויא געזעצטע בירגער.

מיר שפּיעלען פון דעסטוועגען טהעאַטער צוזאַמען, נור דאָס לוסטיגע, פרעהליכע, זאָרגלאָזע פריינדליכקייט איז צוריסען. דאָס קינסטלער־וועלטעל איז צוטהיילט געוואָרען אין בעזונדערע וועלטעלעך, און אויב כ׳האָב פריהער, ווען מיר האָבען געוואוינט צוזאַמען, קיין צייט ניט געהאַט זיך צוצוקוקען צו מיין איינען לעבען, ווייל איך בין געווען צופיעל בערוישט פון דיא ערפאָלגען. דערפאַר איז לעבענדיג פאַר זיך אַליין, מיט מיין מאַן און מיין קינד, האָב איך נישט ווילענדיג געמוזט אַ יפמערקזאַם ווערען אויף געשעהענישען, וואָס כ׳האָב פריהער דורכגעלאָזען און נישט בעמערקט.

פיעלע, זעהר פיעלע טרויעריגע ערפאַהרונגען האָב איך דאַן איבערגע־לעבט, איך בין געקומען פּנים אל פּנים מיט דער טרוקענער, קאַלטער ווירקליכ־קייט, מיט דער גרויזאַמער ציניזשער וואָרהייט פון לעבען. כ׳האָב וויינינגער גע־חלום׳ט, ווייל איך בין מעהר וואַך געווען. דערפאַר האָב איך פיעל מעהר טרעה־רען פערגאָסען.

איך דערמאָהן מיך אין אַ פרייטאַג־צו־נאַכטס, איינעם פון פיעלע, דאַן אין מיין יונג, נאַאיוו פּריוואַט לעבען.

אונזערע דריי רומס זיינען געווען אויפן דריטען פלאָר אין דיא בעק אין אַ יאַרד־הויז אויף דעפּיוסטער סטריט. קיין דיענסט האָבען מיר נישט גע־האַלטען. איך בין געווען אַליין דיא בעל־הבית׳טע. דאָס ערשטע מאָהל אין מיין לעבען וואָס איך בין געווען מיין איינענע בעל־הבית׳טע.



פעליזב אין „בן עמי“

מיר האָבען געשפּיעלט אין דעם קליינעם טהעאַטעריל, זיך וויא עס איז אויסגעמוטשעט אַ לעבען. און איך האָב אַ חוץ דעם שפּיעלען אין טהעאַטער, גע־באַלעבאַסטעוועט אין מיין היימעלע.

איך פלעג נעהמען דאָס קינד מיינס אויף דיא הענד און געהענדיג אין טהעאַטער צו פּראָבע. אריינגעהן צום בוטשער, צום גראָסערי מאַן, א. ז. וו., אַר־דערן מיר וואָס כ'האָב געדאַרפט און אוועק אין טהעאַטער.

נאָך פּראָבע. געהן צוריק אין דיא סטאָרס, מיטנעהמען דיא באַנדלעך און קומען אַ היים. מיין שטיבעלע האָב איך געהאַלטען וויא אַ בית־המקדש'ל, מיין היים פאר מיר, מיין מאַן און מיין קינדעלע. געמאַכט עסען, אַלעס אָנגעגרייט, מיין מאַן זאָל אין דער היים געפינען רוה און צופריעדענהייט.

אַ צופריעדענעס לעבען איז געווען מיין טרוים.

איינמאָהל, אַ פרייטאָג איז דאָס געווען, איך האָב וויא געוויינליך. אַלעס אָנגעגרייט בייטאָג, אריינגעבראַכט דעם שבת אין שטוב, אַלעס געמאַכט פאַרטיג און בין אוועק אין טהעאַטער. מיר האָבען אָבגעשפּיעלט דיא פאָרשטעלונג. בין איך באַלד אוועק אַ היים מיט מיין קינד אויף דיא הענד און בעגייסטערט זיך געגומען ארבייטען אין שטוב מיט מיין אָנגעגרייטע פרייטאָג־צו־נאַכטס ווע־טשערע. כ'האָב אַלעס אויפ'ן טיש געשטעלט, אַן עכט אידישע וועטשערע, מיט גוטע פרישע פיש. לאָקשען אונטער דער יויך, אַן עוף, א. ז. וו. אַלץ שבת'דיג.

אַן אמת'ע שבת קודש שטימונג האָט געהערשט אין מיין נשמה, פונקט וויא אין מיינע אָרימע, אָבער ציכטיגע, דריי צימערען.

מיין מאַן קומט אריין און מיר זעצען זיך ביידע צום ריין־געדעקטען טיש. איך קוק מיט פרייד אויף מיין ליעבען מאַן און מיט שטאָלץ אויף דיא שבת'דיגע מאכלים וואָס כ'האָב פאַר איהם אָנגעגרייט. מיין נשמה איז אָנ־געפילט מיט גליקזעליגקייט, איך בין אין גאַנצען יום טוב'דיג און שטראַהל פון גליק. ביי דער זייט איז דאָס וויגעלע מיט מיין שלאָפענדען קינדעלע, אונ־זער טאָכטערל אסתר, און איך מיט מיין מאַן זיצען ביים טיש, אַליין אין אונ־זער אייגענעם ווינקעל.

מיין מאַן נעהמט עסען און ער זוכט עפּעס מיט די אויגען, אָהן ווערטער. ער האָט געזוכט חריין צו דיא פיש.

גאָט איז מיין עדות. כ'האָב פאַרגעסען צו קויפען אַט דאָס ביטערע מאכל, און דאָס האָט מיר פאַרביטערט, פאַרשטערט מיין הייליגען פרייטאָג־צו־נאַכטס.

גלייך האָט אין מיין מאַן דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט אויפגע־ברויזט און אָהן לאַנגע טענות, הויבט ער זיך אויף פון טיש, נעהמט זיין הוט און ראָק און מיט אַ ברום אונטער'ן נאָז, אַז ער געהט אין אַ רעסטאוראַנט, פער־לאָזט ער דאָס הויז.

איך בלייב זיצען אַליין ביים טיש, קוק צו דער טהיר וואָס האָט זיך נאַר־וואָס מיט כעס צוגעמאַכט, קוק צום וויגעלע וואו עס שלאָפט מיין קינדעלע, טרעהרען קאַפּען מיר איבער מיין פּנים צום טעלער אַראָפּ, די שבת'דיגע פיש אין מיין טעלער ווערען פון מיינע טרעהרען נאָך ביטערער וויא פון חריין, דער ביסען איז מיר אין האַלז געבליבען און צו ווערען אויסרעדען אַ וואָרט האָב איך נישט.

איך זיץ מיר אַזוי איינזאַם, עלענד, אין שטוב איז שאַ־שטיל.

געגען מיין ווילען רייסט זיך מיר פון האַלז אַרויס אַ שלוכצען. אין דער שטילקייט פון די צימערען צוטראָגט זיך מיין שלוכצען און וועקט מיין קינ־דעלע אויף פון קינדישען שלאָף, און מיין קינד ענטפערט מיט אַ געוויין, וויא אַן עכאָ אויף מיינע פערשטיקטע טרעהרען . . .

איך נעהם דאָס קינד פון וויגעלע אַרויס, האַלט דאָס צוגעטוליעט צו מיין צו־ווייטאָגט האַרץ, קוק דעם קינד אין די אונשולדיגע אויגעלעך און — אונ־זערע טרעהרען מישען זיך צונויף . . .

אָך, גאָט, וויא קען מען איבערדערצעהלען אַזעלכע נשמה - ליידען !

עס גיבען אין לעבען פון אַ מענשען אַזעלכע ליידען, וואָס זיינען צו שמערצליך־הייליג, צו טיעף־נשמה'דיג און מען קען דאָס נישט איבערדערצעהלען.

פונקט וויא מען דערצעהלט אונז אַז אַ פרוי האָט אַ קינד געבוירען. אמת טאַקע, מיר ווייסען דעם פאַקט ווען מען דערצעהלט אונז, אָבער די ליידען וואָס די פרוי האָט געליטען ביים האָבען דאָס קינד, דאָס ווייס נור זי אַליין, זי האָט דאָס געפיהלט, אָבער איבערדערצעהלען קען מען דאָס נישט, אפילו די פרוי אַליין, וואָס האָט דיזע ליידען געפיהלט, קען דאָס נישט איבערדערצעהלען. עס לאָזט זיך נישט איבערדערצעהלען . . .

איך בין אַזוי געזעסען מיט מיין קינד אויף מיינע הענד, לעבען טיש מיט די נישט־געגעסענע שבת'דיגע מאכלים, ביז מיין מאַן איז צוריק פון רעסטאָ־ראַנט געקומען. און דאָס איז געווען שבת אין דער פריה שוין . . .

# מיר פארלירען אדלער׳ן

אונזער טהעאטערל אויף האלסטעד סטריט איז געווארען אלץ מעהר בע־וואוסט. דיא שיקאגאער אידען זיינען געוועזען אביסעל ברוגז׳לעך אויף אונז, (פאר דער „אונמאראלישער“ פיעסע דיא „ציגיינערין“ וואס מיר האבען געשפיעלט אין „סטענדארד“ טהעאטער), אבער זיי האבען קיין ברירה נישט געהאט און געמוזט קומען זעהן אונז שפיעלען „אידיש טיאייטער“, ווייל קיין מואווינג פיקטשורס זיינען נאך דאן נישט געוועזען.

מיר האבען אלץ געשפיעלט צוזאמען מיט אדלער׳ן און סאניא חיימא־וויטש־היינע, און מיר האבען גאנץ שעהן פארדיענט. אדלער איז געווארען דער טרעזשורער איבער דעם אבגעשפארטען קאפיטאל אונזערען, מיר זיינען געוואק־סען מיליאנערען אין זיך געשניטען אויף א רעגעלע טראסט.

פלוצים קריגען מיר א ידיעה אז אין נויארק איז פאראן א „סוקסעס“ וואס פארטרינקט דיא קעשענעס פון דיא אקטיארען מיט געלד, דער סוקסעס הייסט „דהי דזשאנסטאן פלאד“ (דיא פארפלייצונג פון דער שטאדט דזשאנסטאן, פענסילווייניא), א צייט בילד פון פראפעסאר הארוויץ.

אונזערע דירעקטארען בעשליסען צו ווערען רייך און זיינען בערייט צו לאזען זיך קאסטען א פאר דאלער דערפאר. זיי אימפארטירען קיין שיקאגא דעם פראפעסאר הארוויץ מיט זיין פיעסע „דהי דזשאנסטאן פלאד“.

האבענדיג אזא געוואלדיגע אטרעקשאן וויא דיזע פיעסע און אויף דעם פער־פאסער דערצו, בעשליסען אונזערע דירעקטארען אויפצופיקסען דאס טהעאטערל לכבוד אונזער שמחה.

מען וויל אוועקגעבען דעם דזשאב צו א בעל מלאכה, אבער אדלער לאזט נישט, ער קען אליין, זאגט ער, דיא קונץ. עס איז איבערהויפט נישט געוועזען א זאך אויף דער וועלט וואס אדלער זאל דאס נישט קענען.

מען קויפט איין דעם ריכטיגען „פיינט“, מיט דעם ריכטיגען „ווארניש“ און אדלער מיט טהאמאשעווסקי׳ן נעהמען זיך צו דער ארבייט. זיי פיינטען אב דיא ביינקלעך פון טהעאטער, דיא סיטס, הייסט עס, און ווארנישען אלעס וויא אמת׳ע קינסטלער מאהלער. אלעס איז פיין און שעהן, דיא סינערים זעהן אויס פראכטפאל, מען זעהט ממש דיא פארפלייצונג, מען זעהט וויא מענשען געהן האלב אין וואסער און ראטעווען דיא „דערטרונקענע“, עס כאפט אויש אן א גרויל. פון

פּאַרענט אויפן סטיידזש איז אויפגעשטעלט אזא מין וועגטיל וואָס זעהט אויס וויא וואסער און דאָס פאַרשטעלט דיא האַלבע קערפּערס פון דיא אַקטיאָרען, אזוי אז מען מיינט דאָס דיא אַקטיאָרען בראָדזשען ווירקליך אין וואסער ביז איבער דיא קניע.

מיר זיינען ענדליך פאַרטיג מיט דיא פּראָבען פון דער פּיעסע, און עס קומט דיא ערשטע פאָרשטעלונג.

פאר גרויס אייליגניש פארגעסט דער סטיידזש קאַרפּענטער אויפצושטעלען דאָס „וואסער וועגטיל“ אין פּראַנט סטיידזש און דאָס פּובליקום זעהט דעם בלאָף. דיא אַקטיאָרען רעדען דיא פּראָזא, אז זיי זיינען שוין פערמאַטערט צו ראַטעווען דיא אונגליקליכע פון גאָט'ס שטראָף, דאָס הייסט, פון דעם שרעקליכען וואסער וואָס האָט פארטרונקען דיא שטאָדט דזשאנסטאַון, און דאָס פּובליקום, אנשטאָט עס זאָל וויינען, קאַטשעט עס זיך גאָר פון געלעכטער...

אָבער דיא אמת'ע צרות קומען ערשט ווען עס לאָזט זיך אראָב דער קוירטען נאָך'ן ערשטען אַקט און דאָס ווערטהע פּובליקום וויל זיך אויפהויבען פון דיא געפּאַרבטע ביינקלעך.

דאָ איז שוין געווען דער קליימאַקס פון דער טראַגעדיע. אַלע זיינען צוגעקלעפּט פעסט צו זייערע פּלעצער און קיינער קען נישט אויפשטעהן, סיידען איטליכער אין טהעאַטער זאָל זיך געהן מיט זיין ביינקעל אַנגעקאַוועט אויפ'ן הינטען... דיא פרישע פארב אויף דיא ביינקלעך האָט „איינגעזאַפּט“ אין זיך דיא קליידער פון ווערטהען פּובליקום און האַלט זיי פעסט. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל אין טהעאַטער און אַ סקאַנדאַל, כאָטש נעהם און בעצאָהל יעדען פאר נייע מלבושים.

דיא פאָרשטעלונג איז שוין געווען אַ דער'הרג'עטע, דאָס ביסעל עולם וואָס איז געבליבען אין טהעאַטער, האָט אויסגעשפּרייט דיא ביינקלעך מיט צייטונגען און דיא צייטונגען האָבען געסעלעשטשעט, עס איז געווען אַ סומאַטאָכע אז מען האָט קוים געקענט ענדיגען שפּיעלען.

דאָס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאר אונזער טהעאַטער. פּראָפעסאָר האָראָוויץ האָט שוין נישט געוואָלט בלייבען מיט אונז. דיא ביינקלעך, האָט ער געזאָגט, האָבען איהם דער'הרג'עט און ער איז באַלד אוועק צוריק קיין נויאָרק.

אדלער קריגט בריעף פון נויאָרק, פון איינעם אַ געוויסען מאַנדעלקערן, אז ער, אדלער, הייסט עס, זאָל קומען קיין נויאָרק, עס וואַרט פאר איהם אַ טהעאַטער. עס געהן אוועק אַ פּאָר וואָכען, ביזנעס זיינען געשלאָגען און אדלער'ן

ציהט שוין קיין נויארק. מען מאכט אב אז מען זאל זיך צוטהיילען מיט'ן אבגע־שפארטען קאפיטאל וואס איז ביי אדלער'ן אין טרעזשערי און „אויפלעזען" דעם טראסט . . .

מען קומט זיך צוטהיילען, העלפט גאט, ס'איז נישטא מיט וואס. גראדע איז דאן געשעהן גרויסע שחיטות אין דיא שיקאגא'ער שלאכט־הייזער און מיר זיינען אויך אבגעקוילעט געווארען... מען האט ביי אדלער'ן ארויסגע'גנב'עט דאס געלד פון אונטער'ן מאטראץ . . .

מיר האבען אלע געקלאגט אויף אונזער פערלוסט, מיר האבען חודש געוועזן אדלער'ס דיענסט, א שיקסע, אז זיא האט דאס געלד גע'לקחן'ט, אבער דיא שיקסע האט געוויינט און געשווארען אז זיא וויים נישט פון וואס צו זאגען. אדלער אליין האט זיך און אונז דוקא געוואלט איבערצייגען אז דער פערדאכט אויף דער שיקסע איז בערעכטיגט און ער האט אויסגענוצט זיין גאנצע „ספיריטואַ־ליסטישע" מאכט . . .

צו יענער צייט איז „ספיריטואליזם" געווען א קונץ, אט פונקט וויא פיינטען דיא ביינקלעך אין טהעאטער ביי אונז, און אדלער איז געוועזן א מאדים אין אלע קונצען, האט ער אונז אלע צוזאמענגענומען, אונז אויסגעזעצט ארום א טיש, געהייסען אונז ארויפלעגען אלע דיא הענד אויפ'ן טיש, און אזוי געזאגט:
„ועט דער טיש קלאפען איין מאהל, איז א סימן אז דאס געלד איז גע'גנב'עט פון א היימישען, אבער טאמער קלאפט דער טיש גאנצע דריי מאהל, איז א סימן אז דאס געלד איז גע'גנב'עט פון א פרעמדען".

מיר האבען געפאלגט, געהאלטען דיא הענד אויפ'ן טיש און צו אונזער גרעסטע איבערראשונג, האבען מיר אליין „געזעהען" וויא דער טיש הויבט זיך און מיר האבען אלע „געהערט" — דריי קלעפ, א סימן אז אונזער געלד — איז פערפאלען . . . .

אויך האט אדלער געמאכט מיט זיין „ספיריטואליזם" אז מיר זאלען רעדען צו אונזערע טויטע באבעס... און סאניא און איך האבען אבגענומען א גרוס פון יענער וועלט, אלץ מיט אדלער'ס ספיריטואליזם . . .

אין א פאר טעג ארום צוזעגענען מיר זיך גאנץ פיין, מיר געבען זיך דיא הענד אז אזוי גיך וויא אדלער קריגט אין נויארק א טהעאטער זאלען מיר אויך קומען אהין און שפיעלען ווידער צוזאמען, אדלער וויל גאר אויף קיין אנדער תנאי נישט אוועקפאהרען פון אונז. מיר געבען איהם אונזער פארשפרעכען דארויף און אדלער מיט סאניא'ן פאהרען אוועק קיין נויארק און מיר בלייבען אליין אין

שיקאגאָ, אַליין אויף אונזער אייגענעם „סטאַריזמוס“, דאָס הייסט, מיר וועלען שפּיעלען דערווייל ביז אַדלער וועט אונז דאַרפען אין זיין טהעאַטער אין נויאָרק.

# אונזער ערשטער אויפטריט אין ניו יאָרק

עס זיינען פאַראיבער אַ פּאָר וואָכען זינט אַדלער איז אַוועק פון שי־קאַגאָ קיין נויאָרק. מיר שפּיעלען אין אונזער טהעאַטערל און מאַכען וויא עס איז אַ לעבען.

פּלוצים ערהאַלטען מיר פון אַדלער׳ן אַ טעלעגראַמע מיט געלד, אַז מיר זאָלען למע״ה זאָפאָרט קומען קיין נויאָרק.

דיא טעלעגראַמע האָבען מיר איבערגעלעזען, דאָס געלד האָבען מיר פאַר־נוצט און — מיר בלייבען זיך אין דער הייב, אין שיקאַגאָ, הייסט עס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווידער אַ טעלעגראַמע פון אַדלער׳ן מיט אַ פראַגע „אויב מיר האָבען ערהאַלטען דיא ערשטע טעלעגראַמע מיט׳ן געלד“. מילא, פרע־גען מעג ער דאָך, אָבער מיר זאָלען ענטפערען — דאָס נישט.

ווידער אַ טעלעגראַמע מיט עטליכע פראַגע־צייכענס: „סטייטש, פאַר וואָס קומען מיר ניט???“ אָבער מיר שווייגען. צו וואָס ענטפערן? דאָס געלד האָבען מיר דאָך שוין צוטרענצעלט ס׳י וויא סיי, אַביסעל צום בוטשער, אַביסעל צום גראָסערי־מאַן. טאָ וואָס האָבען מיר צו ענטפערן ? . . .

עס זיינען אַוועק אַזוי עטליכע וואָכען. מיר שפּיעלען טהעאַטער, אָבער מיט וואָס רענט צו בעצאָהלען איז נישטאָ, סיידען גאָט זאָל העלפען אַדלער זאָל אונז ווידער שיקען אַ טעלעגראַמע מיט געלד אויף הוצאות.

אין אַ שעהנעם פינסטערען ביינאַכט, קומט צו אונז אין טהעאַטערל אַריין סאָניא חיימאָוויטש־היינע און צו־וויינט זיך מיט בלוטיגע טרעהרען: סטייטש פאַר וואָס קומען מיר נישט קיין נויאָרק? פאַר וואָס ווילען מיר רואיני־רען אַדלער׳ן? ער שטעהט דאָרט מיט אַ טהעאַטער און קען נישט אָנפאַנגען שפּיעלען אָהן אונז. דיא נויאָרקער אַקטיאָרען ווילען נישט שפּיעלען מיט איהם. ווייל ער איז אַ שטאַרקער קאָנקורענט אי צו כבוד און אי צו געלד. הכלל, מיר מוזען איהם ראַטעווען און גלייך פאָהרען קיין נויאָרק.

דיא שעהנע סאָניא איז, פון ערגערניש, געוועז נאָך פינסטערער וויא דיא נאַכט. אָנגעטהאָן איז זיא געוועזן אין אַ ראָפּער, אָט פּונקט וויא זיא וואָלט זיך

ארויסגעכאפט פון שטוב אין יארד אריין, נישט וויא זיא האט ערשט געמאכט אזא רייזע פון נויארק קיין שיקאגא. זיא האט אויף אונז יעדענפאלס געווירקט און נאך לאנגע רעדערייען נעהמען מיר זיך פאקען צו דער רייזע.

אונזער לענדליידי האט דערשמעקט אז מיר זיינען קינסטלער און ביי קינסטלער איז אלץ מעגליך, אפילו אוועקפאהרען און נישט בעצאהלען פאר דיא פאר מאנאט רענט וואס מיר זיינען שולדיג — איז זיא נישט קיין פוילערקע, אונזער לענדליידי, און זיא פאר׳„לעווי׳״ט אונזער געפעק און אפילו אונז אליין אויך. מען שטעלט ביי אונזער טיר אוועק צוויי געזונדע דעטעקטיווס און מיר קענען פון שטוב נישט ארויסגעהן.

סאניא טעלעגראפירט צו אדלער׳ן אז מיר זיינען אין א „קלעם״. אדלער טעלעגראפירט צוריק א בשורה טובה, דאס הייסט, ער שיקט געלד פער טעלעגראף. מיר בעצאהלען דיא חובות, געזעגענען זיך אפ מיט שיקאגא — און מארש מיט כּזל קיין ניו יארק צו שפּיעלען מיט אדלער׳ן אין זיין „פולס טהעאטער״ (אויף דער אכטער סטריט איז דאס געווען, היינט שטעהט דארט וואנאמייקער׳ס בילדינג).

אין נויארק איז דאן געווען א גאנצע כאפּטע קינסטלער און צוויי טהעא־טערע. איין טהעאטער איז געווען דאס „רומעניען אפערא הויז״ אויף דער בויערי נאהענט צו גרענד סטריט, און דאס צווייטע איז געווען דער דאמאלס שעהנער „טהאליא טהעאטער״, אויך אויף דער בויערי, נאהענט צו קאנאל סטריט.

דיא שוישפּיעלער פון „רומעניען אפערא הויז״ זיינען געווען: מאדאם קעני ליפּצין, רודאלף מאקס, אבא שעהנגאלד און זיין ווייב חיה שרה, סאפיא קארפּ, מאקס קארפּ, ישראל וויינבלאט, מענדעלע אבראמזאהן און זיין ווייב בינע, (דיא איצטיגע מאדאם אבראמאוויטש), מארים פינקעל און מאקס אבראמאוויטש. (מענדעלע אבראמזאהן האט איינענטליך אויך געהייסען אבראמאוויטש, נור צו־ליעב דעם סטאר קאמיקער מאקס אבראמאוויטש האט מענדעלע אבראמאוויטש זיך געמוזט רופען אבראמזאהן).

דיא שוישפּיעלער פון „טהאליא טהעאטער״ זיינען געווען: דייוויד קעס־לער, זיגמונד מאגולעסקא, זיגמונד פיינמאן, דיינא אדלער, פּאלינא עדעל־שטיין, מיסטער און מיסעס טאנצמאן, חיימאוויטש, גאלד, באום און לעאן בלאנק.

מיר זיינען אנגעקומען פון שיקאגא קיין נויארק, גענומען צוזאמען מיט דיא עפּשטיין׳ס גאנצע פיער רומס אויף סטענטאן סטריט, לעבען עללען סטריט,

און מיר מאכען זיך גרייט אַנצופאַנגען דיא טהעאַטער־שלאַכט אין נויאָרק. מיר וועלען קאָנקורירען מיט דיא צוויי טהעאַטערע.

דיא ערשטע פּיעסע שטעלען מיר „אחשורוש אָדער אסתר און המן“, ער־שטענס, ווייל מיר: אַדלער, סאָניא, טהאָמאַשעווסקי און איך, אַלע פיער סטאַרס, הייסט עס, האָבען שעהנע ראָלען, און צווייטענס, איז דיזע פּיעסע געווען דאן פון דיא בעריהמטהייטען, ווייל מאָגולעסקאָ האָט געשפּיעלט אַלס „ויזתא“, דאָס הייסט, אַז „מיר געהען זיי שלאָגען אויף זייער אייגענער טעריטאָריע“ . . .

מיך האָט זעהר געשראָקען אויפצוטרעטען אין נויאָרק אין דער ראָלע פון „ויזתא“. עס איז שטענדיג געפעהרליך נאָכצושפּיעלען אַ ראָלע וואָס אַנאַנדער אַקטיאָר האָט זיך שוין אויסגעצייכענט אין איהר, ובפרט נאָך געהן נאָכשפּיעלען אַזאַ קינסטלער וויא מאָגולעסקאָ!

אָבער אָט איז שוין דיא פאָרשטעלונג און עס העלפט ניט קיין שרעקען זיך, מען מוז שפּיעלען. אַדלער אין זיין ראָלע אַלס „המן“, סאָניא אַלס „אסתר“, טהאָמאַשעווסקי אַלס „מרדכי“ און איך אַלס „ויזתא“.

דאָס „פּולס טהעאַטער“ איז געפּאַקט מיט מענשען. מיר שפּיעלען אָב איין אַקט, דעם צווייטען; איך פיהל אַז מיין שפּיעלען איז נישט אַזוי איבעראַשענד, דאָס פּובליקום פערהאַלט זיך גאַנץ קאַלט צו מיין „ויזתא“ און כאָטש קיינער זאָגט מיר נישט אַ וואָרט, פון דעסטוועגען ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער וויא דאָס פּובליקום זאָגט מיר: „וואָהין קריכסטו, זשאַבע, וויא קומסטו צו „ויזתא“? מיר האָבען שוין געזעהען מאָגולעסקאָ'ן אַלס „ויזתא“, נעהם זיך בעסער צו אַנאַנדער מלאכה וויא טהעאַטער שפּיעלען . . . “

דאָס קאַלטע פערהאַלטען זיך פון פּובליקום, מאַכט מיר פיהלען היים. עס וואַרפט מיר אין אַ פיבער, איך פיהל אַז מיין רואינע איז אונפערמיידליך אין דאָס קריינקט מיך צום טויט. מיר שפּיעלען שוין דעם דריטען אַקט, אָבער דאָס פּובליקום איז געוואָרען איין שטיק אייז, עס יאָגט אויף מיר אַ פראָסט, מיין „ויזתא“ איז אַ דער'הרג'עטער, און איך בין אַ טויטע. איך שפּיעל, איך מאַרטער זיך, — עס געהט נישט, פערפאַלען.

שלום דריקטען אַקט איז דאָ אַ סצענע, וואו איך דאַרף בלייבען אַליין אויף דער ביהנע און זינגען אַ קופּלעטעל. איך זינג מיט אַלע כוחות, איך שוויץ, איך וויל אויסנעהמען ביים פּובליקום; דאָס קופּלעטיל איז מיין לעצטע „קאַנאַנע“, אָבער דאָס פּובליקום איז קאַלט, עס נעהמט זיי קיין „קויל“ נישט... אַדלער שטעהט הינטער דיא קוליסען און איז שוין אונגעדולדיג, ער ווייסט שוין מיין

דורכפאל און ער בורטשעט: „נו, הער שוין אויף קוועטשען זיך, שיקאגא׳ער לבנה מיינע, געה שוין אראב!“ אבער איך האלט זיך פעסט, איך זינג דאס קופלעטעל.

אדלער ווערט אין כעס און הייסט לאזען דעם קוירטען. איך שטעה און זינג, און דער קוירטען קריכט זיך ארונטער פאר מיין נאז. איך קלעהר ניט לאנג און בויג זיך איין, הויב אונטער אביסעלע דעם שווערען קוירטען און קריך מיר ארויס אין פראנט און ענדיג מיין זינגען. אבגעזונגען, וויל איך אראב פון ביהנע און געפין ניט קיין וועג, דער קוירטען איז הינטער מיר; איך מאך נישט קיין שהיות און שפרינג אריין אין סופלער־קאסטען!

דא האט דער עולם דערזעהען מיין געניאלען „טאלענט“ און האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף. עס איז געווארען א ליארעם און א פאטשעריי, מען האט סופלער באקס, אבער סוקסעס האב איך געמאכט.

פון דאן אן האט שוין אפילו מאגולעסקא געמוזט קריכען אין סופלער־באקס, ווייל דאס פובליקום האט געוואלט האבען, אז „ויזתא“ מוז קריכען אין סופלער־באקס, אז ניט, איז מען קיין טאלאנט נישט . . .

מיך שוין נישט געוואלט אבלאזען. איך האב עטליכע מאהל געמוזט קריכען אין סופלער־באקס, אז ניט, איז מען קיין טאלאנט נישט...

# א מלחמה פון „סטארס“

מיין סוקסעס אלס „ויזתא“ איז געווען געוואלדיג גרויס. אלע האבען מיך בעוואונדערט פאר מיין „געניאלען“ איינפאל, וואס איך בין ארייגעקראכען אין סופלער בודקע, אבער קיינער האט ניט געוואוסט אז דאס איז ניט געווען קיין גליקליכער איינפאל, נור אן אונגליקליכער צופאל.

אזוי טרעפט גאנץ אפט; דער צופאל שפיעלט א גרויסע ראלע אין לעבען, און ספּעציעל אין שוישפּיעלערס לעבען אויף דער ביהנע.

נאך׳ן שפּיעלען זיינען אויף דער ביהנע ארויפגעקומען זעהר גרויסע געסט און האבען מיך קאמפּלימענטירט פאר מיין שפיעלען און ספּעציעל פאר מיין „אויפטהו“ . . .

צווישען דיזע געסט זיינען געווען דער דאמאלסדיגער ארויסגעבער פון „פאלקס אדוואקאט“, מייקעל מינץ און זיין פרוי, דיא שוין דאן בעריהמטע קינסטלערין, מאדאם ליפּצין.

איך האב פיעל געהערט רעדען פון מאדאם ליפצין, אבער כ'האב זיא קיין מאהל ניט געזעהען. מיין פרייד איז דארום געווען דאפעלט גרויס ווען אצינד, נאך מיין ערשטען אויפטריט אין נויארק, אין „פולס טהעאטער" האב איך גע־האט דאס פערגניגען באקענט צו ווערען מיט מאדאם ליפצין און נאך געליבט ווערען פון דיזער גרויסער קינסטלערין פאר מיין שפיעלען „ויזתא".

מאדאם ליפצין איז דאן געווען דיא רייכסטע אידישע שוישפיעלערין. זיא האט, אמת, נישט געהאט דאן דיא בריליאנטענע ראלען פון גארדין'ס פיעסען אין איהר רעפערטואר, דערפאר אבער איז זיא געווען בעהאנגען מיט בריליאנטען און דזשולערי.

זיא האט מיר אויסגעוויזען וויא א ליאלקע ווען איך האב זיא דערזעהען צום ערשטען מאהל; נישט הויך, מיט קליינע פיסעלעך און שעהנע שיכעלעך מיט גרויסע קנאפעלעך, גערעדט גיך־גיך און זעהר בע'טעמ'ט, וואונדער־שעהן געקליי־דעט, ריין און ציכטיג, גרויסע דורכדרינגליכע אויגען און זעהר ריהרעוודיג.

אונזער מענעדזשער מאנדעלקערן איז געווען זעהר בעגייסטערט פון אונז און האט אונז צוגעגעבען קוראזש. „קינדער", האט מאנדעלקערן געזאגט צו אונז, „מיר וועלען נאך אבווישען אלע היגע עקטערס, נעווערמיין, א וואנע האבען מיר זיי שוין געמאכט!" (אויף טהעאטער לשון, אז אן אקטיאר שפיעלט בעסער פון א צווייטען, הייסט עס: ער האט איהם „געמאכט א וואנע"...)

פון טהעאטער, נאך'ן שפיעלען, זיינען מיר אלע אוועק אין „באום'ס קאפעע", אין א בייסמענט אויף ברום סטריט. באום איז געווען אן אקטיאר און האט געשפיעלט אין טהאליא טהעאטער, נור אום צו מאכען א לעבען האט ער זיך געהאלטען א „קאפעע". דיא שוישפיעלער האבען איהם פאטראניזירט און אלע פלעגען עסען אין „באום'ס קאפעע". זיינע עסענס האבען טאקע געהאט א „שם". אז אן אקטיאר האט איהם צוגערופען צום טישעל און געוויזען א „פריש" איי פון וועלכען עס האט געזעצט א פארדעכטיגער ריח, האט באום געענטפערט דראמאטיש: „עס, עס, וואס ארט עס דיך? סע וועט דיר שאדען צו דער ראלע? עס!"

אז מיר זיינען אריינגעקומען אין „באום'ס קאפעע", האבען מיר שוין דארט געטראפען דאס גאנצע געזינדעל נויארקער קינסטלער. אלע האבען אויס־געשטעלט דיא אויגען אויף אונז, שיקאגאער קינסטלער; עס האט זיך אנגעהויבען א פארשטעלעניש. ענדליך האט מען זיך אלע אויסגעזעצט ביי דיא טישלעך און זיך גענומען צו דיא פאטראוועס אין „באום'ס קאפעע". מען האט געבראמשקעט

הערינג מיט ציבעלעס, זיך געקוויקט מיט דיא פרישע אייער און פארטרונקען מיט׳ן גוטען טעפעלע קאפעע אדער טהעע. עס איז געווען ליהודים — אמת קינסטלעריש.

אבגעגעסען און אבגעטרונקען, נעהמט זיך איטליכער באצאהלען זיין „ביל". מיין בארים, אבער, רופט צו דעם בעל הבית און הייסט זיך געבען דעם ביל פאר אלעמען, און בעצאהלט פאר׳ן גאנצען געזינדעל.

אלע האבען זיך איבערגעקוקט. דאס גאנצע געזינדעל האט געגאפט און שטילערהייט זיך געשושקעט עפעס צווישען זיך; מיר מאכען זיך אבער ניט ווי־סענדיג, זאגען אדיע צו אונזערע קאלעגען שוישפיעלער, צוזעגענען זיך גאנץ פיין און מיר צוגהען זיך פון „באום׳ס קאפעע", איטליכער אין זיין מקום מנוחה אריין.

געהענדיג מיט מיין מאן א היים, פרעג איך איהם וואס ער איז אזוי פי־לאנטראפיש געווען און בעצאהלט פאר אלעמען, ווען מיר האבען דיא פאר סענט נויטיג פאר זיך אליין געדארפט? אבער מיין מאן ענטפערט מיר: „נישקשה, בוזי, זאלען זיי זעהען, דיא לצים, ווער בארים טהאמאשעווסקי איז!"

עס זיינען אוועק א פאר וואכען, מיר האבען געשפיעלט אין „פולס טהעא־טער". אין מיטען וואך האבען מיר נישט געשפיעלט, בלויז דיא סמעטענע טעג האבען מיר געשפיעלט, דאס הייסט, פרייטאג, שבת און זונטאג. יענע טהעאטערע אבער האבען געשפיעלט אין מיטען וואך אויך, ווייל זיי האבען שוין געהאט צו שפיעלען בענעפיטס פאר סאסייעטים.

איך געה אין „טהאליא טהעאטער" זעהען א קונסט־ווערק מיט׳ן נאמען „קאפיטאל און ארבייט". מען האט מיר אלץ דערצעהלט פון דעם גוואלדאוונעם שפיעלען פון דייוויד קעסלער. איך האב אלץ געהערט זאגען „אי, קעסלער!" בין איך געלאפען איהם זעהן.

איך מוז זיך מודה זיין, אז קעסלער האט מיך דאן גאר נישט איבעראשט. אט דער גרויסער כאראקטער שוישפיעלער, אט דער וואונדערבארער דארשטעלער פון מענשליכע ליידען און פריידען, אט דער אמת׳ער קינסטלער, דוד קעסלער, האט דאן, ווען איך האב איהם צום ערשטען מאל געזעהען אין דער פיעסע „קא־פיטאל און ארבייט" געשריען א ראלע, אבער אזוי גוט געשריען, אויף א „געמבע", און זיך געווארפען אומגעלומפערט, געארבייט מעשים . . .

זעהענדיג דאמאלס דייוויד קעסלער׳ס שפיעלען, בין איך עפעס וויא השוב׳ער געווארען ביי זיך אליין. ווען איך פלעג הערען פון א „בעריהמטהייט",

האָב איך תמיד געטראַכט אַז מ י ר זיינען קאַרליקלעך אין פערגלייך מיט די „בעריהמטהייטען“, נור ווען כ׳האָב געזעהען שפּיעלען קעסלער׳ן דאָס ערשטע מאָהל, האָב איך בעשלאָסען, אַז מיר זיינען אויך קינסטלער, און כאָטש מיר זיינען „פּראָווינץ אַקטיאָרען“, פון דעסטוועגען האָבען מיר זיך ניט וואָס צו שעהמען, מיר האָבען אויך „געמבעס“ און מיר קענען אויך שרייען...

מיר האָבען אָבגעשפּיעלט אין „פּולס טהעאַטער“ א דריי־פיער וואָכען און עס הויבט זיך אָן א קאַמפּף צווישען מיין מאַן מיט אַדלער׳ן.

מיין מאַן וויל ניט כסדר אַלץ שפּיעלען „אידען מיט בערד“ און ער פאָדערט מען זאָל איהם געבען כאָטש איין אויפטריט אין נויאָרק, דאָס הייסט, ער וויל מען זאָל איהם געבען כאָטש איין ראָלע לויט זיין זשאַנר, א ליעבהאַבער ראָלע.

זיין טענה איז א גערעכטע, ער וויל ווייזען פאַר׳ן נויאָרקער פּובליקום אַז ער איז אויך אַן ערשטע קלאַסע שוישפּיעלער, אָבער אַדלער זאָגט: ניין. אַדלער „ראטה“ טהאָמאַשעווסקי׳ן וויא א „גוטער פאַטער“ אַז טהאָמאַשעווסקי זאָל בעסער נישט ריזיקירען מיט אַן ערשטע ראָלע, ווייל ער קען נאָך חלילה דורכפאַלען . . .

טהאָמאַשעווסקי לאָזט זיך נישט נעהמען אויף זיכער און עס ווערט לבּבעדיג צווישען אונזערע צוויי סטאַרס — די שלאַכט פאַנגט זיך אָן.

# אַ פּאַרציע דייטשע סטראַטעגיקע

אונזערע צוויי שטערען, אַדלער און טאָמאַשעווסקי האָבען זיך גענומען דרעהען ארום דער לבנה, דאָס הייסט,ביידע האָבען געוואָלט שפּיעלען די הויפּט־ראָלע, און מען האָט זיך גענומען בוצקען מיט ארגומענטען, ווי צאַפּעס מיט די הערנער.

מיין מאַן האָט גע׳טענה׳ט, ער וויל כאָטש שפּיעלען איין מאָל די הויפּט־ראָליע, זאָל נויאָרק זעהן, אַז ער איז אויך נישט קיין שיפּע זיבעלע, אַז ער איז אויך בערעכטיגט צום טיטעל „סטאַר.“ און אַדלער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ע ר הייסט יאַקאָב אַדלער און ער איז איינער אליין בערייט צו טראָגען די שווערע לאַסט, די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט און איינער אליין האָבען דעם טיטול „סטאַר.“...

מען האָט זיך אַזוי ארומגעאַמפּערט א פּאָאר וואָכען, ביז דער בעל־הבית פון „פּולס טהעאַטער“, דוקא א גוי, א דייטש, האָט זיך אריינגעלעגט אין א שלום. דער דאָזיגער דייטש האָט ארויסגעגעבען דעם פּסק: „נישט מעהר יודי־

שעס טהעאטער!" אין דערזעלבער צייט אָבער האָט ער אוועקגערופען מיין מאַן אין א ווינקעלע און שטילערהייד צו איהם געזאָגט: „הערר טאָמאַשעווסקי, זי מיט איהרע פראו ווערדען שפּיעלען וואס נור זי וואָלען, „זי בלייבען אם פּלאַץ און לאָסען זי דען אַדלער פריי וועק פליהען"...

דיא סטראַטעגיקע פון אונזער דייטש איז געווען ווי געוואונשען, אז וויבאַלד דאָס „פּולס טהעאטער" ווערט צוגעמאַכט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו קריגען זיך, צוגעהט מען זיך טאַקע ווי גוטע פריינד, מיט דער האָפנונג צו קריגען מיט גאָט'ס הילף, ערגיץ א טהעאטער און ווידער שפּיעלען אינאיינעם.

אַדלער מיט סאָניא הײמאָוויטש־היינע זיינען טאַקע אוועק פון „פּולס טהעאטער" און מיר זיינען זיך געבליעבען — ווי דער דייטש האָט געהייסען.

זיינען מיר שוין, הייסט עס, רעגעלע „סטאַרס" אין סאַמע־ראָדנא נויאָרק. מיר שפּיעלען אייניגע פּאָרשטעלונגען, נור אונזער „סטאַק," דאָס הייסט, אונזערע פּיעסען זיינען שלאָבעריג. אונזער באַמבע איז דאָס מייסטערווערק „די חליצה", אָבער קיין פעסטונגען קען מען דערמיט נישט איינגעהמען...

מיר האָבען געהאט אָבצושפּיעלען א בענעפיט פיר די קלאָוקמייקערס, דאָב טהעאטעריל איז געווען געפּאַקט און דער עולם האָט דעמאָנסטראַטיוו ארויסגעוויעזען דיא אנערקענונג צו אונז. מיין מאַן האָט אויך געהאט דעם נחת פּרעזענטירט צו ווערען מיט א מתנה און האַלטען א ספּיטש אַלס דאַנק, וויא א'ן איינגעפונדעוועטער „סטאַר."

דיא מתנה, א גוטער ציגאַר־האַלטער, איז געווען פון דער קלאָוקמייקערס יוניאָן, און איבערגעגעבען צו מיין מאַן האָט עס יוסף באַראָנדעס, וועלכער האָט אויך געהאַלטען א פייערינע רעדע דאַן פון דער ביהנע צו דיא קלאָוקמייקערס.

איך בין דאַן געווען אין זיעבעטען הימעל פאר גליק, דאָס האָט געהייסען אז מיר זיינען אנערקענט געוואָרען פון'ם סאַמע פּאָלק אליין, ווייל באַראָנדעס האָט דאַן געערדט מיט אזא מין ברען, מיט אזא מין פייער, ווי א פּראָפעט, ווי א'ן ערלעזער פון שקלאַפעריי, אז איך האָב געמיינט דאָס גאַנץ נויאָרק איז צור טהיילט אויף צוויי פּאַרטייען, איין פּאַרטיי איז „די קאַפּיטאַליסטישע פּיאָווקע" און די צווייטע פּאַרטיי איז „דאָס פּאָלק."

איך בין דארום געווען העכסט גליקליך וואָס „דאָס פּאָלק" איז מיט אונז, ווייל די אַלע אנוועזענדע אין טהעאטער האָט באַראָנדעס גערופען „ברידער ארבייטער," א סימן, הייסט עס אז קיינער פון „די קאַפּיטאַליסטישע פּיאָווקעס" זיינען נישט געווען דאַן אין פּולס טהעאטער.

באַראָנדעס האָט מיט זיין הארציגען רעדען דאַן געמאַכט אויף מיר אַזא ווירקונג, אז איך בין געווען קאַפּאַבעל צו דערשטיקען „די קאַפּיטאַליסטישע

פיאווקע, וואס סאקט דאס בלוט פון די ארבייטער", א נס וואס כ'האב נישט געוואוסט, וואו אט די „פיאווקע" וואוינט...

איך בין זיכער, אז אלע וואס האבן דאן געהערט באראנדעסען רעדען האבן געפיהלט דעם זעלבען האס צו „די קאפיטאליסטען," ווי איך און עס איז קיין וואונדער ניט; באראנדעס האט געהאט א גוואלדיגע ארטאָרישע קראפט, נישט אומזיסט איז דאן באראנדעס געווען ביי די קלאָוקמייקער, ווי דער עמוד האש ביי די אידען, ווען זיי זיינען אנטלאָפען פון פרעה'ן. ער האט עס פאר־דיענט.

מיר האבען אָבגעשפּיעלט נאָך עטליכע פאָרשטעלונגען אין „פּולס טהע־אטער" און מיין מאן ווערט פּלוצים קראנק. מיר קענען נישט אנגעהן מיט'ן שפּיעלען און דאס טהעאטער שטעהט געשלאָסען.

דערוויל ערהאלטען מיר פון שיקאגא אונצעהליגע בריעף מיט טעלע־גראמעס, אז דיא אידען דאָרט ווילען טהעאטער, מיר זאָלען למע"ה באלד קומען שפּיעלען, ווייל שיקאגא ווארט אויף אונז מיט אָפענע ארמס.

מיר לאָזען זיך לאנג נישט בעטען, פארנעהמען אונזער קינסטלער־משפּחה און מארש צוריק קיין שיקאגא.

אין שיקאגא האבען שוין אויף אונז געווארט גאנצע צוויי מענעדזשערס, די ברידער אייק און היימי רובינשטיין, מיט א סך — פּעסער ביער...

די ברידער רובינשטיין האבען געהאט א סאלון אויף דזשעפערסאָן סטריט און איבער'ן סאלון איז געווען א האלל, „דזשעפערסאָן האלל," און דאס איז פאר אונז אָנגעגרייט געוואָרען אויף צו שפּיעלען טהעאטער.

עס איז אונז אפילו געווען פריקרע צו געהן שפּיעלען אין „דזשעפערסאָן האלל", נאכדעם ווי מיר האבען שוין געהאט געשפּיעלט אין זעלבען שיקאגא אין דעם שעהנעם „סטענדארד טהעאטער," אָבער מיר האבען פארביסען די ליפּען און געמאכט א שווייג — פּרנסה.

מיר האבען אָבגעשפּיעלט א פּאאר וואָכען, עס איז שוין געווען אָנהויב זומער און עס קומען צו אונז אָן געסט פון נויארק.

עס זיינען געקומען: מאָגולעסקא, פיינמאן, ישראל וויינבלאט מיט זיין יונגע טעכטעריל סאבינא און עס איז געוואָרען פרעהליך ביי אונז.

אונזערע מענעדזשערס, די ברידער רובינשטיין קריגען צוריק דעם „סטענ־דארד טהעאטער" און אונזער דאָפּעלט קינסטלער־קאמפּאני פאנגט אָן שפּיעלען.

מיר האבען אויפגעפיהרט מאָגולעסקא'ס רעפּארטואר, ווי „די קאָקעטע דאמען," „דאס פּוילישע אינגעל" און אנדערע מאָגולעסקא'ס סוקסעס־פּיעסען,

די אידען פון שיקאגא זיינען געקומען צולויפען און מיר האבען דערוויל שעהן פראפיטירט.

איך האב דאן נישט געהאט קיין גלייכען צו מיר; קיינער אויף דער וועלט איז נישט געווען אזוי גליקליך, ווי איך, מיין חלום איז מקוים געווארען — איך האב געשפיעלט צוזאמען מיט מאגולעסקא'ן.

זינט איך האב אין פילאדעלפיא געזעהען מאגולעסקא'ן שפיעלען, האב איך נישט אויפגעהערט צו האפען און טרוימען פון דעם גליק, איך זאל דערלעבען שפיעלען צוזאמען מיט דעם קינסטלער מאגולעסקא. דאס איז געווען ביי מיר אן אידעאל און— ענדליך איז מיין אידעאל פערווירקליכט געווארען. איך שפיעל צוזאמען מיט מאגולעסקא'ן.

מיין דאמאלסדיגע פרייד איז נישט צו בעשרייבען, שטעהענדיג מיט מאגולעסקא'ן אויף דער ביהנע, האב איך געפיהלט, ווי איך און די אלע אנדערע שוישפיעלער אונזערע שטעהען לעבען א גרויסער זונן און מיר ווערען בעלויכטען פון איהרע שטראהלען...

מאגולעסקא'ס חן האט נישט נור דאס פובליקום בעצויבערט, נור אויך זיינע מיטשפיעלער אויף דער ביהנע, איך יעדענפאלס האב זיך געפיהלט, ווי אונטער א מאגנעט ווען כ'האב געשפיעלט צוזאמען מיט מאגולעסקא'ן, עס האט זיך געוואלט שפיעלען, שפיעלען מיט'ן גאנצען הארצען, מיט'ן גאנצען פייער פון דער נשמה, שפיעלען צוליעב דעם שפיעלען אליין!

# מארים מארריםאן'ס „אנטפלעקונג"

עס האט לאנג נישט געדויערט און צו אונזער גרויסער קאמפאניע שוישפיעלער אין „סטענדארד טהעאטער", קומען אויך צו פון נויארק, אדלער מיט סאניא חיימאוויטש־היינע.

קיין שעהנערע און בעסערע טרופע אקטיארען קען זיך קיין מענעדזשער נים ווינשען, און קיין שיקאגאער מענעדזשער אודאי נים.

מיר האבען אויפגעפיהרט לאטיינער'ס „דיא פערבלאנזעטע נשמה", טאקי וויא מען שרייבט אין דיא טהעאטער אדווערטייזמענטס, „מיט פראכט און גלאנץ". אדלער אלס „יוחנ'צע", מאגולעסקא אלס „שמואליקעל", פיינמאן אלס „דער אמעריקאנער", טהאמאשעווסקי אלס „אברהמ'עלע", צלאל גרינבערג אלס „שבתאי גולם", מערי עפשטיין אלס „רביצין — דעם שטופעניצער'ס טאכטער", סאניא

היימאָוויטש־היינע אַלס „דיא פערבלאָנזעטע נשמה“ אַליין און איך אַלס „באַ־בעלע“, א. ז. וו.

מיר האָבען געמאַכט א געוואַלדיגען „היט“ מיט אונזער „פערבלאָנזעטע נשמה“. מיר האָבען אַזוי אַריינגעשפּיעלט אַלע אינאיינעם ביז העט־העט אין דיא גרויסע היצען און גאָר נישט געטראַכט אַפּילו עס זאָל ח"ו צושמאָלצען ווערען אונזער „פערבלאָנזעטע נשמה“...

אָבער דיא שרעקליכע הייסע זומער־זונן האָט שטאַרק צו־וואַרימט אונ־זערע קונסט־פויגעלעך און זיי זיינען זיך ביסלעכוויז צופלויגען פון אונז. מיר זיינען ווידער געבליעבען די אַליין־הערשער איבער דער אידישער טהעאַטער־קונסט אין שיקאַגאָ.

עס איז שוין אודאי געווען אַרום ענדע דזשוליי, ווען דיא זונן ברענט אַם שטאַרקסטען, און קיין טהעאַטער שפּיעלען ווילט זיך נישט אַפּילו די אַרימסטע קינסטלער, אָבער מיר זיינען געווען צו שטאַרק אָנגעלאָדען מיט „טאַלאַנט און קונסט“ און מיר האָבען זיך געמוזט אויסשפּיעלען, אַניט וואָלט פאַר אונז געווען געפעהרליך, אונזער טאַלאַנט וואָלט נאָך חלילה געקענט עקספּלאָדירען . . .

האָבען מיר אַלזאָ געשפּיעלט טהעאַטער אַפּילו אין דיא גרויסע היצען. טרעפט זיך אַזאַ מין געשיכטע :

אין איין שעהנעם טאָג, אָדער, אום צו זיין קאָרעקט, אין איין שעהנעם אָבענד קומט צו אונז אין טהעאַטער אַריין א געהיימניספאָלע פערזענליכקייט...

עס קומט אַריין אַ מאַן, וואָס זעהט אויס, וויא עטליכע מענער צוזאַ־מענגענומען. הויך איז ער, אודאי איבער זעקס פוס, כעסט געבויט, מיט ברייטע גלייכע פּלייצעס און א ברייטע ברוסט, גרויסע טיעפע אויגען מיט אַ שאַרפען דורכדרינגליכען בליק, אַ שעהן עלעגאַנט פּנים מיט ווייכע אָבער זיכערע ליניען, וויא פון שטיין געהאַקט, מיט אַ גרויסע שטאַרק־שווארצע באָרד און מיט א גרוי־כען גלאַטען קאָפּ.

ער קומט נעהנטער צו אונז, מיט דער ווייכער העט אין האנד געקנייטשט, ווענדעט ער זיך צו מיין מאַן און רעדט מיט א געבראָכענע שטימע אין וועלכע עס הערט זיך פון צייט צו צייט קלאַנגען וויא פון א לייבען קול, אָבער ער אונ־טערדריקט קונציג דיא קלאָהרע טענער און רעדט כמעט גאַנץ געבראָכען.

„ליעבער הערר דירעקטאָר — זאָגט ער צו מיין מאַן אין אַ דיאַלעקט וואָס איז עפּעס אי דייטש, אי אידיש צונויפגעמישט — איך ביטע זיא, מיין נאָמען איז דאַווידזאָהן, איך בין איין אָרמער קערל און בין גאַנץ געשטראַנדעט

היער אין דעם אמעריקא, האט רחמנות, ליעבער הערר דירעקטאר, און גיבען זיא מיר עטוואס צום פערדיענען ביים יודישען טהעאטער".

מיין מאן, וויא איך און דיא אלע וואס זיינען דערביי געוועזן, קוקט מיט נייגעריגקייט און פערוואונדערונג אויף דעם מאדנעם פארשוין, און שווייגט.

אונזער גאסט'ס קליידונג איז אויך געוועזן עפעס מאדנע. אן אלטער פאר־מער סוט, ערטערווייז צוריסען, און ביי זיין האלז האט זיך פון דעם צוכראס־טעטען אויבער־העמד ארויסגעזעצען זיידענע אונטערוועש... זיינע הענד, כאטש זיי זיינען געוועזן ברוין פון דער זונן, האבען דאך געצייגט אז דאס זיינען ארים־טאקראטישע הענד.

מיר זיינען אלע איבערראשט פון אונזער מאדנעם גאסט.

מיין מאן פרעגט איהם נאך אמאהל זיין נאמען און ער ענטפערט ווידער: „דאווידזאהן איזט מיין נאמען".

איך געדענק ניט אקוראט וואס פאר א מין „שטעלע" אונזער דירעקטאר האט דאן געגעבען דעם מיסטער דאווידזאהן, אבער מען האט איהם געגעבען עפעס צו פערדיענען, וויא ער האט אליין געוואונשען.

מיר האבען נישט אויפגעהערט צו וואונדערן זיך איבער דעם מערקוויר־דיגען מיסטער דאווידזאהן; אלערליי סברות זיינען ביי אונז געבוירען געווארען. מיר האבען איהם געמאכט פאר א פערוואגעלטען פרינץ, א פערשיקטען קעניג, א באנקראטירטען מאגנאט, איינער פון דיא פערלוירענע ניין־און־א־האלב שבטים, און אפשר, ווער ווייס, עס קען זעהר געמאהלט זיין, אפשר איז ער גאר א „לאמעדוואוניק" ? . . .

א קשיא אויף יענע חברה ! . . .

נאר באלד האבען מיר גאר אנגעהויבען צו שרעקען זיך פאר אונזער מיסטער דאווידזאהן. אין טהעאטער, ביי פראבען, האבען מיר נעמליך באמערקט, וויא אונזער מיסטער דאווידזאהן קריצט אפט מיט דיא ציינער בשעת מיר מאכען פראבע אויף דער ביהנע, און ער ווארפט מיט דיא הענד און רעדט צו זיך אליין מיט א שרעקליכען כעס: „ניכט זא! אך, צום טייפעל!..."

רבונו של עולם, וואס איז דאס פאר א מין אנשיקעניש? ווער איז דאס, אט דער דאווידזאהן? און וואס געפעלט איהם אזוי נישט אונזער פראבע מא־כען? וואס ווייסט ער פון טהעאטער ? . . .

ניט אנדערש, א „לאמעדוואוניק"!...

אונזער נייגעריגקייט צו וויסען עפעס פון אט דעם מאדנעם דאווידזאהן

האט איבערשטיגען אלעס, און מיר האבען בעשלאסען — איינמאהל פאר אלע מאהל מען מוז דערגעהן ווער ער איז. אלערליי קונציגע מיטלען האבען מיר אנ־געווענדעט, אבער מיר האבען דאך גאר נישט געקענט ארויסקריגען פון איהם. „מיין נאמען איזט דאווידזאהן" און — באסטא.

איינמאל, איז דרויסען לעבען אונזער טהעאטער געווען א געשלעג, צוויי עקספרעסלייט האבען זיך געשלאגען, איינער איז געווען א איד און דער צווייטער א גוי. ארום שטעהט א רעדעל מענשען און קוקען גלייכגילטיג צו דער פארשטעלונג. אונזער דאווידזאהן איז אבער שנעל אריינגעשפרונגען צווישען דיא שלעגער און האט דעם גוי געמאכט — אויף אלע שלעכטע גוים געזאגט געווארען, ער האט איהם געפאטשט און געקולאקט וויא אין א „פאנטשינג בעג", דער גוי האט זיך באגאסען מיט בלוט, ער איז געוועזן קוים א לעבעדיגער ווען ער איז ארויסגעפאלען פון אונזער דאווידזאהן'ס הענד.

און ווען אונזער דאווידזאהן האט שוין געהאט גענוג, ווען דער גוי איז שוין געלעגען א צו'ממית'טער, האט דאווידזאהן איהם אויפגעהויבען, איהם צו־געפיהרט צו זיין עקספרעס און מיט'ן צייגע־פינגער אין פנים אריין, האט ער ארויסגעדונערט אויף א קול וויא א ווילדער לייב:

„דו, שוויין, ווירסט שאן קיין יודען ניכט שלאגען מעהר!"

דא איז שוין פאר אונז מעהר קיין צווייפעל ניט געווען, אז דאווידזאהן איז פון „יענע חברה," פון די „ל"ו" צדיקים, א סימן, אז ער נעהמט זיך אן פאר א אידען ווען א גוי שלאגט איהם, און פעטש גיט ער — אויך נישט וויא א פראסטער מענש . . .

מיר האבען אלע גרויס דרך ארץ געקראגען פאר איהם.

נאך'ן געשלעג, נאך זיין גרויסען זיעג וואס ער האט געוואונען אין אלע־מענס אויגען, איז אונזער דאווידזאהן געווארען גוטמוטהיג און זעהר צוגעלאזען צו אונז: אויסערגעוויינליך פריינדליך איז ער געווארען און האט גערן גערעדט מיט אונז, זיך פארענטפערט, אז ער האט נישט געמיינט דעם ארעמען גוי אזוי צו שלאגען, אבער ער האט נישט געקענט צוזעהן וויא דער שוואכער איד ווערט געשלאגען, ווייל: ער זעלבסט איזט אויך יודע, האט ער אונז ערקלעהרט. און זיין אמת'ער נאמען איזט, משה קאהן, נור, האט ער ליעבליך געשמייכעלט, „אויף דער דייטשער ביהנע איזט מיין נאמען מ א ר ר י ס ס א ן".

# דיא מאריס מאריסאָן געהיימניס

מיר זיינען געבליבען אלע שטיל. פון גרויס ערשטוינונג האָבען מיר קיין ווארט נישט געקענט אויסריידען, און אונזער „דאַווידזאָהן" האָט ווידערהאָלט מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל: „יא , יא, מאָרים מאָריסאָן איזט מיין נאמען אויף דער דייטשער ביהנע". דערביי האָט ער שטאָלץ און שפּאַסהאַפט זיך גע־גלעט זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד.

מיין מאַן האָט געוואוסט, אַז אויף דער דייטשער ביהנע איז דאָ אַ בע־ריהמטער שוישפּיעלער מיט'ן נאָמען מאָריסאָן, ער האָט פון איהם געהאַט געלעזען אין דיא צייטונגען, אָבער אז דער שיקזאל זאָל אָט דעם גרויסען שוישפּיעלער ברייננגען צו אונז קיין שיקאַגאָ, און נאָך אויף אַזאַ מין זאָנדערבאָרען אופן, דאָס איז פאַר אונז געווען אַ מורא'דיגע איבעררּאַשונג, און ווען ער האָט אונז שוין גע־זאָגט אז ער הייסט מאָרים מאָריסאָן זיינען מיר ערשט אויפ'ס־ניי געוואָרען אין צווייפעל.

אָבער מאָריסאָן האָט אונז דערצעהלט דיא גאַנצע געשיכטע וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט, און מיר זיינען געוואָרען איבערצייגט אַז מאָריסאָן איז טאַקע מאָריסאָן און נישט קיין „לאַמעדוואָווניק", ווי מיר האָבען פריהער געמיינט. ער האָט אונז דערצעהלט, ווי אזוי דירעקטאָר האַמבורג (דער דאַמאָלסדיגער מענע־דזשער פון נויאָרקער דייטשען טהעאַטער) האָט איהם געבראַכט פון וויענער „בורג טהעאַטער" קיין נויאָרק צו שפּיעלען אין „אוירווינג פּליים טהעאַטער".

נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעשפּיעלט זיין טערמין אין נויאָרקער דייטשען טהעאַטער, איז ער אַוועק אויף דער „ראוד". געלד האָט ער פאַרדיענט אַ סך, אָבער ער האָט אַ סך פאַרספּענדט און, מען איז דאָך אַ לעבעדיגער מענש און נאָך אַן ארטיסט אויך. מען איז דאָך יונג, געזונד, פריש און מונטער—הכלל, איז ניטאָ קיין געלד. אַ פּראָסטער בשר ודם וואָלט אין אַזאַ פּאַל פּרובירט מאַכען אַ פּאָאָר כּענט ביי זיין פּראָפעסיאָן, אָבער אַן אַקטיאָר דאַרף דאָך טהוען אַזעלכעס, וואָס מען זאָל קענען דערצעהלען שפּעטער צווישען קאָלעגען שוישפּיעלער, עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיין אייגענאַרטיגעס, קינסטלערישעס.

און אזוי איז מאָריסאָן, אנשטאָט געבען אַ פאָרשטעלונג און מאַכען וויע־דער עטליכע הונדערט דאָלאר מיט אמאָל, געוואָרען בעסער אַ פּראָסטער ארביי־

טער אויף א פארם ארום שיקאגא. דערפאר האט ער זיך אויך פערלאזט א בארד, כדי מען זאל איהם נישט דערקענען.

מיין מאן איז גלייך מיט איהם אוועק צום מענעדזשער פון דייטשען „הולום טהעאטער" אין שיקאגא, איהם פארגעשטעלט הערין מאריס מאריסאן. דער מע־נעדזשער האט, דערהערענדיג דעם נאמען, זיך טיעף פארנייגט, כאטש קוקענדיג אויף מאריסאן'ס בארד און צוריסענעם אנצוג, האט מען געזעהן ווי ער צווייפעלט שטארק אין דעם מאדנעם מאריסאן...

אין א פאאר טעג ארום איז צו אונז אריינגעקומען א דזשענטעלמאן, אויס־געפוצט ווי א פרינץ; אוים בארד, מיט א גאנץ שעהן סטריזשקעלע אויפ'ן קאפ, א ברייטע פעלירינע איבער די אקסלען, מיט א שעהנעם שטאק און צילינדער־הוט. כייר האבען איהם נישט דערקענט, אבער דאס איז געווען טאקע אונזער מאריס מאריסאן. דער שוישפיעלער פון וויענער „בורג טהעאטער."

אין א פאאר וואכען ארום איז מאריסאן אויפגעטראטען אין דייטשען טהעאטער אין דער פיעסע „די צוויי פארטנערס" און האט געמאכט א געוואלדי־

ביי אונז אין שטוב איז ער געווען וויא ביי זיך אין דערהיים. ער האט ליעב געהאט היימיש־אידישע מאכלים און פלעגט באשטעלען ביי מיין שוויגער, זיא זאל אפט קאכען קרעפלאך, בארשטש און אנדערע גוטע פאטראוועס. מאריסאן פלעגט דערפון שטארק הנאה האבען, ממש געלעקט די פינגער.

אין שטוב ביי אונז איז געווען פרעהלאך און לוסטיג צוליעב אונזער טהייערען קאלעגע און ליעבען פריינד מאריסאן. ער פלעגט נעהמען מיין קינד, אסתר'לען, און שפאציערען מיט איהר איבער'ן גאס אנגעטהון אין סטאוו־פייפ און פעלירינע; מען פלעגט איהם נאכלויפען וויא נאך א קיסר און שרייען: „בראוואָ מאריס מאריסאן!"

עס איז שוין געווען סוף זומער, דאס הייסט, אנפאנג פון טהעאטער־סיזאן. מיר האבען געפלאנעוועט צו פאהרען קיין סאן פראנציסקא, אבער ס'האט זיך דערפון אויסגעלאזען א בוידעם, פונקט ווי פון טויזענדע אנדערע פלענער ביי אידישע אקטיארען.

עס האט אונז גענומען אנקומען בריעף מיט טעלעגראמעס פון נויארק; כען שרייט ממש געוואלד. מען מוז אונז האבען אין „רומעניען אפערא הויז."

מען האט אונז צוגעזאגט גאלדערנע בערג, אלערליי גליקען, געפרואווט חנפ'ענען אונזערע קינסטלערישע געפיהלען, שרייבענדיג אונז אז אונזער נאמען

און געוואלדיג גרויס. דאס גאנצע נויארקער ארבייטער פאלק לעכצט נאך אונזער קונסט, הכלל, מיר זאלען זיך שוין איינפאקען און קומען קיין נויארק.

מיין מאן איז שוין דאן אבער נישט געווען קיין פריץ אין טהעאטער לעבען, ער האט שוין דאן גוט געוואוסט וואס פיר א ווערדע עס האבען דיא קאמפלימענטען פון דיא אידישע עקטערס און אידישע טהעאטער מענעדזשערס.

ער ענטפערט זיי א בריעף, און רעכענט אויס עטליכע טוץ פונקטען, און פערלאנגט פון דיא הערען קאלעגען פון „רומעניען אפערא הויז," אז זיי זאלען אויסמאכען א קאנטראקט ארייגשרייבענדיג אט די אלע זיינע פונקטען, און אלע מענעדזשערס זאלען זיך אונטערשרייבען, ערשט דאן וועט ער קומען צו זיי.

נאך עטליכע אזעלכע ליעבעס בריעף, ערהאלטען מיר א „קאנטראקט" פון נויארקער „רומעניען אפערא הויז," מיט אלע גוטע פארשפרעכונגען, און א בערזיכערונג אז מיר ווערען אנערקענט אלס „סטארס" און וועלען זיך צעהלען גלייך מיט אלע אנדערע סטארס פון „רומעניען אפערא הויז," און מיר וועלען האבען א סך כבוד אין נויארק, אזוי פיעל כבוד אז מיר וועלען האבען גענוג אויף קינדס־קינדער צו בעטהיילען... אונטערגעשריעבען אויפ'ן „קאנטראקט" זיינען געווען : פינקעל, מאקס, לעטיינער, ליפצין, קארפ און אבא שעהנגאלד.

אצינד, אז מיר האבען שוין דיא כתיבה וחתימה טובה, דאס צעטעל מיט נעמען הייסט עס, ווילען מיר ערשט א קליינע קלייניגקייט, זאגט מיין מאן, דהיינו, מיר ווילען האבען הוצאות הדרך. פשוט גערעדט, מיר ווילען אז „רומעניען אפערא הויז" זאל אונז ארויסשיקען געלד אויף רייזע־קאסטען פאר אונזער גאנצער קינסטלער משפחה.

ווייטער איז אוועק א ליעבעס קארעספאנדענציע צווישען שיקאגא און נויארק, דאס הייסט, צווישען מיין מאן און די דירעקטארען פון „רומעניען אפערא הויז", אבער אויסגעפיהרט האבען מיר, פארשטעהט זיך, ווייל מען האט זיך זעהר געגויטהיגט אין אונז, נישט אזוי פיעל אין מיין מאן'ס שפיעלען ווי אין מיינעם, ווייל זיי האבען נישט געהאט קיין סוברעטין שוישפיעלערין. מיט דער סוברעטין פון „רומעניען אפערא הויז" איז דאן געשעהן אן אומגליק, זיא איז, ניט פאר קיינעם געדאכט, פאראליזירט געווארען, און שפיעלען טהעאטער אין יענער צייט אהן א סוברעטין האט געהייסען ווי א חתונה אהן א כלה.

מען האט אונז אלזא געשיקט אויף הוצאות. מיר האבען איינגעפאקט אונזער ביסעל ארימקייט און מארש אוועק פון שיקאגא, אום צו זיין אמת'ע „סטארס" אין נויארק אין „רומעניען אפערא הויז".

# אין קעסעל־גרוב פון טהעאטער פאליטיק

מיר זיינען אנגעקומען פון שיקאגא בשלום קיין נויארק.

רודאלף מאקס האט אונז אפגענומען פון דיפא און אונז געבראכט אין אונזערע אייגענע „אויסגעפארנישטע" רומס וועלכע ער אליין טאקע האט פאר אונז אנגעגרייט.

דיא דאזיגע וואהנונג אונזערע איז געווען אין 120 פארסייטה סטריט, אויפ'ן טאפ פלאר פון אן אלטע אלטמאדישע הויז. צו דיא פיער רומס וואס מיר האבען געקראגען אויף אט דעם טאפ פלאר אין 120 פארסייטה סטריט, האבען מיר נאך געקראגען א צוגאב, א בארגיין, א „סעפרעט" רום — דאון־סטערז, אין יארד...

דיא רומס זיינען געווען נישט איבעריג גרויס און נישט קיין צו שטארק ליכטיגע. דערפאר אבער איז אונזער משפחה געווען, קיין עין הרע, א גאנץ היבשע.

איך מיט מיין מאן מיט אונזער אסתר'לען, האבען מיר פערנומען איין רום. דיא וואנד האבען מיר שעהן אויסגעציהרט מיט אלערליי קעניגליכע — שמאטעס און פרינצליכע מונדירען וואס מיר האבען נויטיג געהאט פאר אונזער פראפעסיע, טהעאטער שפיעל.

דיא צווייטע רום האט פארנומען מיין שוויעגער מיט דיא קינדער עממא, איזי און עני. מערי עפשטיין מיט'ן מאן און זייער קינד האבען „בעוואוינט" דעם לאנדזש אין „פאלע"... און מייק מיט דזשאו'ן, מיין מאן'ס ברידערלעך האבען „בעוואוינט" דעם פלאר אין „פאלע"...

דיא קיטשען אונזערע איז געווען קליין געוואקסען, פוסט און פינסטער. דערפאר האבען זיך דא אויפגעהאלטען אלערליי געלע ברואים...

דיא שוויגער מיינע האט באלד גענומען שרייען אז ס'איז איהר צו שווער צו אטענדען „דאס הויז" און מיר האבען געמוזט צונעהמען א דיענסט מיידעל. נור אזוי וויא עס איז נישט געווען קיין עקסטרא פלאץ פאר א דיענסט־מיידעל, האבען מיר געמאכט א נוץ פון דיא „וואשטעפ" (וואש־טאבס) און געמאכט אויף זיי א געלעגער פאר אונזער דיענסטמיידעל. מעשה שטן איז דיא מיידעל געווען א לאנגליכע און איהרע פיס האבען געמוזט ליגען אין סינק...

שוין געווען איינמאל א וואוינונג אונזערע אין 120 פארסייטה סטריט. דערפאר האבען מיר אבער געהאט פיעל כבוד פון אונזער לענדלארד, א איד וואס האט געהייסען מר. שפיעגעל. ער האט זיך דערוואוסט אז מיר זיינען אידישע עקטארס, פלעגט ער אונז אלע ווייליע קומען בעטען „א פעסס צו דער שפיעל." אלע טאג, אמאל צווייי, דריי איז ער זיך געקומען צו אונז נאך א פעס; פאר א קאזין, א שוואגער, א מוהמע, א זיידע — ביז מיר האבען זיך דערוואוסט אז דאס גיט ער אונזערע פעסעס אלס א מין „פרעמיום" צו זיינע טענענטס...

רודאלף מאקס האט אונז איינגעלאדען צו זיך אויף סאפער, דעמזעלבען אבענד וואס מיר זיינען אנגעקומען קיין ניו יארק. מאקס האט דאן געוואוינט אויף הענרי סטריט, דיא דאמאלסדיגע פיינסטע עוועניו פון דער איסט סייד. ער האט מיט זיין פרוי בעוואוינט שעהנע פינף רומס; מיר האט זיך אויסגעוויעזען אז מאקס איז א קעניג און וואוינט אין א פאלאסט. ווען מיר זיינען אריינגעקומען צו איהם אין הויז, אין פערגלייך מיט אונזער וואוינונג האט זיך מיר געמעגט אזוי אויסוויזען.

ביים סאפער האבען מיר אלע גערעדט פון טהעאטער, פארשטעהט זיך, וועגען אונזערע אויסזיכטען אין ניו יארק אלס צוקונפטיגע סטארס פון „רומעניען אפערא הויז". און מאקס האט אונז געזאגט א ווארט פאר וועלכען איך האב זיך אזוי דערשראקען, אז איך האב אזש געוואלט פאהרען צוריק קיין שיקאגא, כאטש דעם זעלבען אבענד.

דאס שרעקליכע ווארט וואס מאקס האט געזאגט, האט געהייסען, „פאליטי־קע". ער האט אונז דערצעהלט, אז אין דיא ניו יארקער טהעאטערע געהט אן א קאנקורענץ און מען דארף וויסען ווי זיך צו האלטען, מען דארף וויסען ווי אנצוגעהן מיט דער אידישער טהעאטערוועלט. ווייל, האט ער געזאגט, דיא ניו יארקער טהעאטער־וועלט איז אנגעפיקעוועט מיט „פאליטיקע"...

דערפאר האט ער אונז געגעבען אן עצה, מיר זאלען זיך „האלטען שטייף". וואס דיא געהיימע ווערטער „פאליטיקע" און זיך „האלטען שטייף" מיינען, האב איך טאקע נישט פערשטאנען, אבער געשראקען האבען זיי מיך ווי בייזע גייסטער.

אויף מארגען געהען מיר אין טהעאטער, אין „רומעניען אפערא הויז".

איך געה און דאס הארץ טיאכקעט מיר פאר פחד. עפעס א קלייניגקייט, „פאליטיקע!"...

אין טהעאטער האבען מיר שוין געטראפען דיא גאנצע קאמפאניע שוי־שפיעלער, אלע בעטראכטען אונז ווי עפעס מאדנע „העכט", אין פיעלע אויגען

פון דיא קאלעגען־שוישפיעלער מערקט זיך שנאה און קנאה און באלד געפי־נען מיר אוים א נייעס, וואס פערטשמעליעט אונז, ווי מיט א האמער, די קעפּ.

מיר געפינען נעמליך אוים אז שוין דעמזעלבען אבענד מוז מיין מאן אויפ־טרעטען אין א פיעסע און שפיעלען א פעראנטווארטליכע ראלע.

מיין מאן נעהמט טענה'ן: סטייטש, וואס הייסט געהן שפיעלען? נישט אנאנסירט, נישט קיין פּראבע געמאכט, וואס הייסט, שוין שפיעלען? וואו זיינען דיא פונקטען פון'ם גע'חתמ'עטען קאנטראקט?...

עס ווייזט זיך ארויס, אז אבא שעהנגאלד, דער ליעבהאבער ראליסט, איז ברוגז געווארען פאר וואס מען האט געבראכט א נייעם „ליעבהאבער" און אבא וויל שוין, דעמזעלבען אבענד טאקע, ניט שפּיעלען מעהר, ער סטרייקט, — כאטש שפּיעל דיא פּיעסע אהן א ליעבהאבער.

מיין מאן קווענקעלט זיך, זוכט יושר. דער דאמאלסדיגער קעניג פון דער אידישער ביהנע, פינקעל, מיט זיינע גרויסע, ביסטרע אויגען, טהוט נור א קוק, רעדט קיין סך, ער זאגט נור: „מיסטער, איהר מוזט שפּיעלען!" און פערפאלען, מיין מאן מוז דעם אבענד שפּיעלען.

דיא פּיעסע וואס מען האט בעדארפט שפיעלען איז געווען „דוד בן ישי", א „זאך" וואס מיר האבען דאס שוין אמאל געהאט געשפּיעלט אין פילאדעלפיא. מיין מאן נעהמט דיא ראלע, לערענט איין וויפיעל נור מעגליך דיא פּראזא און דיא מיוזיק, מאכט זיך גרייט צום ערשטען אויפטריט, כאטש ער איז נישט אנאנ־סירט.

מיך האט דאס אזוי פערדראסען, אז כ'האב אזש געוויינט פאר כעס. איך האב נישט געקענט פערשטעהן, ווי האנדעלט מען דאס אזוי צו אן אייגענעם קאלעגע? דאכט זיך, נאך די בריעף מיט דיא טעלעגראמעס וואס מען האט צו אונז געשיקט אין שיקאגא, מיט דיא פארשפּרעכונגען אז מיר זאלען למע"ה קומען קיין ניו יארק, מיט דעם גע'חתמ'טען קאנטראקט, וואו עס איז בפירוש געשריבען אז מיר זיינען „סטארס", צום סוף דארף מיין מאן אויפטרעטען גישט זייענדיג אדווערטייזט און אפילו נישט געגוג פּארבערייטעט. טאמער מאכט ער חלילה, א דורכפאל?

איך האב זיך באגאסען מיט טרעהרען פאר פערדרוס. אצינד האב איך גע־נומען בעגרייפען, וואס דאס שרעקליכעווארט „פּאליטיקע" מיינט; איך האב געהאפט, ס'זאל געשעהען א נס, באדאי א שרפה זאל קומען ביז נאכט אויפ'ן

טהעאטער, אבי מיין מאן זאל נישט דארפען געהן שפיעלען און ליידען אן אומ׳כבוד.

אבער עס איז נישט געשעהן קיין נס, עס האט נישט פיעל געדויערט ביז ס׳איז צוגעפאלען דער אבענד און מיין מאן מוז געהן שפיעלען דעם העלד אין „דוד בן ישי.“

און, ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, עס קומט דיא אונפערמיידליכע „בולבע“ פון וועלכע אי דיא שוישפיעלער און אי דאס פובליקום האבען א געלע־גענהייט צו לאכען...

# טהאמאשעווסקי׳ס דייטש — נעביך

באלד, באלד, געהט אויף דער קוירטען, באלד מוז מיין מאן ערשיינען פאר׳ן פובליקום און שפיעלען א ראלע אהן א פראבע אפילו, באלד וועלען מיר וויסען אויב מיין מאן וועט האבען א סוקסעס אדער חלילה א דורכפאל.

אוי, דאס ווארט „דורכפאל“! וויפיעל געזונד און לעבען אט דאס שרעקליכע ווארט רויבט אוועק ביי א שוישפיעלער. ווער האט דאס אויסגעטראכט אט דאס שרעקליכע ווארט דורכפאל?

מיין מאן טהוט זיך אן און גרימירט זיך, מאכט זיך גרייט אויפצוטרעטען דאס ערשטע מאהל אין „רומעניען אפערא הויז“.

דאס דאזיגע „אפערא הויז“ איז געווען „פאכאזשע“ אויף אן אנשטענדיגען שטאל. א קליינע בלאטיגע „לאבי“, אין מיטען א פענסטערל צום פערקויפען טיקעטס, אין איין זייט א טהיר, דער אריינגאנג אין סאלון אריין, לעבען פענ־סטערל ביים זייט נאך א טהיר, וואס האט אריינגעפיהרט אין סאמע ארקעסטער אריין פון׳ם טעמפעל דער קונסט, אינעוויייניג איז דאס דאזיגע „טעמפעל“ געווען שמאל און לאנג וויא א „זייטען געסעל“ אין פילאדעלפיא. איין באלקאני מיט צוויי באקסעס, רחמנא לצלן, האט אויך פארמאגט דאס „רומעניען אפערא הויז“.

איך שטעה לעבען מיין מאן בשעת ער גרימירט זיך און מיין הארץ ווערט שיער ניט צושפרונגען פון שרעק. איין געדאנק עגבערט מיין מוח, בעסער גע־זאגט, איין ווארט, דאס ווארט „דורכפאל“.

מיין מאן איז אויך גוט נערוועז, אבער ער זעהט וויא איך ערגער מיך און ער טרייסט מיך. נישקשה, ער וועט זיי באלד ווייזען וואס ער קען. מיר זיינען

דאך עפעס אויך עקטערס, מיר האבען דאך שוין געשפּיעלט אין גרעסערע, שעה־נערע טהעאטערע וויא דאס „רומעניען אפּערא הויז“.

וויא פיעל מיר איז נור מעגליך, גיב איך איהם צו קוראזש, בעט איהם ער זאל זיך נישט פארלירען, זיך האלטען מוטהיג און שפּיעלען אהן מורא.

עס אז שוין בלויז עטליכע מינוטען בעפאר׳ן שפּיעלען. איך לאז מיין מאן אין דרעסינג רום און געה אריין אין טהעאטער. איך זעץ מיך אין א „באקס“ און בעטראכט דאס פובליקום אין טהעאטער.

עפּעס קומט עס מיר פאר אזוי וואכעדיג, גאר נישט אזוי וויא דאן, ביי אונזער ערשטער פארשטעלונג אין שיקאגא. דארט זיינען אין טהעאטער געזעסען דאמען און הערען און דא זיצען אין טהעאטער — אידען מיט אידענעס... מען קייעט עפּעל, מען קנאקט פינאטס און אלע וויילע דערהערט זיך א שאס פון א באטעל סאדא־וואסער. עס דערמאהנט מיך אין אונזער „ביער־האלע“ אין פי־לאדעלפיא בשעת מיין שוויגער איז געוועזן דיא מענעדזשעריכע.

דיא מוזיק שפּיעלט שוין דיא „אווערטיורע“. אט באלד געהט אויף דער קוירטען.

לעבען מיר אין באקס זיצט דער קאמיקער מאקס אבראמאוויטש פון טהא־ליא טהעאטער. מיר רעדען פון מיין מאן׳ס אויפטריט אהן א פּראבע אפילו. מאקס אבראמאוויטש רעדט מיר אויס דאס הארץ, אבער ער גיט צו אז טהאמאשעווסקי האט נישט געטארט געהן שפּיעלען אהן א פּראבע פאר אזא עולם אין נויארק אין רומעניען אפּערא הויז, און ספּעציעל ווען מען האט איהם נישט אנאנסירט אפילו, אבער וואס זאל מען טהאן? זאגט אבראמאוויטש, עס איז נויארק, עס איז פּאליטיקע.

דאס ווארט „פּאליטיקע“ איז מיר פארגעקומען וויא עפּעס א מאנסטער מיט טויזענד אויגען. איך קוק אויפן פובליקום, אויף אבראמאוויטש׳ן, און אויף דעם קוירטען וואס פארשטעלט די ביהנע און איבעראל זעה איך שוועבען דאס ווארט פּאליטיקע, וויא א שרעקליכע במארע פאר א געפעהרליכען שטורעם. עס לאזט מיך ניט איינזיצען, איך פיהל אז מיין מארך צינדט זיך מיר אן. איך לויף ארויס פון באקס און שפּאציר אום אין טהעאטער.

עס ווערט פינסטער. דער קוירטען געהט ארויף און די שפּיעל פאנגט זיך אן.

איך הער מיך צו צו דיא שוישפּיעלער. איך הער — דייטש! אלע רעדען „דאטש“. קארפּ רעדט דאטש, סאפיא קארפּ רעדט דאטש, רודאלף מאקס אפילו רעדט אויך דאטש. אלע רעדען דאטש . . .

איך טראַכט מיר: אַזוי וויא דיא פּיעסע הייסט „דוד בן ישי" און איז אַ היסטאָרישע מעשה פון דיא אַמאָליגע אידען, מסתמא האָבען יענע אידען אין דיא אַלטע צייטען גערעדט — דאַטש.

אַט קומט שוין דער אויפטריט פון מיין מאַן.

אַז דאָס האַרץ מיין'ס איז נישט צושפּרונגען געוואָרען אין מיר פון שרעק, איז געווען נור גאָט'ס ווילען דערביי. מיין מאַן בלייבט שטעהן אויף דער סצענע אין אַ פּאָזע וויא געהעריג איז, און קאַרפּ, דאָס הייסט, „קעניג שאול" גיט אַ ברום אויף זיין באַסאָווע שטימע צו טהאָמאַשעווסקי'ן: ווערר ביזט דו, דו בור־שע? טהאָמאַשעווסקי שטעהט בלאַס און שווייגט. קאַרפּ דונערט נאָך אַמאָהל ארויס די פראגע: ווערררר ביזט דו, דו בורשע ? נון שפּריך ! !

טהאָמאַשעווסקי דערהערט אַז אַלע רעדען דאַטש, ענטפערט ער אויך אין דאַטש: „איש בין דאַוויד פון דעם שטעיטיכען בעים לעישעם". (איך בין דוד פון דער שטאָדט בית לחם).

דיא קאָלעגען שוישפּיעלער אויף דער ביהנע, שטיקען זיך שוין פון געלעכ־טער און מען קען שוין ווייטער נישט אָנגעהן מיט'ן שפּיעלען.

דאָס פּובליקום „קעטשט" דעם געלעכטער פון דיא שוישפּיעלער און לאַכט אויך מיט. דער קאָמיקער, רודאָלף מאַקס, בעזאָלצט נאָך דיא געשיכטע מיט אַ זעהר קאָמעראַדשאַפטליכען ביסעל ארבעל־פּראָזא. ער שפּרינגט צו צום קעניג, צו קאַרפּ'ן, הייסט עס, און זאָגט: „אדוני קעניג, וואיסט דו ניכשט וועררר דיזערר קעררעל איזט? דאָס איזט דאָך אונזער דאַטש פון שיקאַגאָ — נישט פון בית לחם!"

טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניג, פוילט זיך נישט דער קאָמיקער און ער זאָגט צום פּובליקום: „וויא געפעלט אַך עפּעס דער שיקאַגאָ'ר דאַטש פון שטעטי־כען בעים לעישעם ? . . .

איך בלייב שטעהן וויא צומישט, איך וויים נישט וואָס צו טהאָן, עס ווילט זיך מיר ארויפשפּרינגען אויפן סטיידזשעלע און מאַכען פון אַלעמען אַ בארג אַש. איך ברען וויא אַן אָנגעצונדענער פאַקעל.

איך זעה ווי מיין מאַן שטעהט אויף דער סצענע אַ פערלוירענער, דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט געזונקען, דיא אויגען צו דער ערד אראָבגעלאָזען און ער שווייגט, זאָגט נישט קיין וואָרט.

וויא אַזוי מען האָט געענדיגט דעם אַקט געדענק איך נישט, איך בין געווען צו פערווירט איך זאָל עפּעס קענען זעהן נאָך.

אָבער באַלד נאָך'ן ערשטען אַקט בין איך, וויא אַ ווילדע טיגערין, ארייג־

געלאָפּען צו מיין מאַן אין דרעסינג רום. דערזעהענדיג איהם בין איך אין הים־טעריקע אריינגעפאַלען. ער איז געשטאַנען בעוועגלאָז, וויא פערגליווערט, ווייס וויא שנעע און זיינע אויגען האָבען געקוקט שטאַר, אָהן אַן אויסדרוק.

איך בין צוגעפאַלען און ארומגעכאַפּט מיין מאַן און מיט אַ ווילד קול האָב איך אויסגעשריען: באָריס, מיר בלייבען דאָ נישט מעהר, מיר פאָהרען צוריק קיין שיקאַגאָ!

# אַ טהעאַטער קריעגס־געריכט

אויך מיין געשריי איז אָנגעקומען פינקעל.

פינקעל איז געווען אַ סטראָגער מענש, שטרענג — אָבער קאָנסעקווענט. ער האָט מיך גוטמוטהיג אָנגענומען ביי דיא הענד אום מיך איינצושטילען און צו מיין מאַן האָט ער געזאָגט: „טהאָמאַשעווסקי, איהר וועט נישט פאָהרען פון דאַנען, איהר בלייבט מיט אונז אין „רומעניען אָפּערא הויז" און איהר וועט שפּיעלען טהעאַטער. רעדט נישט קיין דייטש, רעדט אידיש, איהר זייט אַזאַ גרויסער עקטער וויא דיא אַלע ממזרים דאָ, אַ רוח אין זייערע טאַטעס אריין. איך וועל זיי שוין אָנלערנען!"

דיא פאָרשטעלונג איז וויא עס געענדיגט געוואָרען.

נאָך'ן שפּיעלען, ווען מיר זיינען אַלע הינטער דער ביהנע און מאַכען זיך גרייט אַ היים געהן, דערהערט זיך פּלוצלינג אַ פּישטשענדיג קולכ'על שרייענדיג גיך: „מאָרגען איז אַ מיטינג, מאָרגען אַ מיטינג!"

דאָס פּישטשעדיגע קולכ'על האָט בעלאַנגט צו אַ קליין מענשעלע, מיט קליינע אויגעלעך. דאָס דאָזיגע מענשעלע האָט געהייסען „משה'לע" און איז געווען פינקעל'ס לייב־אַדיוטאַנט.

דאַמאַלס איז יעדער אַקטיאָר, אָדער יעדע אַקטריסע, געווען בעוואָפענט מיט אַזעלכע „לייב־אַדיוטאַנטען"; פּשוט גערעדט: פּאַטריאָטען. אַן אַקטיאָר אָהן פּאַטריאָטען איז געווען וויא אַ יאַטקע אָהן הינט... שאַ, שטיל, נישט געווען ווער ס'זאָל שרייען און קלאַפּען.

היינט אויך האָט יעדער שוישפּיעלער ליעב צו האָבען ארום זיך פּאַר־עהרער, אָבער היינטיגע זיינען שוין מעהר „קלאַסען־בעוואוסט", היינטיגע לאָ־זען זיך גוט בעצאָהלען, ווייל זיי ווייסען דיא היסטאָריע פון דיא אַמאָהליגע

פּאַטריאָטען. אַמאָהליגע פּאַטריאָטען זיינען געווען איבערגעבען זייערע ליעבלינגע, זייערע סטאַרס מיט לייב און לעבען, נישט אויסגערעכענט. זיינען טאַקע אַ סך פון זיי געבליבען שלעפּערס, קבצנים. אָבער דיא יעניגע וואָס האָבען געקוקט אין תכלית אַריין, זיי זיינען געוואָרען — מענעדזשערס, כלל טהוערס, דעה זאָגערס, זאָגאַר דראַמאַ־מאַכערס ביים אידישען טהעאַטער.

אַ וואויל בהמה׳לע, דאָס אידישע טהעאַטער, עס לאָזט זיך מעלקען פון יעדען שבת גוי.

דער דאָזיגער „משה׳לע“ איז געווען צו פינקעל׳ן וויא אַ טרובע איז צו אַ פאָנאָגראַף. פינקעל האָט גערעדט שטיל און משה׳לע האָט דאָסזעלבע רעדענץ אויסגעשריען אויף זיין פּישטשענדיג קולכ׳על.

ווען משה׳לע האָט אויסגעשריען „מאָרגען אַ מיטינג“, האָב איך נישט פערשטאַנען וואָס דאָס מיינט, נור דיא איבריגע אַקטיאָרען האָבען זיך עפּעס שטילערהייד געשושקעט איינס דעם אַנדערען אין דיא אויערען. עפּעס אַ מין געהיימניס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט צווישען דיא שוישפּיעלער פון „רומעניען אָפּערא הויז“.

צו מיר מיט מיין מאַן איז דערזעלבער משה׳לע צוגעקומען, נאַכדעם וויא ער האָט אויסגעשריען „מאָרגען אַ מיטינג“ און געזאָגט מיט אַ בעפעהל: „מיסטער טהאָמאַשעווסקי, מיסטער פינקעל וויל אייך אין קעלער, קומט אין קעלער“.

אַ דערשראָקענע בין איך געוואָרען: וואָס הייסט מען וויל אונז אין קעלער?“ וואָס הייסט קעלער? וועלכער קעלער? רבונו של עולם, וואָס טהוט זיך דאָ מיט אונז? וואָס וועט מען אונז טהאָן אין קעלער? אפשר שלאָגען, וויא וואַלד־גזלנים? וואָרים וואָס דען רופט מען אונז אין אַ קעלער?

מיט אַלע מיינע ציטערנדע אברים האָב איך זיך איינגעקלאַמערט אין מיין מאַן און געבעטען איהם מיר זאָלען זיך נישט לאָזען פערנאַרען אין דעם קעלער; גענוג אַז מיר האָבען זיך געלאָזט פערנאַרען פון שיקאַגאָ אהער קיין נויאָרק, אין „רומעניען אָפּערא הויז“, דאָס איז שוין אַ גענוגענדע גרוב און מיר דאַרפען שוין נישט מעהר קיין קעלער . . .

אָבער אַז פינקעל׳ס משה׳לע רופט אין קעלער — געהט מען אין קעלער.

געקומען, מיט האַרץ קלאַפּעניש, אין׳ם קעלער, ווייזט זיך אַרויס אַז קיין וואלד־גזלנים זיינען דאָרט נישטאָ, קיין ים־קאָטערס אויך נישט, בלויז עטליכע אַלטע שיכור׳ע דייטשען זיצען אַרום אַ פּאָר קאָנסאָמפּשענדיגע טישלעך און „זשליאָקען“ דיא ווייסע שוים פון גרויסע סקונערס ביער.

אין א ווינקעל לעבען א קיילעכדיג טישעל מיט פלעקען פון אלערליי קאָ־לירען, זיצט פינקעל אליין און ווארט אויף אונז.

מיר זעצען זיך צו לעבען זעלבען טישעל. די משערס זיינען „גראניטע“ און קרעבצען נעביך אויף גלות הקעלער. פינקעל אָרדערט וויין און מיר זיינען זיך משמח.

דער וויין קעלער איז געווען אויף פארסייטה סטריט קארנער גרענד סטריט און דער אייגענטהימער איז געווען א דייטש מיט'ן נאמען וויסיק. פינקעל איז געווען אין דעם קעלער אן אפטער איינגעהער. אין „וויסיק'ס וויין קעלער“ איז געווען פינקעל'ס סטאליצע.

מיר האָבען זיך אונטערהאלטען ביי א גלעזעל וויין און פינקעל האָט אונז אויסגערעדט דיא הערצער. ער האָט אונז געטרייסט, געזאָגט מיר זאָלען זיך נישט ערגערען וואָס דיא קאָלעגען שוישפּיעלער האבען חיזק געמאכט פון מיין מאן'ס דייטשיש און אונז צוגערעדט מיר זאָלען בלייבען אין נויארק.

זיין הויפּט געדאנק איז געווען אז מען דארף זיין ערנסט צו דער ביהנע און אזוי האָט ער אונז געראטהען. מיר זאָלען בלייבען אין נויארק און שפּיעלען טהעאטער, זיך ערנסט אָבגעבען דער ביהנע און מיר וועלען מיט דער צייט גע־ווינען זיך א נאָמען אלס שוישפּיעלער

דערביי האָט ער עטליכע מאָהל בענוצט זיין ווערטיל: „איהר'ט שוין איבערצעהלען“, און זיך געמיטהליך געדרעהט זיין וואָנצע.

מיר זיינען ארויס פון'ם קעלער און אוועק א היים.

נאָך דיא טרייסט ווערטער פון פינקעל'ן זיינען מיר געוואָרען אביסעלע מוטהיגער ביי זיך און אויף מאָרגען זיינען מיר מיט לייכטערע הערצער אוועק אין טהעאטער אין דער בעשטימטער צייט, צום מיטינג.

דער מיטינג איז געווען אין א גרויסען צימער מיט נאקעטע ווענט און א הוילען פלאָר, א טיש און עטליכע בענקלעך ארום זיינען געשטאנען אין מיטען דעם דאָזיגען צימער וואָס האָט געהייסען „אָפיס“, און אָט דער אָפיס איז געווען אָנגערוויכערט וויא א היימישע קרעטשמע.

אלע שוישפּיעלער זיינען געווען שטיל און געהאָרכזאם וויא עפּעס ער־וואַרטענדיג א שלעכטע בשורה.

מען האָט גענומען „מיטעווען“, און עס איז געוואָרען לעבעדיג. מען האָט געליארעמט און געפּילדערט, געשריען און געהיצט זיך, אָבער דער „בעשלוס“ וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען מיט א מאַדזשאָריטי פון איינעם געגען אלע, דאָס

הייסט, פינקעל האָט ארויסגעגעבען דעם פסק און דאָס איז געווען דער „בעשלוס“ פון׳ם מיטינג.

דער פסק איז געווען אַ גרויזאַמער. פינקעל האָט בעשטראָפט אַלע שויר שפּיעלער מיט צו דריי דאָלער יעדען פאַר לאַכען פון טהאָמאַשעווסקי׳ן אויף דער ביהנע וואָס ער האָט געמאַכט אַ „בולבע“ אין דייטש, און רודאָלף מאַקס׳ן האָט פינקעל בעשטראָפט מיט גאַנצע פינף דאָלער דערפאַר וואָס ער האָט געלאַכט מעהר פון אַלעמען.

דיא אַקטיאָרען זיינען געווען שרעקליך אין כעס פאַר דעם פּסק דין, אָבער פינקעל איז געווען גאַנץ קאַלטבלוטיג, נישט געערגערט, ער האָט זיך געדרעהט אַ וואַנצע און מיט אַ שמייכעל פון נצחון האָט ער זיך אַנגערופען צו מיר און מיין מאַן: „קינדער, געלד וועט שוין זיין אויף אַ גלעזעל וויין, זיי וועלען שוין מעהר נישט לאַכען פון אייך, דיא ממזרים. אַצינד קומט אין קעלער אריין“ . . .

# אונזערע „גרויסע" פערדיענסטען


בעסי טהאמאשעפסקי מיט 24 יאהר צוריק

נאכדעם ווי פינקעל האט ארויס־געגעבען אזא פסק, אלעמען שטראפירט צו דריי דאלער, זיינען דיא אקטיארען געווארען פריינדליכער צו אונז.

פינקעל האט גענומען, וויא מען זאגט, דיא לייצעס אין זיינע געזונדע הענד און דיא קאלעגען שוישפיעלער האבען געהארכזאם געפאלגט.

ס'איז געקומען מיין ערשטער אויפטריט אין „ר' מעניעז אפערא הויז".

אמת, מען האט זיך נישט געמאכט פון מיר קיין גרויסען צימעס, דאס הייסט, מען האט מיך נישט אנאנסירט וויא מען וואלט בעדארפט, אבער אבי־סעלע האט מען מיך יא אדווערטייזט און איך טרעט אויף אלס „מערי" אין „חיים אין אמעריקא".

בעפאר'ן אויפטרעטען האב איך מיך זעהר געשראקען, ווייל דיזעלבע ראָ־לע איז פריהער געשפיעלט געווארען פון חיה שרה שערנגאלד, און איך האב מורא געהאט געהן נאכשפיעלען נאך איהר, אבער זיא איז געוועזן קראנק און איך האב געמוזט מאכען מיין דעביוט אין דער ראָלע וואס זיא האט געשפיעלט.

קיין פאסיגע קליידער האב איך נישט געהאט און דאס האט מיך זעהר געערגערט, אבער מיין שכנה פון פארסייטה סטריט איז מיר געקומען צו הילף. זיא האט מיר געגעבען אן עצה כ'זאל נעהמען קליידער אויף אבצאהלען, וואסי, דיא אלע אנדערע אקטריסעס מעגען געהן אויסגעפוצט און צאהלען דיא פעדלערים דערפאר און איך טאר נישט?

מיין שכנה ברענגט מיר דעם פעדלער, א רויט אידעל, וואס גיט זאכען אויף באָרג. נישט מעהר, מען מוז איהם אָבצאָהלען — און א י ה ם אָבצאָהלען איז געווען אונמעגליך, ווייל מען האָט זיך פון איהם נישט געקענט אויסצאָהלען. אַזא מין רויטער פעדלער איז דאָס געווען.

אָבער וואָס זאָל מען טהון! איך נעהם ביים פעדלער צוויי קליידלעך. די שכנה לייהט מיר א מענטעלע, איך קויף מיר א פּאָאר שיך פאר 98 סענט, אין צעהן־סענט סטאָר קויף איך מיר איין נאָך שמאָכטעס, בלויע ריבאָן צו מיינע בלאָנדע לאַנגע האָאר, פּוץ מיך אויס און געה צו דער שחיטה, דאָס הייסט, צו מיין ערשטען אויפטריט אין „רומעניען אָפּערא הויז."

מיין שרעק איז מורא'דיג גרויס. איך ציטער, טאָמער וועלען די שויספּילער מיר טהון עפּיס א שפּיצעל, ווי זיי האָבען געטהון מיין מאַן. עס ווארפט מיר ווי אין א קדחת. איך קום אויף דער ביהנע, דערזעה איך אין באָקס זיצט מאַדאַם שעהנגאָלד אַליין. קראַנקערהייט איז זי געקומען זעהן, ווי איך וועל דאָס שפּיעלען „איהר" ראָלע. די אַרטיסטישע דזשעלאָסי האָט איהר פון בעט אַראָפּגעשלעפּט און געבראַכט אין טהעאַטער, כדי זי זאָל קלייבען נחת אויב איך'ל דורכפאַלען.

דאָס פערגרעסערט מיין נערוועזיטעט, און אַלע ווײַלע קוק איך די מיטשפּילער מיינע אין די אויגען, זעהן אפשר לאַכען זיי שוין פון מיר. „בולבעס" האָב איך געמאַכט, איינע גרעסער ווי די אַנדערע. גאַנצע מאָנאָלאָגען האָב איך צוקריפּעלט. אָבער דאָס פּובליקום פון „רומעניען אָפּערא הויז" האָט געשלונגען מיינע בולבעס אָט ווי גרויס זיי זיינען געווען, זיך אפילו נישט דערוואָרגען מיט זיי . . .

מיין סוקסעס איז געווען א גאַנץ קנאַפּער. אָבער אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז איך בין א „שעהנע סוברעטקעלע" און אבא שעהנגאָלד האָט געזאָגט: „אָט, נישקשה פון א בעהעלפעריל" . . .

מיר האָבען אָפּגעשפּיעלט די וואָך. אונזערע ווײַדזשעס זיינען געווען 150 מאַרקען.

פּינקעל'ס לייב־אַדוואָקאַנט, משה'לע, האָט געהייסען אונז קומען זונטאָג אין „אָפּיס," מען וועט זיך טהיילען מיט'ן פּערדיענסט.

זונטאָגס האָט מען צו יענער צייט נישט געשפּיעלט. זונטאָג פּלעגט מען זיך צו'חשבון'נען מיט די געלדער . . .

געקומען זונטאָג. אַלע זיינען מיר זיך צונויפגעקומען אין „אָפּיס" אין

טהעאטער. נאָך עטליכע שטונדען חשבון׳ען און רעכענען, מיט בלייפעדערס, מיט קריידלעך און מיט די פינגער, איז אונז אָנגעקומען, מיר מיט מיין מאַן, גאַנצע זעכצעהן דאָלאַר מיט טשענדזש . . .

די מאַרקען סיסטעם איז געווען, ווי ווייט איך געדענק, א וואונדערבאַרע ערפינדונג. מען האָט גענומען א דאָלאַר וואָס האָט אין זיך הונדערט גאַנצע פעניס, און מען האָט דאָס צושעטקעוועט אויף טויזענד פיסעס . . . דאָס הייסט, טויזענד פּראָצענט.

געאַרבייט אויף „מאַרקען" האָבען בלויז די שוישפּיעלער.

די אַלע אנדערע אָנגעשטעלט אין טהעאַטער האָבען געקראָגען „רעגעלע ווייגדזשעס." למשל, אַשערס האָבען זיך געקראָגען סטעדי—א קוואָדער א נאַכט. כאָריסטען און כאָריסטקעס—זעקס ביז זיבען און אַמאָל גאַנצע אַכט דאָלאַר א וואָך. דערפאַר, אָבער, האָבען זיי געזונגען שעהן און אויסגעזעהן שעהן—טאַקי דיעזעלבע כאָריסטקעס וואָס מיר האָבען היינט—נור היינט איז עס פיער־און־צוואַנציג יאָהר שפּעטער . . .

אז מען האָט אַלעמען בעצאָהלט, געמאַכט די אַלע אויסגאַבען וואָס א טהעאַטער האָט ביז עס קומט צום שוישפּיעלער, ערשט דאַן האָט מען גענומען צוטהיילען דעם פּראָפיט אויף די שוישפּיעלער „מאַרקען."

איז ווי גאָט האָט געגעבען. אַמאָל האָט זיך אָנגענומען אויף א „מאַרקע" 14 סענט און אַמאָל 4 סענט. נישט איינמאָל האָט געטראָפען, אז מען איז נאָך שולדיג געבליעבען . . . ווייל דער וואָס איז געשטאַנען ביים שיסעל, דאָס הייסט, דער „מענעדזשער," האָט דאָך אליין „געסאַרווערט" די אויסגאַבען.

למשל, א וועגטעל סינערי וואָס מען האָט געמאַכט, האָט אַמאָל א געוויסער מענעדזשער אריינגע׳חשבון׳ט $160.00. אי, פאַר הונדערט און זעכציג דאָלאַר האָט מען געקענט אָבקויפען אַלע סינערים פון יענעם טהעאַטער און נאָך קריגען היבשע עטליכע דאָלאַר טשענדזש, אָבער גּעה שריי, אז ער ווייזט א „ביל" . . .

נישט איינמאָל האָבען אונזערע הונדערט און פופציג „מאַרקען" בעטראָפען, נאָך דער וואָך שווערע האָרעוואַניע, גאַנצע—72 סענט מיט א פיערטעל . . .

נו, מיט אַזעלכע ווייגדזשעס, מאָהלט אייך, האָט מען קיין אייגענע פּראָפּערטיעס נישט געקענט קויפען.

האָבען מיר זיך געוואוינט אין אונזער פלעט אין 120 פאָרסייטה סטריט, אויף טאַטען׳ס פלאָאָר, און געהאָפט צו גאָט אויף בעסערע צייטען.

נאַכ'ן שפּיעלען, שפּעט ביינאַכט, פלעגען מיר אמאָל געהן אין קאַפע, נור מעהרסטענס פלעגען מיר געהן אהיים.

מיר פלעגען זיך שטילערהייט אריינ'גנב'ענען אין הויז, ווייל ד'ער אריינ־גאַנג אין אונזער פלעט איז געווען גלייך אין קיטשען, וואו אונזער לאַנגע דיענסט־מיידעל איז געשלאָפען אויף די „וואש־טאָבס" מיט די פיס אראָבגעהאַנגען אין סינק.

שטילערהייד האָב איך גענומען דעם הערינג, וואָס איז געווען איינגעווי־קעלט אין געלען באַבילע פאַפּיער, אַנגעגרייט פאר אונז אויף „סאַפּער." נאָר אָבוואַשען דעם הערינג איז געווען א קונסטווערק—אז איך האָב געלאָזען דאָס וואַ־סער לויפען פון קראַן, האָב איך געדאַרפט גוט אויפּפּאַסען, איך זאָל נישט אָבגי־סען דער דיענסטמיידעל'ס פיס . . .

# מוטער און שוישפּיעלערין

דעם שוישפּיעלערס לעבען איז א מאָדנעס, א פאַרקעהרטעס, א קאָ־פּוירינעס.

ביינאַכט, ווען אַלע מענשען שלאָפען, איז ביים שוישפּיעלער „טאָג". ווען א פּראָסטער ארבייטער קוויקט זיך מיט'ן אויפגעהן פון דער זונן, מיט'ן ליכטי־גען מאָרגען שטערען, מיט דער שמעקנדיגער ראָסע וואָס ליגט אויף בלומען און גראָזען און פינקעלט, ווען דיא מאָרגען־זונן בעשיינט דאָס, וויא פינקעלדיגע דיאַמאַנטען, דאַן, אין'ם אויפוואַכענדען פריה־מאָרגען שלאָפט דער שוישפּיעלער.

ווען א פּראָסטע מאַמע באָדט איהר קינד פאר'ן שלאָף, און קוועלט פון גליק און נחת וואָס איהר קינדעלע איז שעהן און לויטער, בשעת זיא נעהמט דאָס צאַרטע נאַקעטע קערפּערל פון וואַנעלע ארויס, דאַן, איז דיא שוישפּיעלער־מאַמע, דיא אַקטריסע, פאַרנומען מיט שמינקע און פּוידער, צו פאַרשטעלען זיך פאר א יונגע מיידעלע, אום מעהר צו געפעלען איהרע קעלבערנע פערטהרער וואָס זעהן אין איהר בלויז דיא פרוי און קיינמאָהל נישט ד'יא מוטער, דיא מ א מ ע.

א פאַרקעהרט לעבען איז דעם שוישפּיעלערס.

מערקווירדיג, וויא אין מיר האָבען זיך אימער געריסען דיא צוויי גע־פיהלען פון מוטער־זיין און שוישפּיעלערין.

ביז איך געווען אויף דער ביהנע, איז מיין גאַנץ לעבען, מיין גאַנץ וועזען

געוועזן אויף דער ביהנע, ס'האט פאר מיר גאר נישט עקזיסטירט דאן — און עד היום — אויף דער ביהנע פארגעס איך אין אלעס און האב נור אין זינען מיין שפיעלעז איך וויל געפעלען זיין דעם צושויער.

בין איך געוועזן אין דער היים, מיט מיין קינד אסתר'ל, און שפעטער מיט מיינע אנדערע קינדער, זאלען זיין געזונד, האט אויף פאר מיר גארנישט עקזיס־טירט, אויסער מיין קינד. איך האב זיך זאט נישט געקענט אנטישען מיט מיין מיידעלע, מיין אסתר'ל.

אמת, אפט איז מיר געוועזן דאס הויז־לעבען מיינס אזוי, אז ווען נישט מיין קינד, האב איך זיך געפיהלט אין גאנצען איבריג אויף דער וועלט. מיין קינד איז מיר געוועזן דאן מיין איינציגע דערהאלטונג ביים לעבען. זיסע אסתר'ל, זיא איז געוועזן מיין דערקוויקונג, זיא האט מיר בע'טעמ'ט געמאכט מיין טעמ'לאַ־זען לעבען אין יענער צייט.

שעהן איז מיין אסתר'ל געוועזן, מיט גרויסע בלאהע אויגען, טונקעל בלאנ־דע קוטשעראווע לאקען, חן גריבעלעך אין דיא באקען, א קליין מיילכעל מיט שעהנע ווייסע צייהנדעלעך, ספריטנע, לעבעדיג און קינדיש קלוג. ווער עס האט מיין קינד געזעהען האט דאס ליעב געהאט, מיינע שכנים פלעגען זיך דאמיט לאבען. וויא א שעהנע רויז האט זיא דאן געבליהט — מיין אָרים קינד — — —

קיין סך צייט פאר איהר האב איך נישט געקענט אבגעבען, א שוישפיע־לערין האט איבערהויפט וויניג צייט פאר דער היים, מען איז שטענדיג פאר־נומען מיט'ן טהעאטער, נור יענעם צו אמוזירען, אבער זיך אליין — דאס ער־לויבט נישט דיא שוישפיעל קונסט, איבערהויפט ווען דער קינסטלער וויל ער־רייכען בעריהמטהייט.

אין טהעאטער ביי אונז, אין „רומעניען אפערא הויז", הייסט עס, איז מען געוועזן שטארק פארנומען מיט — א סוד . . .

טהעאטער־מענשען האבען זיך שטענדיג ליעב צו סוד'ען. אז איינער וויל בעטען ביים צווייטען א מעטש, רופט ער איהם אפ אין א ווינקעלע און שטי־לערהייד רוימט ער איהם איין א סוד: „גיב מיר א מעטש".

עס קומט אוים עפעס וואזשנער, אט, זאלען מענשען זעהן אז דער און דער איז א וויכטיגער מענש אין טהעאטער וועלט, א פאליטיקער, ער „סוד'עט" זיך מיט אלעמען . . .

דאס סוד'ען זיך ביי אונז אין טהעאטער דאן, איז געוועזן צווישען פינקעל'ן מיט לאטיינער'ן.

זיי האָבען זיך גע'סוד'עט און גע'סוד'עט און זיך גע'סוד'עט נאָך אביסעל, ביז ענדליך איז פון'ם סוד'ען זיך אַרויסגעקומען א מייסטערווערקעל, א פּיעסעלע מיט'ן נאָמען „גלות רוסלאַנד“.

דיא מעשה פון „גלות רוסלאַנד“ איז געווען זעהר א וואַזשנע :

אין רוסלאַנד וואָהנט א איד־און האָט א זוהן אָסיפּ. אויף אידיש הייסט ער „יאָזעף“, נור אויף גויש, אָסיפּ. אָט דער יאָזעף איז א ניהיליסט פּאַ־פּראָפעסיע. און אַלס ניהיליסט האָט יאָזעף ליעב — א אידענע? נאַ, נעווער! דוקא א גויע, מיכאַילאָווא איז איהר נאָמען.

איז מאי קא משמע לן, וואָס זשע וויל ער, דער יאָזעף, דער ניהיליסט? ער וויל א דזשאָב, וויל ער. שיקען דעם קיסר אויף יענער וועלט. זעהר נאָבעל פון זיין זייט אפילו, נור וואָס דען. דיא טאָוואַרישטשעס, דיא ניהיליסטען, הייסט עס, דאַרפען דאָך אויך שפּיעלען אין איין אַקט, זיי זיינען דאָך עפּעס דיא גלאַוונע באָיס, קלייבען זיי זיך אויס שלישי, דאָס הייסט, דעם דריטען אַקט און זאָגען אזוי: „סעי, באָיעלע, ווילסט דערשטיקען ניקאָלאַיקען? אָ'ראַיט, קאָם אָן! נור טאָמער ביזטו גאַר א שפּיאָן, הע? טאָ וואָרט, מיר'ן זיך פאַרשטעלען.“

קומט פאַר א קלאָמפּערשטדיגער „קראַזשנאַי סוד“ און מען פער'משפּט דעם יאָזעף'ן נעביך צו דער תליה. אָבער יאָזעף גיט נישט אויס זיינע טאָוואַריש־טשעס, ער איז געטריי זיין שטרעבען, און ווען עס ליגט איהם שוין דער שטריק אויפ'ן האַלז און דאָס ווערטהע פּובליקום האָט שוין די געוויסע פּאַרציע „סנימפּאַ־טיע“ פאַר'ן העלד, זעהט מען דאָך שוין, אַז יאָזעף איז א יאַט פון די יאַטען, אַן אמת'ער ניהיליסט, ערלויבט מען איהם צו מאַכען דעם דזשאָב און זאַטשמעליען ניאָקלאַיקען, דאָס הייסט, אַלעקסאַנדער'ן.

אָבער קיין לייכטער דזשאָב איז עס נישט און יאָזעף פּאַלט אַריין אין טראָבעל, ער מוז זיך שלאָגען מיט עפּעס א פּריסטאַוו און דער סוף איז, אַז אין פּיערטען אַקט ענדיגט זיך „גלות רוסלאַנד“, נור מיט וואָס עס ענדיגט זיך — ווייס איך נישט . . .

קאַרפּ האָט געשפּיעלט דעם ליידענדען פּאַה־טהער, סאָפּיא קאַרפּ אין אבוועקסלונג מיט מאַדאַם ליפּצין האָט געשפּיעלט דיא גוי'ע מיכאַילאָווא, טהאָמאַשעווסקי אַלס דער אונשטערבליכער יאָזעף, פּינקעל אַלס יאָזעף'ס פעטער, (יאָזעף האָט געהאַט א פעטער), בינע אַבראַמאָוויץ אַלס יאָזעף'ס מוהמע (יאָזעף האָט געהאַט א מוהמע) און אבא שעהנגאָלד אַלס דער געוויסער פּריסטאַוו.

אזוי וויא יאָזעף איז געווען אָרים אין משפחה, האָב איך נישט געהאט קיין ראָלע אין דער פּיעסע.

דערפאַר אָבער איז מיר דיא פּיעסע געווען זעהר געפעלען, ווייל דיא איינ־נאָהמעס זיינען געווען גרויסע און אונזערע „מאַרקען" זיינען געשטיגען ביז דרייסיג סענט און העכער.

מיין מאַן האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען היט אַלס „יאָזעף", דאָס פּובליקום איז געווען ווילד פון בעגייכטערונג פון דיא העלדישקייטען וואָס יאָזעף ווייזט און מען האָט איהם שטאַרק אַפּלאָדירט. אָבער דאָ הויבען זיך אָן צרות פון אַק־טיאָרסקע דזשעלאָסי. דיא קאָלעגען שוישפּיעלער האָבען נישט פאַרגונען איהם זיין סוקסעס און מען האָט אָנגעווענדעט אַלערליי טריקס, אַלערליי הינטער־פּיסלעך ביז עס גרייכט אזוי ווייט, אַז אבא שעהנגאָלד מוז ליגען צו בעט עטליכע וואָכען, ווייל „יאָזעף" ווערט אויף דער ביהנע אין כעס און דרעהט שעהנגאָלד'ן אויס אַ פוס . . .

# אַקטיאָרסקע איפּערזוכט

„דזשעלאָסי" איז פאַר דעם אַקטיאָר פּונקט אזוי נויטיג, וויא לופט אויף צו אָטהעמען. איין אַקטיאָר מוז זיין דזשעלאָס אויפ'ן צווייטען, כדי צו וועלען יע־נעם איבערשטייגען. דער שוישפּיעלער וואָס האָט אין זיך נישט מעהר קיין אַר־טיסטישע אייפערזוכט, הייסט עס, אַז ער האָט נישט מעהר קיין אַמביציע, און ער מעג פערלאָזען דיא ביהנע, ער וועט שוין סאַי וויא סאַי גאָר נישט מעהר אויפטהאָן.

אָבער פיעלע אומגליקען קומען אַרויס פון אַט דער אייפערזוכט.

אייפערזוכט איז שלעכט אין אַלע פעלע, אָבער ווען געבילדעטע מענשען ווערען בעפאַלען פון אייפרזוכט, קענען זיי נאָך, אַם וויינינגסטען, אַמאָל זיך קאָנטראָלירען, אָבער ווען אונגעבילדעטע ווערען בעפאַלען פון אייפערזוכט — איז טאַקע זעהר פּאַסקודנע.

אַלע פון אונזערע שוישפּיעלער צו יענער צייט, און פיעלע נאָך היינטיגע צייטען, זיינען אַזעלכע מענשען וואָס קענען נישט זעהר שטאַרק קאָנטראָלירען זיך אין זייער אַרטיסטישער אייפערזוכט און דאַרום קומען כסדר אַרויס אזוי פיעל צרות.

ווען מיין מאַן האָט דאַן געמאַכט זיין גרויסען ערפאָלג אין דער פּיעסע „גלות רוסלאנד“, האָבען דיא קאָלעגען שוישפּיעלער דאָס איהם פּשוט ניט פערגונען.

למשל; איינע פון דיא דאַמען וואָס האָט געשפּיעלט דיא געליעבטע „מיכאילאָוואַ“ און וועלכע דער העלד „יאָזעף“ האָט געמוזט ארומנעהמען, האָט אָנגעזאָגט מיין מאַן, ער זאָל נישט וואַגען זיא אַנריהרען, ווייל זיא טראָגט א ווייס קלייד און ער וועט דאָס אויסשמירען . . . דוקא האָט מיין מאַן זיך אָנגעשמירט דיא הענד מיט סאַזשע און איהר געמאַכט צוויי לאַפּעס אויפן ווייסען קלייד. זייט דאַן האָט זיא געשוויגען.

אבא שעהנגאָלד האָט געשפּיעלט דעם פּריסטאַוו. אין דער סצענע ווען „יאָזעף“ ראַנגעלט זיך מיט'ן פּריסטאַוו, דאַרף ער איהם בייקומען, כדי דאָס פּובליקום זאָל איהם אַפּלאָדירען פאַר זיין העלדישקייט. אָבער שעהנגאָלד איז געווען דזשעלאָס וואָס טהאָמאַשעווסקי כאַפּט אויס אַלע אַפּלאָוזען און ער האָט זיך גע'בריה'ט און נישט געוואָלט לאָזען זיך בייקומען, איז טהאָמאַשעווסקי געוואָרען ווילד און איהם דערלאַנגט אַזאַ נעהם און אַזאַ וואַרף צו דער ערד, אַז מען האָט געמוזט לאָזען דעם קוירטען אין מיטען אקט, ווייל שעהנגאָלד האָט זיך שוין נישט געקענט אויפהייבען. ער איז נאָכדעם געלעגען צו בעט עטליכע וואָכען מיט א אויסגעלינקטען פוס.

דיא פּיעסע „גלות רוסלאנד“ איז געלאָפען א שטיק צייט. מיר האָבען שעהן פּאַרדיענט און אַזוי אריינגעשפּיעלט טיעף אין סיזאָן.

דער נאָמען טהאָמאַשעווסקי איז געוואָרען מעהר און מעהר פּאָפּולער אין נויאָרק.

יאָזעף לאַטיינער איז געווען זעהר פּראָדוקטיוו, א שנעלער דראַמאַטורג, און אַז מען האָט נויטיג געהאַט אַ נייע פּיעסע, איז געווען גענוג א פּיפּס פון מענעדזשער — און לאַטיינער האָט באַלד געמאַכט אַ פּיעסעלע.

דאָס נייע מייסטערווערקעל האָט לאַטיינער געשריבען ספּעציעל פאַר מיין מאַן און פאַר מיר, צוויי שעהנע ראָלען פאַר אונז ביידע.

דיא פּיעסע האָט געהייסען „עזרא, אָדער דער עוויגער יודע“. א וואונדערליכע מעשה איז דאָס געווען: א געוויסער איד מיט א באָרד האָט א טאָכטער, וואָהנען זיי אין א וואַלד — וואו דען וואָהנט אַ איי־ מיט אַ טאָכטער?... קומט אָן איינער א פּאַן שווייניגסקי, ימח שמו זאָל ער ווערען. ווען ס'זאָל זיין א גאָט אויף דער וועלט, וואָלט אָט דער שווייניגסקי נישט געדאַרפט גאָר אויפוואַקסען,

אזא פאסקודניאק איז דאס געווען. ער האט געוואלט, נישט אנדערש, ווי נור דיא אידישע טאכטער זאל איהם ליעב האבען!

אי דו גויעץ, דו טריפ'ניאק, וועסט דאך האבען א מפלה, גערענק, ס'קומט א פיערטער אקט וואו מען וועט דיך לעגען אין דר'ערד אריין, טשעפע נישט דעם איד'ס טאכטער, לאז אפּ — איז ניין, דוקא וויל ער נור דעם אידענס טאכטער, קריכט וויא אן אמת'ער־שווייניגסקי...

און אז דיא אידישע טאכטער וויל פארט נישט, געהט פאן שווייניגסקי און ווארפט אונטער א טויט קינדביים אידען הינטער'ן פענסטער און ס'טהוט זיך חושך . . .

העלפט גאט, איז אין קראקאו פאראן א גראבע גויע וואס הייסט קאטע־רינא, א לעבען אויף איהר קאפּ. וואס זשע טהוט קאטערינא? זיא טהוט דאס, וואס אלע קאטערינא'ס וואלטען געטהאן אויף איהר פלאץ. זיא קומט אין וואלד אריין און ענטפלעקט פאר'ן קעניג, אז דאס טויטע קינד, צוליעב וועלכען דער איד מיט דער טאכטער זיינען אין טראבעל, טאקע דאס זעלבע טויטע קינד, איז איהר'ס אן אייגענס. און זיא ענטפלעקט ווייטער אז „פאן שווייניגסקי" האט דאס דאזיגע קינד, ווען ס'האט נאך געלעבט, אנטליהען ביי איהר, ביי קאטע־רינא'ן, הייסט עס, אויף א ווייל'ע בלויז, טאקע נישט מעהר **וויא** נור דאס צו דער'הרג'ענען און אונטערוואַרפען דעם אָרימען אידען . . .

אצינד קומט דער העלד אליין.

ווער איז דער העלד ? — יאזעף !

יאזעף דרעהט זיך אום און זוכט א דזשאב אין דער דראמא „עזרא". זינגט ער זיך פאר דיא בוימער פערשיעדענע סאנגס, ביז דאס פאלק ישראל קרוינט דעם יאזעף'ן אלס „טשיעף דעלעגאט", דאס הייסט, אלס „עזרא" אליין טאקע, און מען רופט איהם „דער עוויגער יודע".

דיא ערשטע מפלה האט, פארשטעהט זיך, „פאן שווייניגסקי". ס'איז אז אך און וועה צו איהם. דאן ווייזט זיך ווידער ארויס דער בלבול, און קאטערינא דערוויסט זיך צום צווייטען מאל אז דאס טויטע קינד איז איהר'ס און ס'איז נישט מעהר וויא דער'הרג'עט — זינגט זיא זיך א פרעהליך קופּלעטיל און געהט א האפּקע, וויא געוויינליך, א מאמע טהוט בשעת איהר קינד ווערט דער'הרג'עט...

אט צוליעב אט דעם העלד „עזרא" איז געווארען א סטרייק ביי אונז אין טהעאטער. דיא אקטיארען האבען נישט געקענט פארטראגען, אז טהאמאשעווס־סקי זאל קריגען איין גרויסע ראלע נאך דער צווייטער. „אלע יאזעף'ס", דאס

הייסט, אַלע העלדען וועט טהאָמאשעווסקי שפּיעלען? ניין — סטרייק!

בלייבט אַז קארפּ זאָל שפּיעלען דעם העלד „עזרא'ן" און טהאָמאשעווסקי'ן גיט מען דעם אינטריגאַנט „פאָן שוויינינסקי", כדי דאָס פּובליקום זאָל איהם אויספייפען . . .

געזעהען אַז ס'איז ביטער, מיין מאַן וועט מיזען שפּ...ען דעם אינטריגאַנט, האָב איך זיך זעהר געערגערט, אָבער כ'בין געפאַלען אויף אַ פּלאַן: איך האָב געבעטען מיין מאַן ער זאָל דוקא יא שפּיעלען דעם „פאָן שוויינינסקי" און ער זאָל זיך אָנטהאָן דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, ע... זאָל אויסזעהן שעהן כדי דאָס פּובליקום זאָל איהם ליעב האָבען צו זעהן.

מיין מאַן האָט מיך געפאָלגט און זיך אָנגעטהאָן וויא אַ פּאַרצייטיגער פּרינץ, מיט שעהנע „טייטס" און שעהנע שטיוועלעך. עס איז געווען אַ פּראכט צו קוקען אויף איהם.

ס'איז געקומען ביים שפּיעלען. דיא אַלע „גוטע" מענשען קריגען אַפּלאָדירט, דיא קאָלעגען שוישפּיעלער זיינען זיך פּשוט מחיה וואָס טהאָמאשעווסקי האָט נישט קיין „באָמבאַסטישען מאָנאָלאָג" וואו מען זאָל איהם אַפּלאָדירען.

דאָן קומט אַ סצענע וואו פאָן שוויינינסקי דאַרף פאַר'ן קעניג פערדאַמען דיא יודען און מען דאַרף איהם אויספייפען, יויא המן'ען, אָבער טהאָמאַשעווסקי, קעהרט איבער דיא „פּראָזא" און האַלט אַ בייעריגען מאָנאָלאָג ליבענדיג דיא „אָרמע יודען" און דאָס פּובליקום שטורמט דאָס טהעאַטער, מען אַפּלאָדירט איהם אָהן אַן אויפהער. ער „דעקט" צו אַלע שוישפּיעלער אויפ'ן סצענע, כאָטש ער שפּיעלט דעם אינטריגאַנט.

מיר מאַכען אַ געוואַלדיגען „היט" אין „עזרא".

דער שלעכטער פאָן שוויינינסקי איז געוואָרען אין מיין מאַן'ס הענד אַן אוהב ישראל, אַן אמת'ער צדיק. אי דיא ראָלע האָט געפאָדערט עפּעס אַנדערש ? — וועלל, וואָס טהוט נישט אַן אַקטיאָר צוליעב אַן אַפּלאָוז ! . . .

# פון יאָזעף לאַטיינער צו יעקב גאָרדין

דער טהעאַטער סיזאָן איז אַוועק און דער ליעבער וואַרימער זומער איז אָנגעקומען. קיין רייכע זומער־פּלעצער זיינען דאַ... ...ייזט געווען. דאָס הייסט, געווען זיינען זיי יאָ, נור נישט פאַר אונז אָרימע אידישע אַקטיאָרען. דאָס פּאָפּו־

לערסטע זומער־פּלאַץ איז דאָן געווען „ראָקאַוויי,“ און די מעהר פערמעגליכע פון אונז האָבען פערבראַכט דעם זומער דאָרטען.

איך און מיין מאַן מיט אונזער קינד האָבען זיך גאַנץ פיין פערבראַכט אין אונזער פלעט אויף פּאַרסייטה סטריט. א ברירה האָבען מיר געהאַט!

אין יענער צייט האָט זיך זעהר גערודערט אין ניו יאָרק מיט די אידישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון באַראָן הירש'ס ממתקים. די שטעדטלעך אין ניו דזשוירזי סטייט, ווי קאַרמעל, נאַרמאַ, ראָזענהיין, און אזוי ווייטער, זיינען בעזעצט געוואָרען מיט אידען און מען האָט זיך גענומען מאַכען א נייע ארץ־ישראל.

נו, און וואָס איז מכח „קונסט“ פאַר די קאָלאָניסטען?

אודאי טאָר מען די אידישע קאָלאָניסטען נישט לאָזען פערשמאַכטען אָהן א קאַפּ קונסט. אגב, זיינען זיי דאָך טאַקי נישט מעהער ווי פאַרמערס, וועלען מיר אין איין וועגס מאַכען ביי זיי עטליכע דאָלאַר, און מיר וועלען האָבען צו־שטייער אויפ'ן זומער.

געזאָגט און געטאָהן. מיין מאַן האָט גענומען דיא נויטיגע קאָמפּאַניע אַקטיאָרען און מיר פאָהרען קיין ראָזענהיין שפּיעלען טהעאַטער.

די אידען דאָרט האָבען דערהערט טהעאַטער, זיינען זיי געקומען צולויפען פון אַלע ארומיגע שטעדטלעך און האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום שוהל, וואו מיר האָבען געשפּיעלט, און האָבען אריינגעקוקט דורך דיא פענסטער...

א פּאָר בעל־הבתים וואָס האָבען זיך עוסק געווען אין צוזאַמענשטעלען פאַר אונז א „סטיידזש“ פון פרישע ברעטער, זיינען זיך געזעסען אינוויינינג און דאָס רעשט קאָלאָניסטען פאָלק איז זיך געשטאַנען אין דרויסען...

דאָס איז שוין איינמאָל געווען א שפּיעלעכיז. אויפ'ן „סטיידזש“ איז געשטאַנען א קעראָסין לאָמפּ. דאָס האָט געהייסען „פוטלייטס“... און ווען מען האָט בעדאַרפט אָנפאַנגען שפּיעלען, איז רודאָלף מאַקס ארויף צוערשט אויף דער „ביהנע“ און אָנגעצונדען דעם לאָמפּ.

„געשפּיעלט“ האָבען מיר דאָרט א פּיעסע מיט'ן נאָמען „דער בעל־תשובה.“ נאָר אונזער קאָמיקער האָט עס גערופען „דער בעל חוב,“ ווייל עס איז אונז שולדיג געבליעבען אַן איינגאַהמע. מיר זיינען אהיימגעפאָהרען נאָך דער פאָרשטעלונג פונקט אזוינע קבצנים וויא פאַר דער פאָרשטעלונג. אָבער מיר האָבען געטהאָן אונזער הייליגע פפליכט. מיר האָבען די קאָלאָניסטען אָנגעקאָר־מעט מיט קונסט.

געקומען אהיים פון ראזענהיין, זיינען מיר געוועזן גאנץ מיעד און צובראָ־כען. קיין בעסערע זאך ווי שלאף איז גאר אויף דער וועלט נישט געווען. העלפט גאט, מיר זיינען נור איינגעשלאפען,—דאס איז שוין געווען שפעט ביינאכט,—חלום'ט זיך עפּיס אונזער דיענסטמיידעל א „קוצע קוה פאפעריק" און זי פאלט ארונטער פון איהר געלעגער, פון די וואשטאבס, און מאכט א געוואלד.

פון דעם געשריי האבען זיך אויפגעכאפּט פון שלאף די שכנים און גע־מיינט, ס'איז א פייער. האט מען גענומען לויפען נאקעטערהייד אין גאס אריין. מיר זיינען, נישט טויט נישט לעבעדיג, אראבגעשפרונגען פערשלאפענערהייד און אויך געמיינט, אז מיר זיינען שוין „איינגעוויקעלט אין פלאמען," האבען מיר גענומען שפרינגען דורך די פענסטער אויף די פייער־עסקייפּס. מיין מאן האט געכאפּט אונזער קינדעלע און איז מיט דעם געקראכען דורך די פייער־עסקייפּס. ביז מיר זיינען ארונטערגעקומען אין סטריט זיינען שוין געווען עטליכע פייער־אינדזשענס און דער בלאק איז געווען ווי אין א פאניק.

מיר זיינען אין בלויזע נאכט־העמדער אומגעלאפען און געדאנקט גאט, וואס מיר האבען זיך „קוים" געראטעוועט מיט'ן לעבען . . .

ביז ס'האט זיך ארויסגעוויעזען, אז קיין פייער איז גאר נישט געווען און מיר האבען זיך צוריק אריינגעקליבען אין אונזערע דירות. ערשט אין דער פריה האבען מיר זיך דערוואוסט, אז אונזער קלוגע דיענסטמיידעל האט דאס אנגע־ארבייט די בהלה מיט איהרע קולות, וואס זי האט געזעוועט פון שלאף . .

פאר חרפּה איז די דיענסטמיידעל אוועק פון אונז און איך האב געמוזט ..ליין ווערען מיין אייגענע דיענסטמיידעל . . .

איך האב אליין געטהון אלע ארבייט אין שטיב, געוואשען גרעט ווי אן אמת'ע קינסטלערין און אליין גענעהט בונדעלאך פאר מיין קינד. אט אזוי האב איך מיר געהאט פּלענטי פּלעזשור דעם ערשטען זומער אין ניו יארק.

ענדליך זיינען די שרעקליכע היצען געווען פערביי און מיר האבען זיך גענומען גרייטען אנצופאנגען אונזער צווייטען סיזאן אין „רומעניען אפּערא הויז."

מיר האבען איינשטודירט א נייעם מייסטערווערק פון יאזעף לאטיינער, מיט'ן נאמען „אשת חיל, אדער די איינגעשפּארטע פּרינצעסין."

דאס איז געווען א וואונדערבארע געשיכטע, אט די „אשת חיל." עס איז ווערטה א מאטינע טיקעט דאס איבערצודערצעהלען.

א קעניג האט געהאט א שעהנע טאכטער. און וויבאלד דער קעניג איז א

קעניג איז די טאָכטער א פּרינצעסין. און אַ פּרינצעסין איז כסדר אַן איינגע־שפּאַרטע.

וויל דער קעניג אַז די פּרינצעסין זאָל „הייראַטעטען" מיט אַ פּרינץ און זי, די פּרינצעסין הייסט עס, וויל ניט. אָט וועט זי געהן חתונה האָבען ווען זי איז אַן „איינגעשפּאַרטע פּרינצעסין"! טאַקע, צו וועלכע צרות דאַרף זי אַ פּראָ־סטען פּרינץ!

וויל זי ניט „הייראַטעטען" און „לויפט פּאָרט אין די געבירגע," צווישען די בערג הייסט עס.

דאָרט, אין די געבירגע, איז שוין דאָ דער נויטיגער „יאָזעף," וואָס איז זעהר אַ רייכער אָרימאַן, און אונזער פּרינצעסין פּערל־עבט זיך אין איהם אויף צונ'אמת'ען...

נעהמט יאָזעף אַ פּאָאַר ווערבליודען, כאַפּט זיך מיט זיין פּרינצעסין ארויף אויף אָט די האָרבאַטע ווערבליודען, און זיי רייטען אוועק פון די געבירגע.

ענדליך זיינען זיי געקומען אהיים, צו יאָזעף'ן מיט זיין אַלטער מאַמע, אין אַן איינגעדאַרט שטיבעלע, און עס ווייזט זיך ארויס—וואָס ווייזט זיך ארויס?

אָט וואָס: די אַלטיטשקע מאַמע, יאָזעף'ס, איז גאָר אַ קעניגין און יאָזעף אליין איז גאָר אַ פּרינץ. נור דאָס האָבען זיי זיך ספּעשעל, עקסטראַ, פּאַרשטעלט פּאַר אָרימע, כדי צו געווינען די ליעבע פון דער „אשת חיל, אָדער די איינגעשפּאַר־טע פּרינצעסין."

מעהר איינצעלהייטען פון „אשת חיל" געדענק איך ניט. איך געדענק אָבער, אַז איך האָב געשפּיעלט די אַלטיטשקע און מיין מאַן האָט געשפּיעלט אַלס מיין זוהן, דעם אייביגען יאָזעף, דעם פּרינץ, און ער האָט געקראָגען אַ סך פּאַט־ריאָטען.

דאָ האָט עמאַ טאָמאַשעווסקי (שפּעטער, עמאַ פינקעל) אויפגעטראָטען צום ערשטען מאָל אַלס כאָריסטקע. זי איז געווען אַן אמת שעהן מיידעלע, מיט פּעך שוואַרצע האָאַר און נאָך שוואַרצערע אויגען.

פּלוצים צוקריעגען זיך אונזערע צוויי סטאַריכעס, סאָפיאַ קאַרפּ מיט דער ליפּצין, און מאַדאַם ליפּצין פּערלאָזט אונז, מיטנעהמענדיג רודאָלף מאַקס'ן, און זיי געהען אוועק אין „יוניאָן טהעאַטער," דעם פריהעריגען „פּולס טהעאַטער," אויף דער אַכטער סטריט.

וואָרט פּאַנאַנדערגעטראָגען אין אונזער טהעאַטער וועלטעל, אַז אין „יוניאָן טהעאַטער" האָט מען אויפגעפיהרט אַ פּיעסע, איז דאָס עפּעס אַ מאָדנע פּיעסע.

מען רעדט דאָרט ווי פּראָסטע מענשען רעדען ביי זיך אין דערהיים, גאָרנישט ווי אקטיאָרען „דאַרפען" רעדען . . .

עס טומעלט זיך וועגען אָט דער מאָדנער פּיעסע, אָבער נאָך מעהר טו־מעלט זיך וועגען דעם נייעם פּערפאָסער. יעדער איינער דערצעהעלט אַנאַנדער סברה. און אלע אקטיאָרען זיינען נייגעריג צו געהן אין „יוניאָן טהעאַטער," זעהן ווי שפּיעלט מען עפּעס א פּיעסע, וואו מען רעדט ווי איינפאַכע מענשען.

די פּיעסע האָט געהייסען „סיביריא" און דער פּערפאָסער האָט געהייסען יעקב גאָרדין.

# איך זעה גאָרדין'ס ערשטע פּיעסע

אין דער טהעאַטער־קאַפע אויף גרענד סטריט, צווישען נאָרפאָלק און סאַ־פאָלק סטריטס, וואו אלע אקטיאָרען פּלעגען זיך צוזאַמענקומען, האָט מען שטאַרק גערעדט וועגען דער פּיעסע „סיביריא" און דעם פּערפאָסער, „עפּעס איינער א מיסטער גאָרדין."

אַלערליי סברות האָט מען אָנדערצעהלט וועגען איהם. יעדער אקטיאָר האָט געהאַט עפּעס צו דערצעהלען וועגען אָט דעם „מיסטער גאָרדין" און איטלי־כער האָט איהם אָבגעמאָהלען אויף אן אייגענעם אופן, אזוי אז ווען איך האָב מיר גענומען אין פאַנטאַזיע פאָרשטעלען דעם פּערפאָסער פון „סיביריא," האָב איך מיר אויסגעמאָהלען א איד מיט א ברייטע באָרד און יעדע בעזונדערע האָאַר אין אָט דער באָרד איז א שפּיעז אויף צו שטעכען די אקטיאָרען וואָס רעדען נישט ווי מענשען אויף דער ביהנע . . . .

אָבער דער הויפּט שרעק איז אויף אַלעמען געווען וואָס דער מיסטער גאָר־דין, האָט מען געזאָגט, איז א מבין אויף טהעאַטער און איז אַן אינטעליגענט.

פאַר אַן „אינטעליגענט" האָבען זיך די אידישע אקטיאָרען דאַן זעהר געשראָקען. נאָך היינט אויך. אָבער היינט האָבען זיך די אקטיאָרען דערוואוסט, אז גאָר פּיעלע אינטעליגענטען זיינען אינטעליגענט דערפאַר וואָס זיי האָבען אויס־געשטודירט—נישט די ביכער—נור די נ ע מ ע ן פון א סך שרייבער און רעדען כסדר מיט—נעמען . . .

צווייטענס, האָבען איניגע פון היינטיגע אקטיאָרען זיך אויך דערוואוסט,

אז אן אינטעליגענט קען זיך זיין גאנץ אינטעליגענט, אבער דאס זאל איהם גאר נישט שטערען—נישט צו פערשטעהן טהעאטער . . .

דאן, אבער, איז געווען גענוג גענוג צו זאגען פאר די אידישע אקטיארען: „אינ־טעליגענט"—און זיי האבען זיך איבערגעשראקען ווי א קינד פאר'ן „בוגעמען."

איך בין אוועק אין „יוניאן טהעאטער," זעהן די נייע, מאדנע פיעסע „סיביריא."

אזוי ווי מיינע ערווארטונגען זיינען געווען איבערנאטירליכע, גרויסע, בין איך, פערשטעהט זיך, געווארען עטוואס דיסאפאינטעד.

די פיעסע איז געווען א „טרוקענע." דאס הייסט א דראמא, אדער א לעבענסבילד, אהן די אלע „טרימינגס," וואס איך בין געווען געוואוינט צו זעהן אין לאטיינער'ס פיעסען, ווי דועטען, טערצעטען, קווארטעטען—און נאך אזעלכע קאטלעטען . . .

דערפאר האב איך אנגעקוואלען פון דער „פראזא." אזוי איינפאך, אזוי מענשליך און אזוי נאטירליך! איך האב מיר געוואונשען און גאט געבעטען, אז דער גארדין זאל פאר אונז אויך שרייבען א פיעסע אז איך זאל האבען א ראלע אין זיין פיעסע, כדי איך זאל אויך רעדען ווי א מענש אויף דער ביהנע.

דער אינהאלט פון „סיביריא" איז נישט געווען קיין פערפלאנטערטער, נישט קיין גלות־לאנגער און אהן א פרינצעסין . . .

א יונגערמאן אין רוסלאנד איז בעגאנגען עפעס א פערברעכען און מען פערשיקט איהם אין סיביר. ער האט א פרוי און קינדער, וועלכע ער ליעבט זעהר און איז זייער איינציגער בעשיצער. ער אנטלויפט פון וועג, ווען מען פיהרט איהם קיין סיביר, און ער באזעצט זיך אין א שטעדטעל, וואו מען ווייס נישט ווער ער איז.

זיינע קינדער וואקסען אונטער. ער איז א סוחר, פיהרט שעהנע געשעפ־טען און איז א בעל הבית. זיין זוהן שטודירט אויף "אקטאר און עס פערליעבט זיך אין איהם א מיידעל פון איינעם א סוחר, וואס איז זיינער א קאנקורענט.

דער סוחר דערוויסט זיך וועגען דער געשיכטע, אז זיין קאנקורענט איז אן אנטלאפענער פון סיביר און, אויס קליינליכע שנאה. מסר'ט ער איהם און מען פערשיקט איהם, אויף דער עלטער שוין, קיין סיביר.

אין דער האנדלונג קומען פאר פערשיעדענע וואונדערשעהנע בילדער, וואס פארטראגען דעם צושויער צוריק אין זיין אלטער היים, דארט וואו דאס וויעגעלע זיינס איז געשטאנען, און די אלטע באבעניו, זיצענדיג ביי דער הרובע, האט מיט

די הענד געשטריקט א זאק און מיט די פיס געהוידעט דאס וויגעלע . . . בילדער לעבעדיגע, נאטירליכע, נישט קיין אויסגעטראכטע באבע־מעשיות.

דער קעסט אקטיארען איז געווען זעהר גוט צוגעפאסט פאר די ראלען. אדלער האט געשפיעלט אברהם ראזענקראנץ, וואס מען פערשיקט קיין סיביר; פאולינע עדעלשטיין האט געשפיעלט אלס זיין ווייב; סאניא אדלער אלס זיין טאכטער; פיינמאן—אלס לעווין א לעהרער; דיינא פיינמאן—אלס פאניא; בלאנק—אלס סטודענט סאמואיל; קעסלער האט געשפיעלט א סליעדאוואטעל; צלל גרינבערג—אלס בעריל טאראטוטיע, דעם קאנקורענט, און מאגולעסקא האט געשפיעלט אלס א דיענער ביי אדלער'ן.

די פיעסע האט קיין גרויסען רושם אויפ'ן פובליקום נישט געמאכט אין אנפאנג (אזוי איז שפעטער געווען מיט כמעט אלע גארדין'ס פיעסען), ווייל מען איז נישט געווען געוואוינט דערצו. מען האט דאס פשוט נישט פערשטאנען. וואס הייסט עס פאר א טהעאטער, אז מען שטעלט זיך אפילו נישט אויפ'ן קאפ און מען שרייט נישט קוקעריקו? . . .

פונדעסטוועגען האבען די אקטיארען אלע געהאט א גוטע מיינונג וועגען „סיביריא" און וועגען דעם נייעם פערפאסער, מיסטער גארדין.

כאטש קיין „פולע הייזער" האט די פיעסע נישט געבראכט, אבער דאס וואס מען רעדט דארט ווי לעבעדיגע, ווי אמת'דיגע מענשען, אט דאס האט גע־וואונען די הערצער פון אלע אקטיארען און אלע האבען נישט אויפגעהערט צו רע־דען וועגען אט דעם „מיסטער גארדין."

עס איז אוועק א פאאר וואכען. דאס קאבעניש מיט'ן נייעם פערפאסער האט זיך איבערגעקאכט. מיר שטעהען אין „רומעניען אפערא הויז" און שפיעלען טהעאטער.

מיר גרייטען צו עפעס א ניי מייסטערווערקעל מיט אן אלט געהיימניסעל, פון לאטיינער. די אקטיארען זיינען אלע אויף דער ביהנע און מאכען פראבע, און משה'לע (פינקעל'ס שני למלך) קומט ארויף אויף דער ביהנע און זאגט פינקעל'ן, אז עפעס א איד מיט א בארד וויל איהם זעהן.

פינקעל איז שטארק פערטהון מיט דער פראבע און ער ענטפערט משה'לען, אז ער זאל זאגען דעם ליד מיט דער בארד, צו קומען פורים צו דער סעודה, וועט זיין מעהר צייט מיט איהם זיך צו באדערען.

משה'לע פאלגט און געהט אוועק מיט'ן „מעסעדזש." אבער ער קומט

באלד צוריק א פארסאפעטער און געשטשעט ארוים אויף זיין דין קול׳כעלע:
„מיסטער פינקעל, דער לץ איז נישט קיין לץ, דער לץ איז מיסטער גארדין.“

פינקעל האט זיך שנעל אויפגעכאפט און איז אנטקעגנגען געלאפען מיסטער גארדינ׳ען, וועלכער איז אונטערגעקומ׳ען צו דער ביהנע, וואו מיר האבען געמאכט פראבע.

גארדין רעדט אויף רוסיש און בעט פינקעל׳ן, מען זאל איהם אויסהערען א פיעסע. ער דערצעהלט, אז ער האט איינינע פיעסען, נור לעזען וויל ער איינע, זאגט ער.

ער האט געווארט ביז מיר האבען געענדיגט אונזער פראבע. מיר האבען דאס שוין געמאכט „אויף איין פוס,“ ווי מען זאגט, אבי דער מיסטער גארדין זאל נישט זעהן ווי אזוי מיר מאכען פראבע און ווי אזוי מיר שפיעלען. פינקעל האט די גאנצע צייט גערעדט מיט איהם און אויסגעפרעגט וועגען דער פיעסע. גארדין האט געקוקט אויף פינקעל׳ן, געשוויגען און געהערט. ווען ניט ווען האט ער צו־געשאקעלט מיט׳ן קאפ אדער געזאגט א פאאר געצעהלטע ווערטער.

מען האט איהם בעוויליגט א פארלעזונג. מיר, די שוישפיעלער, זיינען אלע זעהר נייגעריג שוין און אויף מארגען קומען זיך אלע צוזאמען, הערען גאר־דינ׳ען לעזען פאר אונז זיין פיעסע.

# יעקב גארדין און די אַקטיאָרען

אלע שוישפיעלער פון אונזער קאמפאניע זיצען אין אפיס פון „רומעניען אפערא הויז“ און ווארטען אויף מיסטער גארדין. דערווייל רעדט מען צווישען זיך, וואס אייגענטליך האט געמאכט אז גארדין זאל קומען צו אונז מיט א פיע־סע; ער האט דאך „יוניאן טהעאטער“, וואו מען האט אויפגעפיהרט זיין ערשטע פיעסע „סיביריע“? אבער מען דערערדט זיך, אז גארדין איז זעהר האנארעוואטע ביי זיך און מסתמא האט מען איהם דארט פוגע בכבוד געווען, איז ער געקומען צו אונז.

באלד קומט אריין מר. גארדין מיט א קליין ביכעל אונטער׳ן האנד. פינקעל דערזעהט דאס ביכעל און פרעגט גארדין׳ען: „דאס אלעס“? גארדין מעסט איהם אפ מיט א קוק פון קאפ ביז די פיס און ענטפערט שטיל: „דאס איז גענוג“.
זיין ערשיינען האט אונז אלעמען אימפאנירט. ער איז געווען הויך און מא־

נער, מיט א מערקווירדיג שעהן ערד׳ל פנים, טיעפע קלוגע אויגען, א שעהנע שווארצע בארד ריין צוגעקאמט, א גרויסען שווארצען קאפ האר פארקעמט אויף צום נאקען און קוטשעראווע געדיכט, א גרויסע שווארצע ווייבע העט מיט א ברייטען ברים, אן ארימען אבער ריינעם און נעט׳ן אנצוג און מיט א שטעקען אין האנד.

מיר זיצען אלע ארום און הערען אויפמערקזאם צו. און ווען ער ענדיגט דעם ערשטען אקט, פרעגט ער אונז, אויב ער זאל ווייטער לעזען אדער שוין פער־מאכען דאס ביכעל, און קוקט אויף אלעמען מיט זיינע טיעפע גרויסע אויגען און שארפע בליקען אז ער נעהמט יעדען דורך. מיר זאגען איהם, ער זאל ווייטער לעזען און מיר פערזיכערען איהם אז מיר הערען זיך איין מיט אינטערעס. ער לעזט אפ דעם צווייטען אקט, פרעגט ער ווידער צו זאל ער לעזען ווייטער, און אזוי נאך יעדען אקט ביז ער האט געענדיגט דאס לעזען פון דער פיעסע.

מיר, דיא אקטיארען, קוקען זיך איבער מיט בעגייסטערענדע בליקען צווי־שען זיך און שווייגען. ביז פינקעל הויבט זיך אויף, רופט אונז אלעמען אפ אין א זייט און גארדין בלייבט זיצען אליין ביים טישעל.

מיר האבען זיך „אבגע׳סוד׳עט" אביסעל און בעשלאסען צו נעהמען דיא פיעסע.

פינקעל רעדט מיט איהם ביזנעס און זאגט: מיסטער גארדין, איהר ווילט פערקויפען דיא פיעסע? מיר וועלען אייך געבען ז ע כ צ י ג דאלאר. פינקעל האט אזוי געדריקט דאס ווארט „זעכציג", אז ער האט עס שיעור נישט דער־שטיקט.

גארדין האט גערעדט זעהר א הארבען אידיש, ווי א גוי, להבדיל, מיט דער „ח", אבער מעהרסטענס האט ער דאן גערעדט רוסיש, זיין בעליעבטע שפראך.

ער קווענקעלט זיך אביסעל און נאך א קורצע פאוזע, ענטפערט ער: „וועט איהר שפיעלען פונקט אט אזוי ווי איך האב עס אנגעשריבען? טאק כאראשא!"

מען רעדט וועגען צוטהיילען דיא ראלען, און ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל שפיעלען דעם פריסמאוו. פינקעל פוילט זיך נישט און באט אן גארדין׳ען צו שפיעלען דיא ראלע און אפערט איהם גאנצע פינף־און־זיבציג דאלאר, דאס הייסט, פופצעהן דאלאר פאר׳ן שפיעלען דיא דריי פארשטעלונגען, און אויב דיא פיעסע וועט געהן מעהר ווי דריי מאהל, דאס הייסט איינינע וואכען, איז פינף ($5.00) באר יעדע פארשטעלונג.

גארדין ענטפערט אויף אידיש: „כאראשא! איך, איך האב נויטיג געלד אצינד פאר מיין כפאמיליע!"

פינקעל „קריטיקירט" עפעס איינינע שטעלען אין דער פיעסע, און ער וויל האבען מוזיק, ער וויל ארייננברענגען מוזיקאנטען מען זאל געהן א האפקע. אבער גארדין רעדט שטרענג ארויס, מיט'ן צייגע-פינגער אין דער לופטען: „ניט טשעפען קיין ווארט, גאספאדא! עטא יא ניע דאזוואליאיו! מוזיקא? כאראשא, איך וועל אייך געבען מאלאראסיסקאיא מוזיקא וואס פאסט זיך זעהר גוט!"

ענדליך האט מען זיך פערגלייכט און אבגעמאכט, און גארדין בעט מען זאל איהם געבען א 25גער פאראויס, ווייל ער דארף זעהר נויטיג האבען. דאס איז געווען א נייעס: וואס הייסט געבען א שרייבער געלד אין אדוועגס? אבער מען האט געמאכט אן אויסנאהמע און איהם געגעבען צעהן דאלאר אין אדוועגס.

מען האט צוטהיילט דיא ראלען און גענומען שטודירען גארדין'ס פיעסע, „דער פאגראם אין רוסלאנד".

דיא פראזא און דיא גארדין'ישע פראזען האבען מיר קוים געקענט צוקייען אין יענער צייט, נאך לאטיינער'ס פראזא, אבער מיר האבען זיך מחיה געווען וואס מיר רעדען ווי לעבעדיגע מענשען, און האנדלען ווי לעבעדיגע מענשען.

די האנדלונג קומט פאר אין רוסלאנד. א איד א בעל הבית, האט א ווייב מיט צוויי טעכטער. איינע, מאניטשקע, איז אין קראם מיט דער מאמען, איז אויס־געקאכט מיט אלע גוים, איז געזונד, יונג, פריש און פערשייט, זי האט ליעב צו װאיעװען מיט דיא שקצים. ביז זי פערליעבט זיך אין א געזונטען שייגעץ, פאוו־לושא. זי ליעבט איהם מיט'ן גאנצען פלאם פון איהר יונגע נשמה.

די צווייטע טאכטער, עדא, מישט זיך נישט אין שטוב זאכען, זי לעזט גאנגאל און אלערליי ראמאנען, און זי קוועקעט אויף אריין אין גימנאזיע. א פלי־מעניק איז דא, א ציוניסט. שדכנ'ט ער זיך צו דער פערליעבטער מאניטשקא'ן.

דאס קומט פאר אין צייט פון דיא ערשטע פאגראמען אין רוסלאנד. עס ברעכט אויס א פאגראם, מען צוראבעוועט דאס האב און גוטס פון דער פאמיליע און פון אנדערע אידישע פאמיליעס. דער שייגעץ, פאוולושא, ראטעוועט זיין גע־ליעבטע מאניטשקא און איהרע עלטערען, אבער דיא שוועסטער, עדא, דיא סטו־דענטקע, איז פון הוליגאנעס געשענדעט געווארען און איז האלב וואהנזיניג.

פאוולושא פאדערט פון מאניטשקא'ן, זיין געליעבטער, זי זאל מיט איהם חתונה האבען, אבער מאניטשקא ענטזאגט זיך צו ליעבען דעם וואס זיינע ברידער



בעסי טהאָמאַשעפסקי און איהר פאַמיליע

האבען געשענדעט און פעראונגליקט איהר שוועסטער און צוראבירט איהרע ברי־דער, דיא אידען.

דער שייגעץ ווערט ווילד און דער׳הרג׳ט זיין היים־געליעבטער מאניטשקא׳ן.

סצענען זיינען אין דער פיעסע פאראן, וואס איך וועל אין מיין לעבען נישט פארגעסען, וואונדער שעהנע סצענען!

דיא סצענע ווען מאניטשקא מיט איהר געליעבטען פאוולושא׳ן פאהרען ארוים אין א שיפעל אויף דער אזערא, אין א ביינאכט, דיא קלאהרע ווייסע לבנה בעזילבערט דיא אזערא און מאכט דאס וואסער ווי א שפיגעל אין וועלכען עס טונקען זיך צוויי פערליעבטע, עהרליכע, ריינע נשמות פון מאניטשקא׳ן מיט פאוולושא׳ן, ווי הערליך דיעזע סצענע איז!

מיר זיינען אלע בעגייסטערט געווארען פון דער פיעסע, אבער איך האב אנגעקוואלען פון פרייד. איך בין געוועזען העכסט גליקליך צו זיין מאניטשקא. גארדין איז ביי מיר געווארען א גאט, וועלכער שאפט פאר מיר נייע וועלטען, א ניי לעבען. אך, ווי ליעבליך איז מיר געוועזען צו שפיעלען מאניטשקא!

עס האט מיר אויסגעוויעזען, אז איך קען אט דיא מאניטשקא פון מיין געבורט שטעדטעל טאראשטשע. לעזענדיג דיא ראלע מיינע, האב איך געזעהן מאניטשקא׳ן א לעבעדיגע און איך האב געוואלט זיין אט דיא לעבעדיגע מאניטשקא.

געקומען דיא ערשטע פראבע. אין ערשטען אקט איז דא א סצענע וואו מען שפיעלט אין „פאנדעז״. האט פינקעל געוואלט אריינשטעלען דא א האפקע מיט א ליעדעלע. אבער גארדין לאזט ניט. עס ווערט א היציגע דעבאטע צווישען פינקעל׳ן און גארדין׳ען. גארדין הויבט זיך שטילערהייד אויף, נעהמט דאס ביכעל אונטער׳ן ארם, זאגט גוד־ביי און געהט אוועק!

# יעקב גארדין אלס אקטיאר

איינער פון אונזער טרופע איז שנעל נאכגעלאפען, ווען גארדין איז אוועק, און איהם געבראכט צוריק. דאס איז נישט אזוי לייכט אנגעקומען, מען האט געמוזט צוזאגען גארדין׳ען אז מען וועט טהון אלעס גיך ווי ער וועט הייסען.

מיר זיינען אנגעגאנגען ווייטער מיט די פראבען.

דער „אנסאמבל״ אקטיאָרען איז איינגעטהיילט געוואָרען מיט די ראָלען לויט גאָרדין׳ס אייגענעם וואונש:

יצחק האלפערין — מאקס קארפ.

שרה העני, זיין פרוי — בינע אבראמאָוויץ.

עדא } זייערע טעכטער — סאָפיא קארפ.

מאניא } — בעסי טהאָמאשעווסקי.

ריינגאָלד — איזידאָר וויינבלאָט.

שמואלקענזאָהן — מאָרים פינקעל.

פאווליק טורבאטש — באָריס טהאָמאשעווסקי.

גריצקא, א שגץ — משה׳לע גאָלדבערג.

פרומע יענטע — מיסעס מאָנע.

אונבעקאנטער — ה׳ מאָנע.

פריסטאָוו — יעקב גאָרדין.

דיא פראָבען זיינען געווען אונטער גאָרדין׳ס אױפזיכט, ער האָט קיין איין פראָבע נישט פארפעהלט, קליידער אפילו האָט ער אליין באשטעלט פאר איטלי־כען שוישפּיעלער. פאר זיך אליין האָט ער באשטעלט א ווייסען ראָק מיט גאָלדענע קנעפּ, א ווייסען קאשקעט, שעהנע רוסישע שטיוועל און א גרויסען לעדערנעם טייסטער אויף א רימען אויפגעהאנגען איבער׳ן אקסעל און אראָבגעלאָזען ביים זייט צו דער רעכטער האנד.

די ראָלע פון פּריסטאָוו האָט ער געשפּיעלט אינגאנצען אויף רוסיש, קיין איין וואָרט נישט געזאָגט אין אידיש.

מיר האָבען די פּיעסע גוט אדווערטייזט, מען האָט אויך אדווערטייזט, אז גאָרדין, דער פערפאסער אליין, וועט אויך שפּיעלען א ראָלע אלס פּריסטאָוו, און צוויי וואָכען צייט האָט דאָס שטעדטיל ניו יאָרק ממש געקאָכט. די „רוסישע קאָלאָניע״ פון איסט בראָדוויי, איז געגאנגען כּאָדאָאָם אין דער „ליטעראַרישער״ קאפּעע, אויף קאנעל סטריט, האָט מען געטרונקען טהעע מיט — דיסקוסיעס . . . אין דער אקטיאָרסקע קאפּעע, אויף גרענד סטריט, האָט מען געקייט טוטפּיקס מיט — ארגומענטען . . . עס האָט זיך געטומעלט, דער געשפּרעך פון טאָג איז דאָן געווען — גאָרדין.

ענדליך איז געקומען דיא אויפפיהרונג.

אלע אקטיאָרען זיינען געווען נערוועז ביז צו משוגעת. אין טהעאטער איז געקומען אן עולם וואס מען האָט פריהער קיינמאָל נישט געזעהען אין קיין אי־

דישען טהעאטער, און אודאי נישט אין „רומעניען אפערא הויז". די סאמע סמע־טענע פון איסט בראדוויי איז געקומען.

גארדין האט זיך אנגעטהאן גלייך מיט אלע אקטיארען. טהאמאשעווסקי וויל איהם גרימירען, אבער גארדין לאזט נישט: „ניענאדא, גאלובטשיק, ניענאדא" — האט ער געזאגט נערוועז.

דער קוירטען איז ארויף, די ערשטע סצענע איז אבגעשפיעלט און דער „פריסטאוו" קומט אריין.

אין טהעאטער איז געווארען א ליארם און א געפילדער, דאס גאנצע פובליקום האט זיך אויפגעשטעלט פון די סיטס און געשריען: „גארדין! הוררא, גארדין!" העטס זיינען געפלויגען אין לופטען, מען האט מיט טאשענטיכלעך געפאכעט, עס האט קוים זיך איינגעשטילט, מען זאל קענען ווייטער אנגעהן מיט'ן שפיעלען.

גארדין דארף רעדען, עס איז שוין נאך זיין רעפליק, אבער ער שטעהט נאך אלץ בעוועגלאז, דעם קאפ אראבגעלאזען, די אויגען צום פלאר, אלע אויף דער ביהנעווארטען און ער שווייגט.

ער איז געווען שרעקליך נערוועז, ביז טהאמאשעווסקי האט הינטער די קוליסען א זאג געטהון צו איהם: „נו, גאספאדין גארדין!" ווי פון א שווערען שלאף האט זיך גארדין פלוצים אויפגעכאפט, אויפגעהויבען די בארד, וואס איז געלעגען פארזונקען אויף זיין ברוסט און האט א זאג געטהון: „דא־דא, טשטא זדיעס, גאספאדא?"

און די שפיעל איז געגאנגען ווייטער.

ס'איז געקומען א געוויסע סצענע, וואו מען גיט איהם, גארדין'ען, דאס הייסט דעם פריסטאוו, כאבאר און מען טראגט איהם אונטער א שנאפס מיט פיש מיט כל הגוטס, אבי ער זאל נישט טשעפען די אידען.

בינע אבראמאוויץ טראגט איהם צו א שטיקעלע פיש און ווינשט איהם חניפה'דיג עסען געזונטערהייד. דערביי לעגט זי צו א טהעאטער־חכמה'לע, קלאמפערשט אפארט: „דערווארגען זאל ער ווערען", כדי דאס פובליקום זאל הנאה האבען וואס מען שעלט דעם שלעכטען פריסטאוו.

מיט אמאל טהוט גארדין א זעץ מיט'ן קולאק אין טיש און א געשריי: „פערעסטאנטיע! עטא ניע נאפיסאנא!" מיר האבען זיך אלע דערשראקען פאר זיין געשריי, דאס פובליקום האט טאקע געמיינט, אז דאס איז אין זיין ראליע

אזוי, אָבער מיר האָבען געוואוסט, אז ער וויל נישט ליידען וואָס מען לעגט צו ווערטער.

נאָך יעדען אקט האָט מען זעהר אפּלאָדירט, אונצעהליגע מאָל ארויסגע־רופען די שוישפּיעלער זיך בויגען און ספּעציעל האָט מען געשריען גאָרדין. מיר האָבען פריהער אזא בעגייסטערונג קיינמאָל נישט געזעהען אין טהעאַטער.

איך האָב זעהר אויסגענומען אין דער ראָליע פון מאַניטשקאַ און מיין מאַן אין דער ראָלע אלס פּאַוולושאַ.

אַלע אידישע צייטונגען האָבען געשריעבען וועגען אונז און וועגען דער אויפפיהרונג פון גאָרדין'ס צווייטע פּיעסע, „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד".

דאָס איז געוועזען אין סיזאָן פון יאָהר 1892.

מיר האָבען דעם „פּאָגראָם" געשפּיעלט אייניגע וואָכען מיט א לויטער מאַראַלישען ערפאָלג, ווייל די „מאַרקען" אונזערע זיינען געפאַלען טיעף, טיעף. קיין געלד האָט מען נישט געמאַכט, דאָס ביסעלע אינטעליגענץ איז טאַקע גע־קומען אין טהעאַטער, מיר האָבען טאַקע הנאה געהאַט צו רעדען אזאַ זיסע פּראָזאַ ווי גאָרדין'ס, אָבער די „טאָלער־ברענגערס", די אמת'ע בעלי־הבתים פון טהעאַ־טער, דאָס הייסט, דאָס גרויסע ווערטהע פּובליקום איז נישט געקומען, פאַר זיי איז גאָרדין געוועזען צו הארב צו פערדייען אין אָנהויב פון זיין גלענצענדער קאַריערע אַלס שעפּפער און באַשעפּער פון א מאָדערנע, כמעט אייראָפּעאיש טהעאַטער אין אידיש.

גאָרדין האָט פיעל געמוזט דורכמאַכען ביים אידישען טהעאַטער, קעמפּפען ווי א נביא אי מיט די אידישע שוישפּיעלער און אי מיט'ן אידישען פּובליקום, עס זאָל זיי ביידע צו קיין גנאי ניט זיין.

גאָרדין אָבער האָט זיין מיסיאָן ערפילט, ער איז נישט אָבגעטראָטען פון זיין פּאָסטען, ער האָט געשאַפען א מעהר ענטוויקעלטערעס טהעאַטער ווי דאָס איז געוועזען ביז איהם, ער האָט פיעלע פון אונזערע שוישפּיעלער ארויפגעשלעפּט אויף א הויכען פּיעדעסטאַל און זיי פאַר דער וועלט געוויעזען, זיי בעריהמט געמאַכט.

מיך האָט מיין שיקזאַל אוועקגעריסען פון צו זיין איינע פון די שוישפּיע־לער וואָס זיינען אויסגעפּוצט געוואָרען מיט גאָרדין'ס בריליאַנטען, איך האָב מיר געמוזט אין גאַנץ אנדערע טהעאַטער־שטיק צייגען פאַר'ן פּובליקום און איך האָב געטהון, וואָס נור אין מיינע כחות איז געוועזען, דעם פּובליקום פרעהלאַך מאַכען. גאָרדין'ס פאַרדיענסט אָבער, גאָרדין'ס אויטהו פאַר דער אידישער ביהנע

— דאס ווייס איך און דאס איז מיר ליעב און טהייער, ווייל מיר איז ליעב און טהייער די אידישע ביהנע.

# א נייע אימיגראציע פון אקטיארען

מיר קעהרען זיך אום פון גארדין צו לעטיינער.

וואס דען זאל מען טהון? עס איז א פראגע פון „איינגאהמע." קונסט? קונסט מוז זיך בעצאהלען, אז ניט מוז מען שפּיעלען אזא קונסט, וואס בעצאהלט זיך יא! . . .

מיר פיהרען אויף א פּיעסע מיט'ן נאמען: „דינה'לע אדער א גאסט פון יענער וועלט," פון יאזעף לעטיינער.

ביי דער קאסע איז באלד געווארען מזל ברכה. כ'ווייס נישט, צי „דינה'לע," צי „דער גאסט פון יענער וועלט" האט געבראכט דאס פּובליקום אין טהעאטער. כ'ווייס נור, אז מען איז געקומען—און די מארקען אונזערע זיינען געשטיגען.

דער סוזשעט פון „דינה'לע" איז געווען זעהר א פערפּלאנטערטער, אבער דער „העלד" איז געווען א „העלד" און די „העלדינע" אויך דאס נעמליכע און עפּעס א „יאזעף" איז אויך געווען אין דער משפחה.

מיין טאכטעריל, אסתר, האט אויך מיטגעשפּיעלט אין דיעזער פּיעסע.

מיר אליין איז אפילו געווען פריקרע צו „קייעז" די פּראזא פון „דינה'לע" נאכדעם ווי איך האב שוין פערזוכט אזא פּראזא ווי אין גארדין'ס „פּאגראם" און ספּעציעל מיין בעליעבטע ראלע „מאניטשקא," וואס כ'האב געשפּיעלט אין „פּאגראם," אבער אן אקטיאר איז ווי א רייזענדער: מען מוז עסען אין פערשיעדענע רעסטאראציעס . . .

מיר זיינען שוין אריבער א היבשע טהייל פונ'ם סיזאן, ביי אונז אין „רומעניען אפּערא הויז." די געשעפטען געהען ניט שלעכט און מיר שפּיעלען טהעאטער.

קומען אן קיין ניו יארק עטליכע נייע אקטיארען פון אייראפּא, וואס אדלער האט אימפּארטירט אין זיין „יוניאן טהעאטער."

די נייע אקטיארען זיינען: בערנשטיין, פּישקינד, טאבאטשניקאף און מערי ווילענסקי מיט איהר מאן, בערנארד ווילענסקי.

אין שטעדטעל ניו יאָרק, דאָס הייסט אין אונזער טהעאטער וועלטעל, ווערט אַ נייע קאָכעניש—קאָנקורענציע.

מען שושקעט זיך באַלד אין טהעאטער קאַפע, אַז דער בערנשטיין איז נישט קיין עקטער, נור א רוח . . . ער קען, זאָגט מען, שפּרינגען ווי א „נישט־דאָ־גע־דאַכט" אַליין. און וועגען טאַבאַטשניקאָף'ן, זאָגט מען, אַז ער קען זינגען און שפּיעלען „ערשטע ליעבהאָבער" ראָלען. פּישקינד, זאָגט מען, איז א נייער מאָגו־לעסקאָ. הכלל, עס טומעלט זיך.

איך לויף אין „יוניאָן טהעאַטער" זעהן די נייע אַקטיאָרען.

געשפּיעלט האָט מען די פּיעסע „שולמית." קיין אויסערגעוועהנליכעס האָב איך נישט געזעהן. מיין אייגענער „אבשלום," מיין מאַן הייסט עס, איז ביי מיר געווען אַלץ חשוב'ער ווי דער נייער „אבשלום." נור דער „צינגעטאַנג," בערנשטיין, איז יאָ געווען פאַר מיר א נייעס. זיין שפּרינגען איז טאַקי געווען חוץ לדרך הטבע פון א שפּרינגער . . . ווען ער קומט אָן מיט אבשלום'ען פון „די בערג" און דערזעהט דעם היסטאָרישען ברונען, איז ער, צינגאַטאַנג, מיט איין „שפּאַן" אַראָב פון די בערג און שוין געווען אין ברונען... בערנשטיין האָט געקענט געבען א טאַנץ און זיך אויפהויבען פון סטיידזש ביז די „פלאָים," דאָס הייסט ביז'ן דאַך.

דאָס פּובליקום איז געוואָרען געוואַלדיג בעגייסטערט. בערנשטיין איז באַלד געוואָרען א ניו יאָרקער ליעבלינג. מען איז געלאָפען אין יוניאָן טהעאַטער זעהן „בערעלע האָפּ." מען האָט איהם שטאַרק אַפּלאָדירט און אַלעמאָל געפאָ־דערט ער זאָל איבערשפּרינגען דאָס געשפּרונגענע שפּרינגעכץ.

בערנשטיין איז געווען דאָן אין מיינע אויגען עפּעס א ניי־מאָדנער קאָמי־קער, נישט ווי מאָגולעסקאָ, נישט ווי רודאָלף מאַקס, נאָר עפּיס א מין, נו יאָ, א מין בערנשטיין אַליין. ער איז געווען גאַנץ אייגענאַרטיג. הויך און מאָגער, מיט א באַסאָווע שטימע, גאָר נישט ווי מיר זיינען געוואוינט פון א קאָמיקער, און לאַנגע פיס. וועגען זיינע פיס האָבען זיך געטראָגען פון טהעאַטער קאַפּע פערשיעדענע לעגענדעס. מען האָט געזאָגט, אַז ווען בערנשטיין וויל, קען ער זיי מאַכען נאָך לענגער ווי זיי זיינען, און אז ער וויל קען ער זיי מאַכען גאַנץ קורצינקע און שפּיעלען קליינע אידעלעך. דער עיקר, ער דאַרף נור ווילען . . .

פּישקינד איז שוין געווען א געוועהנליכער קאָמיקער. קליין געוואַקסען, מיט א פּישטשעדיג קול'כעל און האָט געקענט מאַכען קונצען ווי א פּאַפּיערען מענשעלע, וואָס מען ציהט אויף שטריקלעך און די קינדער לאַכען.

זיי האָבען אויך געשפּיעלט „רבי יאָזעלמאַן" פון גאָלדפאַדען און אַנדערע רעפּערטואַר פּיעסען. דער עולם איז געגאַנגען זעהן די נייע אַקטיאָרען און מיר האָבען דאָס דערפיהלט אין קאַסע ביי אונז אין „רומעניען אָפּערא הויז."

נעהמט מען ביי אונז פּלאַנעווען וואָס צו טהאָן. עס איז דאָך נישט קיין שכל אָבצולאָזען די לייצעס און לאָזען עמיצען אַנדערש אוועקרייטען אויפ'ן פערדעל . . .

און אַז מען פּלאַנעוועט קומט עפּיס אַרויס דערפון. האָט מען ביי אונז אויסגעפּלאַנעוועט איבערצונעהמען דאָס שעהנסטע טהעאַטער אויף דער איסט סייד. דאָס איז געווען טהאַליאַ טהעאַטער. און דאָס וועט שוין זיין אַ נישקשה־דיגע „באָמבע" פאַר קאָנקורענץ.

דאָן האָבען אין טהאַליאַ טהעאַטער געשפּיעלט דייטשען, אַזעלכע וועלט־בעריהמטע קינסטלער ווי פּאָסאַרט און פיעלע אַנדערע.

מיר קריגען דאָס טהאַליאַ טהעאַטער און עס איז ביי אונז ששון ושמחה. אונזערע מענעדזשערס זיינען: חיימאָוויטש, אַדאָלף פּרינץ, ליווי און שיינבערג.

באַלד אָרדערט מען ביי לעטיינער'ן אַ „באָמבע," דאָס הייסט, אַזאַ מין פּיעסע, מיט וועלכער מיר זאָלען קענען איינגעהמען אַלע פעסטונגען, ספּעציעל די שרעקליכע פעסטונג וואָס רופט זיך „באָקס אָפּיס," ווייל פון באָקס אָפּיס קומען די „טולערס" . . .

כאָטש עס איז נאָך גאַנץ ווייט ביז'ן נעקסטען סיזאָן, ווען מיר וועלען אָנהויבען שפּיעלען אין טהאַליאַ טהעאַטער, אָבער מיר גרייטען זיך שוין צו, מיר מאַכען זיך פערטיג פאַר דער גרויסער טהעאַטער שלאַכט.

דערווייל ענדיגען מיר „מיט פּראַכט און גלאַנץ" אונזער סיזאָן אין „רומעניען אָפּערא הויז," און עס קומט אָן דער ליעבער וואַרימער זומער.

מיר וואָהנען נאָך אַלץ אין 120 פאָרסייטה סטריט. מערי עפּשטיין ווערט אנגאַזשירט אויף נעקסטען סיזאָן מיט אונז אין טהאַליאַ טהעאַטער. מופּט זי דערווייל אַרויס פון אונזער „פלעט" צו אַן אייגענע דירה, מיט איהר מאַן און קינד. מיין שוויגער האָט אָבגעזוכט דעם אַלטען, מיין שווער הייסט עס, און זיי פערלאָזען אונז און פאָהרען אוועק קיין שיקאַגאָ. איך בלייב אַליין מיט מיין מאַן און אונזער קינד און בין אַליין די גאַנצע באַלעבאָסטע איבער'ן הויז.

די זומערדיגע היצען בראָטען די איינוואוינער אין די ניו יאָרקער ענגע רומקעס אין די טענעמענט הייזער, און איך מיט מיין קינד זיינען בתוכם.

קיין געוואַלדיגע געשעהענישען געשעהט נים מיט מיר. איך „טענד" מיין

הויז ווי פיעלע היימישע אידישע ווייבלעך. קיין טהעאטער שפּיעלען מיר נישט. מיין מאַן איז פאַרנומען מיט פאַרבעריידונגען פאר דעם קומענדען סיזאָן אין טהאַליאַ טהעאטער און איז מעהרסטענס נישטאָ אין דערהיים. איך בין אליין מיט מיין קינד אין שטוב. און אַט אַזוי לעבט זיך עס . . .

אַמאָל אין א שטאַרק הייסען טאָג פערגין איך מיר אויסצופאָהרען מיט'ן קינד קיין ראַקאַוויי. אָבער די מעהרסטע הייסע טעג שפּאַציער איך מיר מיט מיין קינדרעלע אין „דזשעקסאָן פאַרק," כאַפּען לופט ביים איסט ריווער.

די לופט אין „דזשעקסאָן פאַרק" איז געווען „פאַרפּומירט" פון דעם מיסט וואָס מען האָט אָבגעשיט נישט ווייט פון פאַרק אין די מיסט־שיפּען אויף דעם איסט ריווער. דערצו נאָך בין איך געוואָהר געוואָרען, אז אין דזשעקסאָן פאַרק קען מען אמאָל כאַפּען, א חוץ לופט, מיט א שטיין אין קאָפּ אריין, ווייל אין יענער וואָס פלעגען קומען דאָרט אָבפרישען זיך אביסעל פון די פערשטיקטע שעפּער. צייט האָבען זיך אין דעם דזשעקסאָן פאַרק אויפגעהאַלטען פאַרשיעדענע „גענגס" און די בויאַנעס האָבען אָנגעטהאָן כל הצרות צו די אָרימע אידישע ארבייטער.

# מיין פרייד און שרעק

אונזערע מענעדזשערס זיינען געווען פערמעגליכע אידען און זיי האָבען אויפגעפיקסט דאס שעהנע טהאַליאַ טהעאטער אויף א פּראַכטפאָלען אופן — עס איז געווען א פערגעניגען אריינצוקומען.

דיא ביהנע איז געווען גרויס. דיא גרעסטע ביהנע וואָס מיר האָבען ביז דאַן בעטראַכטען. נאָך היינט איז דיא ביהנע פון טהאַליאַ טעאַטער גרעסער פון אירגענד א אידישען טהעאטער.

דאַס שעהנע טהעאַטער, דיא גרויסע ביהנע, אַלעס האָט צוגעגעבען א חשק צו שפּיעלען און מיר עפענען דעם סיזאָן „מיט פּראַכט און גלאַנץ."

אנגעפאַנגען האָבען מיר מיט רעפּערטואַר פּיעסען. דיא ערשטע איז געווען „אשת חיל". אזוי וויא אונזער מוטער־ראַליסטען בינע אבראַמאָוויץ איז געווען אוועק פון אונז, עפּעס צוליעב דער פּרייז פון מאַרקען, האָב איך געמוזט אריינשפּרינגען אויך אין איהרע ראָלען.

אין דער פּיעסע „אשת חיל" האָב איך געמוזט שפּיעלען דיא ראָלע פון

דער אלטער קעניגין אלישבע, א אידענע פון אפשר ניינציג גראד, כ'מיין ניינציג יאהר.

איך האב זיך אנגעטהאן דעם ווייסען פארוק, זיך „אויסגעזאקט“ עטליכע צייהן, (דאס טהוט נישט וועה: מען פארשמירט פשוט דעם ווייסען צאהן מיט שוואַרצען גרים־פיינט. זעהט עס אויס וויא אויסגעהאקט...) איך האב מיר „אויסגעקנייטשט“ מיין פנים. דאס איז מיר שוין יא אנגעקומען שווערליך, כ'האב זיך געמוזט מאכען גאנץ שטארקע שטריכען מיט'ן ברוינעם פינזעל אויף מיין יונג פנים'על — און כ'בין ארויף שפיעלען דיא אלטעטשקע.

זינט איך בין אויפגעטראטען אין גארדין'ס „פאגראם“ אלס מאניטשקא, האב איך געוואונען פיעלע פריינד צווישען פובליקום, מען האט מיך ליעב בע־קומען אלס שוישפיעלערין און ספעציעל אלס סוברעטין. איך האב דארום גע־קראגען א זעהר ווארימע אויפנאהמע דא אין טהאליא טהעאטער, מען האט מיך שטארק אפלאדירט ווען איך בין ארויף אויף דער ביהנע און גענומעןריידען וויא אן אלטיטשקע אהן צייהן אין מויל. דאס פובליקום איז געווען איבערראשט צו זעהען וואס פון מיר קען ווערען...

אפילו פינקעל האט דאן שוין אויך צוגעגעבען און געזאגט: „איך האב אבער באלד געזאגט אז בעסילע איז א „טאלאנט“ — און דאס, פארשטעהט זיך, איז געווען דאס ערשטע מאהל וואס פינקעל האט אזעלכעס געזאגט וועגען מיר.

א פאר וואכען זיינען אוועק, מיר שפיעלען פאר געפאקטע הייזער, דיא מענעדזשערס אונזערע זיינען זעהר צופריעדען מיט אונזערע טאלאנטען און לויבען אונז אלס קינסטלער. אלע אידישע מענעדזשערס זיינען אזוי, ווען מען מאכט גוטע געשעפטען זיינען זיי בערייט צוצוגעבען אז דיא אקטיארען זיינען קינסטלער. אבער טאמער חלילה זיינען דיא ביזנעס נישט אזוי אי, אי, אי, ווערען דיעזעלבע קינסטלער, — פורים שפילער, קאטערינשטשיקעס און לצים...

קורץ נאכדעם האבען מיר אויפגעפיהרט דיא „באמבע“ וואס האט איינגע־נומען דיא קאסע מיט שטורם און האט מיין מאן בעריהמט געמאכט. דאס איז געווען דיא פיעסע „אלעקסאנדער אדער קרוינפרינץ פון ירושלים“ פון יאזעף לאטיינער.

דיעזע פיעסע איז ביז היינטיגען טאג געבליעבען אין רע־פערטואר פון אידישען טהעאטער און שטענדיג איז דא אן עולם וואס קומט עס זעהען.

דער אינהאלט איז „כמעט“ א פאנטאסטישער: אין „נעיבערהוד“ פון

ירושלים, דארט ערגעץ אין יענע געגענדען, וואוינט א איד, מנחם, וואס האדעוועט א האדעוואנקע, א מיידעל מיט'ן נאמען נעמי.

געהט זיך איינמאהל דורך אין יענער געגענד, עפעס איינער א שיסער וואס שיסט, דאס הייסט א יעגער און דיא מיידעל נעמי ווערט געשאסען — נישט מיט א קויל פון זיין ביקס, נאר פון זיין ליעבע. אלעקסאנדער האט געהייסען דיעזער שיעסער.

און אלעקסאנדער מיט נעמי'ן האבען זיך שוין ליעב.

מנחם דער איד. האט א דיענסט וואס הייסט זילפה, (איך אליין טאקע און א משרת וואס הייסט נפתלי. דאס דאזיגע פאריל איז דער קאמישער דער־פארטמענט. קומט אז צו לויפען עפעס איינער אן ארחימאץ פון דיא ארחימאצ־קעס און רופט אוועק דעם פויגעל־שיסער, דעם יעגער הייסט עס, צו טהאן זיין פליכט, צו פרינצ'עווען אין סאמע ירושלים.

דערוויסט מען זיך אז דער שיעסער איז קיין אנדערער וויא דער קרוינ־פרינץ פון ירושלים און ער הייסט אלעקסאנדער, נישט יאזעף.

שווערט ער אייביגע ליעבע צו נעמי'ן, זי איהם אויך דאס נעמליכע און שוין.

אין זעקס חדשים ארום פאהרען אלע אוועק קיין ירושלים, לויט דעם אבמאך פון פרינץ מיט נעמי'ן, אבער דער פרינץ האט א פערדאכט אז נעמי איז איהם אונטריי געווארען און ער „שמייסט זיא פארט." קריעגט זיא היסטע־ריקע, פאלט חלשות און אז זי חלשט אב ווערט זי שטום און ס'איז אויף איהר א גאט'ס רחמנות.

דא קומט צולויפען דיא גוטע דיענסט, זילפה, דירעקט צום פרינץ און זאגט איהם אז דאס וואס ער דענקט איז א בלאף, נעמי איז איהם טאקע גע־בליעבען געטריי — און ער וויל שוין מוחל זיין נעמי'ן, אבער זיא איז שוין שטום און ס'איז פערפאלען.

ווערט אלעקסאנדער שטארק אין כעס און קעהרט מעהר באר גארנישט, ער גיט אב זיין מוטער, דער קעניגין, זיין „קראנע מיט'ן צעפטער" און האלט א פייערליגען מאנאלאג: „היער, מוטער, איזט מיינע קראנע, וואאס נוצט מיר דיא קראננע, ווען יא וואהרע קראננע מיר אבגעשטארבען איזט? זיא איזט טאד! א גאט, אלע קעצע לעבען, אלע הונדע לעבען, אלע פערדע לעבען, אלע מייזע לעבען — נור ניכט מיינע עהרלישע נעמי!..."

דער עולם וויינט און ס'פאלט דער קוירטען.

ברעכט פּלוצלונג אויס ערגעץ אַ מלחמה און דער פּרינץ כאַפּט זיך ארויף אויף זיין ווייסען פערד. פּאַלנע מוניציע, דאָס הייסט, גרייט צו געהן אין שלאַכט און דאָס פּובליקום קוועלט אז — פון׳ם פערד.

ערשט שפּעטער, ווייזט זיך ארויס אַז נעמי איז גאָר אַן אמת׳ע פּרינצעסין און זיא ווערט צוריק רעדעוודיג און אַלעקסאַנדער איז דאַן דער גליקליכסטער פּרינץ „אויף גאָט׳ס ערדע באָדען...״

קומט אַ חתונה און אַלעקסאַנדער בעט ביים איד מנחם:
„געבע אונז פאַ־טער דיינען זעגען צו אונזערען בונד,
אָה. שבריך ד׳ם גוטע וואָרט אוים דיינען מונד.״

סאָפיא קאַרפּ איז געווען „נעמי,״ טאָמאַשעווסקי איז געווען „אַלעקסאַנדער,״ וויינבלאַט האָט געשפּיעלט דעם „גאַרגעל שניידער״, חיימאָוויטש אַלס „נפתלי,״ מערי עפּשטיין אַלס „דיא קעניגין,״ עממא טאָמאַשעווסקי האָט דאַן געשפּיעלט צום ערשטען מאָל אַ קליינע ראָלע אַלס „פּאַזש״ און איך בין געווען „זילפּה.״

דעם גרעסטען ערפאָלג איז דער פּיעסע האָט געהאַט מיין מאַן. דיא ראָלע „אַלעקסאַנדער״ האָט איהם פערשאַפט פּיעלע אַנהענגער. ער איז ערשיענען אַלס פּרינץ, אַ סך שעהנער וויא אַ פּרינץ, איינפאַך דאָס שעהנקייט אַליין!

זאָגאַר מענער האָבען זיך נישט געקענט אָבוואונדערען פון זיין שעהנקייט אין דער ראָלע. ער האָט אַלעמען בעצויבערט אַלס „פּרינץ פון ירושלים.״ איין אָבענד האָט אַ פּרוי פון פּובליקום געקראָגען אַ נערווען ערשיטערונג און מען האָט זיא געמוזט אָוועקפיהרען אין אַ האָספּיטאַל. „מיין קעניג״ האָט זיא געשריען, „ער איז מיין קעניג, דער שעהנער אַלעקסאַנדער.״

איך האָב זיך געפרעהט פון גאַנצען הארצען מיט מיין מאַן׳ס גרויסען ערפאָלג.

נור אין מיין גרויסער פרייד איז מיר דאַן אָפט בעפאַלען אַ מורא, אַ מאָמענטאַנער שרעק. עס האָט מיך געשראָקען אַ געהיימער געפיהל אַז איך, מיין מאַן. עס האָט אויסגעזעהען אַז ער איז חלילה אין געפאהר צו פערלירען זיין קול, און זיין שרעק איז געווען מורא׳דיג. אַ שוישפּיעלער־זינגער שרעקט זיך „זילפּה,״ דיא איינפאַכע מיידעל. וועל דערעסען דעם „פּרינץ אַלעקסאַנדער.״

# אַמאָליגע אידישע טהעאַטער פּאַטריאָטען

עס זיינען אוועק א פּאָאָר מאָנאַט מיט איין סדרה: „אַלעקסאַנדער.“ די פּאַטריאָטען אונזערע זיינען געוואָרען מעהר און מעהר. ספּעציעל האָט מיין מאַן געקראָגען פיעלע פון דיעזען מין „שטיצער דער קונסט.“

מיר זיינען, הייסט עס, אריין אין די פעדערן. וואָס־זשע טהוט מען, אום זיך צו איבערצייגען אויב מיר האָבען שוין ווירקליך א סך אָנהענגער?—מען מאַכט זיך אן „עהרען־אבענד,“ דאָס הייסט פּשוט א בענעפיט.

דאָס איז געוועו אונזער ערשטע בענעפיט־פאָרשטעלונג אין ניו יאָרק.

און ווירקליך, מיר זיינען געוועזן איבערראַשט פון די אָוואַציעס, וואָס מיר האָבען געקראָגען, און נאָך מעהר פון די פּרעזענטען וואָס מיר האָבען בעקומען. מיר האָבען געמוזט דינגען א וואָגען אויף אהיים צו פיהרען די אלע מתנות וואָס מיר האָבען בעקומען צו אונזער ערשטען בענעפיט אין טהאַליא טהעאַטער.

אחוץ צעהנדליגע בלומען בוקעטען האָבען מיר בעקומען פיעלע נוצבאַרע הויז־זאַכען, ווי זילבערנע קרערענצען, טהייערע קאַט־גלאַז, א פּאָאָר זייגערס פאר'ן מענטעל־פּיעס, צוויי גוטע זינג־פויגעלעך אין גאָלדענע שטייגעלעך און נאָך און נאָך זאַכען, וואָס כ'קען קוים זיך עראינערען.

אָבער איין מתנה, וואָס מיר האָבען דאַן געקראָגען, געדענק איך זעהר גוט. דאָס איז געווען א וואונדערשעהן בילד פון סאַטין מיט סילק אויסגענעהט. ווי א קראַנץ פון לאָרבערן איז דאָס געוועזן אויסגעארבייט רונד און שעהן און אלע נעמען פון די ראָלען וואָס מיין מאַן האָט ביז דאַן געשפּיעלט, זיינען געוועזן אויסגענעהט מיט פערשיעדענע קאָלירען אין די זיידענע בלעטער. אין מיטען פון דעם רונדען קראַנץ איז געוועזן ליידיג און ביים ברעג איז געוועזן אויסגענעהט די צוויי בוכשטאַבען ”A. W.” און דאָס איז געוועזן איינגעפּאַסט אין א טהייערע גאָלדענע ראַהם.

דאָס בילד געדענק איך, ערשטענס, פאַר דער שעהנקייט דערפון און אויך דערפאַר, וואָס שפּעטער האָט עס מיר א סך, אַ סך יסורים פערשאַפט.

מיר האָבען די אלע פּרעזענטען אהיים געבראַכט, און אונזערע רומס אין 120 פאָרסייטה סטריט זיינען געוואָרען אָנגעפּאַקט, ווי א היימישער זאַסיק מיט

פּאַלאַווע. איך בין געווען איבערגליקליך פון דעם כבוד וואָס מיר האָבען געקראָגען צו אונזער עהרען־אבענד, און דערביי האָבען מיר מאַקי געמאַכט א שעהנעם דעפּאָזיט אין באַנק.

מיר האָבען געזעהן בעשיינפּערלעך, אַז מיר „וואַקסען" און מורא האָבענדיג, אַז די רומס אונזערע וועלען זיין צו קליין יוען מיר וועלען זיך שטאַרק „צוואוואַקסען," מופען מיר אין 301 ברום סטריט, אין שעהנע פּיער רומס מיט א באַד, אַלאַ מיליאָנערטשיקעס. כ'האָב וויעדער צוגענימען א דיענסטמיידעל. און אַליין בין איך שוין געוואָרען כמעט א דאַמע. דאָס הייסט, כ'האָב שוין נישט געוואָלט וואַשען אַליין מיינע פלאָרס און טהון אנדערע הויז־אַרבייט און אין דערזעלבער צייט אויך שפּיעלען טהעאַטער. איך האָב געלאָזען דאָס מיידעל טענדען מיין שטוב.

אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מזל צו זיין א דאַמע: ס'פלעגען זיך נישט האַלטען ביי מיר לאַנג די דיענסטמיידלעך. עס טרעפט אמאָל, אז ס'איז נישטאָ קיין מזל צו זיין א „גראַנד־דאַמע" . . . פיעלע מאָל בין איך אַליין געווען שולדיג אין דעם. כ'בין זיך מודה אין מיינע זינד. כ'האָב נישט געקענט מאַכען קיין אונטערשיעד פון א „דאַמע" ביז א „דיענסטמיידעל." כ'בין נישט געווען געוואוינט דערצו. פלעג איך זיך צופיעל חבר'ען מיט זיי, ביז וואַנען זיי פלעגען אויך נישט מאַכען קיין אונטערשיעד פון מיר ביז זיי און איך האָב אַליין געדאַרפט טהון די הויז־אַרבייט. מאַנכע פון זיי זיינען געוואָרען אַקטריסעס.

ענדליך האָב איך געקראָגען א מיידעל, בעקי, וואָס כ'האָב אמת הנאה געהאַט פון איהר. זי איז מיר געווען אמת געטריי, כאָטש איך האָב זיך נישט געהאַלטען מעשה באַלעבאָסטע געגען איהר, נאָר זיך מיט איהר גע'חבר'ט ווי מיט א פריינדין.

קיינמאָל וועל איך זי נישט פערגעסען, מיין גוטע פריינדין בעקי. כאָטש איך בין געווען איהר „הערשערין" און זי מיין „שקלאַפין," זיינען מיר ביידע אַלץ איינע חבר'טעס געווען. בעקי איז געווען דעם הזן, ברוך שור'ס, א משפחה און זי האָט ליעב געהאַט דאָס אידישע טהעאַטער מיט'ן גאַנצען האַרצען. זי איז דערפאַר געווען צופריעדען צו זיין ביי מיר פאַר צוועלף דאָלאַר א חודש, כדי זי זאָל קענען געהן אָפט אין טהעאַטער אריין.

זינט אונזער בענעפיט האָבען מיר געקראָגען אין שטוב אריין א מאָדנעם הויז־פריינד, סעם, א פּאַטריאָט, וואָס איז געווען בערייט צו געהן אין פייער אריין פאַר אונז, ספּעציעל פאַר מיין מאַן, אַבי ער זאָל האָבען דאָס גליק צו זיין טאָמאַ־

שעווסקי'ס „מענש." אָט דער מענש איז געווען א גימער בעל־מלאכה, א קאָר־פענטער, נור ער האָט נישט גיוואָלט ארבייטען און איז געלעגען אויף דער גאַ־ליאַרקע, ביז ער האָט זיך דערדיענט דעם טשין צו ווערען „לייב אדיוטאַנט."

הונדערטע און הינדערטע אידישע יונגע לייט זיינען רואינירט געוואָרען פון דעם „פאַטריאָטיזמוס" צו די אַקטיאָרען, זינט דאָס אידישע טהעאַטער האָט זיך צובליהט. פיעלע זיינען אראָפּ פון גלייכען וועג אין גאָט ווייסט אין וועלכע אבגרונדען זיי זיינען געזונקען. ביכער גאַנצע האָט מען געקענט אָנשרייבען פון אָט די אונשולדיגע קרבנות.

אין באָסטאָן געפינט זיך איינער. „שאיקע פון באָסטאָן" איז זיין נאָ־מען, וואָס מיינט אז ער קען שפּיעלען „דוד משה'לע" פון „קעניג ליער" בעססער ווי אדלער. אָט דער „שאיקע" איז אמאָל געווען א געזונטער יונגער מענש. אָבער דאָס פאַטריאָטסטוואָ האָט איהם רואינירט. פיעלע אזעלכע „שאיקעס" זיינען געווען און זיינען נאָך דאָ ביים אידישען טהעאַטער.

אָבער אויך פיעלע פון אָט אזעלכע פאַטריאָטען, באָיס, זיינען געוואָרען לייטען גלייך. אייניגע זיינען געוואָרען אַקטיאָרען, אייניגע—מענעדזשערס, און אויך וועגען זיי איז פאראַן זעהר פיעל אינטערעסאַנטעס צו דערצעהלען. איינער וואָס איז געווען פון אָט די באָיס ביים אידישען טהעאַטער, איז יעצט א רייכער מענעדזשער אויף בראָדוויי און איז אן איידעם פון דייוויד בעלאַסקאָ. דאָס איז מאָרים געסט.

נישט לאַנג איז עס געווען ווען משה'לע געסט פלעגט „סטראַדאַיען" ביים אידישען טהעאַטער און לעבען פון „גיט מיר א סיגאַרעטעל." דאָס איז נישט קיין אלטע לעגענדע. דאָס איז געשעהן פאר אונזערע אויגען אין די לעצטע עט־ליכע יאָהר.

אונזער אמאָליגער הויז־פריינד סעם, איז אויך היינט א חשוב'ער בעל־הבית. אָבער דאַן האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט ארבייטען און איז געווען מיין מאַן'ס פאַטריאָט. אין שטוב ביי אונז פלעגען זיך אָפט אָבשפּיעלען קאָמע־דיעס צווישען אונזער פּאָרעל, סעם מיט בעקי'ן. זי איז געווען מיר מעהר גע־טריי און סעם איז געווען מיין מאַן מעהר געטריי. איןביידע פלעגען זיך נישט זשאַלעווען קיין ארגומענטען מיט זידעל־ווערטער.

כ'וויים גאַנץ גוט, אז דאָס אלעס וואָס איך דערצעהל דאָ פון מיין פּרי־וואַט לעבען, איז פאַר'ן לעזער נישט אינטערעסאַנט. אָבער איך דערצעהל דאָס אבזיכטליך, כדי דער לעזער זאָל האָבען א שטיקעל בעגריעף פון אָט דעם נישט־

אינטערעסאַנטקייט מיינעם. כ'טהו דאָס, חלילה, קיינעם נישט אויף צו להכעיס. אָבער אזוי איז דאָס געוועזן אין א טויזענד מאָל גרעסערען פאָרמאַט.

דעם שוישפּיעלער'ס גאַנצעס לעבען איז די ביהנע. דארום. קען זיין, איז דער שוישפּיעלער אזוי פערלאָרען אין אמת'ען לעבען, ווען ער איז נישט אויף דער ביהנע. פּיעלע, פּיעלע פּריוואַט מענשען'ס לעבען איז אינטערעסאַנטער און רייכער ווי דעם שוישפּיעלער'ס, בשעת ער שפּיעלט ניט. און אזוי ווי איך טראַכט ניט אוים קיין מעשיות כדי ס'זאָל זיין נור אַמוזירענד, א שעהנע ערצעהלונג, נור איך דערצעהל דעם אמת, דעם פאַקט, אזוי ווי עס האָט מיט מיר פּאַסירט, אזוי ווי איך אליין האָב עס זורכגעלעבט, דארום, אויב עס איז נישט אָטהעם־פערכאַפּענד און אָהן נסים, איז עס נישט מיין שולד. איך בין נישט די פערפאַסערין פון מיין לעבענס־געשיכטע. די אמת'ע פערפאַסערין איז די פערשוואונדענע צייט פון מיין פערשוואונדענעם לעבען . . .

# דיא ווייבעל פון נעקסטען הויז

אין אידישען טהעאַטער־וועלטעל איז דאַן פּלוצים געוואָרען א שטיקעל „ערד־ציטערניש“ און ס'האָט איבערגעדרעהט די לאַנד־קאַרטע מיט'ן „לאַנד“ אינאיינעם. אויף פּראָסט אידיש גערעדט, איז געוועזן אזא געשיכטע: אונזער טהאַליא טהעאַטער האָט געקידנעפּט בערנשטיין'ען פון אדלער'ס יוניאָן טהעאַטער. אדלער פערלאָזט זיין יוניאָן טהעאַטער און געהט אריין אין רומעניען אָפּערא הויז, ער ברייננגט פון רוסלאַנד א בעריהמטען אַקטיאָר מייערסאָן און נעהמט אויך איינינגע היגע "ילעטאַנטען, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזן די נעמען מאַרנבערג און מאַשקאָוויטץ. וואָס איז אין א קורצע צייט ארום זיינען ביידע געוואָרען בעליעבטע ארטיסטען, און קעסלער מיט מאָגולעסקאָ'ן און די אַנדערע בלייבען אין יוניאָן טהעאַטער.

איז נויארק. הייסט עס, בעגליקט מיט דריי אידישע טהעאַטערע.

אונזער טהאַליא טהעאַטער איז אָבער דער שעהנסטער, דער סאַמע שפּיעגעל אליין, און מיר שפּיעלען בשלים און מאַכען גוטע געשעפטען. אונזער פינקעל האָט ערפונדען אַן ערפינדעניש ווי אזוי די קונסט זאָל מאַכען פּראָגרעס... ער האָט געמאַכט א רויטען פאָרהאַנג פאַר דער אוואַנס סצענע (אויף טהעאַטער לשון הייסט עס א „דראָפּ“) דאָס פאַרנעהמט בלויז דעם פאָרענט פון דער ביהנע און

עס בילדעט א מין פלאטפארמע. גרויס געגוג פאר א פאר אקטיארען צום שפיעלען.

אין לעטיינער׳ס פיעסע (און אין די פיעסען פון יענער צייט אין אלגעמיין) איז איינגעפיהרט אז דער „קאמישער דעפארטמענט" פון דער פלעי קומט צו־ערשט און שפעטער קומט די „טראגעדיע".

אזוי ווי איך בין געווען די פארטרעטערין פון קאמישען דעפארטמענט וואס האב מעהרסטענטהיילס געמוזט שפיעלען אט פאר דעם „דראפ", פאר דעם פאר־דערשטען קוירטען, פון מיטען סצענע הייסט עס, איז פינקעל׳ס ערפינדונג געווען א גוואלדיגער סוקסעס. די קונסט איז פשוט געגאנגען פאראויס... אט ווי עס פלעגט זיך ארונטערלאזען דער רויטער „דראפ", איז שוין געווארען פרעהלאך אין טהעאטער, דער עולם האט שוין געלאכט וויסענדיג אז איצט קומט דיא קא־מישע בעססי מיט׳ן קאמישען קאמיקער, און דער עולם האט קיין טעות ניט געהאט.

מיר פיהרען אויף א נייע קונסטווערקעל מיט׳ן נאמען „קורח׳ס אוצרות," א מין אידישער „פאוסט", להבדיל, נאך מיט א מוסר השכל אז געלד פיהרט אראב פון דרך הישר און אזוי ווייטער, א פאנטאסטישע פאנטאזיע מיט מלאכים און שדים א חוץ פיפערנאטערס מיט שלאנגען און עקדש׳ען, מיט איין ווארט: סוקסעס!

מיין אסתר׳ל האט מיטגעשפיעלט אלס מלאך׳על און האט ווירקליך געלויכטען וויא א מלאך׳על.

אין עטליכע וואכען ארום — ווידער א נייע פיעסע, „בת שבע," אלץ פון לאטיינער, און ווידער מיט עפעס א „יאזעף" אלס העלד.

בערנשטיין איז אויך אויפגעטראטען ביי אונז אין אונזער סוקסעס פיעסע „אלעקסאנדער," אין דער ראלע פון „נפתלי" וואס חיימאוויטש האט פריהער געשפיעלט און בערנשטיין מאכט א געוואלדיגען היט מיט נפתלי, דאס איז געווען שוין איינמאל א „נאפטאליע."

און אזוי שפיעלענדיג, ענדיגען מיר דעם צווייטען סיזאן אין טהאליא טהעאטער, „מיט פראכט און גלאנץ."

ווען עס ענדיגט זיך א „סיזאן", ווערט דער אקטיאר וויא פריש געבאקען, וויא אט ערשט פון אויווען ארויס, ווייל דעם גאנצען סיזאן איז מען גאנץ גוט פארקויפט, פונקט וויא יעדער ארבייטער אין „ביזי צייט." דער אונטערשיעד איז נור, וואס דער ארבייטער נאך׳ן סיזאן שרעקט זיך פאר׳ן — „סלעק" און דער אקטיאר נאך׳ן סיזאן שרעקט זיך פאר׳ן — קומענדען סיזאן, טאמער ווערט

ער חלילה נישט אנגאזשירט. אבער װיעבאלד ער איז זיכער מיט אן אנגאזשמא, דאנקט דער אקטיאר דעם ליעבען גאטעניו װאס ער האט אײנגעפיהרט אזוי די וועלט, אז ס'זאל זײן אי װינטער און אי זומער, װײל ס'איז טאקע א שכל'דיגע אײנפיהרעכץ; װינטער שפיעלט מען טהעאטער און זומער באדט מען זיך אין ים אדער מען קריכט אויף די בערג; ס'איז נישט שלעכט.

אויך האט דער שױשפיעלער נאך'ן סיזאן אביסעל מעהר צײט זיך ארומקוקען אויף זאכען װאס ער האט בשעת שפיעלצײט נישט געקענט זעהען און איך האב דאן. װען מיר האבען געענדיגט דעם סיזאן, אויך דערזעהען עטװאס אזעלכעס װאס האט זיך טיעף טיעף אין מײן זכרון אײנגעקריצט. עס האט דאן אין מיר ערװעקט אזעלכע געפיהלען װאס כ'האב קײן בעגריף נישט געהאט װיא איך זאל דאס אנרופען — אבער װעה געטהאן מײן הארץ און מײן גאנצע נשמה האבען זיי, יענע מארנע געפיהלען.

אין דעם הויז 301 ברום סטריט, װאו כ'האב צו יענער צײט געװאוינט. איז אנטקעגען מײן פענסטער געװען אויך א פענסטער פון צװײטען הויז דערבײ. אין טענעמענט הײזער איז דאס קײן נײעס נישט, אז די פענסטער פון צװײ הײזער זאלען זײן אין גלײכער הויך אזוי, אז מען זאל קענען זעהען װאס בײם צװײטען אין שטוב טהוט זיך. שכנות האבען זאגאר ליעב זיך איבער־רעדען דורך אט די פענסטער, דערלאנגען אײנע דער צװײטער א לעפעל פיש־יויך צו פערזוכען. און אזוי װײטער.

אין דעם פענסטער געגענאיבער מיר האב איך פלוצים בעמערקט די פײערינגע אויגען פון א בילד שעהנע װײבעל. (צו מײדעל) װאס זיצט שטענדיג בײם פענסטער און קוקט ארײן צו מיר אין שטוב, דוקא נור דאן װען מײן מאן איז דא.

איך בין זיכער. דאס כ'האב עס פריהער אויך געזעהען, אבער עפעס איז דאס מיר ערשט אצינד געװארען אויפפאלענד, װײל כ'בין אצינד מעהר געװען אין דערהײם װיא אין טהעאטער סיזאן, װען כ'בין פארנומען מיט'ן שפיעלען.

מעהר און מעהר בעמערק איך אלץ, װיא דאס װײבעל, אדער מײדעל, זיצט שטענדיג בײם פענסטער און קוקט צו מיר אין שטוב ארײן.

איהר אנטהאן איז מערקװירדיג געשיקט און רײצענד, אימער פיקאנט און גאנץ לײכט, דער שעהנער האלז איז שטארק ענטבלױזט, אפט ביז די ברוסט, די װײסע רונדע שולטערען פארדעקט זי מאנכעסמאל בלויז מיט א דינעם װאואל און צפט דאס אויך נישט. איהר פנים איז שעהן און לאסטשענד,

ווִיא אַ פּאָעטיש געשילדערטע מאַדאָנאַ און איהרע בליקען פון דיא צוויי פייער־ריגע אויגען זיינען אַזוי שאַרף אַז זיי וואָלטען געקענט דורכשטעכען, דוכט מיר, דיא וואַנד פון מיין שטוב און גרייכען איין ציעל, — בפרט נאָך בלויז דאָס ריינע פענסטער...

איך בין געוואָרען שרעקליך אונרוהיג, עפּעס אַ געהיימע שטימע האָט אין מיר געברומט און מיך געשראָקען. אַן אונבעוואוסט געפיהל האָט גענאָגט און געטאַטשעט מיין האַרץ און מיין מח. ניין, נישט קיין אייפערזוכט איז דאָס געוועזן, איך בין נישט געוועזן אייפערזיכטיג ווייל כ׳האָב מיין מאַן עהרליך געליעבט. צו איז דען דאָס געפיהל ביי אַ מאַמע, ווען דאָס געליעבטע איין־איינציג קינד האַלט ביים שטאַרבען, אַ געפיהל פון אייפערזוכט? ניין, עס איז דער שרעק, דיא פורכטבאַרע מורא דאָס קינד צו פערליערען, דאָס ליעבסטע אַנצו־ווערען.

אַזאַ שרעק האָט מיך בעפאַלען, אַזאַ וועהטאָג האָב איך געפיהלט.

מיין יונגע פאַנטאַזיע איז געוואָרען ווילד און מיר געמאָהלען שרעקליכע בילדער, דאָס ווייבעל. אָדער מיידעל, פון׳ם אַנטקעגענדיגען טענעמענט הויז, וואָס האָט געקוקט אין מיין פענסטער איז מיר געוואָרען אַ שאָטען וואָס האָט מיך שטענדיג און איבעראַל נאָכגעפאָלגט און קוקענדיג אויף דעם מערקווירדיג שעהנעם בילד וואָס מיין מאַן האָט געקראָגען אַ מתנה צו אונזער בענעפיט, מיט דעם אויסגענעהטען לאָרבער קראַנץ פון זייד און סאַטין, האָט זיך מיר אויס־געוויעזען אַז איך זעה אין דעם בילד דאָס שעהנע פּנים פון׳ם אַנטקעגענדיגען ווייבעל און דיא בוכשטאַבען ביים זייט פון בילד, „א. וו.“ זיינען דיא איני־שעלס פון איהר נאָמען...

און אויך דאָס בילד האָט מיך געשראָקען...

# אונזער מכה אין זייט

מיין געטרייע דיענסט־מיידעל בעקי, מיין גוטע פריינדין, איז געוועזן דיא איינציגע וואָס האָט מיינע ליידען צוגעזעהען און פערשטאַנען. זינט בעקי איז געוועזן ביי מיר איז זיא מיר געוואָרען אַן איבערגעבענע חבר׳טע און זיא האָט בעשלאָסען צו ווערען אַ „דעטעקטיוועכע“ און אויסצוגעפינען אויב מיין פער־דאַכט אויף דעם ווייבעל וואָס קוקט שטענדיג פון איהר פענסטער צו מיר אין

שטוב אריין, אויב עס איז אמת וואס כ'האב מיר איינגערעדט, אז אט דיא אנט־קעגענדיגע מאדאנא איז טאקע דיא „א. וו." וואס אויף דעם בילד ביי מיר אין שטוב.

אונזער פאטריאט סעם, מיין מאן'ס לייב־אדיוטאנט, איז ווידער געווען פונקט אזוי איבערגעבען מיין מאן וויא בעקי איז געווען איבערגעבען צו מיר.

סעם האט געוואוסט אלע „געהיימניסע" ביי מיין מאן און בעקי איז צו־געשטאנען צו סעם'ן אום אויסצוגעפינען ווער האט אונז דאס בילד געגעבען, פון זייד אויסגענעהט מיט דיא בוכשטאבען „א. וו."

עס האט זיך אבגעשפיעלט ביי מיר אין שטוב אן אמת'ע קאמעדיע צווישען מיין דיענסט בעקי און אונזער פאטריאט סעם. זייביידע זיינען געווען דאס קאמישע פארעל אין דער טראגי־קאמעדיע צו יענער צייט, פונקט וויא אין לא־טיינער'ס א פיעסע.

עס איז באלד אנגעקומען דער ליעבער זומער, דיא היצען האבען גענומען בעוויזען זייער הייסע ליעבע צו דיא נויארקער טענעמענט איינוואהנער און מיר, קינסטלער, אנטלויפען פון שטאדט און לויפען אין קאנטרי.

דאס איז געווען פאר מיר אזא עראייגניס, אזא נייעס, אז כ'האב פארגעסען אין מיסטעריעזען בילד מיט דעם נאך מעהר מיסטעריעזען ווייבעל פון „נעקסט ווינדאו..." דאס איז געווען מיין ערשטען מאל קאנטרי פלעזשור זינט איך בין א שוישפיעלערין און דאס האט מיך געמאכט פארגעסען אין אלעס און נור פרעהען זיך וואס איך האב שוין ענדליך דערגרייכט צו פאהרען אין קאנטרי וויא אן אמת'ע ליידי.

בעקי'ן האבען מיר געלאזען אין דער היים און איך מיט מיין מאן און אונזער טעכטערל זיינען מיר אוועק אין „קאנטרי", אויף א פארם אין ניו דזשוירזי, נישט וויט פון „ראזענהיין".

דיא דאזיגע פארם האט פריהער בעלאנגט צו סעם קעסטין, א ירושה פון זיין רייכער מוטער. נור סעם קעסטין איז דאך שוין געווען אן אקטיאר, ער פלעגט דאן „טרעוולען" מיט באיעלעך אויפן ראוד און שפיעלען טיאייטער, האט ער פערקויפט זיין פארם צו ישראל ווייכבלאט און איז פטור געווארען פון א קלאפאט.

געקומען אין קאנטרי, אויף דער פארם, הייסט עס, און זיך א נעהם געטהאן צו האבען פלעזשור. קעסטין'ס א שוועסטער איז דארט געווען און מיר זיינען דאך שטיקלעך משפחה, האט זיא געוואלט אונז אנגיסען מיט פלעזשור, זיא האט אונז געקארמעט מיט אל־דאס־גוטס, אבער וויא ס'איז געקומען אין אבענד

און מיר זיינען ארויס אין גאס אויף א שפּאַציער הינטער'ן פרייען הימעל — נו, נו, מיר זיינען קוים צוריקגעקומען לעבעדיגע. דיא מאָסקיטאָ'ס זיינען אונז בעפאַלען אזוי ווי אמת'ע קאַניבאַלען און מיר זיינען קוים לעבעדיג אַנטלאָפען אין הויז אריין.

אזוי האָבען מיר אָבגעפּלעזשורט א פּאָר וואָכען אין מאָסקיטאָ לאַנד, ביז מיר האָבען בעשלאָסען אז איידער אויפגעפרעסען צו ווערען פון דיא מאָסקיטאָס בּיסלעכווייז, אויפ'ן אינסטאָלמענט פּלאַן, איז שוין בעסער מיט איין מאָהל אָב־געבאַקען צו ווערען פון דער נויאָרקער היץ — און מיר זיינען אוועק צוריק א היים.

אין דער היים האָבען ביר געטראָפען א גרויסע איבערראַשונג, א נייעס: „באָריס טהאָמאַשעווסקי'ס דראַמאַטיק קלאָב". דאָס האָט סעָם אָרגאַניזירט א קלאָב פון באָיס און מיידלעך וואָס האָבען געוואָלט ווערען עקטערס און עקטערקעס, און געמאַכט טהאָמאַשעווסקי'ן פאַר אַן „עהרען מעמבער" אום צו קענען נוצען זיין נאָמען.

מיר האָבען זיך געפרעהט מיט דעם „כבוד" וואָס מען טהיילט אונז צו, א סימן אז מיר זיינען פּאָפּולער, כאָטש מיר האָבען גוט געוואוסט, אז דאָס האָט אונזער פּאַטריאָט, סעם אָרגאַניזירט דעם קלאָב, און וועמען דען אַנדערש וועט א פּאַטריאָט צושאַרען „כבוד" אויב ניט זיין סטאַר? מיר האָבען גע־וואוסט, אז נישט „דאָס אידישע פּאָלק" האָט עס א נאָמען געגעבען אַן אָרגאַני־זאַציאָן מיט אונזער נאָמען, — אָבער, אזוי איז שוין דער אַקטיאָר, ווייא עס קומט צו רעקלאַמע, צו אַדווערטייזמענט, הייסט עס „כבוד", און מען איז נישט מקפּיד פון וואַנען און פון וועמען עס קומט . . .

מיין געטרייע בעקי איז דערווייל דערגאַנגען דאָס „געהיימנים", אז דיא אַנטקעגענדיגע מיידעל, צו ווייבעל, איז טאַקע דיזעלבע וואָס האָט אונז פּרעזענ־טירט מיט דעם וואונדערשעהנעם בילד און דיא בוכשטאַבען וואָס אויפ'ן בילד, „א. וו." זיינען טאַקע דיא איניציאַלען פון איהר נאָמען.

בעקי איז דאָס געוואָהר געוואָרען פון לענדלאָרד אונזערען, מיסטער בּאַרנעט, דער פאַטער פון דעם פּאָפּולערען אידיש־ענגלישען אַקטיאָר סעם בערנאַרד.

בעקי האָט זיך איינגעשפּאַרט אז מיר מוזען מופען פון דיא רומס און זיא האָט אויסגעפיהרט אָהן איבריגע שוועריגקייטען. מיר מופען אין א שעהנעם פּלעט אין 117 סעקאָנד עווענױ, קאָרנער 7טע סטריט, און בעקי „מופט" דאָס „א. וו." בילד פון פּאַרלאָר אין דיינינג רום און שפּעטער אין קיטשען. זיא וואָלט

דאָס שעהנע בילד אויפגעגעסען עס זאָל פון דעם קיין זכר ניט בלייבען, זיא האָט אָבער מורא פאַר'ן בעל הבית.

פּאַוואָלינקע איז זיך אונטערגעקומען דער נייער טהעאַטער סיזאָן און מיר דערוויסען זיך אַ שלעכטע בשורה, אָבער גאָר, גאָר אַ שלעכטע. מיר דערוויסען זיך נעמליך, אַז דאָס ענגלישע „ווינדזאָר טהעאַטער", וואָס איז פּונקט אַנטקעגען אונזער טהאַליא טהעאַטער, איז איבערגענומען געוואָרען פון יאָזעף עדעלשטיין מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע פון „יוניאָן טהעאַטער," ווי: קעסלער, מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, דיינא, פּאָולינא עדעלשטיין, א. ז. וו., און מען וועט שפּיעלען אידיש טהעאַטער.

דאָס איז געווען פאַר אונז אַ שרעקליכער קלאַפּ. דאָס ווינדזאָר טהעאַטער איז געווען פּונקט אַנטקעגען אונז (ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט מען דאָס ווינדזאָר טהעאַטער צו־וואָרפען צוליעב דעם מאַנהעטען בריק וואָס מען האָט אויפגעבויט). און מיר האָבען באַלד פערשטאַנען, אַז עס וועט אונז זיין אַ גע־פעהרליכער קאָנקורענט. אָבער וואָס זאָל מען טהאָן? פערפאַלען.

אָט איז שוין ערב יום טוב. דיא טהירען פוןביידע גרויסע טהעאַטערע עפע־נען זיך איינס אַנטקעגען אַנדערען און — דיא שלאַכט פאַנגט זיך אָן. קאָנ־קורענציע.

זיי, אין ווינדזאָר, פיהרען אויף אַ נייע פּיעסע „דיא עקדה" פון פּראָפעסאָר מ. איש האָראָוויץ הלוי. — מיר, אין טהאַליא, פיהרען אויך אויף אַ נייע פּיעסע „קעניג און באוער", פון לאַטיינער.

ביי זיי געהט דיא פּיעסע גוט. דער עולם קומט בעוואונדערען דעם נייעם אידישען טהעאַטער, און ביי אונז פאַלט דורך דיא פּיעסע מיט פּראַכט און גלאַנץ.

אָבער מען טאָר דיא מיהל ניט אָבשטעלען. מען מוז אונטערשיטען פרישע תבואה, און מיר פיהרען אויף אַ היסטאָרישע אָפּערא פון יעקב גאָרדין מיט'ן נאָמען „מחמד". אַ פּיעסע מיט אַ סך געזאַנג און אַ סך פּראַזאַ מיט אַ פּיקאַנטען אינהאַלט, (דער מחמד איז אַ טערק און האָט ליעב אַ סך ווייבער...) אָבער — עס פאַלט מיט אַ קנאַק. דער עולם געהט אין ווינדזאָר טהעאַטער, נישט אין טהאַליא.

ס'איז שלעכט. ניין, ס'איז נאָך שלעכטער, ווייל זינגענדיג דיא ראָלע פון מחמד איז מיין מאַן געוואָרען הייזעריג און קען נישט אַפילו רעדען, בפרט זינגען. עס האָט אויסגעזעהען אַז ווינדזאָר טעאַטער „זיעגט" איבער אונז און עס איז אונז געוואָרען זעהר שלעכט אויף דיא הערצער.

אבער מיין מאן'ס הייזעריגקייט איז געווען אזוי שרעקליך, אז מיר האבען אלע פארגעסען אין דיא שלעכטע ביזנעס פון טהעאטער און געזוכט צו ראטעווען מיין מאן. עס האט אויסגעזעהען אז ער איז חלילה אין געפאהר צו פערלירען זיין קול, און זיין שרעק איז געווען מורא'דיג. א שוישפיעלער־זינגער שרעקט זיך מעהר פאר'ן געדאנק פון פארלירען זיין שטימע וויא פאר'ן געדאנק פון טויט.

# דער טויט פון מיין בת יחידה'לע

כ'האב געבראכט די בעסטע דאקטוירים, כ'האב געטאהן אלעס מעגליכעס, אום צו העלפען מיין מאן פון דעם שרעקליכען אונגליק, וואס איז איהם פלוצים בעפאלען, פון זיין הייזעריגקייט, וואס איז איהם געקומען שפיעלענדיג גארדין'ס היסטארישע אפערא „מחמד.“

עס האט גאר נישט געהאלפען, ביז גאט האט אונז צוגעשיקט א בעריהמטען ספעציאליסט, א געוויסען דאקטאר קארפענטער און ער האט מיין מאן צוריקגעבראכט צו דער שטימע, אום צו קענען כאטש רעדען, און שפעטער מיט א פאאר וואכען אויך זינגען.

מיר האבען געדאנקט גאט פאר דעם חסד וואס מיין מאן קען ווידער שפיעלען, ווארום אונזער פעראנטווארטליכקייט איז געווען בעדייטענד גרויס, און ווען מיין מאן זאל חלילה געווען לאנג אוועקשטעהן פון שפיעלען, וואלט אונזער טהעאטער געווען רואינירט געווארען.

אונזערע קאנקורענטען אין ווינדזאר טהעאטער מאכען גוטע געשעפטען און מיר מוזען אלע פאאר וואכען אויפפיהרען א נייע פיעסע.

בעשליסט מיין מאן, אז ס'איז שוין דיא העכסטע צייט אויפצופיהרען שעקספיער'ן אויף דער אידישער ביהנע.. ער האט שוין דאן געהאט לאנג שטודירט די ראלע פון פרינץ „האמלעט.“ און — אבגעשטימט און בעשלאסען — עס געהט „האמלעט.“

דאס פובליקום האט ניט פערשטאנען, וואס דאס איז אזעלכעס און „דיא פלעי“ האמלעט, איז דארום געווען א סוקסעס... מיר האבען די פיעסע געשפיעלט עטליכע וואכען און געמאכט גוטע ביזנעס, נור איין צרה איז געווען, וואס דער עולם האט געקלאפט, געשריען און גערופען דעם פערפאסער, שעקספיער, ער זאל זיך קומען נויגען פאר'ן קווירטען...

מיין גוטע דיענסט־מיידעל, בעקי, האט אונז אפילו געגעבען אן עצה, מיר זאלען גרימירען א אידען און איהם ארויסשיקען אלס שעקספיער, אבער מיר פלע־גען בעטען ביי'ם פובליקום ענטשולדיגונג, וואס שעקספיער קומט ניט ארויס זיך נייגען, ווייל ער וואוינט צו ווייט. אזש אין לאנדאן, דערפאר קען ער נישט קומען...

נאך „האמלעט" פיהרען מיר אויף א נייעס מייסטערווערק פון פראפעסאר האראוויץ מיט'ן נאמען „יפת תואר אדער בלעם'ס אייזעל." א כאפ — פון „האמ־לעט" ביז „בלעם'ס אייזעל"..

איך שפיעל טהעאטער, אבער איך שפיעל פאר צוויי... פאר מיר און פאר מיין באלדיג נייע קינדעלע....

אין דערהיים בין איך זיך דערווייל מחיה פון מיין טעכטעריל'ס קונצען; איך פיהל, אז מיין אסתר'על וואקסט אן אקטריסע; זי טהוט אן דער מאמע'ס קליידער און שפיעלט טהעאטער.

אלע בענשען זיך מיט מיין טהייער געראטענע אסתר'ל.

אבער כ'בין ניט זוכה געווען ביי גאט, אז מיין אסתר'ל זאל מיר זיין אויף לאנגע יאהר.

עס איז געווען א פרייטאג פאר נאכט. מיין קינד איז מיר פלוצים איינגע־פאלען און געקראנקען פיעבער. כ'האב באלד געשיקט נאך א דאקטאר און האב דער־הערט דיא גוטע בשורה, אז דאס קינד האט דיפטעריע. איך בין געווארען א פער־ציטערטע. מיין הארץ האט זיך שיער אבגעשטעלט פאר שרעק, עפעס א אונבע־וואוסטע מורא איז מיך בעפאלען, אז איך וועל אנווערען מיין טהייער מלאך'ל.

עס איז שוין געווען באלד שפעט אין אבענד און כ'מוז לויפען שפיעלען טהעאטער. כ'לאז דאס קינד מיינס און לויף מיט א צובראכענע געמיטה אין טהע־אטער אריין. שבת אין דער פריה, מיין קינד איז ערגער. זי איז הייזעריג און קען קוים דעם אטהעם כאפען, קויז וואס זי כריפעט מיט געוואלדיגער אנשטריינגונג. דר. ראזענטהאל בעהאנדעלט מיין קינד און איך מוז ווידער לויפען איז טהעאטער שפיעלען מאטינע. אין אבענד איז מיין קינד שוין אין גאנצען אהן לשון. הייזעריג, קראנק. איך לויף אום, ווי א געיאגטע חיה, מיינע ליידען זיינען אונבעשרייבליך. איך וועל שיער משוגע. דר. פישער האט דאן נור וואס געבראכט אנטיטאקסין און מען פרובירט דאס אויף מיין ארים אויסגעמאטערט קינד. 3 דאקטוירים בעהאנד־לען מיין קראנק שעפעלע. זיי ווארטען ביז זונטאג פריה אויף די רעזולטאטען פון'ם אנטיטאקסין.

זונטאג פריה, דאס קינד איז ערגער, די דאקטוירים: דר. פישער, דר. ראָ־זענטהאַל און דר. קארפענטער, זעהן, אז דאס קינד וועט באלד דערשטיקט ווערען און זיי בעשליעסען א באלדיגע אפעראציאָן.

איך האב צוגעזעהען, ווי מען צושניידט דאס יונגע צארטע לייב פון מיין איינ־ציג קינד און מען שטעלט אריין א רעהר (א טיוב) אויף צו אטהעמען, אום דאס צו דערהאלטען בי'ים לעבען. ווייל אויף א נאטירליכען וועג האט מיין קראנק מלאך'ל שוין נישט געקענט אטהעמען.

מיט דער לופט־רעהר לעבען האלז צו די לונגען אריינגעפאסט, האט מיין זיס אונשולדיג קינדעלע, מיין ארימע אסתר'ל, אבגעמוטשעט זיך נאך דעם מעת־לעת פון זונטאג ביז מאנטאג.

מאנטאג פריה איז מיין קינד געשטארבען.

אסתר'ל מיינע, מיין אונגליקליך קינד! די טרעהרען וואס איך, דיין עלענדע צובראכענע מאמע פארגים אצינד, איין־און־צוואנציג יאהר נאך דיין טויט, זיינען פונקט אזוי הייס, אזוי מוטערליך, ווי דאן, ווען כ'בין געשטאנען לעבען דיין בעטע־לע, ווען דו ביזט געלעגען א גוסס'ע און פערמאכט דיינע אונשולדיגע בלאהע אויג־געלעך, אום מיך קיינמאל מעהר נישט צו זעהן. איך, קינד, וועל דיך זעהן אין מיין געדאנקען ביז איך וועל אויך מיינע אויגען צומאכען אויף אייביג.

א מאמע פארגעסט נישט איהר קינד. און איך בין א מאמע.

דער גרויסער בראך אין מיין יונג לעבען איז פאר מיר דאך געווען צו שטארק און כ'האב דאס נישט געקענט ביישטעהן. מען האט מיך אבגעהאלטען פון צו מא־כען זיך א טויט. אבער ווען כ'ביז צו זיך געקומען, בין איך געלעגען נישט אין מיין שטוב, צוגעבונדען פעסט צום בעט און דאקטוירים האבען שווער געארבייט, אום מיך צו בערוהיגען. איך בין אפילו צו דער לויה פון מיין פריהצייטיג געשטארבע־נעם מלאך'ל נישט געווען. כ'האב נישט געקענט געהן, אזוי קראנק בין איך געווען.

מיין מאן, דער דערשלאגענער פערוויירטער טאטע איז נאכגעגאנגען און בע־גלייט אונזער טאכטעריל צו איהר פריהצייטיג קבר'ל. מען האט מיר שפעטער דער־צעהלט, אז ער איז אין היסטעריקע איינגעשפרונגען אין קבר'ל, ווען מען האט אראבגעלאזען דאס פארגליווערטע קערפעריל פון אונזער יונג אבגשניטען בלו־מעלע, אונזער אסתר'ל.

קיין טאטע יאל נישט געפרואווט ווערען מיט אזא טראגעדיע!

פוסט און וויסט איז געווארען אין יעדען ווינקעלע פון מיינע צימערען און אין יעדען ווינקעל פון מיין צוואוייטאגט הארץ. ווען מיין מאן איז אריינגעקומען

אין שטוב און אונזערע בליקען האבען זיך באגעגענט, זיינען מיר ביידע פון דער־ווייטענס, שטילערהייד אויף די ערטער געלעגען און ביטער געוויינט. א טויטע שטילקייט האט געהערשט צווישען די ווענד פון אונזערע צימערען, און נור אונזער שלוכצען האט אבגעקלונגען טעמפּ. ווי דאס קרעכצען פון א צום טויט פערוואונדע־טען פויגעל אין דער טיפעניש פון א געדיכטען וואלד.

קיין זאך איז אונז נישט ליעב געווען. דער טויט פון אונזער קינד האט וויא א שרעקליכע חיה מיט טויזענד אויגען געקוקט צו אונז פון יעדען שטיקעל מעבעל אין שטוב. ווען מען זאָל מיך דאן נישט געווען אזוי אבהיטען, בין איך זיכער, אז כ'וואלט דאס נישט געווען איבערגעלעבט, נאך אין מיין לאגע אין וועלכע איך בין דאן געווען. אבער דיא נאטור איז שטארקער פון שוואכען מענשעלע, און אויב וואונדען פארהיילען זיך נישט אין גאנצען, פארגעהען זיי אבער.

מיט'ן אנקומען פון אנדערע קינדער מוז די מאמע פארגעסען אין דיא פער־שטארבענע.

# אונזער „אינערליכע פּאָליטיק"

טאמער איז מיר געווען ווייניג דיא פּוסטקייט פון מיין שטוב, נאך מיין אסתר'ס טויט, איז נאך געקומען דיא בארד און העלטה און מיך דערמאהנט אז מיין קינד איז צו גיך געשטארבען, א סימן אז מען דארף „פיומיגייטען" דאס הויז, עס זאָל ניט בלייבען קיין זכר פון דעם פייער וואס האט אזוי מיט איין מאָל פארברענט מיין יונג בוימעלע, מיין אסתר'ל.

פּלוצים איז מיר דאס גאנצע הויז נמאס געווארען; די ווענט, דיא סטעליע, דיא געזי־רעהר, דיא פארניטשור, אלעס, אלעס האט מיך געשראקען און פערפאלגט. דעם זעלבען טאג האט מיין דיענסט־מיידעל בעקי מיך געמוזט אוועקנעהמען פון הויז, קראנקערהייד האב איך איבערגעמופט פון סעקאנד עוועניו אין 104 פארסייטה סטריט.

גוטע בעקי. זיא איז געווען מיין אמת'ע מיטליידענדע אין מיין גרויסען בראך. מיך האט זיא געפּרואווט טרייסטען און אליין איז זיא אומגעגאנגען וויא א דולע און זיך געריסען דיא האר פון קאפ; מיין פערשטארבענע אסתר'ל איז איהר געווען איינגעבאקען אין הארצען. זיא האט דאס קינד מיינס אמת ליעב

געהאט. נאָך היינט אַפילו, שטעהט ביי בעקי׳ן אין שטוב א גרויס בילד פון מיין פערשטאָרבענע אסתר׳ל.

עטליכע וואָכען זיינען אַוועק. איך האָב גענומען קומען צו זיך אַביסעל. אין טהעאַטער בין איך דיא גאַנצע צייט ניט געגאַנגען. כ׳בין אין שטוב געווען.

מיין מאַן האָט געמוזט נאָך דיא אַכט טעג געהן שפּיעלען. ווען ער איז אויפגעטראָטען אין „יפת תואר", האָט ער געהאט א סצענע וואו ער האָט בעדארפט זינגען אַ וויעג־ליעדעלע:

שלאָף מיין גאָלדען ציגעלע,
אין דייז מאַמעס וויגעלע,
שלאָף מיין קינד, שלאָף בשלום

איז ער בשעת זינגען געפאַלען אין חלשות אויף דער ביהנע און מען האָט געמוזט לאָזען דעם קוירטען.

דאָס פּובליקום האָט געוואוסט פון אונזער אומגליק און האָט מיטגעוויינט. זעהענדיג וויא טהאָמאַשעווסקי האָט גע׳חלשט אין אַ סצענע, וואו ער דאַרף ניט חלש׳ן, זיי האָבען מיטגעפיהלט דאָס צו־וויטאָגטע האַרץ פון׳ם פאטער וואָס האָט ערשט בעגראָבען זיין בת יחידה, זיין איינציג קינד און מוז שוין זיך פאַר־שטעלען און שפּיעלען טהעאַטער, מאַכען פרעהליך יענעם — ווען זיך אַליין צו־געהט דאָס האַרץ פון וויטאָג.

אין ווינדזאָר טהעאַטער זיינען זיי געשטאַנען מיט א געוואלדיגען סוקסעס, (דיא פּיעסע „בליהמעלע" וואָס האָט געבראכט א פאַרמעגען.) און ביי אונז אין טהאַליא טהעאַטער איז אַלעס געפאַלען וויא שטרוי, מיר האָבען זיך נישט גע־קענט דערשלאָגען צו עפּעס א רעכט שטיקעל פּיעסעלע ס׳זאָל זיין אַ סוקסעס, נור אַלע פּאָר וואָכען האָבען מיר געמוזט אויפפיהרען אַ נייעם קונסטווערק.

מען שטודירט ווידער ביי אונז איין אַ נייע פּיעסע מיט׳ן נאַמען „יונה הנביא" פון פּראָפעסאָר הוראָוויץ. „יונה הנביא" האָט געזאָלט זיין אַן אמת׳ע באָמבע, ווייל מען הָאט אַדווערטייזט אַז עס וועט זיין א לעבעדיגער פיש וואָס וועט איינשלינגען „יונה׳ן" . . .

נור ס׳איז געקומען צום איינשלינגען איז דער פיש דערוואָרגען געוואָרען.

איך בין נאָך אַלץ אין דער היים. בעקי היט מיך אָפּ וויא א געטרייע מאַמע און רעדט מיט מיר גערן וועגען אַלץ אין דער וועלט, אַבי ס׳זאָל מיר נישט זיין אומעטיג.

בעקי איז געווען, וויא מען זאָגט, „אַ קינד פון פאָלק". זיא האָט געקוקט

אויף זאכען און מענשען מיט אן איינגעארטיגען בליק, און וועגען אלץ האט זיא געהאט עפּעס צו זאגען.

דיא טהעאטער־וועלט איז בעקי׳ן געווען גוט בעקאנט און זיא האט זיך געהאט וועגען אלעמען איהר מיינונג.

אזוי ריידענדיג מיט בעקי׳ן, זיינען מיר ארויפגעקומען אויף דער וויי־בערשער פראגע: חתונה. צו בעקי׳ן האט זיך דאן גע׳שדכן׳ט עפּעס א קליין אקטיארעל, דאס הייסט, נישט קליין געוואקסען, נור קליין אלס קינסטלער, און בעקי האט איהם ענטזאגט.

מיך האט גע׳חידוש׳ט. וויא קומט עס: א דיענסט־מיידעל זאל נישט וועלען חתונה האבען מיט אן אקטיאר? אין יענער צייט האבען זיך נישט נור דיענסט־מיידלעך, נור אפילו גאר גאר באלעבאטישע מיידלעך, זאגאר ווייבלעך, געוואונשען צו האבען אן אקטיאר פאר א מאן — און מיין בעקי ווארפט זיך גאר מיט דער מציאה! . .

אקוראט וויא זיא האט מיר ערקלעהרט דיא אורזאכע געדענק איך נישט, איך געדענק נור אונגעפעהר דיא הויפּט ארגומענטען וואס בעקי האט מיר געגעבען. און ווייל אז איך דערמאהן מיך אין בעקי׳ן דערמאהן איך מיך אויך איהר שפּראך, וועל איך עס דארום איבערגעבען, מעהר אדער וויניגער, וויא בעקי האט עס מיר ערקלעהרט:

—„וואס טויג מיר א מאן אן עקטער? אן עקטער איז וויא א ווינד אין פעלד — קען מען דען וואטשען דעם ווינד וואו ער געהט? אזוי קען מען וואטשען א מאן אן עקטער... איך ווייס אזוי פיעל, אז א מאן דארף זיין אזוי גוט וויא דיא פרוי! אז איך וועל וואיוועז מיט אנדערע מענער וועט מיין מאן מיר לאיגען אין דרערד. וואסי? איך טאר ניט, און ער מעג? מילא, אז מיין מאן וועט זיין א פּראסט מענשעל, און אז מיר׳ן זיך לעבען בשלום, קען איך נאך האפען אז ער וועט מיר זיין געטריי, אבער אן עקטער? איך זאל אפילו זיין דיא גאטעכי אליין און איהם ליעב האבען ביז צום טויט, וועט ער מיר דען נישט אפּבלאפען און באדערען זיך מיט אנדערע? אז דיא מיידלעך און דיא ווייבלעך **טשעפּענען** זיך אין דיא עקטערס, טא וויא קענען דיא עקטערס זיין מלאכים? גלויבט מיר, מיסעס טהאמאשעווסקי, ווען איך זאל אפילו זיין אן עקטערקע וואלט איך אויך נישט געוואלט חתונה האבען מיט אן עקטער, נור מיט א דזשענטעלמען . . .“

וויפיעל איך האב מיט איהר ניט גערעדט און געוואלט איבערצייגען איהר אז א מאן אן אקטיאר קען אויך אזוי ליעב האבען זיין ווייב וויא א מאן א דזשענ־

טעלמען, איז בעקי אלץ געבליבען פעסט ביי איהר מיינונג און טאקע נישט גע־וואלט חתונה האבען מיט אן עקטער.

אין א פאר וואכען ארום האט מיין גוטע בעקי געמוזט פערלאזען איהר שטעלע ביי אונז, ווייל מיין מאן'ס פאטריאט, סעם, האט גע'מוסר'ט אויף איהר דאס זי האט דאס באריהמטע בילד מיט די בוכשטאבען „א. וו.“ געמופט אין באדע־צימער.

ביים געזעגנען זיך מיט בעקי'ן האב איך געוויינט וואס איך פערליער אן איבערגעבענע פריינדין, אבער בעקי איז אוועק און סעם האט באלד געבראכט א דיענסט־מויד, ראזי, אויף בעקי'ס פלאץ.

אין טהעאטער ביי אונז האט מען אויפגעפיהרט „יונה הנביא“ אהן מיר, ווייל מיינע אומשטענדען האבען מיר נישט ערלויבט צו שפיעלען טהעאטער דאן. אבער איין פארשטעלונג האב איך געמוזט שפיעלען, ווייל דאס איז געווען פון לאנג אדווערטייזט און איז גענומען געווארען איידער מיין קינד איז געשטארבען. דיא פארשטעלונג האט געזאלט זיין מיין בענעפיט און מען האט געשטעלט אן אטרעקשאן פיעסע „יהודית און אליפערנוס“, וואו איך האב געזאלט שפיעלען דיא ראלע פון „מופטי“, אן אראבער גוי מיט גרויסע וואנצעס.

דאס איז געווען דעם 20טען מערץ 1895. דאס טהעאטער איז געווען גע־פאקט מיט פובליקום און דאס מענעדזשמענט האט געמוזט ארויסקומען און זיך ענטשולדיגען אז בעסי טהאמאשעווסקי קען היינט נישט שפיעלען דיא ראלע פון „מופטי“, ווייל זיא האט נור וואס געהאט א קליין „מופטילע“, א באיטשיקעל.

מען האט מיר שפעטער דערצעהלט אז דאס גאנצע פובליקום האט פאר־הילכט דאס טהעאטער מיט אן אויסגעשריי: „מזל טוב דער קימפעטארין, בעסי טהאמאשעווסקי'ן, מזל טוב !“

## בערנשטיין ברענגט רעגינא פראגער

מיט'ן אנקומען פון דעם יונגען נפש'ל, איז מיר עטוואס לינדער געווא־רען מיין גרויסע פוסטקייט אין הארצען, מיין וויטאג און בענקעניש נאך מיין פערשטארבענער אסתר'ל. דער טומעל מיט'ן הו־הא האבען מיך אויף א ווײלע בערוהיגט פון מיינע אלטע וואונדען און מיך געמאכט דענקען בלויז פון מיין נור־וואס געבוירען קינד.

מען האָט געפּראַוועט אַ ברית אויפ'ן שעהנסטען שטייגער. אַלע אַקטיאָ־רען זיינען געקומען, מען האָט זיך משמח געווען, עס איז געווען פון נהלאך.

פּראָפעסאָר האַראָוויץ האָט געשטעלט פינף דאָזען שאַמפּאַניער, אבי מען זאָל דאָס קינד אַ נאָמען געבען יונה, נאָך דעם נאָמען פון זיין פּיעסע „יונה הנביא" כדי ס'זאָל זיין אַ סגולה אַז דיא פּיעסע זאָל מאַכען סוקסעס.

און מען גיט טאַקע מיין קינד אַ נאָמען הערש יונה. הערש — נאָך מיין זיידען, און יונה — נאָך האַראָוויץ'ס פּיעסע וואָס מיר האָבען דאַן געשפּיעלט אין טהאַליא טהעאַטער.

נאָר איין זאַך האָט מען פאַרגעסען: אַזוי וויא אַ נאָמען גיט מען געוויינליך נאָך אַ טויטען און האַראָוויץ'ס פּיעסע האָט נאָך דאַן „געלעבט." דאָס הייסט, מיר האָבען זיא געשפּיעלט, איז אַנשטאָט דעם וואָס עס האָט בעדאַרפט זיין אַ סגולה דיא פּיעסע זאָל לאַנג לעבען, איז זיא גראַדע באַלד „געשטאָרבען"... אַ סימן, אַז וויא באַלד מען גיט אַ נאָמען נאָך אימיצען מוז דאָס זיין נאָך אַ טויטען...

קוקענדיג אויף מיין ברויזעלע זוהנעלע וואָס איז געלעגען לעבען מיין ברוסט, האָב איך געזעהען מיין שעהנע גרויסע אסתר'ל, וויא זיא שפּיעלט זיך מיט איהרע צאַצקעס, און וויא זיא לויפט אום וויא אַ שרעטעלע איבער'ן שטוב און — מאָדנע מרה־שחורה'דיגע געדאַנקען זיינען מיר געקומען אין קאָפּ אריין; מיך האָט געשראָקען אַז כ'בין אַ פערשאָלטענע פון גאָט און כ'וועל קיינמאָל קיין מאַמע פון ערוואַקסענע קינדער נישט זיין, נור איך וועל זיך גוט אָנמוטשען ביז כ'וועל אַ קינד ערציהען און אַז סע וועט שוין אַלט זיין עטליבע יאָהר, ווען מען קען שוין האָבען אַביסעל נחת פון קינד, וועט ווידער קומען גאָט'ס שטראָף און צונעהמען ביי מיר מיין טרייסט, וויא דאָס איז געווען מיט מיין ליעבע אסתר'לען.

און כ'האָב ביטער געוויינט. מיינע בלוטיגע טרעהרען וואָס איך פלעג אַזוי שטילערהייד פערגיסען איבער מיין זוהנעלע, מיין הערשעניו, זיינען געווען אַזוי פיעל, אַז מיין קליין קינדעלע האָט זיך געבאָדען אין זיי. איך האָב נור גאָט געבעטען אַז מיין קינד זאָל מיר אויסוואַקסען געזונטערהייד און איך זאָל זיין אַ מאַמע צו מיין קינד.

אין טהעאַטער ביי אונז שפּיעלט זיך וויא געוויינליך און פּיעסען ווע־רען „געבאַקען" אויסערגעוויינליך, ווייל מען קען נישט קריגען עפּעס אַ רעכ־טען סוקסעס.

מען האָט שוין אויפגעפיהרט אַ „ליטעראַרישע" פּיעסע פון אַ ליטעראַט

וואס שרייבט אין א צייטונג — פון מ. זייפערט, און דיא פיעסע הייסט : „דיא בת יחידה“. א פאר וואכען איז דיא פיעסע געגאנגען גוט, אבער מען מוז שוין ווידער האבען נייעס.

ארום דיזער צייט האט חיימאוויטש געהאט א בענעפיט, און מיין מאן האט צום ערשטען מאל אין נויארק געשפיעלט „אקאסטא“. נאך׳ן שפיעלען האט דער „טהאמאשעווסקי דראמאטיק קלאב“ געפיהרט מיין מאן וויא א געקרוינטען קיסר איבער דיא גאסען און געשריען: „הורריי פאר טהאמאשעווסקי!“ פערבייגע־הענדיג אדלער׳ס „רומעניען אפערא הויז“ האבען דיא באיעס און מיידלעך גע־שריען: „הורריי! טהאמאשעווסקי דער איינציגער „אקאסטא“ אין אמעריקא ! הורריי!“...

דא האט פלוצים אנגעהויבען רעגענען מיט גאנצע עמערס וואסער, נישט פון׳ם הימעל חלילה, נור פון „רומעניען אפערא הויז“, און נישט קיין מלאכים האבען דאס געטהאן, נור אדלער׳ס פאטריאטען . . .

אבער דער אקאסטא־מארש האט זיך ווייטער מארשירט.

איניגע וואכען זיינען פארביי, עס איז שוין קרוב שלום סיזאן, און מיר קידנעפען פון ווינדזאר טהעאטער רודאלף מאקס אלס אטרעקשאן. מען האט ביי אונז איינשטודירט אן אייגענע פיעסע, דאס הייסט, מיין מאן׳ס אן אייגענע אייגענטהום וואס ער האט גענומען פון אן ענגלישע מעלאדראמא „דיא ווייִדזשעס אוו סין“ און האט עס בעארבייטעט פאר דער אידישער ביהנע אונטער׳ן נאמען: „א נאכט אין בליקער סטריט, אדער, נויארק לאכט און וויינט“.

איך שפיעל שוין אויך מיט אין דער פיעסע. דאס ערשטע מאל נאך מיין אסתרל׳ס טויט און נאך מיין הערשעניו׳ס קימפעט אז איך שפיעל טהעאטער.

און אזוי דערשלעפען מיר דעם סיזאן אין טהאליא טהעאטער. קיין סך געלד האט מען נישט געמאכט, אבער א פאר דאלער זיינען געבליבען נאך׳ן סיזאן.

אונזערע פיער מענעדזשערס פון טהאליא טהעאטער צוטהיילען זיך ; חיימאוויטש מיט ליוויי בלייבען אין טהאליא און פרינץ מיט שיינבערג׳ן נעה־מען איבער ווינדזאר. מיין מאן און איך געהן מיט אין ווינדזאר און מיר זיינען שוין, הייסט עס, פערזארגט אויף קומענדען סיזאן.

מיין שווינער, וואס האט געהאלטען א „קאפעע“, רחמנא לצלן, אין א בייסמענט אויף עלדרידזש סטריט אנטקעגען סטיישאן הויז, האט גענומען אין ראקאוויי פארק א האטעל און מיר זיינען אלע אוועק אויפן זומער אין ראקאוויי פאר פלעזשור.

מיין שוויגער׳ס האָטעל איז געווען אַ מין נח׳ס תבה, אַלערליי בעשעפע־נישען זיינען איינגעשטאַנען אין אָט דעם „ברייקער׳ס האָטעל״. איינע פון די געסט איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע, בעהאַנגען מיט דיימאָנדס מעהר וויא מיט קליידונג, זיא איז געווען זעהר אַ שעהנע מיט בלאָנדע געגרייזעלטע האָר און גרויסע בלויע אויגען. אויף אידיש פלעגט מען זיא רופען „סוזי״, נור צווישען די געסט, האָט מען זיא גערופען „די אַפריקאַנער מאַדאַנאַ״. זיא איז געווען אַ מין יחוס צום האָטעל.

מיין מאַן איז אוועקגעפאָהרען מיט אַ קאָמפּאַניע קיין שיקאַגאָ צו שפּיע־לען טהעאַטער און איך מיט׳ן קינד האָבען געפּלעזשורט איז מיין שוויגער׳ס האָטעל.

שפּעט אין זומער קומט מיין מאַן פון שיקאַגאָ און מיר פּלעזשורען אין ראָקאַוויי אין מיין שוויגער׳ס האָטעל. פיעלע געסט האָבען זיך פאַר דער צייט געביטען, אָבער די שעהנע סוזי, די „אַפריקאַנער מאַדאָנאַ״ בלייבט אַלץ דער יחוס פון מיין שוויגער׳ס האָטעל.

אַזוי איז זיך אויך דער זומער אוועק, און מיר, אידישע קינסטלער, פער־לאָזען דעם ביזנעס ים פון ראָקאַוויי און פאָהרען אריין צוריק אין נויאָרק אום זיך צוגרייטען פאַר דעם נייעם סיזאָן אין ווינדזאָר טהעאַטער.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר פאַנגען ווידער אָן שפּיעלען טהעאַטער. מיר שפּיעלען פון אָנפאַנג רעפּערטואַר און מיר ערוואַרטען אַ גע־וואַלדיגע אַטרעקשאָן.

בערנשטיין איז דעם זומער געווען אין יוראָפּ און ער דאַרף ברייננען אַן איבעררעשענג, וואָס דאָס איז וויסען מיר ניט, אָבער מיר ערוואַרטען איהם מיט גרויס אונגעדולד.

אין אַ פאַר וואָכען אַרום, קומט אָן בערנשטיין מיט אַ שיינענדיג פּנים פון גליק, און ער זאָגט אונז אָן די גוטע בשורה אַז ער האָט געבראַכט אַ פּרי־מאַדאָנאַ, איז זיא די נאַכטיגאַל אַליין, איהר זינגען בע׳כישוף׳ט איינפאַך דאָס פּובליקום. איהר נאָמען איז ר ע ג י נ אַ פּ ר אַ ג ע ר.

# אַ מלחמה מיט טהעאַטער־קריטיקער

וויא דיא מאָדע איז אין אידישען טהעאַטער, זיינען מיר באַלד געוואָרען נתפּל'דיג אויף דעם חשבון וואס רעגינא פּראַגער קען זינגען און זיך בעריהמט מיט אונזער שכל'דיגען שכל וואס מיר בעזיצען. ווארום טאַקע, ווען ניט אונזער געוואלדיגע חכמה, וואלט דען רעגינא פּראַגער געקענט זינגען? זיא וואלט געזונגען אין אַן אַנדער טהעאַטער? נו, וואס, ערגיץ אַנדערש קענען „זיי" דען עפּעס. כ'איז דאָך נור ביי אונז, מיר, אונזער — אָדער גאָר בעסער: מיין, איך, מיך און איך...

אַזוי איז שוין אין אידישען טהעאַטער וועלטעל, „איך" קען אַלעס — „דו" קענסט גאָר נישט...

רעגינא פּראַגער איז אויפגעטראָטען אין „שולמית", „בר כוכבא" און אַנדערע רעפּערטואַר־פּיעסען, און איהר ערפאָלג איז געווען אונגעהויער גרויס, זיא האָט דאָס פּובליקום בעצויבערט מיט איהר וואונדערבאַרען זינגען.

ווען רעגינא פּראַגער האָט גענומען זינגען, האָט איהר זיסע שטימע זיך צוטראָגען איבער'ן טהעאַטער און אַנגעפילט מיט פרייד יעדעס האַרץ פון דעם גרויסען עולם מענשען. איהר וואונדערבאַרער קול האָט דערגרייכט אין דיא הימלען. איהרע טענער האָבען זיך צוגאָסען פון דער ביהנע וויא טהייערער פּאַרפיום, וויא גן־עדן בשמים. און ווער עס האָט געהערט דאָס זיסע, הייליגע געזאַנג פון רעגינא פּראַגער, דער האָט געהאַט אַ נשמה־גענוס וואס לאָזט זיך נישט מעסטען, פּונקט וויא עס לאָזט זיך נישט מעסטען דיא גרויסע נשמה אַליין.

מיר האָבען געמעגט שטאָלצירען מיט רעגינא פּראַגער.

אין עטליכע וואָכען ארום, ווען רעגינא פּראַגער האָט שוין געהאַט איבערגעשפּיעלט דיא באַשרענקטע צאָהל געזאַנגס־פּיעסען פון אונזער רעפּערטואַר, פּיהרען מיר אויף אַ נייע פּיעסע, מיט אַ געזאַנגס־ראָלע, געשריעבען ספּעציעל פאַר רעגינא פּראַגער, פון פּראָפעסאָר הורוויץ.

דיא פּיעסע האָט געהייסען „כוזרי" און דיא מוזיק איז געווען פון זיגמונד מאָגולעסקאָ.

ווידער האָט רעגינא פּראַגער בעצויבערט אַלעמען מיט איהר זינגען. דיא פּיעסע איז געווען אַ געוואַלדיגער ערפאָלג.

דאָ איז ארויסגעקומען די אידישע פּרעסע און געמאַכט אַ שטיקעל טומעל,

כמעט א סקאנדאלטשיקעל, איבער א געוויסען קופלעט, וואס בערנשטיין האט געזונגען אין דער פיעסע „כוזרי".

דאס שרעקליכע קופלעט איז געווען, ווען בערנשטיין אלס „כתריאל" קומט מיט א חלה אין דיא הענד און זינגט, און דאס כאר העלפט איהם צו. אט איז דאס ליעדעל:

כ ת ר י א ל: בעטראכט נור די חלה וואס איך ברענג אייך יעצט
זעהט נור א מין בילקע — — —

א ל ע: זאג, כתריאל, פון וועמען איז דיא הייליגע בילקע?

כ ת ר י א ל: פון דער רבי'צין מילכה.

א ל ע: זאג, ווער איז דאס די פרומע רבי'צין מילכה?

כ ת ר י א ל: דיא רבי'צין האט —

א ל ע: אוי וועה, וואס האט זיא?

כ ת ר י א ל: זיא האט —

א ל ע: זאג, וואס!

כ ת ר י א ל: די רבי'צין האט — גענומען חלה פון דער בילקע,
און דער כוזרי אליין מעג דיא בילקע זעהן,
און דער גרויסער פריץ —
וועט מאכען המוציא לחם מן הארץ.

נו. מאהלט אייך, אז קיין סך קליינע קינדער זיינען פון דעם זינדיגען ליעדעל ניט געשטארבען, אבער מאראל איז מאראל און א געוויסע צייטונג האט אויסגעגאסען איהר גרימצארן אויף פראפעסאר הורוויץ פאר אט דעם חלול השם.

פראפעסאר הורוויץ איז געווארען שטארק אין כעס פאר אזא מין „קריטיקע" און ער האט זיך אבגערעכענט מיט דער בעטרעפענדער צייטונג, פון דער ביהנע. ער האט „געלעקטשורט" און בעוויזען מיט בילדער פון פאריזער מוזעאום, אז: „אט, זעהט, גוטע מענשען, זעהט אליין, אין פאריז שטעהען אין מוזעאום ממש נאקעטע בילדער און סטאטוען, און פונדעסטוועגען שאדעט ניט דיא נאקעטקייט אז דיא בילדער זאלען זיין קונסט, דיא אמת'ע קונסט איז נאקעט!"

„כוזרי" האט פון דעם סקאנדאלטשיקעל א סך געוואונען, דיא פיעסע איז געלאפען אפשר פיערצעהן וואכען. אזא סוקסעס איז דערפון ארויסגעקומען. די אויסשטאטונג איז געווען א וואונדער שעהנע, מען האט אין אלגעמיין אין יענער צייט אויסגעשטאטעט א פיעסע פיעל, פיעל שעהנער וויא היינט.

אונזער ווינדזאָר טהעאטער איז געשטאַנען פעסט און שטאָלץ מיט זיין סוקסעס. אין דיא אנדערע אידישע טהעאטערע האָט מען דערווייל אויפגעפיהרט גוטע פיעסען פ. גאָרדין און פאָמעליך געדרוקט זיך א שריט ווייטער פון „כוזרי"...

מען האָט אונז געזאָגט, אז אין ניו יאָרק איז פאַראן א איד וואס שרייבט אין גראַמען און דיא אידישע ארבייטער האָבען איהם זעהר ליעב. אָט דער איד, דאָט מען אונז געזאָגט, קען ברייגגען געפּאַקטע הייזער עטליכע וואָכען סטרייט. הייגט אז דער איד ברענגט אונז א פיעסע, איז דאָך עס אודאי וואויל און גוט.

דער איד וואס שרייבט אין גראַמען איז געווען מ אָ ר ר י ס ר אָ ז ע נ־ פ ע ל ד. ער איז נאָך דאַן נישט געוועזן אזוי וועלט־בעריהמט און ביי דיא אידישע אקטיארען מוז א פּאָעט זיין וועלט־בעריהמט, א ניט „באַדערט" מען זיך נישט מיט איהם...

אָבער מיר האָבען געגלויבט אויפ'ן וואָרט, דאָס מסתמא אז מען זאָגט, אז מ.ארריס ראָזענפעלד קען שרייבען שעהנע זאַכען און נאָך אין גראַמען דערצו, מעג מען ביי איהם קויפען א פיעסע.

דער נאָמען פון ראָזענפעלד'ס פיעסע איז געווען „דער לעצטער כהן גדול". דיא פּראָזא איז געווען גאַנץ שעהנע, אבער אלס טהעאטער־שטיק האָט געפעהלט „דזשינדזשער", דאָס הייסט, שטאַרקע האַנדלונג. דיא פיעסע איז דורכגעפאַלען מיט פּראַכט און גלאַנץ און מאַנכע פון אונזערע אקטיארען האָבען דאַן „נביאות" געזאָגט, אז דער מאָררים ראָזענפעלד וועט נעוועך מאַכען סוקסעס. ווארום: „מסתמא זיינען זיינע גראַמען אויך אָהן דזשינדזשער..."

אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. דיא זעלבע אקטיאָרען וועלען היינט אייך זאָגען, אז „זיי האָבען געוואוסט באַלד, אַז ראָזענפעלד וועט זיין איינער פון די גרעסטע אידישע דיכטער", כאָטש זיי האָבען דאַן — און אפשר נאָך היינט אויך — נישט איבערגעלעזען אפילו קיין צעהן ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד.

נאָך „דער לעצטער כהן גדול" פיהרען מיר אויף א פיעסע פון יעקב טער, מיט'ן גאָלדענעם נאָמען „דיא זילבערנע האָכצייט".

און אָט אזוי דערענדיגען מיר נאָך א קאפּיטעל געשיכטע פון אידישען טהעאטער, דאָס הייסט, נאָך א סיזאָן.

קיין גרויסע קאַפּיטאַליסטען זיינען מיר פון'ם דאָזיגען סיזאָן נישט גע־ ווארען, דיא מענעדזשערס האָבען געמאַכט א קלאָהרען חשבון וואס האָט אונז פינסטער געמאַכט אין דיא אויגען ווען ס'איז געקומען דאָס טהיילעניש מיט דיא מאַרקען.

וויא זאגט מאקס מוזינסקי (א פערזענליכקייט אין אידישען טהעאטער) „נאך א גדולה קומט א מפלה”. אז א פיעסע האט געבראכט געלד, האבען דיא מענעדזשערס געבראכט א חשבון: שטריק צוויי און צוואנציג הונדערט דאלאר; משוועקעס פיערצעהן הונדערט דאלאר; דזשענעכץ אכטצעהן הונדערט דאלאר, בלייבט רייגער פראפיט דריי הונדערט דאלאר מיט צוויי סענט, צוטהיילט דאס אויף 4000 מארקען צווישען אלע אקטיארען פון דער קאמפאניע, בלייבט — שיטערע צרות אין א גרויסער שיסעל...

# בערטהא קאליש קומט אין אמעריקא



מארים מאריסאן האלטענדיג מ־ס. טאמאשעווסקי'ס בייבי.

מיר הויבען אן צו „קריכען אין דיא פעדערען”.

עס גלוסט זיך לעבען רייך, פארט עפעס שוין בעריהמט אין נויארק. מיר פערלאזען פארסייטה סטריט און מופען אין סאמע אריסטאקראטישען געגענד פון דער איסט סייד, אויף הענרי סטריט.

רענט קאסט שוין 40 דאלער א חודש, דערפאר האבען מיר א פארלאר־פלאר און א בייסמענט. מיר וואוינען וויא מאנארכען, שעהנע פארניטשור, פיין איינגעפיקסט, אמת ארטיסטיש.

מיר האבען דאן געהאט א ליעבען גאסט אין הויז — מארים מאריסאן, און ער שפיעלט זיך כסדר מיט מיין קינד. אין שטוב ביי אונז איז פרעהליך, דיא אקטיארען קומען זיך צונויף, מען זינגט, מען טאנצט, — אן אמת'ע קינסטלער־משפחה.

איך קריג א מתנה פון מיין מאן, א פאר דימענטענע אוירינגלעך. איך בין

איבערגליקליך פון פרייד און איך זעה ממש בחוש, אז דאָס גאַרישע לעבען קומט אמאָהל צוריק אויף דער וועלט, — אַט האָב איך שוין דיימאָנד אוירינגלעך.

און אַט איז שוין ווידער אוועק א זומער און מיר, קינסטלער, שפּאַנען זיך ווידער איין אין דער קונסט.

מיר פאַנגען אָן דעם צווייטען סיזאָן אין ווינדזאָר טהעאַטער.

מיר פיהרען אויף א נייע „לעבענס־אָפּערא" פון לאַטיינער מיט'ן נאָמען „יודעלע, אָדער — " נור וואָס דער „אָדער" איז געווען געדענק איך נישט.

פלוצים פערלירען מיר מאַגולעסקאַ'ן פון אונזער קאָמפּאַניע. וואָס איז די סיבה? אַנטקעגען, אין טהאַליא טהעאַטער, שיינט די זונן און מאַגולעסקאַ האָט ליעב צו זיין דאָרט וואו די זונן שיינט . . .

אָבער „די זונן" איז דאָ נישט געמיינט גאָט'ס זונן, נור א טהעאַטער־זונן, דאָס הייסט, אי א זונן און אי א לבנה און אַלץ אויף טהעאַטער־שפּראַך.

די „זונן" איז געווען די נייע פּרימאַדאָנא וואָס ערדעלשטיין האָט גע־בראַכט פון יוראָפּ, ב ע ר ט ה א   ק א ל י ש. און די „לבנה" איז געווען א ליעבהאַבער שוישפּיעלער מיט'ן נאָמען   ש ר א מ ע ק .

עס האָט אונז אָפּילו שטאַרק געערגערט די געשיכטע וואָס מאַגולעסקאַ איז אַריבער צו אונזער קאָנקורענט, וואָרים אי די געסט, אי מאַגולעסקאַ, שפּיע־לענדיג אַנטקעגען אונז, האָבען מיר געוואוסט וועט אונז שטאַרק שאַדען, אָבער מאַגולעסקאַ'ן איז געווען אונמעגליך איינצוהאַלטען. ער איז געווען א פרייער פויגעל און דאָרט וואו ס'איז איהם געפעלען, האָט ער זיך געמאַכט זיין נעסט.

די נייע פּרימאַדאָנא בערטהאַ קאַליש טרעט אויף אין „שולמית" (דער „פּראָבע־שטיין" פון יעדע פּרימאַדאָנא). צוזאַמען מיט'ן נייעם אַקטיאָר שראַמעק אלס „אבשלום", און, וויא זאָגט דאָס ווערטיל, די שטימע פון פאָלק איז — וועלל, הערט ווייטער:

אונזער רעגינא פּראַגער איז אַרויסגעקומען די זיעגערין אלס פּרימאַדאָנא. די מיינונג איז געווען אז, שפּיעלען קען טאַקי די קאַליש, אָבער זינגען, איז די פּראַגער א בת יחידה אין אידישען טהעאַטער.

מיר פיהרען אויף פיינמאַן'ס א פּיעסע „גיבור החיל" און עס מאַכט סוקסעס.

דאַן פיהרען מיר אויף „די הוגענאָטען, אָדער די בלוטיגע האָכצייט פון פּאַריז". מיר האָבען די פּיעסע געזעהען אין דייטשען טהעאַטער און — דאַוואַי בראַט, אז די דייטשען קענען שפּיעלען „די הוגענאָטען", קענען מיר אידען אוודאי . . .

מאדאם ליפצין איז דאן געווען אין דרויסען, דאס הייסט, זיא האט נישט געשפיעלט אין קיינעם פון דיא אידישע טהעאטערע. און איהר מאן, מייקעל מינץ, רעגט ביי אונז דאס ווינדזאר טהעאטער אויף א פאר וואכען, כדי דיא ליפצין זאל אליין „סטארעווען". ער מאכט אפ מיט אונזער קאמפאניע שוישפיעלער אויף רע־געלע וויידזשעס, קיינע „מארקען", נור וויידזשעס. „וויפיעל ווילסטו? 30 דאלער א וואך? אללרייט, איך בעצאהל!"

דאס איז געווען דער גרונדשטיין פון דער „אקטיארען יוניאן".

דיא שוישפיעלער האבען גענומען בארעכענען, אז אזא פלאן וואלט געווען א מין משיח אין אידישען טהעאטער. ווארים טאקע אין אמת'ן, דיא מארקען סיס־טעם איז געווען זעהר גוט, נור פאר דיא וואס זיינען געשטאנען ביים שיסעל, דאס הייסט, דיא מענעדזשערס, ווארים ווען האט מען דען א פשוט'ען אקטיאר געוויזען דיא ביכער? דיא מענעדזשערס האבען גע'חשבון'ט, און ווער האט דען געזעהען אמאל טאמער מאכען זיי חלילה א מיסטייק אין חשבון?...

און טהאמאשעווסקי האט בעוויזען דיא איבריגע אקטיארען וויא גוט עס וואלט געווען ווען דיא מענעדזשערס זאלען מוזען צאהלען וויידזשעס. וואס טויג אונז מארקען, שמארקען, חשבון, קלאפאט ? אבגעארבייט, בעצאהל! הכלל, וויידזשעס !

מיר האבען דערווייל געקעטשט א „באמבע" פאר אונזער טהעאטער — א פיעסע פון אברהם גאלדפאדען, און עס איז ביי אונז אין קאסע געווארען יום־טוב'דיג. „דאס פאלק" איז געקומען זעהן וויא אברהם אבינו פיהרט זיין זוהן יצחק צו דער עקידה. דיא פיעסע האט געהייסען „עקידת יצחק".

אט וואס א : אכאלסדיגער קריטיקער האט געשריבען: „דיא אויפפיהרונג פון „עקידת יצחק" אויף דער אידישער ביהנע פון „ווינדזאר טהעאטער" איז געווען פאלשטענדיג א געלונגענע. דיא גרויסע קינסטלער - געזעלשאפט פון דיעזען טהעאטער האבען דיא גלענצענדע ראלען מיט וואהרער נאטור־טרייהייט דורכגע־פיהרט. הערר ז. פיינמאן האט אונז אין געזאנג און שפראך און אין שפיעל א טרייע קאפיע פון אברהם אבינו געגעבען. דער איינציגער און בעסטער העלדען־ראליסט הערר ב. טהאמאשעווסקי האט איבערגענומען דיא קליינע ראלע פון „דמשק", אבער אין זיינע הענד איז דיזע קליינע און אונבעדייטענדע ראלע גע־ווארען דיא בעסטע אין שטיק. — „ווער קען זיך אבער גלייכען צו דער וועלט־בע־ריהמטער פרימאדאנא פריילין רעגינא פראגער אין דער ראלע פון „שרה"? זיא האט דאס גאנצע לעבען אין „עקידת יצחק" אריינגעבלאזען און זיא האט דעם

גרויסען ערפאָלג הערבייגעפיהרט". — „א גרויסען טהייל פון דעם ריעזען־ערפאָלג קען זיך דיא מאַדאַם בעסי טהאָמאַשעווסקי אויף איהר רעכנונג צושרייבען, דען נאָך אזא „יצחק" וויא זיא האָט אונז אויף דער ביהנע אין „עקידת יצחק" געגעבען, איז קיין שוישפּיעלער און קיינע שוישפּיעלערין ניט אימשטאַנדע צו געבען. צוזאַמען מיט איהר רייצענדע שעהנהײט און מיט איהר נאַאיוויטעט האָט זיא יעדען איינציגען בעגייסטערט און האָט דיא טויזענדער אַפּלאַדיסמענטען אַרויסגערופען".

„עקידת יצחק" איז און בלייבט איין אונשטערבליכעס ווערק. זיא מאַכט עהרע דעם זשעניאַלען פערפאַסער, זיא זעצט אַרויף אַ גאָלדענע קרוין אויף דיא קעפּ פון אונזערע שוישפּיעלער און איז דער הייסער פונק, דיא לעבעדיגע נשמה אין אונזער הייליגע ביבעל!"

דאָס אויבענגעבראַכטע איז נור אַ קליינע טהייל פון יענער קריטיק. דאָרט ווערט גאָלדפאַדען גערופען „זשאַרגאָנישער ישעיה בן אמוץ" און דיא פּיעסע איז „אַ בליהענדער קראַנץ, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון דיא שעהנסטע בלומען וואָס זיי האָבען ניט זייער גלייכען אויף דעם ליטעראַרישען פעלד" — און נאָך אַזעלכע זיסע ווערטער.

וואו נעהמט מען היינט אַזעלכע גוטע, ליעבע קריטיקער?...

היינטיגע קריטיקער זיינען שרעקליכע „אַפּיקורסים", זיי גלויבען נישט אַפילו אין אמת פון מעשי בראשית; אַמאָהליגע האָבען נישט געוואוסט, האָבען זיי כאָטש געגלויבט, דיא היינטיגע גלויבען נישט אויך . . .

פּלוצים ווערט אַ בייטעניש: פראַגער געהט אַוועק פון אונז און דיא קאַליש קומט אַריין צו אונז, דער סוף איז, אַז עדעלשטיין קידנעפּט מיך מיט מיין מאַן און מיר געהען איבער אין טהאַליא טהעאַטער איידער עס ענדיגט זיך דער טהעאַטער סיזאָן.

# דיא „סטאַר־קאָמבינײשאָן" פאַרשטעלונג

אַריינקומענדיג אין טהאַליא טהעאַטער האָבען מיר דאָרט געטראָפען אויך אַדלער'ן מיט סאָניא אַדלער, וואָס זיינען דאַן דורך פערשיעדענע אורזאַכען אַוועק פון „רומעניען אָפּערא הויז" און זייענדיג אַלע צוזאַמען נעהמט מען שפּיעלען „קאָמבינײשאָן פאָרשטעלונגען", דאָס הייסט, אַלע „סטאַרס" צוזאַמען.

מען שפּיעלט דיא ערשטע „קאָמבינײשאָן" גאָרדין'ס „דיא געברידער לוריא".

דיא פיעסע איז שוין געווען א רעפערטואַרנע, דאָס הייסט, מען האָט עס שוין פריהער געהאַט געשפּיעלט און ראַטהשטיין איז געווען דער אָריגינעלער „טוביה מילנער“, אָבער איצט איז דער קעסט אַזוי איינגעטהיילט: אַדלער אַלס „ר׳ שרגא, דער רב“. בעסי טהאָמאַשעווסקי אַלס „שרה דבורה, דיא רביצין“. דוד קעסלער אַלס „טוביה לוריא, א מילנער,“ ב. טהאָמאַשעווסקי אַלס „גדליהו לוריא“ (טוביה׳ס א ברודער), סאָניא אַדלער אַלס „רבקה׳לע, גדליהו׳ס טאָכטער“ און ס. טאַרנבערג אַלס „רחמיאל׳קעל“.

דאָס טהעאַטער איז געווען געפּאַקט צום דערשטיקט ווערען. מען האָט געצאָהלט א דאָלער צו זיצען — אויף דיא קניעס איינס ביים אַנדערן. אַזא איינגאָהמע האָט, דוכט זיך, דאָס טהאַליא טהעאַטער געהאַט איינמאָהל זייט דאָס עקזיסטירט.

געקומען דיא פאָרשטעלונג, דער קוירטען איז אַרויף, עס געהט דער ערשטער אַקט. איך, דיא רביצין, הייסט עס, מיט אַדלער׳ן, דעם גוטיטשקען שטילען אַלטען רב, זיינען מיר אויף דער ביהנע. עס קומט אָן גדליהו (טהאָמאַשעווסקי) און דיא אידען מיט דיא אידענעס, דאָס כאָר, הייסט עס, זינגט לכבוד דער סעודת מצוה ביז עס קומט אָן טוביה, קעסלער הייסט עס.

זיינען שוין אַלע דריי „סטאַרס“ אויף דער ביהנע און עס ווערט לעבעדיג. קעסלער נעהמט באַלד, אויף דער ביהנע, נאָכקרימען טהאָמאַשעווסקי׳ן, איך ווער א דערשראָקענע און טהאָמאַשעווסקי האָט א סצענע וואו ער וואַרפט צו דער ערד א טעלער און צוברעכט עס, וואַרפט ער שוין צוויי טעלער מיט אמאָל. קעסלער שווייגט נישט און נעהמט זיך אויך צו דיא טעלער, ער איז דאָך עפּעס אויך א סטאַר... דערזעהט אַדלער אַז דיא צוויי סטאַרס וועלען אַוועק מיט׳ן סוקסעס, שווייגט ער אויך נישט און ער, דער גוטער שטילער אַלטעטשקער רב, נעהמט זיך אויך צו „סטאַרעווען“, צו ברעכען טעלער, הייסט עס . . .

איידער דער אַקט איז געווען צו ענדע, האָבען אונזערע דריי סטאַרס אויסגעבראָכען דאָס גאַנצע געפעס וואָס האָט זיך געפונען אויף דער ביהנע און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי אַז מען זאָל זיך נעהמען צו דער פאָרניטשור — אַז שפּיעלען, זאָל זיין געשפּיעלט ! . . .

אָבער דער גוטער קוירטען האָט זיך מיט אמאָהל אַראָבגעלאָזען און דיא פאָרניטשור איז אַרויס מיט׳ן לעבען — ביז דיא ווייטערע אַקטען.

דאָס פּובליקום האָט געוואַלדיג אַפּלאָדירט ווען דער קוירטען איז אַראָב. עפּעס א קלייניגקייט, אַזוי פיעל טעלער פאַר זיי צוברעכען!... נור אויף יענער

זייט קווירטען זיינען געשטאנען דיא דריי „סטארס“ און אלע מיט אמאהל האבען זיך געפרעגט מיט העבכט ארטיסטישען טעמפעראמענט: „וואס הייסט דו לאזט ניט שפיעלען און ברעכסט טעלער גאר ?“

א גאנצע אוויג האט דאן באלד געקענט זעהן אז דיא דריי סטארס וועלען מוזען האבען בעזונדערע טהעאטערע, נישט קיין קאמבינייישאן . . .

מען האט פונדעסטוועגען דערענדיגט די פיעסע און שפעטער אויך דעם סיזאן אין טהאליא טהעאטער.

דאן נעהמט איבער אדלער און עדעלשטיין דעם ווינדזאר טהעאטער אויף נעקסטען סיזאן און זיי ווערען די גלאווגע מענעדזשערס. איך מיט מיין מאן מיט קעסלער'ן און שפעטער אויך מאקס ראזענטהאל, מיר אלע געהען מיט אין ווינדזאר טהעאטער אלס „פליינע ארבייטער.“ נור וואס־זשע דען—„נא מאר קאמביניי־שאן ! . . .“

מיר וועלען אלע זיין אין איין טהעאטער, שפיעלען וועלען מיר טאקי בע־זונדער, דאס הייסט, יעדער „סטאר“ פאר זיך, נור אז מיר וועלען זיין אין איין טהעאטער וועט דער עולם מוזען קומען צו אונז און מיר וועלען מאכען געלד, און אז מיר וועלען מאכען געלד וועלען מיר האבען כבוד און אז מיר וועלען האבען כבוד און געלד—וועלען מיר האבען די גאנצע וועלט (אין פיאטע).

מיין שוויגער האט דאן געהאלטען א קאפע סאלון אין 107 פארסייטה סטריט. זי האט אבגעדונגען די גאנצע הייזקע און איך מיט מיין מאן און קינד מופען פון הענרי סטריט אריין צו אונזער אייגענער „לענדליידי,“ צו מיין שוויגער הייסט עס.

ערשטענס, האט טאקע אונז געקאסט ביליגער (פאר 15 דאלאר א וואך האט אונז די שוויגער געגעבען עסען און טרינקען מיט א גאנצען „פלעט“ איבער'ן קאפע סאלון) און, צווייטענס, איז עס געווען צוליעב מיר אליין טאקי, ווייל מיין מאן איז געפאהרען אויפ'ן ראוד שפיעלען טהעאטער און איך בין געבליבען אין דערהיים, און דעם 30טען מאי, 1897, האב איך געהאט מיין צווייטען זוהנעלע מיין מיבל'ע.

אין קאפע סאלון ביי מיין שוויגער האט זיך געמאכט איהר סטאליצע זי־ שעהנע סוזי, וואס איז איינגעשטאנען אין ראקאווי אין „ברייקערס האטעל,“ ווען מיין שוויגער איז דארט געווען די באלעבאסטע יענעם זומער.

סוזי, אדער ווי מען פלעגט זי רופען „די אפריקאנער פרינצעסין,“ איז געווען א געהיימניספולע ליידי. זי פלעגט שטענדיג זיין בעהאנגען מיט דיימאנדס

און דזשולערי און מיך האט געוואונדערט ווי קומט אזא רייכע דאמע אין דעם אָרימען פּאַרסייטה סטריט? אָבער מען האט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז די „אפריקאנער פּרינצעסין" איז א אידישע טאָכטער, מיט א אידיש הארץ, און ווייל זי איז דאָרט, אין ווילדען אפריקא, די גאַנצע צייט נעבאך געווען אָבגעריסען פון אידען, דערפאר ווילֿ זי אצינד זיך גוט אָנטישען מיט איהרע שוועסטער און ברי־דער, די „אָרמע יודען."

איך האָב זייט דאַן שטאַרק מיטגעפיהלט מיט דער „אַפריקאַנער פּרינצע־סין" און רחמנות געהאַט אויף איהר וואָס זי איז נעבאך א פערבלאָנזעט שעפעלע.

אין איינינע וואָכען ארום, דאָס איז שוין געווען אין מיטען זומער, בין איך מיט מיינע צוויי קינדערלאך אוועקגעפאָהרען קיין באַלטימאָר צו מיינע עלטערען צו־גאַסט.

מיין טאַטען האָב איך געטראָפען שטאַרק געעלטערט. עס האט מיך ביים הארצען אָנגעכאַפּט און איך האָב מיך שטאַרק צואוויינט.

איך האָב זיך קוים געקענט איינגלויבען, אַז אָט דער גראָהער, עטוואָס איינגעהויקערטער, דארער איד מיט'ן צוקאַרבטען פּנים, איז דערזעלבער שלמה באַמפּעלד, וואָס האָט מיך, אלס 8—9־יאָהריג קינד, א נעהם געטהון אויף זיינע געזונטע הענד און מיך איינגעוויקעלט אין זיין פעלץ, ווען מיר זיינען אוועק אין א שליטען שפּעט ביינאַכט פון אונזער שטעדטעלע טאַראַשטשע.

מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איז אין מיין געדאַנק דורכגעלאָפען מיין ביז דאַן אָבגעלעבטעס לעבען, און מיר האט באַנג געטהון וואָס מיין גוטע מאַמע האט זיך געהאַלטען און געשפּיעלט מיט מיינע צוויי קינדערלעך. מיר האט זיך געוואָלט אליין זיין בעסער א קינד און אומלויפען דאָרט, אין טאַראַשטשע, מיט אלע קינדערלעך גלייך, נאָכגעהן דער כלה בשעת מען פיהרט זי צו דער גרויסער שוהל, נאָכלויפען די שיקסעס מיט די שקצים, ווען זיי פיהרען די סווענטי מאַריא אום ווינטער אויפ'ן פערפרוירענעם טייך און אריינפאַלען אין א פּאַלאָנקע מען זאָל מיך קוים ראַטעווען און אהיימברייננגען מיט גרוים פּאַראַד. אך, ווי דאָס הארץ האָט מיר גענאָגט! קוקענדיג אויף מיין פּאַרעלטערטען טאַטען און אויף מיינע צוויי יונגע פּיצעלעך קינדער בין איך געשטאַנען צווישען זיי א פערלאָרענע.

מיט איין האנד האט זיך מיר געוואָלט מיינע קינדערלעך אונטערהויבען, זיי זאָלען ניט זיין אזוי קליין און הילפלאָז, און מיט דער צווייטער האנד האָט זיך ווערען אלט און הילפלאָז.

און איך האָב געוויינט, ביטער געוויינט.

# דריי „סטארס" אין איין זאק

ענדע זומער בין איך צוריקגעקומען פון מיין צוגאסט זיין ביי מיינע עלטערן אין באלטימאר.

מיר איז נמאס געווארען דאס וואוינען איבער מיין שווינגער'ס קאפע־סאלון און איך מוף ארוים פון 107 פארסייטה סטריט אין 240 גרענד סטריט.

דיא „אפריקאנער פרינצעסין" איז פערשוואונדען געווארען פון מיין שווי־גער'ס קאפע־סאלון. מיר האט מען געזאגט, אז זיא איז אוועק שטודירען א אידישע אקטריסע צו ווערען.

נאך א פאר וואכען אברוה אין דיא הייסע זומער חדושים, קומט ווידער דיא קונסט און רופט דעם שוישפיעלער אין זיין דרעסינג־רום.

אזוי איז דער אקטיאר; שטענדיג טהעאטער, כסדר שפיעלען, זיין פאר־שטעלט, וויינען און לאכען אלס אנדערער אזוי לאנג וויא דאס געטליכע פייער־ברענט, דער טעמפעראמענט זידט און דיא אמביציע שטורעמט, ציהט פאראוים.

מיר האבען אנגעפאנגען דעם סיזאן אין ווינדזאר טהעאטער מיט רעפער־טואר. אבער יעדער „סטאר" האט זיך ג עשפיעלט זיינע סוקסעסעס, קיינע קאמ־ביניישאנס, אזוי איז געווען דער אבמאך זינט דיא קאמביניישאן פארשטעלונג פון „דיא געברידער לוריא" אין טהאליא טהעאטער.

עס איז אויך געווען אבגעמאכט אז צו א נייע פיעסע זאל מען „ציהען קניפלעך", אדער „ווארפען גורל", ווער פון דיא דריי סטארס זאל זיין דער ער־שטער אויפצוטרעטען, און עס איז געפאלען אז קעסלער זאל זיין דער ערשטער.

מען פיהרט אויף א פאראידישטע פיעסע פון איינעם מיסטער בילדער. דיא פיעסע הייסט „אנטיגנוס דער העלד".

טהאמאשעווסקי האט דיא פיעסע רעזשיסירט און אלס א געפאלען אויך מיטגעשפיעלט א קליינע ראלע, בלויז אין לעצטען אקט.

איך האב זעהר נישט געוואלט אז טהאמאשעווסקי זאל שפיעלען מיט קעסלער'ן. איך האב זיך געשראקען עס זאל נים קומען צו א סקאנדאל, ווייל איך האב גוט געוואוסט אז קעסלער קען זיך נישט איינהאלטען פון נאכקרימען יענעם בשעת'ן שפיעלען. שטעהענדיג אויף דער ביהנע, מעג זיין דיא שטארקסטע דראַ־מאטישע סצענע, קען זיך מאכען קעסלער א קונץ, אז דער מיטשפיעלענדער אק־טיאר זאל זיך פערלירען און פארגעסען וואס פאר א ראלע ער שפיעלט און אפילו אויף וואסער וועלט ער איז.

נור א שוישפּיעלער קען וויסען דעם טעם דערפון. דאָס פּובליקום באַמערקט נישט אזעלכע זאכען. איך מוז דאָ ברייגנען אביישפּיעל וואָס איז איינער פון טויזענדע אזעלכע.

איינמאָל האָט א שוישפּיעלער זיך געוואָלט אָברעכענען מיט א געוויסען סטאַר. דער שוישפּיעלער האָט געשפּיעלט א דיענער וואָס דאַרף בלויז „מעלדען“ צום בעל הבית, צום סטאַר הייסט עס, אז דער און דער וויל „שפּרעכען מיט׳ן גנעדיגען האַרר“.

דער סטאַר האָט געהאַט א געוואַלדיגען מאָנאָלאָג צו זאָגען אין דריטען אַקט פון דער פּיעסע וואו ער פלעגט קריגען א דונער־אַפּלאָדיס, איז געגאַנגען דער שוישפּיעלער וואָס האָט געשפּיעלט דעם דיענער און האָט אויסגעלערנט אָט דעם בעריהמטען מאָנאָלאָג און וויא ער איז אַרויף אין ערשטען אַקט „מעלדען עפּעס צום גנעדיגען האַר“, האָט ער אָבגעזאָגט דעם גאַנצען מאָנאָלאָג וואָס דער סטאַר האָט בעדאַרפט זאָגען ערשט אין דריטען אַקט און ס׳איז געפאַלען א דונער־אַפּלאָדיס פאַר׳ן אָרימען דיענער אנשטאָט דעם רייכען בעל הבית.

א געוויסער קריטיקער האָט נאָכדעם געלויבט דעם שוישפּיעלער וואָס כאָטש ער האָט געשפּיעלט אזא קליינע ראָלע וויא א דיענער און האָט פון דעסטוועגען בעגייסטערט דאָס פּובליקום און אַרויסגערופען שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטען . . .

מען האָט שטודירט דיא פּיעסע און באַלד ביים שטודירען האָבען זיך אָנגעהויבען צאַנקערייען. דער רעזשיסער האָט בעשטימט פּראָבע אויף 10 א זייגער, איז דער סטאַר פון דער פּיעסע געקומען איינס. האָט מען בעשטימט אויף צוועלף איז ער געקומען דריי, ביז ס׳איז געקומען דיא אויפפיהרונג.

קעסלער האָט געשפּיעלט דאָן מיט „כוח“, ער האָט אין דיא ערשטע דריי אַקטען אזוי „געגוואַלדעוועט“, אז ס׳איז געקומען דער לעצטער אַקט, איז ער שוין געווען גוט הייזעריג און געבריפּעט. טהאָמאַשעווסקי פּאַרקעהרט, איז געווען אָן אויסגערוהטער, האָט ער געשפּיעלט מיט פרישקייט און האָט געמאַכט א גוטען איינדרוק מיט זיין קליינע ראָלע אין לעצטען אַקט. דאָס האָט געפיהרט צו דער נויטיגער פּאַרציע „אַרטיסטישע דזשעלאָסי“ און קעסלער טרעט באַלד אַרויס פון ווינדזאָר און געהט אַריין צוריק אין טהאַליאַ טהעאַטער.

ווערט שוין ווידער קאָנקורענציע.

וויא באַלד שלאַכט, נוצען מיר דיא בעסטע קאַנאָנען — „קאָמבינייישאָן“.

אדלער, מיט טהאמאשעווסקי׳ן, מיט סאניא אדלער און מיט בעסי טהאמאשעווסקי, מיט דיא אלע אנדערע סטארס פון אונזער קאמפאניע, אלע שפיעלען מיר צוזאמען. מיר פיהרען אויף היסטארישע אפערא מיט׳ן נאמען „נערא אדער דאס קעניגליכע פערד", און אדלער שפיעלט א קאמישע ראלע.

אדלער „דער קאמיקער" טאנצט פאר׳ן פערד און טאנצענדיג שעלט ער דעם פערפאסער, ער זאל זיך בעסער געוועז אויסברעכען דיא פינגער איידער ער האט אנגעפאטשקעט אזא פערדישע מייסטערווערק. אדלער וויינט אויף דער ביהנע וואס ער מוז שפיעלען אזא פאיאצקע ראלע, אבער אדלער טאנצט — קאמביניישאן איז קאמביניישאן, פערפאלען.

דאן קומט צו אונז גאסטראלירען מאריס מאריסאן איז זיין רעפערטואר און אדלער לעבט אב. ער שפיעלט „יאגא" אין דער טראגעדיע „אטהעלא", סאניא שפיעלט אלס „דעסדעמאנא", מאריסאן שפיעלט „אקאסטא", און אדלער שפיעלט אלס „דע סילווע", טהאמאשעווסקי אלס „בן יוחיי", מערי עפשטיין אלס „דיא מוטער", און איך אלס דער יונגער „שפינאזא".

נאך עטליכע פיעסען האבען מיר געשפיעלט צוזאמען מיט מאריסאנען, נאך איינינגע אהן איהם, ביזנעס זיינען געוועז גוט, מיר האבען בעזיעגט אונזער אנטקעגענדיגען קאנקורענט און אזוי דערקאנטשען מיר נאך א סיזאן אידיש טהעאטער.

אונזער הויפט מענעדזשער, ערעלשטיין, שיקט אוועק דעם צווייטען הויפט־מענעדזשער אונזערען, אדלער׳ן, קיין יוראפ ער זאל ברייננגען פאר אונזער טהעאטער עפעס אן אויסערגעוויינליכע קראפט, זאל זיין אזא מין מאגנעט אפילו, וואס זאל ציהען דיא אידען נור אין ווינדזאר טהעאטער.

אדלער פערלאזט אונז און פאהרט אוועק קיין יוראפ זוכען „א קראפט", און מיר דא, מיין מאן, איך און אונזערע קינדערלעך, פאהרען אוועק אויפן זומער קיין ראקאוויי אום זיך אנצונעהמען ביים ים מיט פרישע קרעפטען פאר אונזערע ווייטערע קעמפפע אין לעבען.

איך פלעג מיר נעהמען מיינע צוויי קליינע זוהנעלעך און מיר אבזוכען א שטילען ווינקעל אויפ׳ן זאמד ביים ברעג ים, וואו עס טומעלט נישט אזוי שטארק דיא „באדענדע מענשהייט", און וויא א קוואטשקע פאדעט ארום איהרע היהנדעלעך, אזוי פלעג איך מיר שפיעלען מיט מיינע זיסע צוויי קינדערלעך.

איך האב זיי אבגעהיט וויא א מאמע און זיך געשפיעלט מיט זיי וויא א קינד.

מעכטיגער וויא דיא כוואַליעס פון ים, האָט מיין הארץ דאַן געשלאָגען מיט פרייד, מיט גליק און מיט האָפנונג.

פאַרוואָס, גאָטעניו, פאַרוואָס איז דיא פרייד אין לעבען אַזאַ קורצע, דאָס גליק אַזאַ פאַרבלענדעניש און דיא האָפנונג אַזאַ בעטריגעריין ? . . .

איך האָב געהאָפט, קינדיש נאַאיוו מיט אַ ריינער נשמה האָב איך געהאָפט אויף אַ גוטען שפּעטער, אויף אַ גליקליכען מאָרגען — און וואָס איז געוואָרען פון מיין האָפנונג ? . . .

# אַ פּרימאַדאָנאַ מיט נאָטען

עס איז שוין האַלד ענדע זומער, מיר זיינען נאָך אין ראָקאַוויי ביים ים, אָבער מיר פּלאַנעווען שוין וועגען אָנקומענדען טהעאַטער סיזאָן.

אַדלער שרייבט אונז פון יוראָפּ פרעהליכע נייעס, אַז ער האָט געקעטשט אַ פּרימאַדאָנאַ וואָס וועט „אָבווישען אַלע אידישע פּרימאַדאָנאַ'ס", שוין איינמאָל אַ פּרימאַדאָנאַ. אין אַ צווייטען בריעף הייסט ער אונז טרינקען שאַמפּאַניער אַנשטאַט וואַסער, וואָרים זיין פּרימאַדאָנאַ וואָס ער פיהרט מיט זיך וועט אריינברייגען אַזוי פיעל געלד אין אונזער ווינדזאָר טהעאַטער, אַז מיר וועלען נישט וויסען וואָס צו טהאָן דערמיט, טאַ זאָלען מיר דערווייל פאַרטרינקען אַ פּאָר טויזענדער אין שאַמפּאַניער.

גאָט האָט געהאָלפען, מיר האָבען דערלעבט דיא גליקליכע מינוט, און אַדלער איז בשלום אָנגעקומען פון יוראָפּ מיט זיין וואונדער־פּרימאַדאָנאַ.

עס איז ביי אונז געווען ששון ושמחה. מיר האָבען געפּויקט און געטראַמייטערט אין אַלע אידישע גאַסען, אַז „ענדליך! ענדליך! נאָך שווערע מיה און פיעלע קאָסטען!" און אַזוי ווייטער, „זיא קומט, זיא איז דאָ, אונזער וואונדער־פּרימאַדאָנאַ וואָס זינגט מיט נאָטען — מילאַני גוטמאַן!"

אין אונזער טהעאַטער וועלט האָט מען זיך אפילו געשושקעט: „וואָס הייסט אַ פּרימאַדאָנאַ זאָל גאָר זינגען „מיט נאָטען"? וויא קומט „נאָטען" צו אַ אידישע פּרימאַדאָנאַ ?"... אָבער מיר האָבען געלאַכט פון זייער היטעלע, מיר האָבען אַליין געזעהען וויא אונזער פּרימאַדאָנאַ האָט מיטגעבראַכט אַ גאַנצען פּאַק נאָטען . . .

אַדלער האָט אונז דערצעהלט מיט שמחה און נצחון זיין געוואַלדיגע

סטראַטעגיקע וואָס ער האָט „געויזט“ ביז ער האָט זי געקעטשט די פּרימאַ־דאָנא, „ווארים זיא — האָט אדלער אונז איינגערוימט א סוד — איז פון וויענער קאָנסערוואַטאָריע, זיא, אַז זיא זינגט, ווייסט זיא וואָס דאָס מיינט, זיא קען נאָ־טען! זיא איז אַ געבילדעטע דאמע!“

מיר האָבען אַלע גרוים דרך ארץ געקראָגען פאַר „דיא נאָטען“ און מיר האָבען אונזער פּרימאַדאָנא, מילאַני גוטמאַן, אָבגעהיט וויא דיא גבאים היטען אָב זייער צדיק, בשעת ער געהט פון מרחץ, ער זאָל זיך חלילה נישט צוקיהלען . . .

ענדליך איז געקומען דיא היסטאָרישע נאַכט פון דעם ערשטען אויפטריט פון אונזער פּרימאַדאָנא ביי אונז אין ווינדזאָר טהעאַטער.

דיא פּיעסע האָט געהייסען „פראַ דיאַוואָלא“, דאָס איז געווען אַ גוי'שע אָפּערעטא געשפּראָכען אויף יודיש און זיא אַליין, דיא פּרימאַדאָנא הייסט עס, האָט געשפּראָכען דויטש.

דאָס טהעאַטער איז געווען איבערגעפּאַקט, עס איז קיין טיקעט נישט געווען צו קריגען, ווארים מיר האָבען אונזער גאַסט גאַנץ גוט געבומט און דיא אידען זיינען געקומען.

איך טהו זיך אָן מיט אונזער פּרימאַדאָנא אין איין דרעסינג־רום. זיא רעדט צו מיר פריינדליך, אונזער פּרימאַדאָנא, און איך העלף איהר גערן וואָס נור זיא הייסט מיר. זיא איז געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישע דייטשיש־אידישע טאָכ־טער מיט אַ העכסט יידישע נאָז און טיעפע שווארצע אויגען, גערעדט האָט זיא שטיל און עלעגאַנט וויא אַן אמת'ע אַריסטאָקראַטקע.

עס איז נאָך צו פריה צו דער פאָרשטעלונג און מילאַני גוטמאַן גרימירט זיך נאָך נישט, זיא געהט אום און פארשטעקט מיט וואַטען דיא שפּאַרינעס פון דרעסינג־רום „עס זאָל ניכט זיין קיין צוגבען“, און איך גרימיר מיך דערווייל. כ'האָב ליעב שטענדיג צו זיין אין צייט מען זאָל נישט דאַרפען וואַרטען אויף מיר.

מילאַני שפּאַצירט אום אין דרעסינג רום און נעהמט אַלע ווייַלע „אַ טאָן“, פּרוּווט איהר שטימע וויא אַ חזן אויפן „קאַמער־טאָן“, זיא גאָרגעלט זיך, אָט הויך און אָט טיעף, דערווייל ווערט שוין שפּעט און עס איז שוין צייט זיא זאָל זיך אָנטהאָן. אין טהעאַטער שפּיעלט מען שוין באַלד דיא אָוועַרטיורע, און איך זאָג: „פריילין גוטמאַן, עס ווירד יא שפּעט“. און זיא ענטפערט מיר גאַנץ געלאַסען מיט אַ פּרימאַדאָנא שמייכעלע: „ליעבע פרוי טהאָמאַשעווסקי, איך זינג ניכט הויטע נאַכטס“.

עס ווערט מיר קאלט אין יעדען אבר. דאס טהעאטער איז געפאקט און זיא דערצעהלט מיר גאר „זיא זינגט ניכט הויטע"!

איך לויף אריין צ. מיין מאן אין גארדעראב מיט א געוויין: „באריס, זיא זינגט נישט!"

מיין מאן קומט מיט מיר צו אונזער פרימאדאנא און זי ערקלערט איהם גאנץ פריינדליך אז „זיא קאן הייטע ניכט אויפטרעטען", ווייל עס פעהלט איהר „דיא פיאנא".

מיין מאן ערקלעהרט איהר, אז אין אידישען טהעאטער איז מען נישט שטארק מדקדק וועגען א זינגערס איינצעלנע טענער, מאנכע זינגען זאגאר אין גאנ־צען אהן א שטימע בפרט אהן א טאן... און ער לאזט זיך אריין אין דער מוזיקא־לישער שפראך מיט אונזער פרימאדאנא וועגען „פיאנא, פרעסטא, פארטא, פאל־צעט, סטיקאטא, אלעגרא, אנדאנטא", און אזוי ווייטער, דערווייל ווערט אלץ שפעט און שפעטער, מען דארף באלד אויפציהען דעם קווירטען, און אינזער פרימאדאנא דעבאטירט גאר וועגען מוזיק. איך לויף און ברייננג אדלער'ן פון זיין גארדעראב.

זיא זאגט זיך פונקט אזוי געלאסען וויא פריהער: „הערר דירעקטאר אד־לער, איך זינג ניכט הויטע, איך קאן ניכט נעהמען די פיאנא." און אדלער ענטפערט איהר גאנץ ערדעל: „נו, ווער הייסט אייך דען נעהמען דיא פיאנא, דער סטיידזש קארפענטער וועט נעהמען דיא פיאנא..."

— „אבער איך האב ניכט מ י י ן פיאנא", זאגט ווידער דיא פרימאדאנא.

— „נו, שפיעלט שוין היינט אויף א ו נ ז ע ר פיאנא, ביז מען וועט אייך ברייננגען אייער אייגענע פיאנא", ענטפערט אדלער.

ביז זיא האט איהם געגעבען צו פארשטעהן אז „איהר פיאנא" איז ביי איהר אין האלז, דאס איז נישט קיין הילצערנע פיאנא, נור אזא מין שטילער טאן וואס ווערט אנגערופען פיאנא. דער סוף איז געוועזן א שטיקעל סקאנדאלטשי־קעל און דיא פרימאדאנא האט אנדערש ניט געוואלט אויפטרעטען דעם אבענד ביז אדלער האט זיא געמוזט ענטשולדיגען פאר'ן פובליקום, וויא עס פיהרט זיך אין איירא פא.

אדלער איז ארויס פאר'ן פובליקום און געספיטשט: „האכגעשעצטעס פוב־ליקום! אונזער פרימאדאנא (אין א זייט, שטיל: א קרענק אויף איהר מיט דיא נאטען!) האט נישט היינט דיא ריכטיגע פיאנא, זיא וועט אייך זינגען אויף דער פארטא . . ."

דער עולם האָט אפּלאָדירט, מיינענדיג אַז מסתמא איז „פּאַרטאַ“ בעסער נאָך וויא פּיאַנאַ . . .

דיא שפּיעל האָט זיך אָנגעפאַנגען און „מילאַני“ האָט דערלאַנגט אַ זינג, אַז טהאָמאַשעווסקי האָט זיך שיער אַ פינגער אָבגעביסען, אדלער האָט זיך געשעהמט פאַר אונז מיט זיין „וואונדער פון וויענער קאָנסערוואַטאָריע“ און אונזערע אידישע פּרימאַדאָנאַ׳ס זיינען ארויסגעקומען דיא זיעגערין׳ס. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער מוזיקאַלישער וועלט, ווייל מאַנכע האָבען מילאַני׳ס דורכפאַל גע־האַלטען אַלס בעווייז דאָס ביים אידישען טהעאַטער דאַרף אַ פּרימאַדאָנאַ נישט קע־נען קיין נאָטען, זיא דאַרף קענען זינגען — און דאַצאַל.

דערפאַר האָבען זיך אין דער אָפּערעטא „פרא דיאוואָלא׳ שטאַרק אויסגע־צייכענט אונזערע אַקטיאָרען בלאַנק און פישקינד.

נאָכדעם האָט זיך אונזער פּרימאַדאָנא „אויס וויען“ בעקלאָגט אַז דיא היגע לופט איז שעדליך פאַר אַ געשולטע זינגערין, ווייל „דיא לופט איזט צו זאַלציך“. און אַדלער האָט איהר געענטפערט אויף פּראָסט אידיש, וויא מען רעדט אין אידישען טהעאַטער, — „דו טהייער זינג־פויגעלע, דו דייטשישער לולב, און אַז די לופט איז געזאַלצען טויג נישט פאַר דיר? וואָס־זשע, דו שפּיעלסט נור אָהן זאַלץ, נחת מיינס? שפּיעל זשע מיט פעפער, אבי לאָז עס האָבען אַ טעם!...“

מיר האָבען געמוזט געהן בעטען צוריק דיא קאַליש אום צו האָבען אַ פּרי־מאַדאָנא, וואָרים דאָן האָט מען נישט געקענט שפּיעלען קיין טהעאַטער אָהן אַ פּרימאַדאָנא.

# די רייסעריי איבער גאָרדין׳ס פּיעסען

אַ חוץ דער פּרימאַדאָנא, מילאַני גוטמאַן, וואָס אדלער האָט מיטגע־בראַכט פון יוראָפּ, האָט ער אויך געבראַכט אַ „קונסט־ווערק“, וואָס האָט געזאָלט איבערקעהרען אמעריקא. דאָס איז געוועזן אַזאַ מין פּיעסע פון דיא פּאַריזער דע־טעקטיוו מעלאָדראַמאַס און האָט געטראָגען דעם ליכטיגען נאָמען „די פינסטערע נאַכט.“

מיר פיהרען אויף ביי אונז אין ווינדזאָר טהעאַטער „די פינסטערע נאַכט“ און די אידען האָבען מורא צו קומען אין טהעאַטער, זיי האָבען מורא צו געהן

אין דער פינסטער, כאַטש געה ברייננ גאַנץ נויאָרק לאַמטערנעס, און דיא פּיעסע פאַלט מיט א קנאַק...

דאָ קומט אונז דער פּערפאסער מר. בילדער צו־הילף, און מיר פיהרען אויף זיינע א מעלאָדראמאַ מיט'ן נאָמען „דער קאַפּיטאַליסט.“ אונזער גאַנצע קאָמפּאַניע שפּיעלט מיט און עס קומט אויך צו א נייער טאַלאַנט, א אינטעליגענ־טער רוסישער יונגערמאַן און צייכענט זיך שטאַרק אויס אין דיעזער פּיעסע.

דער נייער טאַלאַנט איז געווען היימאַן מייזעל, וואָס איז דאַן נור וואָס צוגעקומען צום אידישען טהעאַטער. ער האָט געשפּיעלט אַלס אן ארבייטער און האָט געמאַכט א „היט.“

מיר האָבען איבערגעשפּיעלט נאָך עטליכע פּיעסען, ביז ענדליך האָבען מיר „געקעטשט“ אַ ריכטיג שטיקעל סחורה, וואָס האָט געבראַכט געלד אין דער קאַסע. דאָס איז געווען א פּיעסע פון יעקב גאָרדין, מיט'ן נאָמען „דוד'ל משורר.“

דעם סוזשעט פון „דודל משורר“ האָט גאָרדין גענומען פון אן אמת'ע פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפען מיט דעם זוהן פון דעם וועלט־בעריהמטען חזן ניסי בעלזער.

ניסי'ס א זוהן, אלטער, איז געווען אַ גרויסער מוזיקאַלישער זשעניע. ער האָט, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטען, חתונה געהאַט, ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג און דאָס ווייבעל האָט איהם מזכה געווען מיט צוויי קינדערליך. ווען אלטער האָט גענומען ווערען בעריהמט, איז ער אוועק אין פּעטערבורג און זיך געלערענט ביי'ם גרויסען קאָמפּאָזיטאָר אנטאָן רובינשטיין. דאָ האָט ער זיך פערליעבט אין א גוי'אישע מיידעל און ער איז אוועק אהיים זיך אָבגט'ען מיט זיין אידיש ווייבעל און ביי'ם גט האָט ער געקראָגען אַ בלוט־שטורץ, ווייל ער האָט געליטען פון קאָנסאָמפּשאָן און ער איז געשטאָרבען.

גאָרדין האָט די געשיכטעלע בעאַרבייט אזוי גוט, טאַקי ווי נור גאָרדין האָט געקענט און דיא פּיעסע האָט געמאַכט א גרויסען סוקסעס.

איך דערמאָהן מיך אין שפּאַס, וואָס איז ווערטה צו דערצעהלען.

מיר זיינען געזעסען אין דרעסינג־רום און זיך גרימירט. די קאַליש איז געזעסען אַנטקעגען שפּיעגעל און זיך געשמינקט דאָס פּנים, איהרע שעהנע, לאַנגע האָאר זיינען געווען צולאָזען און צוגעדעקט איהרע נאַקעטע שולטערען, פּלוצים קומט אריין גאָרדין. מיר זיינען געבליעבען אביסעל אין פערלעגענהייט, אָבער מיר האָבען איהם געבעטען זיצען.

מיר האָבען זיך גרימירט און גערעדט מיט גאָרדין'ען. ער האָט געמאַכט עפּעס

א בעמערקונג וועגען קאליש'עס שעהנע האאר, און די קאליש רופט זיך אָן צו איהם: „מיסטער גאָרדיז שרייבט מיר אָן עפּעס א ראָלע צו מיינע האאר. איהר האָט געהערט פון א שרייבער טאָלסטאָי? ער האָט אנגעשריעבען א בוך איז דאָרט דאָ א העלדין, וואָס האָט שעהנע לאַנגע האאר, ווי מיינע, שרייבט מיר אָן א ראָלע צו מיינע האאר..."

גאָרדין האָט זיך א גלעט געטאָהן איבער דער שווארצער באָרד זיינער, און האָט מיט א סארקאסטישען שמייכעל געענטפערט: „יעס, מאדאם, איך האָב „געהערט" פון א שרייבער טאָלסטאָי."

און גאָרדין האָט געשריעבען פאר איהר „די קרייצער סאָנאטא."

דאַן פיהרען מיר אויף גאָרדין'ס „מינא אָדער די אידישע נאָרא", וואָס אדלער האָט געקויפט און עס ווערט א שטיקעל טומעל אין שטעדטיל.

לעאָן קאָברין האָט נעמליך געמאָכט א געוואלד אז די פּיעסע איז זיינע, ער האָט זיא פאַרגעלעזען, האָט ער געשריען. פאַר גאָרדין'ען, און גאָרדין האָט איהם בענומען זיין גייסטיגען פארמעגען

מיר האָבען נישט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען ווער קאָברין איז, און א חוץ דעם — וואָס געהט עס אונז אָן וואָס „עפּעס א קרענק" האָט זיך צו־געטשעפּעט צו גאָרדיז'ען? מיר ,אבען געוואוסט, אז גאָרדין קען אליין שרייבען פּיעסען, אז קיין בעסער'ער ווי גאָרדין איז נישטאָ און אז די פּיעסע איז א גוטע, האָבען מיר געשפּיעלט „מינא, אָדער די אידישע נאָרא" פון יעקב גאָרדין און מיר האָבען זיך גאָר נישט אַפילו געבאדערט וועגען דעם טומעל, וואָס לעאָן קאָברין און זיינע חסידים האָבען פּעראורזאכט.

דיא פּיעסע האָט געמאָכט א געוואלדיגען סוקסעס, אדלער מיט סאָניא'ן האָבען זיך אונגעהויער שטארק אויסגעצייכענט מיט זייערע ראָלען און איך האָב געמאָכט א גרויסען היט מיט מיין ראָלע אלס „מינא'ס" טאָכטער.

איך בין געווען אזוי בעגייסטערט פון די וואונדערבארע ראָלען, וואָס גאָרדין האָט געשאפען, דאָס איך האָב געבעטען מיין מאַן ער זאָל אויך קויפען ביי גאָרדין'ען א פּאָאר פּיעסען.

און מיין מאַן קויפט ביי גאָרדין'ען דיא דראמא „דבורה'לע די מיוחסת."

מיר פיהרען אויף „דבורה'לע די מיוחסת" און מיר מאכען א גוואלדיגען ערפאָלג. מיין מאַן האָט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין זיין ראָלע אלס „שמשון אייזענשטאָהל," דער קאָוואַל און דיא גאַנצע אידישע פּרעסע צוזאמען מיט דער אינטעליגענץ אונזערער אנערקענט דאַן מיין מאַן אלס ערשטע קלאסע שוי־



ינדאָר אין „ישיבה בחור"

שפּיעלער. איך האָב אין דער פּיעסע געשפּיעלט „פּיני,“ דער טשאַכאַטעטשנעם בחור'על און האָב אויך געקראָגען געוואַלדיגע לויב־געזאַנגען, איך בין געווען אי־בערגליקליך פון פרייד, וואָס אויך איך מיט מיין מאַן זיינען בעליעבט געוואָרען מיט גאָרדין'ס א פּיעסע, ווייל דאַן האָט זיך אנגעפאַנגען א מין „רייס“, א יאָ־געניש צווישען אונזערע סטאַרס איבער גאָרדין'ס פּיעסען.

עס איז געווע, די גאָרדין פּעריאָדע און יעדער סטאַר האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען אין גאָרדין'ס א פּיעסע.

עס איז דאָן געווען דיא שעהנסטע פּעריאָדע אין אידישען טהעאַטער.

מיט יעדע נייע פּיעסע פון גאָרדין האָט דאָס אידישע טהעאַטער געשטיעגען העכער און דיא שוישפּיעלער זיינען געוואָרען ארטיסטיש אמביציעזער עס האָט זיך געגלויבט שפּיעלען טהעאַטער, ווייל דיא אנערקענונג איז געווען א ווערטה־פולע און א שעצבארע און דאָס אלץ האָט בעשאַפען איין מענש — יעקב גאָרדין.

עס איז שוין געווען באַלד ענדע סיזאָן און מיין מאַן ברייננגט א פּיעסע פון א נייעם פּערפאַסער וואָס איז אליין אן אַקטיאָר. דיא פּיעסע הייסט „דער אידישער מאַרטירער אָדער דער ישיבה בחור“ און דער פּערפאַסער — זאָלאָטאַ־רעווסקי.

זאָלאָטארעווסקי איז דאַן געווען א פּראָווינציעלער אקטיאָרעל, ער האָט געשפּיעלט אין פילאַדעלפיא און דאָרט האָט מיין מאַן געקויפט ביי איהם דיא פּיעסע.

מיר פיהרען אויף דאָס מייסטערווערק, אָט אָבי צו דערענדיגען דעם סי־זאָן, אָבער די פּיעסע מאַכט א ריעזיגען בייפאַל, דער עולם יאָגט זיך נאָך טיקעטס און דיא קאַסע ווערט פול מיט דאָלערס.

עס איז נור געווען, א שאָד, וואָס עס איז אָנגעקומען דער זומער און מען האָט געמוזט סטאָפּען שפּיעלען. דיא אידען האָבען גאָר ניט געוואָלט אָבלאָזען דעם „ישיבה בחור“. שפּעטער האָט מען דיא פּיעסע גערופען : „דער ישיבה בחור אָדער דער אידישער האַמלעט“ און גאָר שפּעטער האָט מען האַמלעט'ן אוועקגע־וואָרפען און געלאָזען בלויז דעם „ישיבה בחור“ און ביז היינטיגען טאָג ברענגט דיא פּיעסע א סך געלד ווען מען שפּיעלט זיא.

מיר האָבען געענדיגט דעם סיזאָן אין ווינדזאָר טהעאַטער איך האָב גע־האַט עטליכע הונדערט דאָלער אויף צו פאָהרען אין קאַנטרי אָבער עס קומט צוגעהן צו מיר עדעלשטיין א. ז. זאָגט מיר, אז ער וויל טאָמאשעווסקי זאָל ווערען מיט איהם פּאַרטנער וועט ער נעהמען דאָס „פּיפּעלס טהעאַטער.“

איך גיב עדעלשטיין'ען דריי הונדערט דאָלער און מיר נעהמען בשותפות דאָס פּיפּעלס טהעאַטער.

# אַדלער קומט צוריק פון יענער וועלט

פּיפּעלס טהעאַטער איז דאַן געווען אַ מין שפּיעגעל פון סאַמע מזרח וואַנד, כאָטש עס געפינט זיך אויף דער בויערי. עס פלעגען דאָרט שפּיעלען בעריהמטע גוי'שע אַקטיאָרען און דיא מעהר אַמעריקאַניזירטע אידען פון דאַון־טאַון פלעגען זיין דיא בעזוכער.

דיא עטליכע הונדערט דאָלער וואָס איך האָב געגעבען עדעלשטיינען אַלס פּאַרטנער האָבען מיר אַפּילו געפעהלט צום זומער פערגניגען, ווייל דאָס איז געווען פון מיין אָפּגעשפּאָרט קאַנטרי געלד, אָבער מיר איז אַלעס געווען ליעב אַבי מיין מאַן און איך זאָלען ווערען „רעגעלע" דירעקטאָרען פון אַ אידיש טהעאַטער אין מיטען דער גרויסער שטאָדט נויאָרק.

אָבער דיא סומע וואָס כ'האָב געגעבען איז געווען נישט גרויס גענוג אום מיר זאָלען ווערען גלייכע שותפים, איז געווען אַזוי: אַדלער און עדעלשטיין האָבען גענומען 75 פּראָצענט פון דיא פּראָפיטען און מיין מאַן און איך 25 פּראָצענט, ווייל מיר זיינען געווען בלויז „פּאַוני פּאַרטנערס".

שפּעטער מיט יאָהרען, אַז מיר האָבען זיך „אויסגעגרינט", האָבען מיר זיך דערוואוסט וואָס זאָס מיינט אַ „פּאַוני פּאַרטנער" ביים אידישען טהעאַטער. דאָס מיינט פּשוט אַ בלאָף! מען איז אַ פּאַרטנער צום כבוד, אָבער צום טעאַטער — אַזאָס . . . אויפ'ן ליעס איז מען נישט פאַרשריבען, קיין בעוויז האָט מען נישט, מען האָט גאָרנישט אויף גאָרנישט צו זאָגען, נור דער נאָמען איז אַ שעה־נער, אַ קליינינגקייט: דירעקטאָר פון אַ טהעאַטער!

נאָך'ן סיזאָן, אַז דיא אמת'ע באַלעבאַטים פון טהעאַטער האָבען פּער־דיענט למשל אַ 20 — 30 טויזענד דאָלער, ווארפט מען צו אַ ביינדעל דעם „פּאַוני פּאַרטנער" אויך, מען גיט איהם אַ צוויי טויזענד דאָלער „מיט שווערע מיה און פילע קאָסטען".

און וויא זאָגט מענדיל מאיר'ס „אַז עס הויבט אַ מענשען אָן צוגעהן — זאָל עס אריין אין דר'ערד אריין. . ." אַז גאָט האָט אונז געהאָלפען, מיר זיינען

שוין רעגעלע דירעקטאָרען, קריגט מיין מאַן אַ מתנה פון זיין דראַמאַטיק קלאַב — אַ לעבעדיג ווייס פערד.

דיא מעמבערס און מעמבערקעס פון „טהאָמאַשעווסקי'ס דראַמאַטיק קלאַב" האָבען דאָס פערד געוואָלט אַרויספיהרען אויף דער ביהנע, נור עס האָט נישט געהאַט מוטה גענוג צו ערשיינען פאַר דיא פוט־לייטס, הפּנים נישט געווען קיין טאַלאַנט . . .

מיר האָבען דעם זומער פערבראַכט אין דער היים, אַרומגעקאַטאַיעט מיט אונזער ווייס משיח פערדיל איבער דיא נויאָרקער גאַסען, וויא מענדעלי מיט זיין קליאַטשע איבער גלופּסק און טוניאַדעווקע. מיין מאַן מיט מיר אין אונזער גע־שפּאַן, אַדלער מיט סאָניא'ן אין אַ צווייטען געשפּאַן און—פּאַשאַל וואָן, אידישע אַקטיאָרען פאָהרען . . .

מיר זיינען געווען אַזוי איינגעליעבט אַלס שותפים פון טהעאַטער, דאָס מיר האָבען אַפילו געמופּט אין זעלבען הויז וואו אַדלער האָט דאַן געוואָהנט, אין 95 איסט 10טע סטריט.

דריי סיזאָנס זיינען מיר געשטאַנען אין פּיפּעלס טהעאַטער צוזאַמען מיט אַדלער'ן. מיר האָבען איבערגעשפּיעלט פערשיעדענע פּיעסען, אַלטע און נייע, פון גאָרדין, לאַטיינער און שפּעטער איז צו אונז צוגעקומען קאָברין. דאַן האָט מען אויף בראָדוויי אויפגעפיהרט אַ פּיעסע פון זאַנגוויל מיט'ן נאַמען „דהי טשיל־דרען אָוו דהי גהעטאָ". קאָברין האָט דאַן אָנגעשריבען פאַר קעסלער'ן אין טהאַ־ליא טהעאַטער אַ פּיעסע „די איסט סייד גהעטאָ", און דער נאָמען „גהעטאָ" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

האָבען מיר אויך געוואָלט זיין „אין מאַרקעט" און מיר האָבען געאָרדערט ביי גאָרדינען אַ גהעטאָ פּיעסע. אין צוויי מעת לעת האָט גאָרדין אונז צוגעשטעלט אַ גאַנצע פּיעסע. מיר האָבען געמאַכט פּראָבע אַקטען־ווייז און גאָרדין האָט אונז אַלע ווײַלע אונטערגעשיקט אַ פּאָר פערשריבענע בלעטלעך מיט „פּראָזא".

קאָברין'ס „איסט סייד גהעטאָ" האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען סוקסעס און ביי אונז איז גאָרדין'ס גהעטאָ דורכגעפאַלען מיט פּויקען און טרומפּייטען.

מיר האָבען דאַן אויפגעפיהרט קאָברין'ס „דער פערלאָרענער גן עדן" און דיא פּיעסע האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען בייפאַל. דאָס איז געווען אַ סיינזיישאָן און אין דער טהעאַטער וועלט האָט מען גענומען אונטערמורמלען אַז קאָברין וואַקסט אַ קאָנקורענט צו גאָרדינען.

איך בין נישט געזונד געווען און האָב אין דער פּיעסע נישט מיטגעשפּיעלט.

אבער קראנקערהייד בין איך געקומען אין טהעאטער זעהן „דעם פערלוירענעם גן עדן“ און כ'האב אנגעקוואלען פון די אמת'ע, טרייע לעבענס־בילדער און שטארקע סצענען, און ספעציעל איז מיר געפעלען קאברין'ס פראזא אין דער פיעסע.

אין דיזער פיעסע איז אויפגעטראטען מאדאם לאבעל וואס איז דאן אהער געקומען פון לאנדאן.

מיר האבען געמאכט זעהר גוטע געשעפטען, מיין מאן האט געקויפט אן אפענע באגי מיט א ניי פערדיל און מיר האבען געלעבט וויא אלט־געבאקענע אריסטאקראטען.

דעם צווייטען סיזאן אין פיפעלס טהעאטער איז אונזער סטאר שותף, אדלער קראנק געווארען פון צופיעל אנשטרענגונג, ער האט זיך איבערגעשפיעלט און עטליכע מאנאטען האט אדלער נישט געקענט שפיעלען.

א שטילע ארטיסטישע אונצופריעדענהייט האט געשוועבט הינטער דיא קוליסען, אבער אדלער איז געווען ערנסט קראנק און מען האט א סך געמוזט פערשווייגען.

אדלער'ן האט מען צוגענומען אין לבנון האספיטאל און ער איז דארט געווען א שטיק צייט. פלוצים אנאנסירט מען אין דיא צייטונגען אז אדלער האלטביים שטארבען און ער בעט אלע אידען זאלען קומען א שבת בייטאג צום לבנון האספיטאל זיך געזעגענען מיט איהם . . .

טויזענדע און טויזענדע אידען זיינען יענעם שבת אוועק צום האספיטאל און אדלער האט פון א פענסטער ארויסגעשטעקט זיין שוין דאן גרויען קאפ און מיט א ליילעך געפאכעט אין דער לופטען, זאגענדיג צו אלעמען „גוד ביי“...

דיא אידישע טהעאטערע זיינען יענעם שבת מאטינעע געווען ליידיג, טאמער איז געקומען א איד אין טעהאטער איז איהם געווארען סמוטנע אליין צו זיצען און ער איז אייך אוועק . . .

שפעטער האט אונז אדלער דערצעהלט, אז דאס האט ער געוואלט בעווייזען דיא אידישע מענעדזשערס מיט דיא אידישע אקטיארען, אז ווען ער, אדלער, וויל נור, קען ער קאליע מאכען אלע טהעאטערע, זיי זאלען נישט האבען קיין איינגאהמע, דארום האט ער אוועקגערופען דיא אידען א שבת בייטאג זיך געזעגענען מיט זיי איידער ער שטארבט . . .

ווען אדלער איז געקומען פון „יענער וועלט“, דאס הייסט, ווען ער איז ארויס פון האספיטאל און איז געקומען ווידער צו דיא כוחות אביסעל, האט ער אויפגעפיהרט גארדין'ס דראמא „עץ הדעת“ און געקראגען פיעל לויב פאר זיין

שפּיעלען „מאַזי סטאַליאר“, אַבער קיין גרויסען פינאַנציעלען בּוקסעס האָט דיא פּיעסע נישט געמאַכט. דאַן פּיהרט אַדלער אויף טאָלסטאָי'ס ווערק „דיא מאַכט דער פינסטערניש“, איבערזעצט פון גאָרדין, און מיר אַלע ווערען בעשאָטען מיט בלו־מען פון ווערטער און בלומען פון גאָרטען. דיא אויפפיהרונג פון „וולאַסט טמע“ איז געווען א מאַראַלישער טריאומף פאַר אונז שוישפּיעלער. מען האָט איבער־אַל געשריבען און גערעדט אַז מיר זיינען אמת'ע קינסטלער.

און טאקע באַלד נאָכדעם וויא מען האָט אונז געקרוינט אַלס „וואהרע קינסטלער“, פּיהרט מיין מאַן אויף א קונסטווערקעל פון לאַטיינער מיט'ן נאָמען „דיא 400 יאָהר“.

דיא אויסשטאַטונג איז געווען א וואונדער־שעהנע, אמת'ע לעבעדיגע קאַטשקעס זיינען געשווימען אין וואַסער אויף דער ביהנע, טהאָמאַשעווסקי איז געשפּרונגען אין א ביטעל וואַסער אויף דער ביהנע און „געשווימען“ אין לאַ־טיינער'ס פּראָזא . . .

אָבער דאָס פּובּליקום איז זיך מחיה געווען און האָט געבּראַכט דיא טולערס פון וועלכע מיר קינסטלער האָבען זיך אודאי מחיה געווען.

# דער ערשטער אַקטיאָרען־סטרייק

מיר האָבען מיט דער פּיעסע „די 400 יאָהר“ געמאַכט היבשע עטליכע טויזענדער.

דאַן האָבען מיר אויך אויפגעפיהרט „גבריאל'יקעל“ (אַזאַ מין פּיעסע וואָס האָט געהייסען „גבריאל'יקעל“) און נאָך אַנדערע מייסטערווערקע.

העלפט גאָט, עס ווערט ביי אונז אין פּיפּעלס טהעאַטער ערקלערט א סטרייק פון די ברידער קינסטלער און עס קומט אויס—צו סטאָפּען די קונסט־פּעקטאָרי . . .

אין יענער צייט איז די אַקטיאָרען יוניאָן געווען נאָך גאָר א יונגינקע, דאָס הייסט, בלויז די „יוניאָן“ איז געווען יונג, די „מעמבּערס“ זיינען שוין אפילו דאַן געווען „אין די יאָהרען“ . . .

און ווי זאָגט דער פּסוק: „ארבּייטער פון אַלע לענדער פעראייניגט אייך—מיט קאַפּיטאַל, אין צייט פון א סטרייק.“

מיר, „די קאַפּיטאַליסטען, די בלוט־זויגערס און פּיאַווקעס“ האָבען זיך פעראייניגט מיט ארבּייטער, מיט שקלאַפען אַזעלכע, ווי אַדלער, סאָניאַ אַדלער,

פּאָולינאַ עדעלשטיין, טאָמאַשעווסקי און איך, און מיר האָבען צוגענומען צו אונז יוניאַנלאָזע אַקטיאָרען, ווי קאַצמאַן, פּרענק, וואַקסמאַן, מאָרגענבעסער מיט'ן ווייב, בעלאַ גודינסקי און סאַבינאַ וויינבלאַט און—דער קאַמפּף האָט זיך צור־פּלאַקערט ! . . .

דער סטרייק איז געווען אַ „העכסט" רעאַליסטישער, אַפילו קולאַקעס און בוכענצעס האָבען אויך נישט געפעהלט. ביידע צדדים זיינען געווען בערייט צו קעמפּפען ביז'ן לעצטען ביסעל פּראַזאַ . . . און דער אונערמיעדליכער יוסף באַ־ראָנדעס האָט אַגיטירט, געבעטען, געסטראַשעט און געספּיטשט, אָבער „קאַפּיטאַל" איז געבליבען פעסט, ווי אַ סינערי־וואַנטעל . . .

עטליכע וואָכען האָט מען געקעמפּפט מיט אַלערליי וואָפען. אונזערע קאָנקורענטען, די אַנדערע טהעאַטערע הייסט עס, האָבען דערווייל „געגעסען פיש" ביי די ברידער אַרבייטער, אַבי אַריינצוכאַפּען נאָך טולערס אין קאַסע. זיי האָבען אַדווערטייזט אויף די פּאָוסטערס, אַז: „ביי אונז איז סטריקטלי יוניאָן טעאַטער, אונזער קונסט איז נישט געמאַכט פון סקעבס..." און מיר אין פּיפּעלס טהעאַטער האָבען געאַרבייט ווי אמת'ע קאַפּיטאַליסטען. מיר האָבען אַליין געמוזט שטעלען סינעריעס, ווייל די סטיידזש אַרבייטער זיינען געווען פעראייניגט מיט די סטריי־קענדע קונסט־אַרבייטער. אַ כאָר האָבען מיר צוזאַמענגעשטעלט פון פשוט'ע אי־דישע זיהן און טעכטער, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין יוניאָן, נור זיי האָבען געהאַט שטימען און געקענט זינגען.

אַדלער מיט טאָמאַשעווסקי'ן האָבען געאַרבייט אויף אַלע געביעטען. מיר האָבען געשפּיעלט דעם „ישיבה בחור"—האָבען זיי געשטעלט די סינערי און איך האָב צוגעהאָלפען. איך האָב איינגעשרויפט די „מצבות" אויפ'ן „בית עולם" און די גאַנצע „סייקלאָראַמע" די בית עולם סצענע, איז איינגעפאַלען אויף מיר...

עס איז געווען אַ שרעקליכער, „האַרטנעקיגער קאַמפּף," ווי לאַטיינער'ס אַ העלד וואָלט זיך אויסגעדריקט אין אידיש.

דאָס פּובליקום האָט מורא געהאַט צו קומען אין פּיפּעלס טהעאַטער, ווייל די אַרבייטער צייטונג האָט געשריעבען מיט גרויסע אותיות: „אַזוי פיעל און אַזוי פיעל מענשען האָבען אַ טשאַנס גע'הרג'עט צו ווערען אין סקעב טהעאַטער, ווייל די עלעקטרי ווערט געמאַכט פון אַ סקעב עקטאָר."

ביז טאָמאַשעווסקי'ס האַרץ ווערט קאָלעגיאַל, אַרבייטער־קלאַסיש, און ער גיט זיך אונטער, נעגען דעם ווילען פון די צוויי פּאַרטנער־באָסעס, אַדלער און עדעלשטיין.

דער סטרייק איז געקרוינט געווארען מיט סוקסעס זייטענס דער יוניאָן און זייט דאַן איז דאָס אידישע טהעאטער געווארען א רעגעלע סטריקטלי יוניאָן שאָפּ . . . מיט רעגעלע ווייזשעס, רעגעלע באָסעס, רעגעלע ארבייטער און רע־געלע ארבייט . . .

מיר האָבען ווידער געלאָזען „אלע מאשינען לויפען" און האָבען ווידער געמאכט געלד.

נאָך אזא קאמפף איז נישט מעהר ווי רעכט—צו פאָהרען קיין אייראָפּא, און אונזערע דריי באַלעבאָטים־פאמיליעס, דאָס הייסט, ערעלשטיין מיט'ן ווייב, אדלער מיט סאָניא'ן מיט זייער קינד פרענסיס, און איך מיט טאָמאשעווסקי'ן מיט אונזערע צוויי קינדערלעך, פערלאָזען ניו יארק און לאָזען זיך מיט א שעהנער שיף אוועקשווימען איבער'ן ים צוריק אין דער אלטער וועלט אריין . . .

א לוסט־רייזע איז נישט קיין נויט־רייזע. למאי זאָל איך לייקענען, איך האָב מיך געפיהלט גאַנץ גליקליך און שטאָלץ. דער מעכטיגער ים מיט זיינע מורא'־דיגע כוואַליעס האָט מיר אויסגעזעהען ווי א ריעזיגער ווערבליוד מיט א סך האָר־בעס אויף זיין רוקען, און איך בין געווען ביי זיך שטאָלץ, וואָס מיין גליק איז אזוי אויסגעוואקסען, אז אָט פאָהר איך איבער אָט דער מעכטיגער חיה און האָב פאר איהר קיין מורא ניט. איך האָב נישט געטראַכט, אז אָט דער „האָרבאטער ווערבליוד" קען אָן עפּען טהאָן זיין מויל און איינשלינגען אונז מיט אונזער שווי־מענדען פּאַלאַסט א י נ ג א נ צ ע ן. עס איז מיר געווען דאַן צו גוט אויפ'ן האַרץ, צו לוסטיג אויף דער נשמה, אז איך זאָל טראַכטען גאָר פון טויט. ניין, נישט מיט'ן טויטען טויט איז מיין געדאַנקען געווען פערנומען, נור מיט'ן לעבעדיגען לעבען.

איך בין געפאָהרען אויף א לוסט־רייזע.

צוזאַמען מיט מיין מאַן און מיינע צוויי ליעבע קינדערלעך בין איך גע־פאָהרען; צוזאַמען מיט אזא קינסטלער ווי אדלער און אזא גרויסע שוישפּיעלערין ווי סאָניא. איך בוזי פון טאראשטשע, אויסגעוואקסען פון שמאטעס און אריין אין זיידענס; געפּעדעלט אין מיינע קינדער־יאָהרען מיט א קאשעקיל באַנאַנעס לעבען סיטי האָל אין באַלטימאָר, צו העלפען מיין אָרימען, קאַליקען טאטען אויף ברויט, און איצט פאָהר איך ערשטע קלאסע א לוסט־רייזע נאָך אייראָפּא. איצט בין איך די שוישפּיעלערין בעסי טאָמאשעווסקי—ניין, איך האָב ווירקליך נישט געטראַכט פון טויט דאַן!

מיר זיינען אָנגעקומען אין לאָנדאָן.

אבגעמאכט האבען מיר, נישט צו שפּיעלען קיין טהעאטער, אבער אדלער האט נישט געקענט בייזשטעהען דעם נסיון פון כאפּען א פּאאר דאלאר און ער האט געגעבען אייניגע פארשטעלונגען אין לאנדאן אין דער צייט וואס מיר זיינען אוועקגעפאהרען נאך בערלין.

שפּעטער איז אדלער געפאהרען קיין אדעס צו זיין מוטער און שוועסטער און מיר זיינען זיך שוין נישט צוזאמענגעקומען ביז מיר זיינען געקומען צוריק אין ניו יארק.

אין בערלין בעזוכען מיר אלע שעהנסטע פּלעצער, אלע פיינסטע אנשטאלטען. דארט זעהען מיר טהעאטער און טהעאטער שפּיעלען.

גאטעניו, שטראף מיך נישט פאר די רייד און זעה, אז מיינע שוועסטער און ברידער, מיינע פאך־קאלעגען, די אידישע קינסטלער, זאלען מיר אויך נישט שטראפען, וואס איך זאג דעם אמת. זעהענדיג ווי די דייטשען שפּיעלען טהעאטער, האב איך מיך געשעהמט צו גלויבען, אז דאס וואס מיר טהוען, הייסט אויך שפּיעלען טהעאטער.

איך האב געזעהען דארט אויפגעפיהרט הויפּטמאן'ס ארבייטער־דראמא „די וועבער." גאט, וואס פאר א נשמה געגוס איז האב געהאט פון דער פארשטעלונג! מיט וואס פאר א וואונדערבארען געשמאק, מיט וואס פאר א נאטירליכקייט די פארשטעלונג פון „די וועבער" איז דורכגעגאנגען!

איך האב געקוקט און זיך גע'חידוש'ט: א דראמא מיט אזוי פיעל פערזאנען, מיט אזוי פיעל העלדען, און קיין איין „סטאר ראלע" איז נישטא. דערפאר אבער האב איך קלאר און דייטליך געזעהען דעם „הויפּט העלד" פון הויפּטמאן'ס ווערק, דאס איז דער הונגער־לוין פון די ארימע וועבער. און מיך האט געפרעהט פון גאנצען הארצען, ווען מיין מאן האט מיט גרויס בעגייסטערונג מיר געזאגט: „בוזי, מיר מוזען אויפפיהרען אמאל אט דיעזעס קונסטווערק אין אידיש, מיר וועלען שפּיעלען „די וועבער" פאר אונזערע ברידער אין ניו יארק."

# מיר שפּיעלען אין בערלין

זייענדיג אין בערלין, האט מען אונז געבעטען צו געבען א פארשטעלונג, אלס בענעפיט, פאר א דארטיגע ארימע אידישע טרופּע אקטיארען, און מיר האבען איינגעוויליגט צו שפּיעלען פאר זיי.

מיר האָבען אויפגעפיהרט די פּיעסע „דוד'ס פיעדעלע."

פאר דער פאָרשטעלונג איז מיין מאַן אוועק אין טהעאטער פריהער, ווייל ער האָט געדאַרפט זעהן, אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג, און איך בין געבליבען אין האָטעל מיט די קינדער.

ס'איז געוואָרען צייט צו געהן אין טהעאטער, לאָז איך די קינדער מיט דער דיענסט, איך נעהם א פאַיעטאָן און הייס מיך פיהרען אין טהעאטער.

אָבגעפאָהרען א שטיקעל וועגס, פרעגט מיך דער „הערר קוטשער," וואוהין „איך מיך לאָסען פיהרען וואָלטע?" זאָג איך איהם אויף דייטש: „איך מעכטע פוהרען־פאַהרען אין „פּאָלאַסט טהעאטער," הערר קוטשער, בּליעז."

דער דייטש קוקט מיך אָן ערשטוינט און זאָגט צו מיר אין א טאָן, ווי ער האָט אויף מיר שטארק רחמנות: „זי זינד צו אַנשטענדיג איין דאַמע צו בעזוכען דאס „פּאָלאַסט טהעאטער," דאָס איזט איין שמוציגעס יודישעס טהעאַטער, עס גיעבט יאָ היער אין בערלין גאַנץ אַנשטענדיגע טהעאַטערען . . ."

ס'איז מיר געוואָרען קאַלאַמוטנע אויפ'ן הארצען פון דעם הערר קוטשער'ס אַנטיסעמיטישע פריינדליכקייט און איך האָב א בורטשע געטהאַן עפּעס אין ענגליש, אויף איהם מיט גאַנץ דייטשלאַנד אינאיינעם.

אויף להכעיס האָט מיך דער אַנטיסעמיט ארומגעפיהרט לענגער און כ'האָב שיער פערשפּעטיגט די פאָרשטעלונג. ער האָט שוין פון מיר געקראָגען א מכה, נישט קיין „טיפּ."

איידער כ'בין ארויף אויף דער סצענע האָט מיך ס'הארץ געשראָקען, ווי כ'וואָלט ערשט איצט געשפּיעלט צום ערשטען מאָל. כ'האָב נישט געוואוסט ווי אזוי צו רעדען. אייניגע אַקטיאָרען האָבען מיר געראַטהען כ'זאָל רעדען אידיש־דייטש, אַנדערע האָבען מיר געהייסען רעדען דייטש־אידיש, האָב איך קיינעם נישט געפאָלגט און האָב גערעדט פּראָסט מאַמע־לשון, אידיש, אַט אזוי ווי איך רעד אַלע טעג פון א גאַנץ יאָהר.

די אידען האָבען דערהערט א אידיש וואָרט, האָבען זיי זיך מחיה געווען. זיי האָבען פשוט אָנגעקוואָלען און מיך שטארק אַפּלאָדירט.

מיר האָבען געמאַכט א גרויסען „היט" מיט דער פאָרשטעלונג פון „דוד'ס פיעדעלע," און פיעלע האָבען אונז געבעטען צו פערבלייבען אין בערלין און שפּיעלען אידיש טהעאטער. נאָר אָנקוקענדיג די בערלינער טרופּע אידישע אַקטיאָרען מיט זייער אויסזעהן ווי די הונגעריגע העלדען פון הויפּטמאַן'ס „וועבער," האָבען מיר בעשלאָסען, אַז אַמעריקאַ איז אויך נישט קיין שלעכטע מדינה פאר אידיש

טהעאטער, עס בעצאָהלט אפילו פאר לוסט־רייזען, און מיר האָבען בעדאַנקט פאר דער איינלאַדונג.

אן אינטערעסאַנטע סצענקע האָבען מיר דורכגעמאַכט אין בערלין מיט אונזער מענעדזשער יאָזעף עדעלשטיין.

שוין געווען שפּעט ביינאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג. מיר זיצען אין האָטעל און מיר גרייטען זיך שוין צו לייגען שלאָפען. קומען אריין צוויי מענער און ערקלערען, אז דער דירעקטאָר עדעלשטיין האָט „פערלעצט די עהרע" פון איינעם און ער מוז זיך דועלירען מיט איהם.

איינער פון די צוויי איז געווען טאַקע פון דער „פערלעצטער עהרע" און דער צווייטער איז געווען זיין סעקונדאַנט.

אונזער עדעלשטיין האָט זיך א קראַץ געטהאָן אין זיין פוכקע באַק און געפרעגט טאָמאַשעווסקי'ן: „וואָס זיינען דאָס פאר א לצים? אפשר קען מען זיי אַנפּאַטשען אָהן א דועל? . . .״

דער סוף איז געווען, אז אונזער הערר דירעקטאָר האָט געמוזט אנטלויפען אין מיטען נאַכט קיין רומעניען, ווייל די צוויי דייטשלעך האָבען געפאָדערט נישט אַנדערש ווי נור א דועל.

און די גאַנצע טראַגעדיע איז ארויסגעקומען דערפון, וואָס עדעלשטיין האָט נישט געוואוסט, אז ער איז נישט אין אמעריקא, נור אין דייטשלאַנד, און ער האָט עפּעס פוגע בכבוד געווען איינעם פון די דייטשלעך, וואָס איז געווען א דאָר־קיפּער אין טהעאטער, וואו מיר האָבען געשפּיעלט „דוד'ס פיעדעל.״

פון בערלין זיינען מיר געפאָהרען נאָך קאַרלסבאַד, מאַריענבאַד און די איבעריגע בעדער. איך בין דאָן געקומען צום בעשלוס, אז דער ניו יאָרקער סענ־טראַל פּאַרק איז טאַקע זעהר שעהן, אָבער ס'איז דאָ אויף גאָט'ס וועלטעל נאָך שעהנערע פּלעצער . . . .

אין מאַריענבאַד איז דאָן אויפגעטראָטען אין שעהנסטען טהעאטער דער בעריהמטער שוישפּיעלער מאָרים מאָריסאָן און מיר זיינען געגאַנגען אין טהעאַ־טער איהם זעהן. צווישען דעם גרויסען, העכסט־אריסטאָקראַטישען פּובליקום זיינען אין די לאָזשען געזעסען אַזעלכע פּראָמינענטע געסט ווי קעניג געאָרג פון גריכענלאַנד און זיין זוהן קאָנסטאַנטין (דער איצטיגער קעניג), דער הערצאָג פון אָרליאַנס מיט זיין פרוי, דער בעריהמטער שוישפּיעלער בירבאָם טרי מיט זיין טאָכטער און פיעלע אנדערע בעריהמטע פּערזענליכקייטען און רייכע אדעללייט.

מאַריסאָן איז דאָרט אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג. דאָס פּובליקום און די אַלע קעניגע און פּרינצען האָבען איהם וואַרים אַפּלאָדירט.

קוקענדיג אויף מאַריסאָנ׳ען, ווי ער האָט זיך געבאָדען אין אַזוי פיעל ליכט און בעגייסטערונג און אַפּלאָדיסמענטען פון אַזעלכע בעריהמטע פּערזענליכקייטען, האָב איך מיך דערמאָהנט, ווי מאַריסאָן איז געקומען צו אונז אין שיקאַגאָ אַ בעוואַקסענער מיט אַ גרויסער באָרד, אָרים און אָבגעריסען און ווען ער האָט זיך נישט ווילענדיג אַרויסגעכאַפּט פאַר אונז: „אויף דער דייטשער ביהנע איזט מיין נאָמען מאָרים מאָריסאָן.“

יאָ, אויף דער דייטשער ביהנע איז מאָרים מאָריסאָן געווען אַ גרויסער נאָמען.

מיר האָבען יענעם זומער פערבראַכט אין אַזוי פיעל פערגעניגען מיט אַזוי פיעל לוקסוס, אַז כ׳האָב שיעור־שיעור פאַרגעסען און געמיינט, דאָס איך אַליין בין אויך אַ קעניגין . . .

געקומען אהיים, זיינען מיר שוין געווען שטאַרק „אַריסטאָקראַטיש געזאָנען.“ אויף איסט 10טע סטריט האָט אונז די וואוינונג אויסגעזעהען נישט „איירעפּעאיש“ און מיר מופען אין סאַמע גלאַוונע מעדיסאָן עווענוי, אין אַ קאָורט־בילדינג לעבען 99טע סטריט.

מיר לעבען און פּאַרלעבען מיט׳ן פולען מויל, נישט געזשאַלעוועט. אַ דיענסט צו די קינדער, אַ קעכנע צום קאָכען, אַ ניגער (טאַקע אַן אמת׳ער ניגער) מיט גאָלדענע קנעפּ צו די פערד, רענט קאָסט שוין 75 דאָלאַר אַ חודש. קורץ— „עס לעבע דאָס לעבען“!

מיר שפּיעלען מיט אַדלער׳ן צוזאַמען אין פּיפּעלס טהעאַטער. די געשעפטען געהען גוט. די קונסט בעצאָהלט זיך.

מיין מאַן קריגט אַ נייעם פּאַטריאָט. „מאַקס דער משוגענער“ האָט מען איהם גערופען. (מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט אַ געוויסער קליאַטשקי איהם דערשאָסען צוליעב אַ ליעבעס־סקאַנדאַל איבער אַ װערייעטי אַקטריסע, מיט׳ן נאָמען ליזי שאַפּירא, וועלכע איז אויך געשטאָרבען פון יענער שיסעריי.)

איידער דער כיזאָן איז אריבער, בעשליסט אַדלער, אַז ער וועט מעהר נישט שפּיעלען קיין טהעאַטער און ערלשטיין מיט טאָמאַשעווסקי׳ן צאָהלען אַדלער׳ן אַרויס צעהן טויזענד דאָלאַר, בתנאי ער זאָל אין ניו יאָרק נישט טאָרען שפּיעלען קיין טהעאַטער. אַדלער נעהמט דאָס געלד און געהט טאַקע באַלד אַריין

אין „גרענד טהעאטער," וואס סאפיא קארפ, בערנשטיין, פינקעל און לעווענסאן האבען אויפגעבויט.

גרענד טהעאטער איז דאס ערשטע טהעאטער אין דער היסטאריע פון אידישען טהעאטער אין אמעריקא, וואס איז דירעקט געבויט געווארען ספעציעל פאר א אידיש טהעאטער.

מיר בלייבען אליין די באלעבאטים אין פיפעלס טהעאטער.

# מאגולעסקא'ס „פייטעל פאוואלע"

ווען אדלער איז פון אונז אוועק, האבען מיר איבערגענומען דאס פיפעלס טהעאטער אלס גלייכע פארטנער מיט עדעלשטיינען, דאס הייסט, אויף טהעאטער שפראך, „פיפטי ענד פיפטי". דעם ליעס ביי מיינער'ן האבען מיר בענייט נאך אויף פינף יאהר און צוויי יאהר ליעס האבען מיר נאך געהאט, זיינען מיר שוין פערזארגט צו זיין בעלי הבתים פון פיפעלס טהעאטער אויף נאך גאנצע זיבען יאהר.

מיר האבען דאן אויפגעפיהרט שמר'ס (שייקעוויטשעס) „גאלדענע מדינה" און ביי אונז אין קאסע איז געווארען מזל ברכה.

אין דער פיעסע „דיא גאלדענע מדינה" איז מיר אויסגעקומען צו שפיעלען דיא ראלע פון דער „אינטריגאנטין". דאס איז געוועזען צום ערשטען מאל וואס איך בין געגאנגען שפיעלען אזא ראלע, ווייל קיין אידישער סטאר־אקטיאר וויל נישט שפיעלען קיין אינטריגאנטען ראלען וואס דאס פובליקום האט פיינט, ער וויל בעסער שפיעלען „דיא גוטע עדעלע זעעלע, וואס ליידעט נעביך כל הצרות און ס'איז אויף איהם אזא רחמנות" . . .

יעדער אידישער אקטיאר און אקטריסע, א פשיטה שוין דיא „סטארס", וויל בעסער „טהיילען סיגארעז" אויף דער ביהנע, דאס הייסט, שפיעלען דיא דאנק־בארע ראלע. אויף טהעאטער לשון הייסט עס „ער טהיילט סיגארען", ווייל אז מען גיט אימיצען א סיגאר קריגט מען געוויינליך א דאנק, און אז מען שפיעלט דיא ראלע פון דעם גוטען העלד וואס „ליידעט" נעביך, האט מען שוין ממילא דיא סימפאטהיע פון פובליקום, דעם דאנק פון פאלק, דערפאר הייסט עס, „ער טהיילט סיגארען", ער שפיעלט דיא דאנקבארע ראלע.

איך האב אפילו אביסעל פאראיבעל געהאט אויף שמר'ן וואס אזא גוטע ראלע איז איהם אויסגעקומען צו מאכען דוקא פאר א אינטריגאנטין, אבער כ'האב

געפונען א „ספּאָסאָב“. איך האָב מיר געמאכט ספּעציעלע קליידער צו דער ראָלע פאַר טויזענד דאָלער. כ׳האָב אויך אויסגעקראצט פון ערגיץ א פּיעסע א פּאָר גוטע פראַזען און — מיין אַינטריגאַנטין איז ביי מיר ארויסגעקומען כמעט א דאנק־בארע ראָלע . . .

„דיא גאָלדענע מדינה“ האָט געמאכט א גרויסען „היט“ און מיר האָבען געמאכט א סך געלד.

מיין מאַן האָט זיך איינגעפּיקסט זיין דרעסינג־רום וויא אַן אמת׳ער תושב, גאָר גאָר אויף׳ן ארטיסטישען שטייגער. אַן אמת׳ע סטאַר־דרעסינג־רום איז דאָס געוועזן, טאַקע מיט אַלעם גוטען; גאָלדענע שפּיגלען, טהייערע בלאָהע טייפּעסטרי, לעמפּלעך אין אַלע קאָלירען, רייכע מעבעל פּאַסינג, שעהנע קארפּעטס און אנדע־רע גוטע זאכען, עס איז געוועזן א פּרעכטיגע דרעסינג רום.

איך האָב מיך אנגעטהאָן און גרימירט צוזאַמען מיט דיא איבריגע שוי־שפּיעלערינס.

אין יענער צייט האָבען מיר אויסער „דיא גאָלדענע מדינה“ אויך אויפגע־פיהרט אנדערע פּיעסען. איינע אַן איבערמאַכעכץ פון שעקספּיערס „ראָמעא און יוליעט“, מיט׳ן העכסט ראָמאַנטישען נאָמען „דיא שבועה ביי א ספר תורה“...

דאַן קומט דיא גרעסטע באָמבע, דיא פּיעסע וואָס האָט מאַגולעסקאָ׳ן אויפ־געהויבען איבער דיא וואָלקען מיט זיין ראָלע אַלס „פּייטעל פּאַוואָליע“, דאָס איז „דיא אידישע אימיגראַנטען“ פון שמ״ר (שייקעוויטש).

„דיא אימיגראַנטען“ מיט מאַגולעסקאָ׳ן אַלס „פּייטעל פּאַוואָליע“ איז געוועזן אַן אוצר פאַר אונזער פּיפּעלס טהעאַטער, מיר האָבען מיט דער פּיעסע געמאכט א פאַרמעגען. דיא אידען זיינען געקומען זעהן „פּייטעל“ מיט זיין „פּאַ־וואָ־ליע“. אין אַלע אידישע הייזער, אין דיא גאַסען, אין דיא שעפּער, אומעטום האָט מען נאָכגעמאכט מאַגולעסקאָ׳ן. אָבער — פּאַוואָליע! מאַגולעסקאָ׳ן נאָכמאַכען האָט נור געקענט איינער און דאָס איז געוועזן — מאַגולעסקאָ !

זיין חן, זיין זיסער חן! ווען וועט דיא אידישע ביהנע געבענשט ווערען מיט נאָך א מאַגולעסקאָ?

איך האָב אין דער פּיעסע ניט געשפּיעלט און איך בין געוועזן פריי, האָב איך געקענט געהן אין אנדערע טהעאַטערע. אין „טהאַליא טהעאַטער“ האָט מען דאַן געשפּיעלט סאַמע „גאַרדין“, און קעסלער מיט דער ליפּצין, קאַליש מיט מאָש־קאָוויטש׳ן און דיא איבריגע אַקטיאָרען דאָרטען האָבען זיך דאַן געשאַפען זייער

בעריהמטהייט, אבער מיר אין פיפעלס טהעאטער האבען זיך דאן געשאפען רייכ־טהום. מילא . . . .

נור זיי, דיא אקטיארען אין טהאליא טהעאטער, זיינען נעביך ניט שולדיג גע־וועזען וואס דער גרויסער גארדין האט זיי גרויס געמאכט... גאר גיך האבען זיי זיך מתקנא געווען אין אונזערע גרויסע איינאהמעס און זיי האבען פארוואַרפען דיא קונסט אויף דיא באנטעס, געשיקט „גאט מענש" — צום „טייפעל" און זיך גענומען „דעליווערען דהי גודס" צו ר' „מאַישען", צום ווערטהען פובליקום, הייסט עס.

זיי האבען אויפגעפיהרט א קונסט־ווערקעל מיט'ן נאמען: „דיא אידען אין מאראקא, אדער דער לעבעדיגער בריק" און דיא קלאסישע מאדאם קאליש האט קלאסיש דורכגעפיהרט דיא ראלע פון עפעס אן אונגליקליכע נשמה נעביך וואס אנטלויפט מיט א פיצעלע קינדעלע אויף איהרע ארטיסטישע הענד איבער א לעבעדיגען „בריק" פון אקראבאטען . . .

יא, פריינד, אזוי זיינען אונזערע אידישע קינסטלער, מען איז בערייט זיך מקריב צו זיין א שפיעלען אפילו מעטערלינק'ן אבי עס בריינגט גוטע איינגאהמעס, אבער אז דיא קאסע ווערט שוואך אויפ'ן געזונד, איז רעכט ביי אונזערע קינסטלער זיך צו פארשטעלען אין א לעבעדיגע בריק פון אקראבאטען...

איך בין אוועק אין טהאליא טהעאטער זעהן וויא מאדאם קאליש שפיעלט אויף א „לעבעדיגען בריק".

גראדע איז דאס טהעאטער געווען זעהר שלעכט בעזוכט, דאס „פאלק" האט זיך נישט געלאזען פיהרען אויף דער בריק וויסענדיג אז אין „טהאליא" שפיעלט מען כסדר נור גוטע זאכען וואס זיינען צו שווערליך אביסעל. און דער בעסערער עולם וואס פלעגט בעזוכען טהאליא טהעאטער האט נישט געוואלט קומען אויף דער לעבעדיגער בריק, אויס פראטעסט וואס מען שפיעלט „שונד". הכלל, אין טהאליא טהעאטער איז געווען גאנץ גראם.

אריינקומענדיג אין טהעאטער האב איך אין שפאס א זאג געטהאן: „אַי ווי גוט, מען קען זיך צוזעצען אביסעל, ביי אונז איז גאר אן אונגליק, ס'איז ניטא קיין סיט" . . .

מען האט עס האלד אבגעטראגען קעסלער'ן און ער האט געהייסען מיך ארויספיהרען פון טהעאטער. דאס מענעדזשמענט האט עס אבער נישט געטהאן (עס איז מיר אפילו נעווע א חידוש) און איך בין געבליבען צו דער פארשטעלונג.

דערפאר האט זיך קעסלער מיט מיר „גערעכענט" פון דער ביהנע אראב; ער האט אויף מיר גע'נו'קעט און נאכגעקרימט טהאמאשעווסקי'ן, געמאכט גרימאסען און אלץ שפיעלענדיג זיי'ז וואלע אין „לעבעדיגען בריק"...

ביי אונז אין פיעלס טהעאטער זיינען די טיקעטס געווען צוכאפט אויף וואכען אין פאראויס. אונזערע „אימיגראנטען" האבען אריינגעבראכט א ים מיט געלד, די פיעסע איז געלאפען עטליכע מאנאטען, איבער גאנץ נויארק און אפילו אין די ארומיגע שטעדט האט געקלונגען מאגולעסקא'ס וואונדערבארער, חן'עוודיגער „פא־ווא־ליע".

פלוצים ווערט מאגולעסקא קראנק און קען נישט שפיעלען מעהר.

דאס איז געווען פאר אונז א קלאפ ווי פון א דונער געטראפען. אהן מאגו־לעסקא'ן קען מען ניט שפיעלען מעהר „די אימיגראנטען", קיין אנדער פיעסע האבען מיר נישט געהאט צוגעגרייט און ווי נעהמט מען פלוצים אראב א פיעסע וואס ברייננגט אזוי פיעל געלד ?

מען האט געבראכט די גרעסטע דאקטוירים צו מאגולעסקא'ן, אבער ס'האט גאר נישט געהאלפען, ער האט נישט געקענט געהן שפיעלען, ווייל ער איז געווען הייזעריג און נישט געקענט א ווארט אויסריידען.

עס האט אויסגעזעהען אז אונזער ליעבלינג, אונזער מאגולעסקא פערליערט איביג אייביג זיין שטימע, זיין סאמעט ווייך און בורשטין קלאהרע כשופ'דיגע שפראך.

אונזער לאגע איז געווען א שרעקליכע, מיר זיינען אלע געווען פערצווייפעל־טע, ערשטענס וועגען מאגולעסקא'ס אומנאטירליכע הייזעריגקייט און צווייטענס, וואס זאלען מיר טהאן אהן א „פייטעל"? ווער קען פארטרעטען דעם גרויסען קינסטלער מאגולעסקא ?

## די פעריאדע פון „גרינווארג"

איך געדענק נישט אקוראט וועמענס עצה דאס איז געווען, ווער עס האט מיר אזא טובה געטאהן, אבער עס איז בעשלאסען געווארען, אז איך מוז אריינשפרינגען אין מאגולעסקא'ס ראלע, אלס „פייטעל פאוואליע".

פון דער בשורה איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. איך האב גע־וויינט ווי איך וואלט געווען פעראורטהיילט אונשולדיגערהייד צום „עלעקטריק

טשער" — איך האָב נישט געוואָלט געהן נאָכשפּיעלען מאַגולעסקאָ'ן זיין ריזיגען סוקסעס אַלס „פּייטעל".

אָבער, וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען מענשליכע געפיהלען גענען דער מעכטיגער טהעאַטער־קאַסע ?

און דיא קאַסע האָט געפאָדערט און באַפוילען: „בעסי שפּיעל"! — און כ'האָב געמוזט שפּיעלען;

גאָט, וויא אונגליקליך איך האָב מיך דאַן געפיהלט !

עס איז ביי מיר אויסגעקומען גלייך וויא מען וואָלט מיר אומיסנע אוועקשטעלען אויף דער ביהנע און אַ צוויי טויזענד קעפּיגע מאַסע זאָל מיך אויסלאַכען און פערלאַכען. איך האָב געלערנט דיא ראָלע און יעדעס וואָרט בעגאָסען מיט בלוטיגע טרעהרען, איך האָב נישט געוואָלט געהן נאָכשפּיעלען מאַגולעסקאָ'ן.

אָבער מען האָט איבער מיר גערעדט און גע'טענה'ט און מיר בעוויזען אַז קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ, קיין אַנדער אַקטיאָר אודאי נישט, וואָרים ווען מען וועט אַרויפשטעלען אויף מאַגולעסקאָ'ס פּלאַץ אין דער ראָלע פון „פּייטעל", וועט מען גלייך אויספּייפען, אָבער אויף מיר וועט דאָס פּובליקום לעגען כבוד. מיך האָט דאָס פּובליקום ליעב און — כ'מוז שפּיעלען.

מאַגולעסקאָ האָט מיר געגעבען זיין וואָרט אַז ער וועט מיך פּראָטעזשירען און ווען איך בין אַרויף שפּיעלען איז מאַגולעסקאָ געזעסען אין באַקס, אום טאָמער וועט זיך ווייזען אַן אונצופריעדענהייט צווישען עולם, זאָל ער אַליין ערשיינען באַלד אויף דער ביהנע, כדי דאָס פּובליקום זאָל איהם זעהן אין זיין שרעקליכען קראַנקען צושטאַנד און איך זאָל נישט ליידען קיין בזיונות.

אַ חוץ דעם האָט דאָס מענעדזשמענט אנגעשטעלט אַן עקסטרא סקוואַדראָן מיט ספּעציעלע בעגייסטערטע... דאָס הייסט, פּשוט, אַ סך בעצאָהלטע בראַוואָפּאַטשערס, קלאַקיאָרען, כדי אַז איך וועל דערהערען דעם גרויסען אַפּלאָוז זאָל איך מיך פיהלען פרייער אין דער ראָלע.

אָבער ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפען. דאָס פּובליקום האָט מען טאַקע פערטומעלט, אָבער מיך אַליין נישט. איך בין געווען נערוועז, כמעט אויפן שוועל פון משוגעת, איך האָב געלאַכט און געוויינט, געשפּיעלט מיט היסטעריקע און מיין „פּייטעל" איז אַזוי געווען „פּייטעל" וויא „קוני לעמעל" איז „האַמלעט"...

נאָך יעדען אַקט איז מאַגולעסקאָ אַרויפגעקומען צו מיר הינטער דיא קוליסען און מיך געטרייסט אַז עס געהט גוט דיא פאָרשטעלונג. און אַזוי האָב איך מיך „פּאַוואָליע" איינגעשפּיעלט אין דער ראָלע פון „פּייטעל" און דיא פּיעסע איז

נאָך אבגעלאָפּען א זעקס וואָכען פאר געפּאַקטע הייזער, מיט מיר אלס „פּייטעל פּאַוואַליע".

מאָגולעסקאָ איז אַלץ געווען קראַנק, זיין הייזעריגקייט איז געווען אונבעז־רחמנות'דיג און ער האָט געמוזט האָבען אַן אָפּעראַציאָן אויפ'ן האַלז. און שפּעטער, ווען ער איז ווידער געזונד געוואָרען איז ער שוין נישט געווען דערזעלבער מאָגולעסקאָ וואָס פריהער. זיין כישוף'דיג שמייכעלע מיט זיין צויבערליכען חן זיינען איהם, אמת, פארבליבען, אָבער זיין געזונד איז געווען געבראָכען, זיין שטים האָט געסקריפּעט און נישט איין מאָהל האָט מאָגולעסקאָ, דער גאָט־געבענשטער זשעניאַלער קאָמיקער, געוויינט הינטער די קוליסען בשעת דאָס פּובליקום האָט געלאַכט און איהם אַפּלאַדירט.

מיר האָבען יענעם סיזאָן געמאכט היבשע עטליכע טויזענדער, כאָטש עס איז אין נויאָרק דאַן געווען שוין פיער אידישע טהעאַטערע, און דער נייער „גרענד טהעאַטער" האָט ווירקליך זיך געלאָזען פיהלען ביי דער קאַסע, ספּעציעל ווען אדלער האָט גענומען דאָרט קעניגען. אָבער געלד האָבען מיר סיי וויא פערדיענט אַ סך.

נאָך'ן סיזאָן זיינען מיר דעם זומער געפאָהרען אין קאָנטרי וויא טאַקע אמת'ע גבירים. כ'האָב שוין מיטגענומען אפילו א דיענסט־מיידעל צו מיינע קינדער, אַז לעבען יאַל זיין געלעבט.

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָהל וואָס מיר האָבען בעזוכט די וואונדער־שעהנע קעטסקיל מאָונטיינס. די פיעלע נאַטור־וואונדער וואָס די קעטסקיל בערג פערמאָגען זיינען נישט אזוי גרינג איבערצוגעבען, אָבער יענעם זומער וועל איך נישט פארגעסען; די אַלע בערג שעהנקייטען, די דינע קלאָהרע וואַסערליך וואָס לויפען אויף די העכסטע פעלזען פּונקט וויא אין די נידריגסטע טהאָלען, די מורא'דיג הויכע בערג וואָס גרייכען שיער ביז אין די וואָלקען, דאָס מערקוויר־דיגע לויטערקייט פון דער געזונדער לופט וואָס געפינט זיך אויף די בערג, אַלעס אַלעס האָט אויף מיר געווירקט בעצויבערנד, איך האָב זיך נישט געקענט זאַט אָנטישען מיט די וואונדער פּאַנאָראַמעס פון די קעטסקיל בערג; הפנים אז דער רבונו של עולם איז דער בעסטער „סינערי פּיינטער" . . .

מיין מאַן איז יענעם זומער געווען פארנומען מיט צוגרייטען פּיעסעלעך פון פערשיעדענע סוזשעטלעך, פאר'ן קומענדען סיזאָן און אזוי זומערן מיר אָב אין די מאָונטיינס און קומען צוריק אין נו־יאָרק צו די פּיעסעס טהעאַטער.

דאַן קומט דער „גרינער סיזאָן", דאָס הייסט, דער ווינטער וואָס פּיעסעס

טהעאטער האט זיך געבאדען אין גאלע „גרינס“: „דיא גרינע מויד“, (געמאכט פון א ענגלישע מעלאדראמא „רייטשעל גאלדשטיין“). „דיא גרינע קינדער,“ „דאס גרינע ווייבעל, אדער, דער אידישער יענקי דודל,“ (אנטליהען פון אב. קאהאן׳ס נאוועלע „יע־על דער יענקי“). און „דער גרינער בחור“, קורץ — א גרינער סיזאן מיט א סך גרינע דאלערס, אין דיא צעהנדליגע טויזענד.

מיר האבען גאר אליין נישט געוואוסט אויב דאס אידישע פאלק איז, קיין עין הרע, אזא רייכער געטער וואס קען ברייגנען אזוי פיעל גאלד — פאר אביסעל גרינוואַרג . . .

אין „גרענד“ און אין „טהאליא“ האבען זיי געשפיעלט גארדין, הויפטמאן, גארקי און זאגאר סטרינדבערג, אבער געלד האט געמאכט אלץ „פיפעלס טעאטער“.

מיר האבען דאן ממש גענומען גלויבען אין „גרינס“ וויא אין א הייליג־טהום, ווארים טאקי באמת — וואס טויג אונז „סטראבעריס“ אז „שטשאוו“ קאסט ביליגער ? . . .

אין דיא גרינע מייסטערווערקלעך בין איך ארויסגעטראטען און פארנומען דעם פראנט סטיידזש.

דער פשוט׳ער טהעאטער־געהער ווייסט אפשר נישט וואס דאס מיינט פאר א שוישפיעלער צו פארנעהמען דעם „פראנט סטיידזש“, ווייל ער זעהט כסדר זיין סטאר אויף דער ביהנע נאר אין פראנט סטיידזש, אבער א שוישפיעלער ווייסט וואס דאס מיינט פאר איהם, דאס מיינט פשוט: צו זיין „סטאר“.

יא, מיינע טהייערע לעזער, עס ווערט שוין אזוי אויסגעמאסטען אויף דער ביהנע, אז דער „פראנט סטיידזש“ בעלאנגט צום „סטאר“, כדי ער זאל שטענדיג זיין פאר דיא אויגען פון פובליקום.

קוקט אייך צו, ווען איהר זייט אין אידישען טהעאטער, וועט איהר זעהן אז דער סטאר דארף ערשיינען, צורוקען זיך דיא איבריגע שוישפיעלער אין דיא ווינ־קעלעך און דיא פראסצעניום בלייבט ליידיג פאר׳ן סטאר. אפילו מאגולעסקא האט געמוזט פארנעהמען א ווינקעל און לאזען דעם פראנט סטיידזש פאר׳ן פאטענ־טירטען קאזיאנעם „סטאר“.

דאס איז געוועזען מיין „גייסטיגע“ בעלוינונג פאר מיין שפיעלען דאס גרינ־ווארג, איך האב ענדליך דערגרייכט אליין צו פארנעהמען דיא פראסצעניום, דעם פראנט סטיידזש.

אונזער „קונסט“ דאט אלץ געשטיגען העכער און העכער, דאס הייסט, מיר האבען געמאכט אלץ מעהר געלד. עס ווערט אונז „צו ענג“ צו וואוינען אויף מעדי־

סאַן עוועניו און מיין מאַן קויפט פאַר אונז אַן אייגענע הויז, אַ פּאַלאַסט אין שעהנסטען, רייכסטען געגענד, אין בערפאָרד עוועניו, ברוקלין.

מיין רייכטהום גלאַנצט און בלענדט מיר דיא אויגען . . .

# דיא שרעקליכע פינקעל־טראַגעדיע

ווען איך האָב אריינגעמופט אין מיין אייגענע הויז, איז צו מיין גליק קיין גרעניץ נישט געווען.

ווי קען מען דען איבערגעבען יענעם גליקס־געפיהל מיינעם? דאָס דער־גרייכען צו אזא הויכען שטאַפּעל אויף'ן לייטער פון געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט דאָך מיר געדויערט, פערהעלטניסמעסיג, א גאַנץ קורצע צייט, סך הכל א פופצעהן ביז זעכצעהן יאָהר, זינט איך האָב אָנגעפאַנגען מיין קאַריערע אלס שוישפּיעלערין, און אַט האָב איך מיך שוין אריינגעקליבען אין מיין אייגענע היים, מיין אייגענע נעסט, מיין אייגען ווינקעלע.

אודאי איז צו מיין גליק קיין גרעניץ נישט געווען!

און אויסגעפּוצט און בעציערט האָב איך מיין היים מיט אַלעם גוטען: ריין, שעהן און רייך, טהייערע מעבעל, גוטע אָריענטאַלישע טעפּיכער, די פיינסטע שפּיגלען און קאָסטבאַרע בעפּוצונג.

יעדעס צימער איז געווען זאָרגפעלטיג צוגערוימט און מעבלירט מיט גע־שמאַק. מיין פּאַרלאָר פלאָאָר און גאַסט־צימער איז דעקאָרירט געוואָרען מיט אַ וואונדערשעהנע עלעקטרישע בעלייכטונג. אַ ספּעציעלער ווינקעל, אָריענטאַליש אויפגעפּוצט, איז געווען אָבגעזונדערט פיר רויכערן. אויף אַ שעהן טישעלע איז געלעגען גוטער טאַבאַק מיט גוטע פייפס און ארום זיינען געשטאַנען אַ פּאָאָר טהייערע ווייכע קאַנאַפּעס, גאַנץ אנגענעהם צו זיצען בהרחבה'דיג און זאָרגלאָז קוקען ווי די רויך־רינגען ציהען זיך צום שעהן געמאָהלענעם סופיט.

אַ שרייב־צימער פאַר מיין מאַן, מעבלירט מיט אַ גוטען סעט פון „מישאָן וואוד" און גוטע שאַפּעס מיט טהייערע ביכער—אויף אַלע אידישע שרייבער גע־זאַמעלט געוואָרען.

אין גאָרטענדיל זיינען שעהנע בוימעלעך פערפלאַנצט געוואָרען און אַ באַלקאָן האָבען מיר צוגעבויט און מעבלירט עם מיט טהייערע יאַפּאַנעזישע אַנטי־קען. צו זיצען דאָ און הערען די „ליעבעס ערקלערונגען" און אַלערליי געזאַנגען פון

די פיעלע פויגעלעך, וואָס שפּרינגען אום אויף די גרינ־בעקליידעטע צווייגעלעך פון די בוימער אין גאָרטענדיל הינטער מיין הויז, איז אויך א וואוילטאָג.

דאָן די גרויקייט! גאַנצע פיער עטאַזשען פאַר אונז אליין! (אפילו אָהן איין „באָרדער"—נישט ווי אין 120 פּאַרס־יטה סטריט, נישט היינט געדאַכט, אין די פיער רומקעס, אפשר זעבצעהן פאַרשוין . . .) למאי זאָל איך לייקענען, איך האָב געדאַנקט גאָט פאַר מיין עולם הזה און איהם מוחל געווען דערוויל די עולם הבא . . .

מיר האָבען דערענדיגט דעם „גרינעם סיזאָן" אין פיפּעלס טהעאַטער. מיין מאַן פאַהרט אוועק אויפ'ן ראָוד און איך בלייב אין דערהיים.

מיינע עלטערע האָבען שוין דאָן געוואוינט היע, נישט אין באַלטימאָר, און מיין פאָטער איז מעהרסטענס געווען ביי מיר.

דאָס גרעסטע פערגעניגען מיינס איז דאָן געווען צו אָבהיטען מיין היים. אויף דער ווערענדאַ צום גאָרטענדיל פלעג איך מיר זיצען און זיך שפּיעלען מיט די קינדער.

עס איז געווען אָנהויב זומער, סאַמע ענדע מאַי, און אלעס ארום האָט גע־בליהט און געלעבט. ארום מיין הויז אויף בעדפאָרד עוועניו זיינען געווען דאָן לויטער אזעלכע פּריוואט וואוינונגען, די טראָטואַרען זיינען מיט בוימעלעך געווען בעזעצט, קיין רעש איז נישט געווען ווער ס'זאָל מאַכען, ווייל עס האָבען דאָרט געוואוינט לויטער אריסטאָקראַטען און קינדערלאָזע יענקים, פלעג איך זיצען ביי מיין הויז און קלייבען נחת פון מיין נחלה.

איין טאָג קומט צו מיר צו־גאַסט מיין שוואָגער, מאָרים פינקעל, און זיין אויסזעהן איז עפּעס מאָדנע. ער איז פערוויינט, מעלאַנכאָליש און זעהר נידער־געשלאָגען. איך האָב מיך פשוט דערשראָקען פאַר זיין אויסזעהן און איך נעהם איהם טרייסטען, אז א מענש לעבט נישט אייביג, מסתמא איז עס בעשערט געווען פון גאָט, אז סאָפיא קארפ זאָל שטאַרבען, און אזוי ווייטער. ווייל זינט סאָפיא קארפ איז מיט א שטיקעל צייט צוריק געשטאָרבען, איז פינקעל אומגעגאַנגען פערטרויערט. זיי האָבען דאָן אינאיינעם געשפּיעלט אין נייעם גרענד טהעאַטער און איהר טויט איז געקומען פּלוצים: זי איז געשטאָרבען נאָך א גאַנץ יונגע פרוי, און צווישען אונזערע שיישפּיעלער אז איינער שטאַרבט, ווערען אלע איבערגעבלי־בענע פערטרויערט.

אזוי איז דאָס שוין: אָט די מענשען, וואָס זיינען אין לעבען אויך אַקטיאָ־רען (מאַנכע זיינען מעהר אקטיאָרען אין לעבען ווי אויף דער ביהנע . . .) און אַק־

טיאַרען מיין איך דאַ, ווייל זיי פאַרשטעלען זיך, פשוט גערעדט, פאַלשע מענשען. פונדעסטוועגען ווערען אָט די אַקטיאָרען גאַנץ אויפריכטיג, ווען זייערער א קאָלעגע שטאַרבט, און דערפאַר האָב איך געמיינט, אז דאָס איז דער פאַל מיט פינקעל'ן.

אָבער כ'האָב א טעות געהאַט. פינקעל, דער אייזען־שטאַרקער מאַן, פינ־קעל, האָט געוויינט און וויינענדיג מיך געפרעגט, אויב איך וויים, וואו זיין ווייב, זיין עממאַ, איז.

און ער האָט זיך בעקלאָגט פאַר מיר וועגען זיין טרויעריגען פאַמיליען־לעבען. נאָר אצינד איז ער גאָר בעזאָרגט, ווייל עממא איז אוועק פון איהם און האָט מיטגענומען די קינדער זייערע מיט זיך, אָבער וואו זי געפינט זיך ווייסט ער נישט.

איך האָב באמת נישט געוואוסט וואו עממא איז. כ'האָב דאַן אפילו נישט געוואוסט, אז זי איז אוועק פון איהם, ביז ער האָט דאָס מיר דערצעהלט, און מיט א צובראָכען געמיטה, געבויגען און דערשלאָגען, געזעגענט זיך פינקעל מיט מיר און געהט אוועק.

מיט א דריי טעג שפעטער, דעם 9טען דזשון איז דאָס געווען, האָט פינקעל געשאָסען און פערקריפּעלט זיין שעהנע, געליעבטע עממא און זיך אליין צום טויט דערשאָסען מיט'ן זעלבען רעוואָלווער.

דיעזע שרעקליכע טראַגעדיע איז געווען דער רעזולטאַט פון אייפערזוכט.

ביז היינטיגען טאָג קען איך דאָס נישט פאַרשטעהן. איך האָב גוט גע־קענט מאָרים פינקעל, און, דארום טאַקע איז דאָס פאַר מיר א רעטעניש. פינקעל איז געווען אן עגאָאיסט, א מענש וואָס האָט ליעב געהאַט זיך אליין מעהר פון אַלעס און אַלעמען, זיך שטענדיג נור אָבגעהיט זיין לעבען. איהם האָט גאַנץ ווייניג געקימערט דער מאָרגען פון דער וועלט, אבי ער אליין איז געווען זאַט היינט. אָט דער פינקעל, א מענש וואָס איז געווען פאָלקאָם געזונד אין גייסט ווי אין קערפּער,—ענדיגט זיין לעבען מיט א קויל פון א רעוואָלווער!

און צוליעב וואָס? פערצווייפעלטע ליעבע, אייפערזוכט!

פ י נ ק ע ל אייפערזיכטיג?!

וואָס־זשע, איז טאַקע פאַראַן אזא אונטערערדישע קראַפט, וואָס רעגיערט איבער דעם מענשען?

איז דאָס געווען ל י ע ב ע, וואָס האָט געטריבען פינקעל'ן צו ענדיגען זיין לעבען און שיער־שיער דאָס לעבען פון זיין געליעבטע עממא?

איז דאָס אזא בראַווע ליעבע וואָס טויטעט מיט איין קלאַפּ? אָדער אפשר

איז דאָס ליעבע וואָס טויטעט לאנגזאם, מיט זיסע חניפה און דימענטענע פּרע־זענטען ? . . .

מיין מאַן איז דאַן צוריק אהיימגעקומען פון ראוד. ער איז געווען זעהר ערשיטערט פונ׳ם אונגליק, וואס האט געטראָפען אין דער פאמיליע. עס האט גענומען א פּאָאר וואָכען ביז מיר אַלע זיינען אביסעל בערוהיגט געוואָרען און גע־קומען צו זיך פונ׳ם שרעקליכען סקאנדאל.

אין א פּאָאר טעג ארום, דעם 3טען דזשולאי איז דאָס געווען, זיצען מיר אזוי אויפ׳ן באַלקאָן, מ׳ס זיינען אנוועזענד איניגע שוישפּיעלער און משפּחה, מען רעדט און מען פּלוידערט. קומט אָן די נייעס אין ציימונג, אז דער גרויסער אידי־שער פאָלקס־פיהרער דר. טהעאָדאָר הערצל, איז געשטאָרבען.

אונזער גאַנצע פערזאַמעלטע געזעלשאַפט איז געווען זעהר געריהרט פון הערצל׳ס טויט. מעהר אָדער וויניגער זיינען מיר אַלע געווען נאַציאָנאַליסטיש געזאָנען, און אַלע פּאַסען א רעזאָלוציע, דאָס ווען איך׳ל בשלום איבערקומען און אויב ס׳וועט זיין א אינגעל, זאָל מען דעם א נאָמען געבען טהעאָדאָר הערצל.

# דיא העכסטע שטופע פון מיין גליק

אויף מאָרגען, דעם 4טען דזשולייי, 1904, א טאָג נאָך דאָקטאָר הערצעל׳ס טויט, איז מיר געבוירען געוואָרען א זוהנעלע און מיר האָבען איהם א נאָמען גע־געבען טהעאָדאָר הערצל.

דאָס גאַנצע הויז אונזערס איז דעקאָרירט געוואָרען מיט ציון׳ס פאָהן, אַלע משקאות צום ברית זיינען געווען פון ארץ־ישראל, דאָס גאַנצע אָרקעסטער פון פּיפּעלס טהעאַטער האָט געשפּיעלט, און מעהרסטענס נאַציאָנאַלע זאַכען, מען האָט געקענט פראָווען, די שעהנסטע באַלעבאַטישע חתונה, וואָס טעריגניו׳ס ברית האָט אונז געקאָסט. אַלעס רייך און העכסט לוקסוסדיג.

איך, די קימפּעטאָרין, בין געווען בעוואַכט פון דאָקטוירים, נוירסעס, דיענסטען און משרתים. דאכט זיך די אייגענע קימפּעטאָרין בין איך געווען, וואָס ווען איך האָב אין פילאדעלפיא געבוירען מיין ערשטלינג, מיין אסתר׳ל, און ווי לאַנג איז עס אזוי ? דאָך, דאַן האָב איך געמיינט, אז כ׳בין „געצערטעלט" ווען מיין שוויגער האָט מיר צוגעטראָגען א טעפּעל קאווע, און, איצט פּאָדען ארום מיר אזוי פיעל מענשען און היטען מיך, ווי אן אויג אין קאָפּ.

און דער אונטערשיער פון דער קימפּעטאָרין׳ס צימער פון דאַן ביז אצינד! דאַן זיינען נישט ווייט פון בעט געשטאַנען היבשע עטליכע באַליעס מיט לויג פון געוואַשענע און נישט־געוואַשענע גרעט, און אצינד — בלומען, טהייערע שמעקעדיגע בלומען אַלערליי, פון צווישען די קאָסטבאַרע געשטריקטע פאָרהאַנגען אויף די פענסטער פאַ׳ען שטראָמען ליכט, ווי דורך א רעשעטע, פון דער שטראָה־לענדער זונן און בעשיינען דאָס שעהן פערפּוצטע און רייך מעבלירטע צימער. א זומער ווינטעלע גנב׳עט זיך אריין דורך א פענסטער און צוטראָגט דיא זיסע ריחות פון די שמעקעדיגע בלומען, וואָס פילען אָן מיט א בשמים אַראָמאַט דאָס גאַנצע צימער.

א נוירס לויפט גלייך צו און וויל צומאַכען דאָס פענסטער, כדי דאָס לינדע ווינטעלע זאָל זיך מעהר נישט קענען אריינ׳גנב׳ענען, די נאַרישע נוירס האָט מורא טאָמער וועט עס דער קימפּעטאָרין שאַדען חלילה, א „צוג“ רופט זי דאָס, אָבער איך שריי אויס צו דער נוירס: „לאָז עס, דאָס איז גאָט׳ס ווינטעלע, דאָס האָט ער געשיקט ספּעציעל פאַר מיר, ווייל מיר איז אַזוי גוט, ווייל איך בין רייך און פון אַלעמען געצערטעלט, וואָס איך בין א קימפּעטאָרין, דערפאַר שיקט מיר גאָט אויך זיין מתנה, א ווינטעלע וואָס לאַסטשעט און ברענגט מיר צום בעט די זיסע ריחות פון די בלומען ארום מיר, לאָז עס, לאָז עס...“

און באַלד קומט מיר א טראַציגער געדאַנק אין קאָפּ אריין: ווארום האָט גאָט נישט געשיקט מיר זיין מתנה דאַן, ווען איך בין געוועזען ארים, ווען איך האָב עס אַזוי נויטיג געהאַט? וואָס־זשע, גאָט אַליין חנפ׳עט זיך אויך נור צום רייכען?

איך האָב אָבער פאַרטריבען פון זיך די נאַרישע טראָציגע געדאַנקען, מורא־האָבענדיג, אז איך זינדיג רערמיט טאַקע געגען אַלמעכטיגען גאָט און ער קען מיך נאָך, חלילה, בייַשטראָפען...

צו מיין קינד האָט מען מיר צוגענומען א׳ן אם. דאָס איז געווען דאָס איינציגע וואָס מיך האָט געערגערט. איך האָב מורא געהאַט, אז איך זינדיג געגען מיין קינד, ווייל צו אַלע מיינע פריהעריגע קינדער בין איך אַליין געווען דיא אם, אָבער מען האָט מיר איינגערעדט, אַז אצינד בין איך נישט ווי אַמאָל, אצינד „פּאַסט“ נישט פאַר מיר, אז איך זאָל אַליין זויגען מיין קינד; עפּעס בין איך דאָך אצינד אַן „אריסטאָקראַטקע...“

מיר אַפילו, האָט זיך דאָס נישט אַזוי גרינג געקענט פּאַטאַיפּען אין מוח; און אז איך בין אַן אַריסטאָקראַטקע, בין איך דען קיין מאַמע נישט? אָבער איך בין דאָך נישט מעהר ווי א אידענע, און נאָך א׳ן אַקטריסע דערצו, טאָ ווי קען

מען דאס געהן געגען דער מאדע? האב איך איינגעשטימט צו זיין אן אריסטא־קראטישע ליידי...

אוועק איז דער זומער און מיר שפּיעלען וויעדער טהעאטער.

ווי געוועהנליך, פּיהרען מיר וויעדער אויף (אדער: איבער...) פערשיע־דענע פּיעסען, אבער כ'וועל בלויז דערמאהנען די וויכטיגסטע.

מיר פּיהרען אויף א פּיעסע פון לעאן קאברין, מיט'ן נאמען „די צוויי שוועסטער." די פּיעסע מאכט א גרויסען היט און איך צייכען מיך זעהר אוים אין דער ראָלע פון „רוטהי". א שטיפעריז.

אין יענער צייט איז דא אהער געקומען זאנגוויל, און ער האט בעזוכט אונזער פּיפּעלס טהעאטער צו א פארשטעלונג פון קאברין'ס פּיעסע „די צוויי שוועסטער."

ווי דער שטייגער איז ביי די אידישע אקטיארען, ווען עס קומט א גרויסער גאסט אין טהעאטער ווערט מען באלד דערשראקענע און מען קריעגט אויפּס־ניי לאמפּען פיבער. מיר זיינען דאן געווען גוט נערוועז, אבער זאנגוויל אפּלאדירט אונז זעהר שטארק און מאכט אונז קאמפּלימענטען אי פאר דער פּיעסע און אי פאר אונזער שפּיעלען. דאן וויליגט ער איין מיר זאלען שפּיעלען זיין פּיעסע „דהי טשילדרען אוו דהי געטהא."

קאברין מאכט די איבערזעצונג פאר אונז (זאנגוויל שרייבט אין ענג־ליש.) און דער בעריהמטער פּערפאסער איזראעל זאנגוויל, איז אנוועזענד צו די פּראבען פון זיין ווערק. ער איז זעהר צופריעדען מיט אונז און זאגט, אז דאס, וואס האט איהם געגומט, מיט די גויאישע אקטיארען פיער וואכען איינשטודי־רען, האבען די אידישע בעוויעזען אין פיער טעג.

די פּיעסע האט געהאט א גרויסען בייפאל. ביי אלע קלאסען טהעאטער געהער. די פּרעסע האט אונז פיעל געלויבט און איך בין געווען איבערגליקליך, וואס מיר קריגען אזוי פיעל כבוד און נישט גלאט אבי כבוד, נור טאקע כבוד פון אונזער סאמע „סמעטענע," פון אונזער אינטעליגענץ.

דעם אמת זאגענדיג, בין איך אזא כבוד געוועזן ושעדנע, ווייל זינט אונזער „גרינעם סיזאן," האט זיך דאס קאפּ אינטעליגענץ אונזערס אבגעקעהרט פון אונז, און דאס האט מיר וועה געטאהן. אמת, מיר האבען טאקע געמאכט א סך געלד מיט דעם „גרינווארג," אבער מישטיינס געזאגט, דעם ארטיסט'ס ארימע שטיקעל נשמה קען דאך נישט רייך געמאכט ווערען מיט דאלערס, דעם ארימען ארטיסט ווילט זיך כבוד, ליבע און ביידנע „אונשטערבליכקייט".

איך בין דערפאר געווען זעהר, זעהר צופריעדען מיט די לויב־געזאנגען, וואס כ'האב געקראגען באר מיין שפּיעלען אין זאנגוויל'ס פּיעסע „די קינדער פון דער גהעטא.“

דאן איז זאנגוויל צוריקגעקומען קיין נויארק פון זיין בעזוך צום פּרעזידענט רוזוועלט, און מיר האבען איהם פארבעטען צו אונז אויף א מאלצייט עסען.

איך בין געווען אזוי בעגייסטערט פון אונזער בעריהמטען גאסט, דאס איך האב אליין צוגעבּראָוועט די סעודה. כ'האב געמאכט א עכט אידישע וועט־שערע, מיט פיש, לאָקשען מיט יוך, א קוגעל מיט צימעס און אנדערע גוטע אי־דישע מאכלים.

זאנגוויל האט געלאכט און יעדעס מאכל פערטייטשט פיר זיין ווייב, וואס איז צוליעב מיינע אידישע געקעכצען געווארען נאך מעהר צוגעצויגען צו אונזער פאלק...

מען האט גערעדט וועגען פיעלע ענינים, וואס זיינען נוגע דאס אידישע פאלק, מען האט פארשטעהט זיך, גערעדט פון ציוניזם און זאנגוויל האט אגי־טירט פאר טעריטאָריאליזם.

איך שטעל איהם פאר זיין „געגנער“, מיין קינד, טהעאָדאָר הערצעל און זאנגוויל נעהמט מיין קינד צו זיך אויף די הענד, שטעלט זיך אויף און קוקט מיט זיינע גרויסע אייגען אויפ'ן קינד.

אין שטוב איז געווארען גאנץ שטיל. זאנגוויל קושט דאס קינד און טרעהרען קאפּען איהם איבער זיינע דארע באקען: ער האט דערביי געזאגט עט־ליכע ווערטער צום אנדענקען פון'ם פאלקס־פיהרער, דעם אונשטערבליכען טהעאָדאָר הערצעל.

# איך ווער א „פּאַמעשטשיכע“



א זעהר אינטערעסאנטען שפּאס דערמאָהן איך זיך אין פערבינדונג מיט אונזער שפּיעלען זאנגוויל׳ס פּיעסע „די קינדער פון דער געטא“.

אין דער פּיעסע איז פאראן א טיפּ וואָס זאנגוויל האָט גענומען פון לעבען. דאָס איז „מלכה צדק פּנחס“, א קאָפּיע פוי דעם פּראָטאָטיפּ, דעם גרויסען דיכ־טער און פאטער פון „התקוה“, נפתלי הערץ אימבער.

פארשטעהט זיך, האָט דער שוי־שפּיעלער זיך גרימירט און אָנגעטהאָן א פּארוק מיט לאנגע האָר, עס זאָל זיין עהנליך צו אימבער׳ן.

איינמאָהל, בשעת מיר האָבען גע־שפּיעלט דיא פּיעסע, קומט ארויף צו אונז הינטער דיא קוליסען א קליין אידעל מיט אַן אָבגעגאָלטען קאָפּ און צושרייט זיך אויף אונז: „מיר וועט מען נישט נאָכקרימען, אָט האָב איך נישט מעהר קיין לאנגע טשאָפּרינע און איך פּייף אויף אייך“ . . .

דאָס איז געווען אימבער אליין טאַקע.

דעם גרויסען כבוד וואָס מיר האָבען געקראָגען פון פּובליקום וויא אויך פון דער פּרעסע, פאר אונזער שפּיעלען זאנגוויל׳ס פּיעסע, האָט ערוועקט אין אונז א חשק צו שפּיעלען אין נור גוטע פּיעסען און טהאָמאשעווסקי באשטעלט ביי גאָר־דינען צוויי פּיעסען מיט אמאָל, איינע פאר זיך און דיא צווייטע פאר מיר. דאָס זיינען דיא בעריהמטע פּיעסען „דער מטורף“ און „אָהן א היים“. אָבער ער האָט זיי נישט געקויפט, ווייל גאָרדין האָט געוואָלט אי געלד, און אי כבוד, און דאָס

האָט נישט געלוינט אַוועקצוגעבען, ווען מען קען אַליין צונויפקלעפּען מיט ניבּ־טערנעם שפּייעכץ „פּינטעלעך", „נשמה׳לעך" מיט „פּעהנדעלעך"...

האָבען מיר ווידער געשפּיעלט באָבע מעשיות און געקייעט שטרויענע פּראָזאַ.

אין איינע פון די דאָזיגע האַרץ־רייסענדע קונסטווערקלעך, כ׳געדענק „ליי־דער" נישט דעם נאָמען דערפון, האָב איך געשפּיעלט די ראָלע פון דער „בעטראָ־גענער העלדיכע", און טהאָמאַשעווסקי האָט געשפּיעלט די ראָלע פון׳ם העלד. אין ערשטען אַקט איז ז׳א ליעבע פלאַקערדיג, אין צווייטען אַקט איז די ערשטע ליעבע שוין איבערגעפלאַקערט, אין דריטען אַקט געהט ער שוין „פּאַרט" מיט אַנאַנדערער און אין פיערטען אַקט האָט ער חרטה און קומט צוריק, כדי עס זאָל זיין „ענדע גוט — אַלעס גוט".

קומט די סצענע ווען ער, דער אונטרייער העלד, בעט איבער די העלדיכע און שווערט איהר צו „ז־ייביגע ליעבע און טרייהייט" און קושט דעם זוים פון איהר קלייד און פאַלט צו איהרע „פיסע" און זאָ ווייטער, ווייס איך נישט וואָס מיר איז געשעהן דאָן. נו! עפּעס האָב איך געוואָלט נעהמען דעם עולם מיט שטורם און ציהען סימפּאַטהיע צו מיין העלדיכע וואָס איך האָב פאָרגעשטעלט, און איך צושפּיעל זיך אויף די נערווען פון פּובליקום, אַז: פאַר וואָס קומט עס מיר? וואָס האָט ער געדאַט צו מיר? איך וועלק וויא אַן אָבגעשניטענע בלום, און אַזוי ווייטער, — ס׳אַ שרעקליכער רחמנות נעביך.

ער זאָגט זיין פּראָזאַ און שווערט מיר „די אייביגע טרייהייט". און איך דינג זיך מיט איהם: נו, און דו וועסט מעהר קיינעם נישט ליעבען? און די בלאָנדע מיט דער שוואַרצער אויך נישט? וועסט מיר שוין זיין אייביג געטריי?...
— פּלוצים הויבען זיך אויף פון באָקס צוויי לײדים און פערלאָזען דאָס טהעאַטער.

מיך האָט דאָס שרעקליך געערגערט, ווייל איך האָב געמיינט אַז אפשר זיי־נען די צוויי ליידים געוועזען אַ בלאָנדע און אַ שוואַרצע און זיי האָבען זיך באַ־ליידיגט פון מיין פּראָזאַ? און איך האָב מעהר דעם מאָנאָלאָג נישט געוואָלט זאָ־גען אין יענער פּיעסע, כ׳האָב מורא געהאַט צו פערטרייבען בעזוכער פון טהעאַ־טער וואָס זיינען צופעליג בלאָנדע אָדער שוואַרצע . . .

צו יענער צייט, איידער מיר האָבען געענדיגט דעם סיזאָן, קויפט מיין מאַן אַ „קאָנטרי האָום" פאַר אונז אין די קעטסקיל מאָונטיינס צווישען האָנטער און טענערסוויל, און בענאָמענט עס „טהאָמאַשעווסקי ווילאַ".

דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מין גן עדן אויף דער וועלט. צו מיין היים אויף בעדפאָרד עוועניו, אַז ס׳איז נאָך צוגעקומען אַ זומער היים אין שעהנסטען

געגענד צווישען דיא קעטסקיל בערג, האָב איך טאַקע געמיינט אַז איך בין דיא גליקליכסטע אין דער גאַנצער וועלט.

מיין זומער פּלאַץ איז בעשטאַנען פון צעהן אַקער לאַנד, 2 קאַטעדזשעס, א „העני'ערי" אויף צו פּלאַדיען היהנער, אַ סטייבעל, אַ שעהנער גאָרטען, און שפּעטער האָט טהאָמאַשעווסקי אויפגעבויט אַ טהעאַטער וואָס רופט זיך „טהאָמאַשעווסקי'ס פּערעדייז גאַרדען". מען האָט געקויפט פּערד, קערידזשעס, אַ בהמה, עופות — אַן אמת'ע פּאָסעסיע.

מען האָט אַנגעשמועלט דיענסטען מיט משרתים און זיי אַרבייטען דאָרט, איידער מיר קומען אַרויס אַהין, זיי פּערפלאַנצען אַרום דיא ווילאַ מיט טהייערע שמעקעדיגע בלומען, פּיקסען אויף דיא קאַטעדזשעס, מאַכען אַלעס שעהן און בעקוועם.

מיין אַלטיטשקער מאַטע פאָהרט אַהין אַוועק נאָך פאַר פסח און, אַלס היימישער „כאַזאַיען," פּאַרזעעט ער אַ גאָרטען מיט אוגערקעלעך, רעטעכלעך, פּשענִיטשקעס, אַרבוזעס, רויזען און אַנדערע גאָרטענוואַרג.

ווען מיר זיינען אַרויסגעקומען אַהין, נאָך'ן טהעאַטער סיזאָן, און איך האָב דערזעהען מיין טאַטען האָדעווען דיא גרויסע כאָפּטע מיט טשיקענס, גענז, קאַטשקעס, אינדיקעס און טייבעלעך, ווי זיי זיינען איהם נאָכגעלאָפען און איהם אַריינגענומען אין פּלעז, איטליך מין שרייענדיג און רעדענדיג אויף זיין בעזונדער שפּראַך, האָט אין מיר דאָס האַרץ געוואַקסען פאַר גליק און קינדישע פרייד.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַז דאָס איז אַ פּולוואַראָק פון אַ רייכען פּריץ און איך ביז דיא פּריצטע.

דיא געגענד וואו אָט דער פּולוואַראָק געפינט זיך איז דער פּרעכטיגסטער ווינקעל, דוכט מיר, אויף גאָט'ס ערד. דיא לופט איז ריין וויא אַ גוט געשליפענער דיאַמאַנט, דיא ווילאַ שטעהט אויף אַ הויכען באַרג און אַראָב אין טהאָל, אַזוי ווי ביי די פיס פון הויכען באַרג, איילט כסדר אַ לייכט רוישיג וואַסעריל פּערבײַ, לויפט און לויפט און ווערט קיינמאָהל נישט מיעד... אויף דיא שוואַכע בוימער, וואָס זעהען אויס ווי די שטיינער פון די בערג האָבען זייערע קערפּערס צוגעדריקט און נישט געלאָזען זיי צו־וואַקסען זיך אין ראָסקאָש, פליהען אום פערשיעדענע פויגעלעך און גיבען קאָנצערט, לויבען גאָט זינגענדיג בציבור. . . ווייט אַרום זעהען זיך גרינע לאַנקעס אויף וועלכע עס געפינען זיך וואו ניט איז צו־וואַרפען איינצעלנע בוימער וואָס זעהן פון ווייטען אויס וויא יועכ־

טער, וואָס גאָט אַליין האָט זיי דאָרט אוועקגעשטעלט צו היטען דיא אוצרות זיינע און דיא רייכטהימער פון דיא קעטסקיל בערג...

ערגיץ פון בארג כאַלט א לויפענד וואַסערל אין אַ טיעפען טהאָל אראָב און שרייט פון ווייטאָג, און דאָס געשריי צוטראָגט זיך אין דער סביבה צווישען דיא בערג, אַזש דיא שוואַכע בוימעלעך דערשרעקען זיך און ציטערען מיט יעדען בלעטעלע, ווי א פיש אין וואַסער מיט זיינע שופּען . . .

ווייט הערט זיך דאָס מורא'דיגע עכאָ פון אַ ברומענדען לאָקאָמאָטיוו, וואָס רייסט זיך דורך און לויפט מיט פּחד צווישען דיא ריזיגע בערג.

אַלעס ארום איז אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי געטליך און אַזוי גן עדן'דיג לאַסטשענד.

אין שטוב איז דאָ פון כל טוב, אַלעס פריש, אַלעס שמעקט. קיין זאָרג, קיינע דאגות, נור לעב און געניס דאָס לעבען.

אַלע מיינע ליעבע, גאָטעניו, זאָלען האָבען אַזעלכע היימען און אַלע מיינע שונאים זאָלען האָבען אַזעלכע היימען און נישט קענען בעזיצען זיי . . .

# יעקב גאָרדין'ס שרעק פאַר'ן מאָרגען

איך האָב פערבראַכט דעם זומער אין מיין „ווילא“ אין אַלערליי וואוילטאָגען. בעסער קען מען זיך גאָר נישט ווינשען.

עס איז דאַן געווען דיא ציוניסטישע קאָנווענשאָן אין טענערסוויל און א וואָגען מיט געסט זיינע פאָרפאָהרען צו אונז אין ווילאַ. געסט צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען דר. מאַגנעס, דער פערשטאָרבענער דר. ראַדין, און פיעלע אַנדערע פראָמינענטע פּערזאָנען.

מיר האָבען געפייערט דעם אַמעריקאַנער פרייהייטס יום טוב, דעם 4טען דזשולײַ, מיט פייערווערק פאַר א דריי הונדערט דאָלער. געסט פון אַרומיגע האָטעלען פלעגען קומען בעוואונדערן דיא פראַכטפאָלע „טהאָמאַשעווסקי ווילא“. היימישע האָבען געהוליעט, געשפּיעלט — נישט ח"ו פּיאַנאָ אָדער פידעל, נאָר קאָרטען, דיא אייביגע פלעזשור ־ שפּיעל פון צובאַלעוועטע פּוסטעפּאַסניקעס און אַנדערע נרויסע קעפּ.

נישט זייענדיג שטאַרק בעהאַווענט אין דער קאָרטען־שפּיעל, פלעג איך מיר נעהמען מיינע קינדערלעך און שפּאַצירען מיט זיי איבער דיא פּרעכטיגע בערג,

זיך שפּיעלען מיט די קינדער אין גראָז, רייסען ווילדע קווייטען און צאַצקעס, און איך האָב געמיינט אז איך בין אַליין אַ קינד צווישען מיינע קינדער.

סוף זומער. אַלעס ווערט פערמאכט און פערשלאָסען. מיר פערלאָזען דיא בערג און פאָהרען אַ היים, אין אונזער פּאַלאַסט אויף בעדפאָרד עוועניו.

ווידער שפּיעלען מיר אין אונזער פּיפּעלס טהעאַטער. מיר זיינען שוין גאַנץ פּאָרנעהמע „סטאַרס“ אין דער אידישער טהעאַטער וועלט, מען רעכענט זיך מיט אונז אין דער אידישער גאַס, מיר האָבען כבוד און פערדיענען אַלץ מעהר געלד.

יענעם סיזאָן פּיהרען מיר אויף דיא „וועבער“ און מאַכען גרויס ערפאָלג. אָבער באַלד נאָך „דיא וועבער“ — ווידער דיזעלבע פּיעסעלעך וואָס ברייגנען דיא טולערס. אַזוי האָט זיך מיין מאַן געפּיהרט שטענדיג, איינע אָדער צוויי פּיעסען גוטע — זאָל דיא פּרעסע האָבען פּאַר וואָס צו לויבען, און דאַן ווידער שפּיעלען פּיעסען וואָס דער גרויסער עולם האָט ליעב און צאָהלט דערפאַר אַ סך געלד, דאָס הייסט: זיין אי צו גאָט און אי צו לייט.

דאָס לעבען איז רייך, כסדר פערשווענדעריש, פון דאָס שעהנסטע און בעסטע קערידזשעס און זאָגאַר אַטאָמאָבילס, וואָס איז דאַן נאָך געווען אַ נאָווינע — עס איז כדאי אַזוי צו לעבען אויף דער זינדיגער וועלט...

אין יענער צייט, איז אַהער געקומען פון יוראָפּ צוריק דער פּאַטער פון אידישען טהעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען. מען האָט איהם געמאַכט אַ שעהנעם עהרען־אַבענד אין אַדלער׳ס גרענד טהעאַטער און איך בין געקומען צום אַבענד, זעהן זיך מיט אברהם גאָלדפאַדען, דעם גוטען גאָלדפאַדען וואָס האָט מיר אַזוי פיעל מיטלייד געוויזען ווען איך בין אַליין געבליבען אין באָסטאָן אין אנפאַנג פון מיין קאַריערע, ווען טהאָמאַשעווסקי איז דאַן פּלוצים אוועק קיין פילאַדעלפיא און מיך געלאָזען אין באָסטאָן.

גאָלדפאַדען איז שוין געווען אַלט און געעלטערט. ער האָט געקוקט אויף מיר און איהם האָט הנאה געטהאָן מיין רוהם און רייכטהום, און ער האָט מיר דערמאָהנט און געזאָגט: „געדענקסט, בוזי, דאַן אין באָסטאָן ווען דו ביזט געבליבען אַליין וויא אַ פּריבלודנע אָוועטשקאַ. געדענקסט? אָבער איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו וועסט אַמאָהל זיין אַ גרויסע אַקטריסע. וויפיעל איז שוין אין דעם, אַ יאָהר אַכטצעהן־ניינצעהן, האַ? נו, אָנגעטהאָן ביזטו, קיין עין הרע, בגדי מלכות, כבוד האָסטו אויך, געלויבט השם יתברך. אונזער גאָרטענדעל בליהט, דאָס טהעאַטער אונזערס ערהיילט פּרנסה און כבוד צו מיינע קינדער, אָבער זעה, **מיין קינד, גיב אָב כבוד אינזער ביהנע, אונזער טהעאַטער**“.

גוטער אברהם גאָלדפאַדען, גוטער פאטער!

כבוד האָט ער געבעטען ביי דיא שוישפּיעלער פאַר דער ביהנע, אָבער ניט פאַר זיך אַליין, אָבּוֹאַהל דיא אידישע ביהנע איז געווען גאָלדפאַדענס לעבען. ער איז געזעסען דאָן אין באָקס, געקוקט אויף דער שעהנער עלעגאַנטער ביהנע פון גרענד טהעאַטער און אויף דיא פּיעלע אַקטיאָרען אויף דער ביהנע און ארום איהם אין באָקס, און זיין האַרץ האָט געקוואָלען פון נחת.

איך האָב אין זיינע אַלטע אויגען געלעזען זיין פרייד און זיין גליק, ער האָט וויא כמעט געגאַפט און שטילערהייד אין זיך געשעפּטשעט: „מיין אידיש טהעאַ־טער, מעשי ידי".

דאַן קומט ווידער דער ליעבער זומער און מיר פאָהרען ווידער אין אונזער שעהנער ווילאַ אין דיא קעטסקיל מאָונטענס.

אַלעס איז ווידער פריש בעלעבט און ניי בעגרינט.

מיר האָבען אַ גרויסען גאַסט, אַ ליעבען גאַסט, יעקב גאָרדין קומט צו אונז און פאַרברענגט אַ וואָך צייט. איך האָב געוואָלט אַז דיא וואָך זאָל זיך ציהען חדשים לאַנג, איך בין איבערגליקליך פון אונזער טהייערען גאַסט.

איך האָב איהם געקאָרמעט וויא אַ קינד, מיט היימיש געבאַקענע קיכלעך מיט טהעע. וואָס ער האָט זעהר ליעב געהאַט. קיין זאַך איז פאַר מיר נישט שווער געווען; איך האָב גאַר נישט געוואָלט צוטהיילען מיינע דיענסטען אַזאַ כבוד, אַז זיי זאָלען בעדיענען גאָרדינען, איך האָב בעסער אַליין געוואָלט דאָס גליק האָבען. איך האָב איהם געמאַכט אַלערליי לאַקעטקעלעך וויא מען מאַכט פאַר אַ צופּיעסטעטע בן יחיד'ל, ווייל איך האָב געוואוסט אַז יעקב גאָרדין איז ביי אונז אַ בן יחיד.

איינמאָהל, אַ זונטאָג אין דער פריה איז דאָס געווען, זיצט גאָרדין אויף דער וועראַנדע און קוקט פאַר זיך אין דער ווייטקייט אַריין. איך האָב אַרויסגע־בראַכט אַ גלאָז טהעע פאַר איהם און זיך צוגעזעצט לעבען איהם אין דער קיהלער מאָרגען לופט.

ארום איז שאַ־שטיל, קיין וואַכעדיגער טומעל, בלויז דאָס זינגען פון דיא פויגעלעך און דאָס שטילער מורמלען פון'ם וואַסערל אין טהאָל. גאָרדין זיצט פער־טראַכט און הערט זיך איין אין דער שטילקייט.

פּלוצים גיט ער אַ זאָג, קוקענדיג אויף דיא פאַסען ליכט וואָס שטראָמען פון דער מאָרגען־זונן דורך דיא בוימער־צווייגען אויף דער ערד אַראָב: „ווייסט איהר, מאַדאַם, וואָס איך טראַכט? איך טראַכט אַז גאָט איז אַ גוטער פערפאַסער... איהר הערט וויא דיא פויגעלעך זינגען שירה און דאָס לויפענדע וואַסערל איז אַ

מין שטילע פיאַנאַ בעגלייטונג... זעהט ווי דיא ראָסע בליאסקעט אויף דיא גראָזען אַנטקעגען דער זונן, וויא דיאמאַנטען אין אַ פינסטערער נאכט... זאָג דעם אמת, בעסי, איז דו ביזט נישט בייז אויף גאָט?...“

איך האָב פערשטאַנען גאָרדין׳ס גוטמוטהיגע סאַטירע וואָס איז געלעגען אין זיין פראגע, אָבער איך האָב איהם נישט געענטפערט, נור מיר האָט זיך פער־וואָלט איהם אָבטהאָן נפעס אַ שפּיצעל, כאָטש איהם אָבנאַרען, און איך האָב איהם איינגערעדט אַז דיא שטילקייט וואָס הערשט אַצינד אַרום אונז, איז דערפאַר וויל היינט איז זונטאָג... אַפּילו דיא טריין, האָב איך געזאָגט, פייפט אויך נישט היינט אין דיא בערג צוליעב דעם הייליגען זונטאָג.

פּלוצים קומט אָן אין דיא בערג אַ טריין און אַ מורא׳דיגער פייף שניידט דורך דיא קיהלע מאָרגען־לופט. גאָרדין איז געבליבען אַ פערציטערטער און איך האָב געלאכט. גאָרדין רעדט דאַן פון דעם בערג גייסט, וואָס דיא מענשען האָבען צושטערט זיין רוה, (ער האָט דאָס שפּעטער אנגעשריבען אין אַ פּראָלאָג צו זיין פּיעסע „אויף די בערג“) און אַנדערע נאַטור גייסטער וואָס וועלען זיך אַמאָל אָברעכענען מיט דעם גייציגען מענשעלע. . .

איך האָב זעהר גערן זיך צוגעהערט צו גאָרדין׳ס קלוגע רייד.

באַלד ווערט מיט אַמאָהל זיין פּנים מאָדנע ערנסט, זיינע אויגען פער־חלום׳ט און ער זאָגט: „דו ווייסט, בעסי, מיך שרעקט דער מאָרגען... אַ מענש איז קיין מאָל נישט ביי זיך אין דיא הענד“... און איך האָב איהם געפרעגט: „טאָ ביי וועמען־זשע איז דיא הענד איז דער מענש? . . .“

# מיין בייזע פאַנטאַזיע

גאָרדין׳ס רייד האָבען געהאט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף מיר. איך האָב פיעל געדענקט און געמראַכט איבער דעם פאָלקס־ווערטעל וואָס גאָרדין האָט מיר איבערגעזאָגט: „אַ מענש איז נישט ביי זיך אין די הענד.“

און ווען גאָרדין איז שוין געווען אוועק געפאָהרען פון אונז, האָב איך אלץ נישט געקענט פאַרגעסען זיינע רייד, און כ׳וועל קיינמאָל נישט פערגעסען דיא ווערטער: „אַ מענש איז נישט ביי זיך אין די הענד.“

די מורא׳דיג הויכע בערג, האָבען מיך געלאָקט און געשראָקען. כ׳האָב זיך געשראָקען פאַר זייער איבּיגעס שטיל שווייגען און ריעזיגע גרויסקייט, נאָר

פונדעסטוועגען האט מיך דאָך געצויגען צו קלעטערען אויפ׳ן סאַמע העכסטען פעלז; מיך האט געצויגען צו די בערג, צו דער איינזאַמקייט.

און שעה׳ן לאַנג פלעג איך זיך פערקלייבען אויפ׳ן סאַמע העכסטען באַרג, זיצען אליין אין דער טויטער שטילקייט און קוקען צוועקלאָז פאַר זיך; אַט צו די וואָלקען וואָס זיינען כמעט נאָהענט פערביי מיר געפלויגען, און אַט צו די טיעפע טאָהלען וואָס ארום די בערג.

גאַנץ ווייט זעהט זיך דער שעהנער „האַדזאָן ריווער", וואָס ציהט זיך, ווי אַ דינער בלאָה־זיידענער לאַנגער שלאַנג צווישען צוויי שורות טונקעל גרינע הויכע בערג. אַרום זעהען זיך אויך עטליכע „סטייטס", וואָס פון ווייטענס זעהן זיי אויס ווי קופּעס ערד אויף וועלכע מוראשקעס קריכען אום... עס איז אַ מוראַ־דיג הויכער באַרג אויף וועלכען איך פלעג ליעב האָבען צו זיצען אליין, קוקען צוועקלאָז און טראַכטען אלערליי געדאַנקען....

מיר איז דאָן געווען גוט אין מיין וואָכעדיג לעבען, בעסער ווי מען קען זיך ווינשען. צו מיין לוקסוס און גליק איז קיין גרעניץ נישט געווען, איך האָב מיך געפונען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון אַ גליקליך לעבען, אָבער צו ר פ ר י ע ד ע נ ה י י ט, ר ו ה י ג ק י י ט — דאס האָט מיר געפעהלט.

איך בין געווען אין העכסטען וואוילטאָג, און מיין נ ש מ ה איז געווען אין טיעפסטען וועהטאָג, עפּעס האָב איך געהאט אַ געפיהל, גלייך ווי אַט דיא אַלע פערגניגענס מיינע וואָלט מיר עמיצער ג ע ש ע נ ק ט — און דאס האט מיר וועה געטאָהן.

איך האב פיינט נדבות, איך בין נישט קיין בעטלערקע.

אויף דעם הויכען באַרג בין איך געזעסען אין מאָדנע געדאַנקען. גאַנצע און אָבגעריסענע, האָבען געעבבערט מיין מח. אין דער שטילקייט און איינזאַמ־קייט פון דער פרייער נאַטור האט מיין אָרימע פאַנטאַזיע איבער מיר אַ שטאַר־קע שליטה געקריגען אַ:ן מיך איינגעוויקעלט אין אַ נעץ פון מאָדנע געדאַנקען, פּונקט ווי איך וואָלט איצט אין מיינע קינדער יאָהרען געווען, ווען איך פלעג וועגען אַלעם חלום׳ן, פאַנטאַזירען, בויען לופט־שלעסער פאַר מיר....

איך זיץ אויף דעם הויכען באַרג און איך טראַכט וועגען אַלעם און אַלעמען, געדאַנקען אָבגעריסענע און נישט דערענדיגטע, איך טראַכט:

— מיין גליק איז אַ דערוויילגעס; עס וועט נישט דויערען; עס איז צו גוט עס זאָל זיין דויערהאַפט; עס איז נור אַ חלום, אַ זיסער חלום, און פּונקט ווי אַלע חלומות פערשווינדען, אזוי וועט אויך מיין חלום פערשווינדען; מיין גליק

וועט צונישט ווערען; ווי א שעהנע זייפען־בלאז וואס קינדער לאזען אין דער לופט פון מילינע וואסער, און — בין איך דען גליקליך ? פרעמדע מענשען מיינען אזוי, אבער אין דער אמת'ן ! בין איך דען צופריעדען מיט די מתנות וואס איך קריג, ווען איך ווייס דער צוועק דערפון ?...

— א וועלט, א גרויסע וועלט בעוועגט זיך, ווער בעוועגט עס ? וואס הייסט ווער, גאט ! געוויס אודאי. אבער אויף אט דער גרויסער וועלט געפינען זיך אזוי פיעל קליינע וועלטעלעך !... און ווער רעגיערט זיי, דיזע וועלטעלעך? אויך דער זעלבער גאט. אדער איטליך קליין וועלטעלע ווערט געפיהרט פון א קליין גאט'עלע ?...

עס זיינען דאך פאראן נאך אזוי פיעל וועלטעלעך פון געוויסע קלאסען מענשען, ווי למשל : ארימע, רייכע, גנבים, צדיקים, גזלנים, קריטיקער, אקטיארען — יא, טאקע, אונזער וועלטעל, דאס טהעאטער וועלטעל וואס נעהמט אריין אין זיך אט די אלע אויסגערעכענטע מינים מיט נאך טויזענדערליי אנדערע מינים... אט דאס טהעאטער־וועלטעל, אין וועלכען איך לעב שוין א קנאפע צוואנציג יאהר פון מיין לעבען — האט דאס אויך א בעזונדער גאט'על וואס פיהרט עס ? ... אויב יא, דאן מוז עס זיין זעהר א ביליג גאט'על... פונקט ווי א רוסישער סאטניאק איז א קליין שטעדטעל, וואס זיין כאבאר בעשטעהט פון א גלעזעל בראנפען מיט א רייפטעל ברויט... פע, מיר ווערט קאלאמוטנע פון דיר, גאט פון אידישען טהעאטער־וועלטעל !...

נור איך דערטראכט נישט צו קיין פערגלייך... באלד יאגט אן א צווייטער געדאנק, א מאדנער, א בייזער, א שרעקליכער....

געטראגען אויף דיא פליגעל פון מיין ווילד צויאגטע פאנטאזיע, אין דער הויכקייט און איינזאמקייט וואו איך געפין זיך אצינד אויפ'ן שפיץ בארג, ווייזט זיך מיר אויס, אז איך הער א געדרעריי, ווי א בייזער ענטפער אויף מיין פריהעריגען חוזק איבער דעם גאט פון אידישען טהעאטער־וועלטעל. און איך פארנעהם א געשפרעך פון אונזיכטבארע מיילער, אבער דייטליך הער איך יעדען און עס מאכט מיך נאך מעהר פערלוירען — כמעט צום טויט דערשראקען.

איך הער :

— „א מענש איז קיינמאל נישט ביי זיך אין דיא הענד !"...

און מיין ווילדע פאנטאזיע טראגט מיך אין די הימעל ספערען, און איך

זעה דאס הימעל־רייך וואו עס געוועלטיגען די געטער, און א פחד נעהמט מיך ארום... איך פארנעהם ווי דער גאָט פון טהעאטער־וועלטעל רופט און זאָגט:

— „מיינע קליינע גרויסקייטען טרעטען אויף געזעצע... עס געהט זיי גוט, מאַכען זיי מעהר קיין אונטערשיעד צווישען רעכט און אונרעכט... דער מאָראל האבען זיי דאס פּנים מיט שמינק פארשמירט... זיי קרוינען זיך אליין מיט נעמען פון פלאנעטען און צווינגען די שוואַכערע פון זיי צו דיענען זיי ווי צו געטער... זיי בראָדיען אין זייער צאָם און לעסטערן צניעות... איך פיהל מיך שטאָלץ צו זיין דער גאָט איבער אזא וועלטעל... אָבער נאָך גיעבט עס מאַנכע וואס דערצאָרנען מיין שטאָלץ... דאס זיינען דיעניגע וואס דיענען נאָך צום גאָט פון אור־אלטע צייטען... זיי פיהרען פאמיליען־לעבען, שעצען אנשטענדיגקייט, ערציעהען קינדער און זיי קענען נאָך אזוי אויסלעבען זייערע יאָהרען אין דיא נעסטען וואָס זיי האָבען זיך מיט זייערע כוחות אויפגעבויט... דאָס טאָהר ניט זיין!.. קום אַהער, דו, „געטין פון פערדערבונג“, איך האב פאר דיר אַ שליחות“...

און עס קומט צום טראָהן א בלאָנדע נימפפע, מיט א קראַנץ פון געלב־גלאנציגע בלעטער. ווי שופּען פון א גרויסען פיש, ארום איהר שטערען... שטעלט דעם שלאנקען קערפּער איהרען אויף איהרע קניע און קוקט מיט איהרע וואסער־בלאָהע אויגען צום טראָהן; זיא ווארט אויף איהר שליחות...

**און דער גאָט פון טהעאטער־וועלטעל רעדט ווייטער און זאָגט:**

— „געה אַרונטער אין מיין ממשלה, געטין פון פערדערבונג, און טהו דיין פפליכט... דאָרט וועסטו טרעפען אייניגע וואס לעבען זיך מעהר ווייניגער גליקליך און צופריעדען, געה און טהו דיין פפליכט!“...

— „מיין האַר — ענטפערט די געטין פון פערדערבונג — איך האב מיין פפליכט קיינמאָל נישט פערנאכלעסיגט... איך בין דיין טרייע דיענערין... נור איין פּאָארעל איז פאראן אין דיין ממשלה וואס איך האב שוין יאהרען לאַנג געזוכט צו פארגיפטען זייער צופריעדענהייט, אָבער עס איז מיר ביז איצט נישט געלונגען... איך האב זיי שוין פיעלע מאָל בעזוכט אין פערשיעדענע געשטאַלטען, אָבער זיי זיינען צו געצענדיענעריש, זיי ציטערען פאר דער מאָראל און עפענט־ליכקייט... מיט איהם בין איך שוין פיעלע מאָל איינפערשטאַנען געווען צו געהן אויפ'ן גלייכען וועג פון פערדערבונג... נור געגען איהר בין איך געבליעבען אונ־מעכטיג. זי איז צו עגאָאיסטיש און לאָזט איהם ניט אָפּ, טראָטץ מיינע בעמיהונ־גען... גרויסער האַר, גיב מיר צו הילף דעם טייוועל, און מירביידע וועלען מיט־נעהמען געגנוג גיפט אויסצופיהרען דיין באפעהל“....

נישט ווארטענדיג אויף גאָט׳ס רוף, איז שוין דער טייוועל געשטאַנען לעבען דער „געטין פון פערדערבונג“ אנטקעגען טראָהן, גרייט צו געהן מיט איהר אין שליחות...

זיינע שארף פערשפיצטע אויגעלעך האָבען געפינקעלט מיט חניפה, זיינע קוטשעראווע האָאר האבען געפרעסט זיין טייפלישען קאָפּ און איהם עטוואס גע־בויגען אין פאָראויס, אזוי דאס זיינע פלייצעס פון זיין הויכען קערפער האבען אויסגעזעהן ווי כמעט סוטולעוואטע. זיין לאַנג און שמאָל פּנים איז נאָך לענגער און שמעלער געווארען און מיט זיינע דינע טייפלישע ליפּען האָט ער אונטער־טהעניג געזאגט צום גאָט פון טהעאטער־וועלטעל: „איך בין צו דיענסט, מיין הויכווירדיגער הערר!“...

און אויף א זייל פון פייער וואס איז דורכגעפלויגען מיינע אויגען מיט אַ זיג־זאג ווי פון א בליץ, האָבען זיי, די געטין פון פערדערבונג און דער טייפעל, פערלאָזען דאס הימעל־רייך און — —

איך האב זיך שטארק צולאכט פון מיין מאָדנע פאנטאזיע, אָבער אויך שטארק געשראָקען זיך...

די איינזאמקייט וואס מיר האט אומרינגעלט אויפ׳ן הויכען בארג האָט מיך גענומען שרעקען... און איך בין געלאפען און אנטלאָפען פון דער מעכטיגער נא־טור און בין אוועק צו מיר אין מיין רייכער „ווילא.“

מיין הארץ האָט שטארק געשלאָגען פון שרעק, איך האב ארומגעכאפּט מיינע קינדערלאך און זיי היים געקושט. מיט טרעהרען אין די אויגען האב איך געקוקט אויף מיין היים און פאמיליע און שטילערהייד האָב איך גאָט געבעטען, א שטילע תפילה האב איך געשיקט צום רבונו של עולם, אז מיין בייזע פאנטאזיע זאָל נישט מקוים ווערען. זאָל נישט מקוים ווערען.....

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

# ביים טויטען־בעט פון אברהם גאָלדפאַדען

ווידער איז אַוועק נאָך אַ זומער, מיר פערלאָזען ווידער אונזער רייכע זומער־היים און קומען צוריק אין שטאָדט, אין אונזער אייגענע הויז אויף בעדפאָרד עוו.

אין שטאָדט איז נישט וויא אין דאָרף, דאָ טרוימט זיך ווייניגער און דאָ פאַנטאַזירט זיך ווייניגער... מען איז פערנומען מיט פרנסה. און באַלד קומט אָן דער סיזאָן. מען פאַנגט אָן שפּיעלען טהעאַטער, מען דאַרף זיך דערמאָהנען אין אַלטע ראָלען און שטודירען נייע, ווידער שמינק און קאָסטיומען, ווידער אַפּלאָדיס־מענטען, סוקסעס, דורכפאַל, ערגערניש און פרייד און אזוי שוין ביז דעם קור־מענדען זומער, אַלץ יאָגעניש מיט טומעל...

אין יענעם ווינטער פיהרען מיר אויף אַ ליטעראַרישע פּיעסע וואָס פערשאַפט אונז פיעל כבוד, דאָס איז געווען ז. ליבין'ס „דער טרוימער". איך האָב געשפּיעלט דיא ערנסטע ראָלע פוּן „עווא" און האָב געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, און נישט איינמאָהל ווען איך האָב געזונגען דאָס ליעדעל:

„קינדערשע הענטעלעך, בינדען צוזאַמען
מיט אייזערנע קייטעלעך, דעם טאַטען מיט דער מאַמען"

האָב איך זיך בעגאָסען מיט טרעהרען, אמת'ע טרעהרען פון טיעפען הארצען, נישט קיין אַקטיאָרסקע טרעהרען . . .

ליבין איז דאַן געווען אין זיין גלענצענדע שאַפונגס פעריאָדע. זיין גרויסער ערפאָלג איז געווען זיין דראַמאַ „דיא געבראָכענע הערצער" וואָס אַדלער האָט אויפגעפיהרט אין גרענד טהעאַטער. ליבין איז דאַן געווען נישט לאַנג ביים טהעאַטער און ער האָט געזוכט ערפאָלג נישט בלויז ביי דער קאַסע, נור אויך ביי דער פרעסע... און אַזאַ ערפאָלג האָט דאַן ליבין געהאַט מיט זיין „טרוימער". דיא פרעסע האָט איהם, און אויך אונז פאַר'ן שפּיעלען, געוואַלדיג געלויבט.

דאַן קויפען מיר אַ פּיעסע ביים אַלטען גאָלדפאַדען, דאָס איז דיא פּיעסע „בן עמי". גאָלדפאַדען האָט דיזע שטיק פערקויפט אַדלער'ן, אָבער זיא איז נישט אויפגעפיהרט געוואָרען צום אָבגעמאַכטען טערמין, און אין אַלגעמיין האָט זיך דאַן אַדלער געקווינקעלט און נישט געוואָלט שפּיעלען אין „בן עמי". טהאָמאַשעווסקי קויפט, אַלזאָ, דיא פּיעסע ביי גאָלדפאַדענען און מיר פיהרען דאָס אויף אין פּיפּעלס טהעאַטער.

דער פאַטער פון דער אידישער ביהנע, אברהם גאָלדפאַדען, האָט געפיהלט

אז „בן עמי“ איז זיין לעצטעס ווערק און ער האט דאס אונצעהליגע מאל ווידער־האלט. ער האט געוואלט אז זיין לעצטע שטיק זאל נישט זיין קיין האפקע־פיעסע, וואו דיא מוזיק שפיעלט אהן א פארוואס, ער האט דארום פערלאנגט אז מען זאל אויפפיהרען „בן עמי“ אלס א דראמא, אהן מוזיק. אבער דער דירעקטאר פון טהעאטער האט געהייסען „מאכען מוזיק“ און עס איז געבליבען וויא דער דירעקטאר האט געהייסען און נישט וויא דער פערפאסער האט געוואלט.

ביים אנפאנג איז דיא פיעסע געווען א דורכפאל, מען האט זיא שוין גע־זאלט אפילו אראבנעהמען פון דער ביהנע און שטעלען אנאנדערע, אבער גאלד־פאדען ווערט דאן פלוצים שטארק קראנק. אין עטליכע טעג ארום קומט דער קאלטער טויט און רייבט איהם אוועק פון דער וועלט. גאלדפאדען שטארבט און מיט זיין טויט „בומט“ ער זיין לעצטעס ווערק. די פיעסע „בן עמי“ ווערט א סוקסעס און „לויפט“ א פיערצעהן וואכען „סטרייט.“

איך האב אייניגע מאהל בעזוכט גאלדפאדען׳ן ווען ער איז קראנק געווארען. איך בין אויך געווען ביי זיין קראנקען־בעט דעם טאג וואס ער איז געשטארבען. איך בין דאן צוגעגאנגען צו איהם. ער איז געלעגען שוין מעהר טויט וויא לעבעדיג, און איך האב איהם געוועקט פון דעם שרעקליכען אייביגען שלאף אין וועלכען ער האט געהאלטען ביים ארייגפאלען... ער האט קוים זיינע אויסגעלאשענע אויגען געעפענט, ער האט מיין שטימע דערקענט, און ער האט געזאגט דיא ווערטער וואס איך האב אין דער ראלע פון זיין „בן עמי“: „איך־האב־א־רעוואלווער — — איך־שטארב“ . . .

עס זיינען אנגעקומען דיא קינדער פון „דר. הערצל ציון קלאב“. דער דאק־טאר וואס איז געשטאנען דאן לעבען גאלדפאדען׳ן האט איהם געוועקט און גע־זאגט: „זעהט, הערר גאלדפאדען, דיא קינדער פון אייער פאלק זיינען אייך געקומען מבקר חולה זיין“... ער האט שוין דיא אויגען נישט געעפענט מעהר, זיינע ליפען האבען דאך ארויסגעשעפטשעט: „ה־ת־ק־ו־ה“ —

האפנונג איז געוועז דאס לעצטעווארט פון דעם גרויסען דיכטער אברהם גאלדפאדען. באלד איז ער געשטארבען.

ארום זיין בעט אין זיין ארימער וואהנונג זיינען דאן געווען, זיין געליעבטע פרוי (וואס איז איז א יאהר ארום נאך גאלדפאדען׳ס טויט, אליין געשטארבען אן עלענדע, אין ארימע צוויי רומקעס אין א טענעמענט הויז), זיין ברודער נפתלי, יוסף בעראנדעס, דער אלטער אקטיאר לייזער צוקערמאן, (לאנג לעבען זאל ער! ער איז פון דיא ערשטע אידישע אקטיארען וואס איז אויפגעטראטען אין אלע

גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען און כמעט אין גאַנצען אידישען רעפּערטואַר פון אמאָליגען אידישען טהעאַטער. נאָך היינט, ענדע מאַי 1916 שפּיעלט צוקערמאַן אידיש טהעאַטער און אַמוזירט דעם עולם). נאָך אַ פּאָר אידישע אַקטיאָרען און דיא דאָק־טוירים וואָס האָבען בעהאַנדעלט דעם גרויסען קראַנקען: דאָקטאָר בראָדער און אַ וויענער דאָקטאָר, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען קיין נויאָרק פון אייראָפּאַ.

דער וויענער דאָקטאָר ספּעציעל, האָט שווער געאַרבייט צו דערהאַלטען ביים לעבען דעם פאַטער פון אידישען טהעאַטער, אָבער דער טויט איז פלינקער וויא אַלע דאָקטוירים און ער גנב׳עט זיך אַריין כאָטש מען מעג איהם וויא היטען.

אויף מיר האָט דער וויענער דאָקטאָר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק בשעת מען האָט איהם מיר פאָרגעשטעלט ביי גאָלדפאַדען׳ס טויטען־בעט; הויך און עט־וואָס סוטולעוואַטע, קליינע שאַרף פערשפּיצטע אויגען מיט אַ קאַצען־קאָליר, אַ עכט אידישע נאָז און ברעמען וויא מעסיסטא, טונקעל ברוינע קוטשעראַווע האָר, דאָס פּנים לאַנג און שמאָל, דינע ליפּען, דיא אויבערשטע בעשפּראָצט מיט אַ לייכטע וואָנצע, זעהר עלעגאַנט און אַריסטאָקראַטיש אין זיין בענעהמונג. אָט וויא נישט שעהן, זאָגאַר כמעט אבשטויסענד ער איז געווען מיט זיין אויסזעהן, האָט ער אָבער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זעהר ליעבליכען, סימפּאַטישען מענש. זעהר עדעל אין זיין האַלטונג, אינטעליגענט און זיין דינע שטימע לאַסטשענד, עפּעס וויא אונטערטהעניג . . .

אַ מערקווירדיגען איינדרוק האָט ער דאַן אויף מיר געמאַכט.

גאָלדפאַדען׳ס לויה איז געווען אַ זעהר איינדרוקספאָלע. מיין מאַן איז דאַן געלעגען קראַנק און האָט נישט געקענט קומען צו דעם גרויסען טרויער־צוג, האָט מען פערביי־געפיהרט דעם ארון מיט גאָלדפאַדען׳ס טויטען קערפּער פאַרביי אונזער הויז אויף בעדפאָרד עווענוי און דיא פּראָצעסיע האָט זיך אָבגעשטעלט לכבוד טהאָמאַשעווסקי׳ן, דאָס כאָר האָט געזונגען און טהאָמאַשעווסקי איז קראַנקערהייד געשטאַנען ביים פענסטער און ביטער געוויינט אויף דעם פאָלק׳ס גרויסען פער־לוסט, אויפן טויט פון אברהם גאָלדפאַדען.

אויף וואַשינגטאָן סעמעטערי האָט מען בעהאַלטען דיא ביינער פון אונזער פאָלקס־דיכטער, דעם גרינדער פון אידישען טהעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען.

מען האָט רעדעס געהאַלטען אויפן פרישען קבר, דערצעהלט וויא גרויס גאָלדפאַדען איז געווען, אָבער קיינער האָט נישט דערצעהלט אַז דער גרויסער גאָלדפאַדען האָט אויף דער עלטער נישט געהאַט אָפט קיין טעלער זופּ... פון זיינע אוצרות וואָס ער האָט געשאַפען און אוועקגעגעבען צו זיין פאָלק איז איהם נישט

געבליבען אויף צו דערלעבען זיינע עלטערע יאהרען בהרחבה, ער האט געמוזט אנקומען צום ארימען מיטעל, צו לעבען פון א בענעפיט אין אידישען טהעאטער...

גרימער קינסטלער! ארים אידיש פאלק . . .

# איך פאל אראפ פון הימעל

נאך א פאאר מאנאט שפיעלען גאלדפאדען'ס „בן עמי." איפמפארטירט מען פון לאנדאן א נייע פרימאדאנא צו אונז אין פיפעלס טהעאטער.

איין אבענד האבען מיר געשפיעלט „די הוגענאטען." ביי דער סצענע וואו מען שיסט די הוגענאטען און איך האלט אב דעם „קעניג פון נאוואר," ער זאל נישט ווערען אין פייער אריין, און איך פערשפאר איהם ביי מיר אין צימער, גיב איך א פראל צו די טיר און שריי אויס: „ער איזט גערעטעט! . . ." נור בשעת איך האב א קלאפ געטהון מיט איין האנד אין טיר, האב איך זיך אריינגעיאגט א טשוואק אין האנד און כ'האב באלד דערזעהן מיין אייגען בלוט אויף דער סינערי.

איך האב געכאפט אין האנד א שטיק שמאטע, וואס כ'האב געפונען אויף דער ביהנע, האב עס שטארק געדריקט אין מיין צובלוטיגטער האנד און אזוי האב איך געענדיגט די סצענע ביז צום שלום אקט.

ווען דער קוירטען איז געפאלען, בין איך אראב פון ביהנע און אריינגעלאפען צו מיין מאן אין דרעסינג רום מיט אן אויסגעשריי פון וועהטאג און כעס: „אוי, כ'האב מיר צובלוטיגט מיין האנד. באריס. די סינערי איז פול מיט טשוועקעס. אוי, כ'וועל נאך קריגען בלאדפאיזאן—" דא האב איך דערזעהן א שלאנקע, עטוואס בלאנדע, שעהנע פרוי. מיט וואסער־בלאהע אויגען, און טאמאשעווסקי האט מיר זיא פארגעשטעלט אלס די נייע פרימאדאנא פון לאנדאן.

איך האב זי געבעטען אום ענטשולדיגונג, וואס איך קען איהר מיין האנד נישט געבען, ווייל כ'האב מיך נור וואס צוקאליעטשעט אויפ'ן סצענע, און כ'האב איהר געוויזען מיין האנד מיט דער צובלוטיגטער וואונד . . .

מען גרייט זיך ביי אונז אין טהעאטער צום אויפטריט פון אונזער נייער פרימאדאנא. מען מאכט איהר א „ליטאגראף" (דאס איז אזא מין פאוסטער מיט'ן בילד פון שוישפיעלער איבער דער גאנצער גרויס. אן אקטיאר וואס קריגט שוין א „ליטאגראף," פיהלט זיך גליקליך און שטאלץ. דאס איז א מין בעלוינונג פיר זיין

קונסט . . .). מען אדווערטייזט זי גרויס און זי טרעט ענדליך אויף אין דער אפער־רעטא „יהודית און הליפערנוס.“

אונזער „אלטע“ פרימאדאנא, די גאנץ יונגע ראזא קארפ, ברוגז'ט זיך באלד אן וואס מען „בומט“ אזוי שטארק די נייע פרימאדאנא, און גאר אהן לאנגע צערע־מאניעס פערלאזט ראזא קארפ דאס טהעאטער. זי „רעליעזט“ זיך פון איהר קאנ־טראקט מיט'ן אויסרייד, דאס זי קען נישט קאנקורירען מיט די מעטהאדען פון דער נייער פרימאדאנא.

מיר האבען דאס צוגערעכענט צו ארטיסטישע „דזשעלאסי“ און מיר זיינען געבליבען מיט דער נייער פרימאדאנא.

אין יענער צייט דערטאפט טאמאשעווסקי ערגיץ א גוי'איש ביכעל מיט א אידישען נאמען. מען פיקסט עס צו מיט אביסעלע אייגענע פראזא און מיר גרייטען זיך אויפצופיהרען א נייע ליטערארישע דראמא מיט'ן נאמען „שמע ישראל,“ פון דעם בעריהמטען „רוסישען“ דראמאטורג אסיפ דימאוו.

מען האט אדווערטייזט „בעריהמטען רוסישען דראמאטורג,“ כאטש קיינער פון אונז האט נישט געקענט און נישט געוואוסט וו ע ר דער דראמאטורג איז און פון וואנען איז ער בעריהמט . . . נור אז ער איז א „רוסישער“ האבען מיר אלע מסכים געווען. ווארום ס'א פשוט'ער חשבון: דאס ביכעל איז א רוסיש, דימאוו איז אויך רוסיש און אסיפ איז דאך אודאי א גוי—איז ער א רוסישער! און וויבאלד ער האט אנגעשריבען א דראמא איז ער דאך א דראמאטורג, און בעריהמט ווע־לען מיר איהם שוין מאכען. האבען מיר אדווערטייזט: „בעריהמטער רוסישער דרא־מאטורג.“

מיר פיהרען אויף „שמע ישראל.“ די קריטיק לויבט עס אין הימעל אריין, מען לויבט די שוישפיעלער. איך שפעל די העכסט דראמאטישע ראלע פון „חנה“ אין מאנכע קריטיקער שרייבען, איך זאל אוועקווארפען מיינע סוברעטין ראלען און שפילען נור דראמאטישע ראלען, אזוי שטארק נעהם איך אויס מיט דער ראלע אין „שמע ישראל.“ אבער קיין גרויסער קאסע־ערפאלג איז די פיעסע נישט געווען.

מיר האבען די פיעסע געשפיעלט א פאאר וואכען און דאס מענעדזשמענט האט שוין געהאט בדעה עס ארונטערצונעהמען, אבער פלוצים ברענגט עמיצער א פאטשט, אז דער און דער קען דעם דימאוו'ען פערזענליך פון רוסלאנד. ער איז אן אלטער גוי, דער דימאוו. און לעבט אין א וואלד און עסט בלויז נים . . .

כאפען מיר זיך אלע אז אין דער בשורה, אז דער דימאוו איז אן אלטער גוי . . . נישט אזוי וואס ער איז א גוי האט אונז געפרעהט (אז ער איז א „גוי“

האבען מיר דאך „געוואוסט"). ווי דאס וואס ער איז אן אלטער... אפשר, עס קען זיין, ווער ווייס. מעגליך, אז דער אלטער וועט מאכען א שטארב און זיין טויט וועט שוין א „בום" טהאן די פיעסע. פונקט ווי גאלדפאדענ'ס טויט האט געבומט זיין „בן עמי"...

און „שמע ישראל" האלט זיך אויף דער ביהנע פון פיפעלם טהעאטער נאך צוויי וואכען; מעןווארט אויף א „נס"—אפשר וועט דער אלטער פארט שטארבען...

פלוצים, כ'געדענק נישט ווי אזוי, דערוויסט מען זיך ביי אונז אין טהעאטער, אז דער דימאוו איז נישט קיין גוי, טראץ דעם וואס ער הייסט „אסיפ," און איז נישט קיין אלטער גוי. נור א איד און דוקא א יונגער איד, א געזונטער און א שעהנער. מיר ווערען אלע ענטוישט און—מען נעהמט ארונטער די פיעסע...

אזוי שפיעלען מיר טהעאטער, ביז ענדליך עס ווערט פערשוואונדען אין דער אייביגקייט נאך א ווינטער און עס קומט ווידער אן דער ליעבער זומער.

מיר פאהרען אלע אוועק אין אונזער קאונטרי האום, אונזער פאלאסט אין די בערג, ווידער צו פארברייגנען אין דער פרייער מעכטיגער נאטור, צווישען פויגעל געזאנג און שמעקענדיגע גראזען.

אין דער צייט איז שוין געווען אויפגעבויט ביי אונז אויף דער ווילא דאס זומער־טהעאטער. מיט'ן נאמען „טאמאשעווסקי'ס פערעדייז גארדען." מען שפיעלט צו אמוזירען די „פלעזשורניקעס." מען אמוזירט זיך אליין אויך, עס לעבט זיך ווי אין א גן עדן אויף דער וועלט. מען איז „העפפי"... די נייע פרימאדאנא איז צוזאמען מיט אונז אין קאנטרי און מיר זיינען אלע לוסטיג און פרעהלאך.

מיין פרעהליכקייט אבער האלט לאנג נישט אן. איך געה אוועק פון דער פרעהליכקייט... איך געה אויף די הויכע בערג, איך קלעטער אויף די פעלזען, דארט וואו איך פלעג ליעב האבען צו זיצען אליין אין מיין איינזאמקייט און פאנטאזירען, חלום'ען גוטע און שלעכטע חלומות. אבער אצינד קען איך מעהר נישט חלום'ען, מיין געדאנק איז מעהר נישט מסוגל צו פאנטאזירען. א שרעקליכער ווארים האט זיך זנאדיעט צו מיר און טאטשעט מיין מח, מיין הארץ און מיין נשמה.

אבער נאך שרעקליכער איז מיר וואס איך ווייס דעם נאמען פון אט דעם בייזען ווארים, וואס פרעסט מיך א לעבעדיגע, איך בעגרייף דעם וועהטאג מיינעם און רוף עס אן: אייפערזוכט. דאס וואס איך האב שטענדיג פערלאכט, האט יעצט געקראגען די אויבערמאכט איבער מיר. דער ווארים וואס כ'האב אזוי לאנג גע־

קעמפפט און איהם נישט צוגעלאזען צו זיך, האט מיך אצינד בעזיעגט. איך לייד ווי א ווילדע חיה וואס ווערט פערוואונדעט מיט א גיפטיגער שפיזן . . .

איך שווייג. כ'ביים די ליפען און שווייג; כ'האלט מיינע ליידען טיעף אין מיין נשמה, קיינער זאל עס נישט באמערקען. אבער איידער דער זומער איז צו ענדע, בין איך שוין גאנץ ערשעפפט. און ווען מיר קומען אהיים פון קאונטרי און מען דארף אנפאנגען דעם סיזאן, קען איך ניט שפיעלען מעהר, וויל איך בין שוין שטארק קראנק. די דאקטוירים, וואס בעהאנדלען מיך, דיאגנאזירען מיין שלאפ־קייט אלס נערוועזיטעט. און מען ברייגנט אויך דעם נייעם דאקטאר פון וויען. מיט וועלכען איך האב זיך באקענט ביי גאלדפאדען'ס קראנקען־בעט.

# בארג אראפ

אונזער הויז־דאקטאר ווערט אויך אונזער הויז־פריינד און מיט זיין העפ־ליכען, ביטרען פערהאלטען זיך, ווערט ער גאנץ אינטים בעקאנט מיט אונזער לעבען און מיט אונזער פאמיליען לעבען. ער איז מיין מאנ'ס בעסטער פריינד און אזוי האלט ער אפ דעם מינדעסטען פערדאכט אויף זיינע אבזיכטען.

מיט פוקסיש־שלויע פריינדליכקייט און העכסט פאלירטע פראזען, קלערט ער מיר אויף מיינע פערבארגענסטע געפיהלען און ער ווייזט מיר קונציג אויף די מיקראבען וואס פרעסען מיין זעעלע.

אין טהעאטער ביי אונז פיהרט מען דאן אויף דאס שטיק „די אידישע נשמה.“ איך שפיעל ניט אין דעם. עס שפילט, אנשטאט מיר, די נייע פרי־מאדאנא.

מיינע גייסטיגע ליידען זיינען אונערטרעגליך, מיין לעבען איז א חורבה, מיין גליק איז מיין אונגליק, מיין הארץ איז צושטאכען פון גיפטיגע אייפערזוכטס פיילען.

איך בין אינגאנצען געביטען און פערענדערט. אנאנדערע בין איך אצינד.

מיין וועלטעל, אין וועלכען איך האב ביז איצט געלעבט, דאס טהעאטער וועלטעל, ערשיינט מיר אינ'ם אמת'ען קאליר, אין דער פולער פאלשקייט און בעטרוג. די הינטער־קוליסען פאליטיק קרענקט מיך ביז צום טויט. אלע שושקען זיך הינטער מיינע פלייצעס. מיינע שונאים ווארעמען זיך די הענד ביים פייער וואס פארברענט מיך. יעדער זשוק און זשאבע ווערט בלומר'שט מיין פריינד

און עצה'ט מיך, ברענגט מיר פליאטקעס, אז דער האט אזוי געזאגט און יענער האט אזוי גערעדט . . .

פריהער, איידער כ'בין צו מיין איצטיגען צושטאנד געקומען, פלעג איך קיינמאל קיינעם נישט וועלען אויסהערען. כ'האב נישט געשאנקען קיין אויפ־מערקזאמקייט צו קיינע רכילות. עס איז פשוט נישט געווען מיין טבע אזעלכעס צו פארנעהמען, ווייל איך האב געליעבט און געגלויבט. איצט, אבער, איז מיין גלויבען צושמעטערט. מיינע ליעבעס־געפיהלען זיינען פערגיפטעט און פון אלע זייטען טראגט מען מיר אונטער נאך גיפט. מיין קראנקע נשמה אין גאנצען מיט סם אנפילען ווילען זיי, און זיי טהוען עס . . .

איך בין אין דער גרעסטער פערצווייפלונג; מיין לאגע איז א ביטערע און אונערטרעגליכע. פאר דער וועלט שיין איך מיט זוניגע שטראהלען; איך שטעה אויף דעם העכסטען שטאפעל פון גליק און הצלחה; מענשען בענשען זיך מיט מיין שטאנד. אבער אין דער אמת'ען ווילט זיך מיר ארונטערווארפען זיך פון אט דער פאלשער הויכקייט אינ'ם טיעפסטען אבגרונד, כאטש צושמעטערט ווערען, אבי פטור צו ווערען פון אט דער פארפעסטעטער לופט. אט די גרויס־קייט מיינע מאכט מיך קליין און קליינליך. איך פיהל זיך ווי א שעהנער פויגעל וועמען די פליגעל זיינען אבגעהאקט געווארען און מען האט איהם אין א שטייג פערשפארט. איך טראכט אפט פון זעלבסטמארד; איך בין צו מאכטלאז צו שטרייטען מיט דעם קרעבס וואס פרעסט מיין הארץ און זעלע, און עס האלט מיך שוין אין פארפאלגען גארדין'ס ווערטעל: „קיין מענש איז נישט ביי זיך אין די הענד . . .“

דא בין איך דאך נישט מעהר ווי אן איינפאך אידיש ווייבעל, נישט קיין גוי'אישע „נארא.“ איך בין צו הילפלאז זיך אליין אין די הענד צו נעהמען. איך קען מיין שיקזאל נישט רעגירען, איך קען דעם חלק צו מיין האלז אליין נישט צולעגען, ווי סטרינדבערג'ס „פריילין יוליא“ . . .

גאט, ווי מאכט מען אן ענדע, ווי בעפרייט מען זיך פון זיך אליין? . . .

און אין מיין פערצווייפלונג הער איך מיך צו צו די זיסע רייד פון טייפעל. איך בין ווי א פליעג, וואס זוכט שוץ אין געוועב ביים שפין.

אבער ווייסט דען די פליעג, אז די שפין וועט זי פערצוקען? צי ווייסט דען די טויב, אז דער יאסטרעב לויערט איבער איהר?

זאג מיר, וועלט, פערדאמסטו דאס שוואכע, יונגע, פעדערלאזע פויגעלע

**אין נעסט, וואס ווערט דערשטיקט פון א פלעדערמויז? אויב יא—לאך איך פון דיר!**

מעהר און מעהר ווער איך אלץ עלענדער און איינזאמער. אונזער הויז־װאקטאר איז דער איינציגער, אין וועמעס פריינדשאפט איך גלויב. ער איז ביי מיר אין דערהיים גאנץ היימיש און גאנץ פריינדליך; ער מישט זיך זאגאר, אין א זעהר העפליכען און גוט אויסגערעכענטען וועג, אין מיינע פאמיליען אנגעלעגענ־הייטען. אבער ער איז עלעגאנט. ער איז צו פיעל דזשענטעלמען, איך זאל גאר אפילו פערדענקען אין שלעכטע מאטיווען. פארקעהרט, איך גלויב איהם, אז ער איז אויפריכטיג מיט זיין פריינדשאפט, דערפאר האבען זיינע געטאקטע פראזען אזא ווירקונג אויף מיין פער'גאל'טע נשמה.

מיין שטילע היים ווערט מיר ביסלעכווייז א לאסט, מיין בית המקדש האלט ביים חרוב ווערען. עס פעהלט בעגייסטערונג און ליעבע. אזוי ווי א פאס, ווען מען צאפט פון איהם דעם ווייז ארויס און זי בלייבט ליידיג אויפ'ן גאס שטעהן, ווערט מיט דער צייט צולעכצט—אזוי ווערט מיר מיין לעבען אלץ מעהר און מעהר צולעכצט, פוסט.

אין טהעאטער שטעה איך אין א ווינקעלע. איך שפיעל ווייניג און מען באגעהט זיך אהן מיר אויך, ביז עס קומט צו דער אויפפיהרונג פון גארדין'ס פיעסע „דעמענטיא אמעריקאנא.“

גארדין איז שוין דאן געוועזן נישט געזונד. אין איהם האט שוין דאן געלעבט די שרעקליכע קראנקהייט, וואס האט איהם, פאר דער צייט, זיין לעבען אויפגעפרעסען.

מיר האבען די פיעסע גוט איינשטודירט און בעפאר מיר האבען עס גע־שפיעלט דא אין ניו יארק, זיינען מיר געפאהרען אין א קליין שטעדטעל, טרענטאן, ניו דזשוירזי, פאר א „פרייוואט,“ דאס הייסט, מאכען א גענעראל פראבע, נור פאר א פובליקום וואס האט בעצאהלט פאר טיקעטס, ווייל געוועהנליך איז אין אידישען טהעאטען די ערשטע פארשטעלונג פון א נייער פיעסע נישט מעהר ווי א פראבע. נאך דיעזער פארשטעלונג „פיקסט“ מען ערשט צו די פיעסע לויט דעם געשמאק פון ווערטהען פובליקום,—עס זאל „קלאפען“ . . .

„קלאפען“ מיינט: אז דאס פובליקום זאל קלאפען בראווא און אז די פיעסע זאל געהן גלאטיג. למשל: א געוויסע סצענע וואס די אקטיארען האבען פאר'ן שפיעלען די פיעסע געמיינט, אז דערביי וועט מען „צוזעצט ווערען לאַ־בענדיג,“ און צום סוף איז גאר דאס פובליקום גראדע ביי דער סצענע קאלט ווי די

לבנה אין א ווינטער נאַכט—איז נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג ווערט דיעזע סצענע אויסגעשניטען . . . פאַרקעהרט, וויעדער, ביי אַ סצענע, וואָס דער „סטאַר“ און מיט איהם די קליינע סטאַרעלעך האָבען געמיינט זיכער, אז דאָ וועט דער עולם צוגעהן פון געוויין, איז גראַדע ביי דער סצענע לאַכט דאָס פּובליקום, ווערט אָנגעצייכענט אין טעקסט, אז דאָ איז קאָמיש. . .

בעפאָר דער פאָרשטעלונג פון „דעמענטיא אַמעריקאַנא,“ דאָרט אין טרענטאָן, ניו דזשוירזי, בין איך מיט גאָרדינ׳ען אריין אין א לאָנטש רום „כאַפּען א ביס,“ דאָס הייסט, פּשוט עפּעס עסען. פּלוצים, מיר זיצען און עסען, ווערט גאָרדין ווייס ווי קאַלך, עס ווערט איהם שלעכט און ער קען דעם ביסען נישט ארונטערשלינגען. איך האָב זיך זעהר דערשראָקען, ביז ער איז געקומען אביסעל צו זיך און געקענט דעם אָטהעם ציהען.

ער האָט זיך געקלאָגט פאר מיר, אז עפּעס איז דער דאָזיגער אָנפאַל א צו אָפטער גאַסט ביי איהם, און איך האָב פּרובירט איהם פאררײדען פון זיינע שמערצען.

איך האָב פּרובירט איהם פאררײדען פון זיינע שמערצען.

„עט,“ האָב איך געזאָגט, „וועלכען מענש טאָטשעט נישט עפּעס. איהר האָט דאָך מיר אליין דערצעהלט, אַז קיין מענש איז נישט ביי זיך אין די הענד. אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, מיין ליעבער גאָרדין, מיך טאָטשעט אויך עפּעס . . .“

גאָרדין איז געווען זעהר נערוועז דאַן בעפאָר מיר האָבען אויפגעפיהרט „דימענטיא.“ איך האָב איהם געפרעגט, ווארום ער איז אזוי נערוועז, עס איז דאָך נישט די ערשטע פּיעסע זיינע וואָס מען פיהרט אויף? און גאָרדין האָט זיך, ווי זיין געוואָהנהייט איז געווען, א גלעט געטהאָן זיין שוין שטאַרק גרויע באָרד און מיט א מין מיסטישע טרויעריגקייט מיר געענטפערט:

„עס איז נישט מיין ערשטע פּיעסע, איך האָב אָבער מורא, בעסי, אז דאָס איז מיין לעצטע! . .“

# מאדאם טהעאטער פאליטיק



גארדין'ס שרעק אז זיין „דעמענטיא אמעריקאנא“ איז זיין לעצטע פיעסע, איז געווען נישט אומזיסט. דאס פארגעפיהל פון טויט איז אפט א שרעקליכער „וואהרזאגער“.

מיר האבען דיא פיעסע אויפגעפיהרט ביי אונז אין פיפעלס טהעאטער. גארדין איז געווען זעהר צופריעדען מיט מיין שפיעלען און דאס האט מיך זעהר געפרעהט. געזאלט שפיעלען דיא פיעסע האט קעסלער אין זיין דאמאלסדיגען טהאליא טהעאטער, נור עס איז געווען דאן נאכדעם וויא גארדין האט געהאט א סכסוך מיט א געוויסען קריטיקער און יענער האט גארדין'ען דאן געהאט שטארק ארונטערגעריסען, האבען זיך „אויסגעבילדעט מיינונגען“ אין אונזער טהעאטער וועלט וועגען גארדין'ען, און דער גרויסער גארדין, פונקט ווי גאלדפאדען, האט געהאט שפיכת דמים פון זיין לעצטער פיעסע. דאס איז געווען זיין בעלייניגונג וואס ער האט געקראגען פון דיא מענשען וועמען ער האט גרויס און בעריהמט געמאכט.

טהאמאשעווסקי האט באלד געמאכט אראנדזשעמענטס מיט גארדין'ען, און אזוי איז „דעמענטיא אמעריקאנא“ אנגעקומען אין פיפעלס טהעאטער, אז מיר זאלען עס שפיעלען.

איך האב מיך זעהר געפרעהט וואס גארדין איז ווידער מיט אונז, איך האב געהאפט אז ער וועט נאך שרייבען פיעסען פאר אונז און איך וועל מיך מיט זיינע ראלען אויך בעריהמט מאכען, אבער מיין האפנונג איז נישט מקוים געווארען.

אויך דא האט מיין בייזער שיקזאל מיך אויסגעלאכט. נאך ענדע סיזאן, דעם 13טען יוני, 1909, איז יעקב גארדין געשטארבען.

דער גרויסער ארכיטעקטאר פון אידישען טהעאטער איז געשטארבען אין מיטען פון זיין ארבייט. דיא גרויסע זונן וואס האט ליכטיג געמאכט דאס אידישע טהעאטער איז אונטערגעגאנגען און אין מיטען העלען טאג איז נאכט געווארען, שטאק פינסטער.

גארדין'ס פלאץ איז ביז איצט נישט אויסגעפיללט. ווען וועט קומען ביי אונז איינער וואס וועט טהאן פאר'ן אידישען טהעאטער אזוי פיעל וויא עס האט געטהאן, , אין זיין צייט. יעקב גארדין ?

אין דער צייט וואס מיר האבען געשפיעלט „דעמענטיא אמעריקאנא", איז מיין פאטער קראנק געווארען און איין אבענד, בשעת איך בין געשטאנען אויף דער ביהנע און געשפיעלט מיין ראלע, האב איך געקראגען דיא טרויעריגע בשורה אז מיין טאטע לעבט נישט מעהר.

גאט, מיט וואס פאר א געפיהל איך האב דאן געשפיעלט און געמוזט דער־ענדיגען מיין שפיעלען ביז צו ענדע פון דער פיעסע !

וואס פאר א שוידערליכע באשעפעניש דער אקטיאר מאכט פון זיין „איך" אלס מענש. אין דער היים ליגט א טאטע נור־וואס געשטארבען און זיין טאכטער שפיעלט טהעאטער, טאנצט און זינגט אויפ'ן סצענע און אמוזירט א פובליקום.

מערקווירדיג, ווען מיין טאטע איז געשטארבען איז מיך בעפאלען א מורא'־דיגע ביינקעניש יונג צו זיין, א ביינקעניש נאך מיינע פערשוואונדענע יאהרען כל זמן מיין פאטער האט געלעבט, כאטש איך האב צוגעקוקט וויא געעלטערט ער ווערט, דאך האט זיך מיר אפט אויסגעוויזען אז „איך בין נאך א קינד, א יונג מיידעלע, און אט איז מיין טאטע מיט מיין מאמען, מיר וועלען צוריק א היים פאהרען, א היים, דארט, אין טאראשטשע, דא זיינען מיר דאך בלויז אויף דער־וויל"... אט אזעלכע געפיהלען פלעג איך אפט האבען. און איצט, ווען מיין פא־טער איז געשטארבען, איז עפעס וויא א שווערע משא וואלט אויף מיין קאפ ארויפ־געפאלען און געדריקט מיין מח, מיט טויזענדע מייל מעהר האט זיך מיין היים, מיין געבורטס־שטעטעלע טאראשטשע פלוצים אוועקגערוקט פון מיר. איך בין א פערציטערטע געווארען פון דעם שרעקליכען געדאנק וואס האט מיט אמאהל מיר א קלאפ געטהאן אין קאפ. דער געדאנק אז אלעם שטארבט אב, דאס לעבען לעשט זיך און עס וועט לאנג נישט נעהמען, וועל איך שוין אויך זיין אלט און פארעל־טערט, מיין שטעטעלע וועל איך שוין מעהר קיינמאהל נישט זעהן. דא וועל איך

שוין דערענדיגען, עפּעס אַקוראַט וויא אַ גאַנז וואָס מען האָרעוועט אויס מיט טעגליך ביז זיא ווערט גוט פעט, און דאַן קוילעט מען זיא . . .

מורא׳דיג און גומעטיג איז מיר געוואָרען ווען מיין פאטער איז געשטאָרבען.

אַזוי ציהט עס זיך און ציהט זיך, טעג, וואָכען און חדשים — מיר ווייזט עס אויס יאָהרען . . .

גאָרנישט טרייסט מיך מעהר, נישט אונזער צייטונג „דיא אידישע ביהנע“, וואָס מיין מאַן האָט זיך געמאַכט פאַר צייט־פערטרייב און ספּאָרט, נישט מיין פּאַלאַסט אויף בעדפאָרד עוועניו, און נישט מיין זומער פּאַלאַסט אין דיא שעהנע בערג. מיין לעבען איז צוריסען. מיינע איידעלסטע געפיהלען פערלעצט און באַלייידיגט, דיא אַטמאָספערע אין וועלכע איך לעב איז מיר ענג און שטיקענד, דיא לופט וואָס איך אָטהעם איז מיט גאַל געפילט, און איך פיהל וויא אַ געיאַגטע חיה אַליין אין אַ פינסטערען וואַלד, גרייט זיך צו וואַרפען אין טיעפסטען אַבגרונד דאָרט שוץ צו געפינען . . .

אַזוי וויא אַ רפואה פון גאָט צו מיין נשמה פוסטקייט איז דאַן געווען דער געבענשטער קינסטלער און זשעניאַלער שוישפּיעלער רודאָלף שילדקרויט.

ער איז צו יענער צייט אָנגעקומען אין היגען דייטשען טהעאַטער און איך בין געלאָפען איהם זעהן.

זיין „שיילאָק“ זיין „פלאַקסמאַן אלס ערציהער“, און איבער אלעס, זיין שפּיעלען אין הייערמאַן׳ס „קעטען גליעדער“!

און דאַן מיין פרייד ווען שילדקרויט איז געקומען צו אונז, שפּיעלען אידיש טהעאַטער און איך בין דיא גליקליכע מיטצושפּיעלען צוזאַמען מיט רודאָלף שילדקרויט!

איך פיהל מיך נישט בכוח צו רעדען וועגען שילדקרויט, צו געבען אַן אָבשעצונג איבער שילדקרויט. איך וויל נור זאָגען: זיי געבענשט דו גרויסער שוישפּיעלער רודאָלף שילדקרויט. אַ חוץ זיגמונד מאָגולעסקאָ, וואָס איז געווען אַ זשעניע אין זיין זשאַנר, האָט אין אידיש, אין אונזער מאַמע לשון, נישט געשפּיעלט קיין אַקטיאָר וואָס קען זיך מעסטען איז טאַלאַנט און גרויסקייט צו דעם קינסטלער שוישפּיעלער רודאָלף שילדקרויט.

ווען מיר האָבען צוזאַמען געשפּיעלט שמר׳ס (בן שמר) „אייקעלע מזיק“, פלעג איך שפּיעלענדיג דיא ראָלע מיינע, „לינאַ“, מיטגעריסען ווערען פון זיין שפּיעלען אַזוי שטאַרק, אַז ווען דער פאָרהאַנג איז אַרונטער און צוריק אַרויף, איז אַנשטאָט איך זאָל מיך נויגען פאַר׳ן פובליקום, האָב איך אַלץ געקוקט אויף

„אייקעלען“, מיינענדיג אז איך בין טאקע „לינא“, און „אייקעלע“ איז טאקע „אייקעלע“, נישט שילדקרויט.

אבער עס איז דאך עפעס אידיש טהעאטער, און מיר האבען דאך עפעס א „מאדאם פאליטיקע“— א זים לעבען אויף איהר, א פינסטערס — האט שוין דיא דאזיגע מאדאם פאליטיקע געזעהען אז שילדקרויט זאל מוזען פערלאזען פיפעלס טהעאטער און שפעטער, דאס אידישע טהעאטער אין אלגעמיין.

ווארים טאקע באמת, ס'קומט „אן עקטאר“, איז בסך הכל א שטיקעל צייט אויף דער אידישער ביהנע, און עס ווייזט זיך ארויס אז דער עולם וויא דיא פרעסע, פארגעסט גאר אין דיא „זונען“ מיט דיא „שטערען“ און מען רעדט נור: „שילדקרויט“ — פע, מיר האבען „ליעסעס“, פעטערעל, וואו קומסטו אהער? געה צוריק צו דיא דייטשען . . .

און שילדקרויט האט געמוזט פערלאזען דיא אידישע ביהנע און אוועק צוריק צו דיא דייטשען.

# פאר דעם לעצטען אקט

פונקט ווי מיר איז שווער געווען דער אנפאנג פון מיין לעבענס־געשיכטע צו שרייבען, אזוי—און טויזענדע מאל מעהר—איז מיר איצט שווער אט דאס קאפיטעל צו שרייבען.

אין אנפאנג איז מיר געווען שווער, וורייל איך האב געמוזט אנשטרענגען מיין מוח און זיך דערמאנען אין פאסירונגען, מענשען און זאכען שוין לאנג אבגעשטארבענע און לאנג פערגאנגענע. אבער איצט מוז איך זיך אין גאנצען אנשטרענגען, אום איך זאל נישט ארייגפאלען אין היסטעריקע . . .

אין אנפאנג, וואס מעהר איך האב זיך דערמאנט, אלץ מעהר זיסע קינדער־ערגינערונגען האב איך ווידער אויפסניי איבערגעלעבט. אבער אצינד, די איצטיגע ערגינערונג האלט איך וועלען וואס מעהר און וואס ווייטער אבשטויסען פון מיין זכרון . . .

ווייל צו שוידערליך, צו טראגיש און צו ברוטאל האט עס מיין הארץ אין פאסען צושניטען. איך קען אפילו וועגען דעם ניט רעדען מיט גאל, נאר מיט עקעל, ווייל אויך מיין גאל האט עס אין מיר צופלאצט און מיין זעעלע פערביטערט.

די „געטין פון פערדערבונג" צוזאמען מיט'ן „טייוועל" האבען זייער שליחות אויסגעפיהרט . .

מיין היים איז מיר געווארען ווי א פריזאן „סעל." איך בין ווידער קראנק געווארען . . .

אין טהעאטער ביי אונז האט מען אויפגעפיהרט ליבין'ס פיעסע „די בלינדע ליעבע." אבער אנשטאט מיר האט שוין געשפיעלט אן אנדער אקטריסע.

אין געמויזעכטס פון אידישען טהעאטער וועלטעל זיינען דא א סך ברואים וואס ליעבען זיך צו קוויקען מיט עמיצענס בלוט, און אלערליי אינטריגעס, פליאטקעס, פאטשטען און רכילות זיינען אנגעווענדעט געווארען אום מיך צו צושמעטערען.

מיין געזונד איז געווארען שטארק געבראכען און איך האב געמוזט פאהרען אין אייראפא אין די בעדער.

נישט וועלענדיג אונטערגעבען זיך צום שיקזאל'ס אונבע'רחמנות'דיגע בייטשען, מיט וועלכע עס האט געקאטעוועט מיין זעעלע, האב איך זיך געבעטען ביי מיין מאן, אז מיר זאלען אלעס איבערלאזען דא און פאהרען צוזאמען אין איירָאפא, איבערצולעבען דאס לעבען, אפשר וועט דאס זיין א מיטעל, אז מיר זאלען ווידער רוהיג ווערען און גאנץ מאכען אונזער לעבען וואס איז אזוי שטארק צולעכצט . . .

אבער דאס איז מיר נישט געלונגען. איך בין אליין מיט מיין קלענסטען קינד נאך איירָאפא געפאהרען.

איך האב געוואלט דארט בלייבען, האב איך אבער געבענקט נאך די אנדערע צוויי קינדער מיינע און איך בין צוריקגעקומען.

פיזיש האב איך מיך אין די בעדער גוט ערהאלט, אבער מיין נשמה איז געבליבען אזוי קראנק ווי בעפאר איך בין אין די בעדער געפאהרען. און קומענדיג צוריק קיין ניו יארק, זעהענדיג ווי עס איז אויפגעבויט געווארען א ניי טהעאטער אויף האוסטאן סטריט. אבער אנשטאט מיך, ארווערטייזט מען אנדערע אקטריסעס—וואס איז פאר מיר געבליבען צו טהאן?

איך בין א פרוי, א מאמע און א שוישפיעלערין. דיא פרוי אין מיר האט מען מיט די פיס געטראמפעלט, מיינע הייליגסטע פרויען געפיהלען האט מען גראב און ציניש פערלאכט און פארשפיגען, און איצט טראמפעלט מען שוין אויך אויף דער שוישפיעלערין אין מיר—וואס בלייבט מיר צו טהון?

די מאמע?—ווער אונטער גאט'ס הימעל קען מיר שטערען צו זיין די

מאמע פון מיינע קינדער? דאס וועל איך נישט לאזען מיר אוועקרויבען! מיין איינציג פערמעגען אויף גאט'ס ערד קען קיינער ביי מיר נישט צונעהמען, קיינער זאל דאס נישט וואגען! צו מיינע קינדער בין איך מאמע!

איך האב זיך געזעגענט מיט דעם פאטער פון מיינע קינדער, מיט וועמען איך האב פיער און צוואנציג יאהר מיין לעבען געטהיילט, צו וועמען איך בין פיער און צוואנציג יאהר געטריי און אויפריכטיג געווען. קיין בעטריעגערין קען איך נישט זיין. מיין הארץ אין מיר איז געטויט און פארגליווערט געווארען,— האב איך נישט געקענט מעהר בלייבען.

מיין האב און גוטס, וואס כ'האב מיט מיין פראצע פארהארעוועט, האב איך געלאזען. מיט מיין קלענסטען קינד אויף די הענד האב איך מיינע, מיט בלוטיגע טרעהרען־פערגאסענע אויגען צום הימעל געווענדעט און כ'בין אין גאט'ס וועלט אוועק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מיין עלענדער איינזאמקייט איז מיר נאר פערבליבען מיין שפיעלען, מיין איינציגע טרייסט.

כאטש מען האט אלערליי געמיינהייטען אנגעווענדעט געגען מיר אום מיך צו האלטען אוועק פון ניו יארק, נישט געבענדיג מיר קיין פלאץ דא וואו צו שפיעלען, האט דאך מיין פובליקום, וועמען איך האב כסדר אזוי געטריי און עהרליך אמוזירט, מיך נישט פארגעסען.

ווי זאגט משה'לע פיינמאן: „זי איז פערוואונדעט, אבער ניט געטויטעט . . ."

איך בין אריין אין ברוקלינער נאוועלטי טהעאטער צוזאמען מיט סאניא אדלער און רודאלף שילדקרויט. זיי האבען זיך גאר אין גיכען נישט געקענט איינטהיילען מיט'ן כבוד און איך בין געבליבען אליין. מיין רעפערטואר האב איך שוין געהאט אבגעשפיעלט און איך האב געקראגען די מאכערייקע „חאנטשע אין אמעריקא."

צום ערשטען מאל אין מיין שוישפיעלערישער קאריערע, אז איך אליין בין געגאנגען אויפפיהרען א פיעסע.

אין מיין פערצווייפעלטער לאגע האב איך נישט געוואוסט, ווי אזוי גאט צו בעטען, אז איך זאל נישט דורכפאלען.

איך, א פערלוירענע, א פערשטויסענע און פערשפאטעטע וויל צוריק,

און אויף מיינע אייגענע כודות, אויפשטייגען מיין גוטען־נאָמען אלעס שוישפיע־לערין הייסט מיר וואגען, ער וועט מיך בעשיצען, און איך נעהם אויף איבער־ניים צו קלעטערען אויף דעם לייטער פון פּאָפּולאריטעט, איך געה שפּילען „חאנטשע.“

מיין האָפנונג איז ערפילט געוואָרען. מען איז געקומען פון נויאָרק מאסען־ווייז זעהען בעסי טאָמאשעווסקי'ן אין „חאַנטשע“ און פיעלע וואָכען האָט „חאנטשע“ געבראכט א סך געלד אין נאָוועלטי טהעאטער.

פון „נאָוועלטי“ בין איך אוועק אויפ'ן ראוד, זיך אומגעשלעפּט אין שטעדט און שטעדטלעך און געמאַכט א געמוטשעט לעבען, ביז ענדליך האָב איך מיך צוגעשלאָגען צו פיפּעלס טהעאטער צוזאמען מיט דזשייקאָב פּ. אדלער. מיר האָבען געשפּיעלט איין סיזאָן צוזאמען, דעם צווייטען סיזאָן, און דאָס איז היינ־טיגער, וואָס האָט זיך נור וואָס געענדיגט, בין איך געבליעבען אָהן אדלער'ן אָבער געשעפטען האָב איך די נטיגען סיזאָן געמאכט גלענצענדע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — אַט זיץ איך איצט אין מיין גאַרדעראָב, אין מיין דרעסינג־רום און איך בעטראַכט אלעס — די שפּיעגלען, וועלכע האָבען מיר געוויזען הונדערטע מאָל, אז איך בין נישט איך, נור עפּעס א עמיצער אנדערש... די קאָסטיומען, וועל־כע האָבען מיר טויזענדע מאָל אָבגענארט, אז איך בין א פּרינצעסין, א קעניגין, א רעטלערקע, א דיענסט, א באלעבאָסטע, א יונג מיידעלע, אן אלטע באָבע, א כוואט א בחור, א העלד א מאַן, און נאָך אנדערע העלדען און העלדינעס. די אלערליי שמינקע און פּאודערס, וועלכע האָבען מיין פּנים טויזענדע מאָל פארשטעלט און געמאכט מיך צו פערגעסען. אז איך אליין האָב אויך א פּנים...

איך זיץ און בעטראכט דיא ווענט, דעם קארפּעט, דיא לעמלעך, דיא פּאָלי־צעס, די פּאָר שטוהלען, דאָס גרימיר טישעל מיט אלע פלעשלעך פּארפיום, וועלכע זיינען דאָ אנגעשטעלט.

אך, דיא דרעסינג־רום, דיא דרעסינג־רום ! וויפיעל טרעהרען האָב איך דאָ פארגאָסען ?! ! וויפיעל פרייד און גליק האָב איך דאָ גענאָסען ? וויפיעל האָס און ליעבעס־געפיהלען האָב איך דאָ געמוזט דערשטיקען ? וויפיעל סטרונעס פון מיין הארצען האָבען דאָ ביי מיר געפּלאַצט פון געדולד ? וויפיעל צייט פון מיין לעבען האָב איך דאָ בעגראָבען ?

גאָט מיינער ! אזוי פיעל איבערלעבונגען שוועבען דורך מיינע געדאַנ־קען אזוי האסטיג. אזוי שנעל. אז מיר דוכט זיך אויס דאָס איך האָב נאָך גאָר

קיין צייט נישט געהאט דאס אלץ דורכצולעבען, אז דאס איז אלץ א חלום, אן אויסגעטראכטער ראמאן.

און דאך איז עס נישט קיין חלום, נישט קיין אויסגעטראכטע זאך, נור אן אמת'ע לעבענס-געשיכטע פון מיר, א אידישע שוישפיעלערין. — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — דאס לעצטע קאפיטעל ווילט איהר וויסען ? איהרווארט אויף דעם סוף ? איך אויך ! איך וויל עס אויך וויסען ! — אבער דאס וועט די צייט פער־פאסען ! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —